STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02886

FUN ONHEYB ON

I. Z. Shargel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן

[illegible]

יעקב צבי שאַרגעל

פון אנהייב אָן

צווישן שרײַבער און ווערק

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל־אביב, תשל"ז — 1977

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
און פון ליטעראַטור־פאָנד א. נ. פון די קדושי לובלין.

I. Z. SHARGEL / FUN ONHEIB ON
(Essays)
Publishing-House „Israel-Book" Tel Aviv, P.O.B. 1777

י. צ. שרגל / מבראשית
על סופרים וספרים בא"י

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, רח' איתּמר בן־אבי 4

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1977 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, טל. 36564

*

...און ס'איז געווען אין יאָר 1928, אינעם זוניקן חודש אויגוסט, איז דערשינען אין דער אייביקער ירושלים, דאָס ערשטע „זאַמל־העפט פאַרן ייִדישן וואָרט אין ארץ־ישׂראל״ א. נ. „אָנהייב״.

די אָנטיילנעמער, יונגע אַרבעטנדיקע מענטשן, זענען נאָך גע־ווען נײַע עולים. ווער — אַ יאָר אין לאַנד, ווער — צוויי און מע־רער נאָך, אָבער באָרוועסע און הונגעריקע שוין געטאַנצט דעם טאַנץ פון לאַנדאויפבוי און פון אייגענעם איבערבוי.

פאַרשיכּורט פון די זוניקע האָריזאָנטן און פון די ראָזע חזיונות — נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און יחידישע — געזונגען דאָס געזאַנג פון נײַעם ייִד אינעם לשון דעם מיטגעברענגטן פון ד אָ ר ט ן.

פאַרשריגענע און פאַרשטויסענע דורך אַ געזעלשאַפט אַ באַ־הערשטע פון אינסטיטוציעס, געגאַנגען דעם גאַנג פון אומגעצוימ־טער ליבע צום אַלט־נײַעם לאַנד, צו אירע בערג און טאָלן, צו אירע געצעלטן און זאַמדן, דערבײַ געכאָוועט און געצערטלט דאָס צאַפּל־דיקע ייִדיש־וואָרט, וואָס האָט נעבן דעם שוין פאַרוואָרצלטן העב־רעיִשן אָנגעהויבן אויפגיין „אין זוניקן לאַנד״ (י. פּאַפּיערניקאָוו) און אַרײַנגיין „אין דער אויפגעמאַכטער טיר״ (י. שטאָל), לעבנדיק דאָס געפיל, אַז מיר געפינען זיך „אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג״ (מ. סטעמפּל). פאַרכּישופטע „אונטער בלויע הימלען״ (א. לעוו), האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר געפינען זיך „אין טויער פון טעג״ (א. שמרי), און דאָרט, אינעם שער בת רבים, געזען „אין בלויען ליכט״ (י. צ. שאַרגעל) אונדזער נײַעם הײַנט און דעם זיי־כערן מאָרגן וואָס וועט אויפקומען דורך אַרבעט, דורך מי.

זינט דעמאָלט זענען פאַרבײַ אַ יובל מיט יאָרן און פאַר אָט דער צײַט זענען צוגעקומען אַ סך, אַ סך ייִדיש־שרײַבערס, — צווישן זיי וויכטיקסטע און באַדײַטנדיקסטע — און עס זענען געשאַפן

געוואָרן אין לאַנד ווערק אין ייִדיש, וואָס ביַי נאָרמאַלע באַדינגונ־גען וואָלטן זיי געקאָנט דערהייבן אונדזער קולטור־באַשטאַנד צו גאָר הויכע שטאַפּלען. זענען אָבער די באַדינגונגען נישט געווען קיין נאָרמאַלע. שפּעטער האָט אַ ווייע געטאָן אַ ווינטל פון חסד, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַן אַנדער פאַרשטיין, אין אַן אַנדער באַנעמען, אין אַ טיפערן אינטערעסירן זיך מיט דעם וואָס עס ווערט אין ייִדיש דאָ געשאַפן, אָבער... דאָס געפיל פון אַליינזאַמקייט איז פאַרבליבן.

דעמאָלט זענען מיר געווען „צען ברידער" וואָס האָבן אָנגע־הויבן באַזינגען און באַשרײַבן דעם נײַעם בראשית און צווישן זיי — צוויי־שפּראַכיקע: דניאל לייבל, שלמה שנהוד, י. ח. בילעצקי, אַהרן קאָווע א. אַ., בעת צוזאַמען מיט דער פען איז נישט אַרויס פון דער האַנט דער האַמער, די קעלניע, דאָס אַקעראײַזן.

מיט אָט די „צען" און מיט די מיט־דער־צײַט־צוגעקומענע צע־נער מאָל צען, האָבן מיר זוכה געווען צו אַ רעגנבויגנדיקן פּעכער, וואָס האָט זיך צעעפנט און צעפלאַטערט בײַ אונדזערע שוועלן.

וועגן אַ טייל פון זיי האָב איך געהאַט די זכיה עפּעס וואָס צו שרײַבן, צו זאָגן. נישט ווי אַ קריטיקער־פאַכמאַן האָב איך דאָס געטאָן, גיכער פון אַלץ איז דאָס בײַ מיר געווען אַ רעפלעקסיווער אַרויסזאָג, אַ באַוויגענער דורך פרייד פון יצירה און צער פון שטומזײַן, פון ספּאָנטאַנעם נחת און פערמאַנענטן באַדויער. און פרייד פון שאַפן מיינט נישט בלויז און נאָר אין ייִדיש — די וויכ־טיקע, טאַלאַנטירטע העברעיִשע יוצרים אין לאַנד האָבן אויף מיר נישט ווייניק געווירקט. האָב איך זיך אויך וועגן אַ טייל פון זיי אויף מײַן שטייגער אָפּגערופן.

וועט אָט דאָס בוך אַרײַננעמען דעם עפּעס און כ׳וועל אַזוי אַרום אָפּצאָלן דעם חוב וואָס איך קום די שרײַבערס אונדזע־רע איןביידע לשונות.

און פון דאַנען אויך דער סדר: די צײַט און די השפּעות.

*

די קוואַלן וואָס אַרום מײַן געצעלט זענען דערגאַנגען און דערשוווּמען אַהער מכּל תּפוצות ישׂראל, זיך דאָ אײַנגע־זאַמלט אין די טיפן פון אונדזער ערד און צו אונדז אַרויסגעקוואָלן. וועגן אַ טייל פון זיי איז מיר אויסגעקומען זיך אָפּצורופן בעל־פּה

און בכתב. וועל איך זיך באַמיִען אין צווייטן באַנד צו ברענגען אַט די אָפּרופן מייַנע איבער אונדזערע קוואַליקסטע יוצרים פון דאָרטן אַזוי ווי איך האָב זיי געזען, געפילט, פאַרשטאַנען און אין פאַרלויף פון אָט דער צייַט פאַרשריבן.

און אַז איך וועל צו דעם זוכה זייַן, וועל איך אין דעם זעלבן באַנד ברענגען אַ בינטל עטיודן צו דער געשיכטע פון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל פאַר די לעצטע 50 יאָר.

י. צ. ש.

דער ערשטער ייִדיש־ליטעראַרישער אָוונט אין תּל־אביב
שמחת תורה תרפ״ט (1928)

פון רעכטס:
ערשטע ריי — א. בליי־ציפּורי, דניאל לייבל (אלכּסנדר), י. פּאַפּיערניקאָוו, שמואל איזבאַן
צווייטע ריי — י. זרובבל, י. צ. שאַרגעל.

א

יעקב שטאָל
דניאל לייבל — אַלכּסנדר
יוסף פּאַפּיערניקאָוו
שמואל איזבאַן
מנחם סטעמפּל
ל. חַיִין-שמעוני
אברהם ריוועס
אַריה שמרי
אברהם לעוו
ריקודה פּאָטאַש
אליעזר קאָליר
ישׂראל-חיים בילעצקי
יהושע מאַניק-לעדערמאַן
שלמה שנהוד
אברהם ליס

צען ברידער זענען מיר געווען

(צו יעקב שטאָלס 60סטן געבוירנטאָג)

צען ברידער זענען מיר געווען. מיר האָבן נישט געהאַנדלט מיט ווייַן כּדי צו בלייַבן נייַן. אַנדערש. אין פאַרלויף פון דער צייַט זענען מיר געוואָרן מער און... ווייניקער; מיר האָבן זיך געמערט מיט די צוגעקומענע און מיט הי־אויפגעקומענע יידישע שרייַבערס און מיר זענען געוואָרן ווייניקער אין די צוגעקומענע.

איז דאָס בלויז און נאָר ווערטער־שפּיל, תּפארת המליצה? האָט דאָס אַ שייכות צום יובל פון איינעם פון אונדז? —

לאָמיר זיך דערמאָנען: —

אין יענעם היסטאָרישן שׂימחת־תּורה (1928) — בעת די פּלעשער און די שטיינער, געוואָרפענע אין די אַנטיילנעמער פון ערשטן ליטעראַרישן אויפטריט פון יידישע שרייַבערס אין תּל־אָביב, האָבן אונדז געטובלט צום גורלדיקן אַרייַנמאַרש אין דער נייַסטער יידישער געשיכטע, שוין דעמאָלט זענען האַרצלאָז באַשטימט געוואָרן די בצימצומדיקע ראַמען, די סדום־בעטל־דיקע, פאַר אונדזערע ליטעראַרישע דערגרייכונגען.

דער דעמאָלטיקער יידישער דיכטער און מיטגליד אין העכסטן העברעישן שפּראַך־ראַט פון לאַנד, דניאל לייבל, האָט אויף אַ ווונדערבאַרן חברישן אופן אונדז געלערנט דערקענען דעם ווייַבלעכן און מענלעכן גראַם צוזאַמען מיט די עלעמענטאַרסטע כּללים פון ציוניסטיש־מאַרקסיסטישן ליד. סינטעז, רבותי, לאו מלתא דזוטרתא היא. דאָס זענען געווען רגעס פון דערהויבנקייט און דערשלאָגנקייט גלייַכצייַטיק. עס האָט געפּירט און פאַרפּירט. דאָ זענען עשׂרה נכנסו לפּרדס און בלויז געציילטע זענען אַרויס נישט קיין נפגעים, בשלום אויפן טראַקט.

מאַטל וועקסלער האָט קערנדיק אַ זונג געטאָן אין „אַנהייב" (ירושלים 1928):

עס שמעקט אונדזער ליד מיטן ריח פון יונגינקע ברויטן,
וואָס וואַקסן דערהויבן צום הימל אין זוניקן פעלד.

ער האָט זיך געהויבן צו די לויטערע הימלען, וואָס האָבן אַזוי געלאָקט און געלאָקערט דעם נײַעם עולה. און ווײַל דער סינטעז וואָס האָט מחייב געווען האָט געמוזט זען, ווי —

מען האָט הײַנט פֿאַרשווערכט אונדזער האָפֿן דעם ליבן
מיט קריגס־שיפֿן זעקס אין דער ריי.

איז געקומען די שעה פֿון אַנטשווײַגן. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פֿאַרשווונדן פֿון די הימלען ווי אַ מעטעאָר, און אַרײַן אין פֿאַרגעסונג. אָ, ווי שטאָלץ און ווי הויך האָט בשעתו געקלונגען זײַן נאָמען אין מויל פֿון די פּירער און לויבער!

מנחם סטעמפּל האָט מיט הילכנדיקע פּויקן זיך אָוועקגעשטעלט זינגען „אויף דער שוועל פֿון ליכטיקן טאָג" (תּל־אָביב, 1928). ער האָט נאָך טאַקע געזען די נאַכט, די שוואַרצע, די פֿינצטערע, איבער דער אייביקער ירושלים (אין ערשטן ליד), אָבער באַלד אַריבער אין פֿריילעכע טענער, מאַזשאָר:

מיט גרויס פֿרייד
טאַנץ איך
איבער דײַנע גאַסן,
ירושלים.

ער האָט געזונגען פֿון שטיין־האַקער, פֿון גראָבן אַ ברונעם, פֿון ווײַנטרויבן און פּאָמעראַנצן. ער איז געווען כּולו אויפֿגאַנג, כּולו שטײַגונג. האָט דער „ריש גליתא" פֿון יידיש אין ארץ־ישׂראל (דעמאָלט) ח' דניאל לייבל באַגלייט די דאָזיקע 32 זײַטלדיקע לידער־זאַמלונג מיט אַ וואָרט־פֿאָרויס און געזאָגט דאָרט אַזוי צו זאָגן:

„מנחם סטעמפּעל איז אַן ארץ־ישׂראלדיקער. זײַן טאַלאַנט האָט ער נישט געבּרענגט אַ פּאַרטיקן פֿון חוץ־לארץ. ער איז אַן אַרבעטס־דיכטער, ווי עס איז זעלטן אַפֿילו אין דער וועלט־ליטעראַטור".

און אַ ביסעלע ווײַטער:

„אַ קורצער פֿאַרגלײַך מיט פּאַפּיערניקאָווס לידער וועט ווײַזן, אַז מיר האָבן דאָ נישט בלויז אַן אינדיווידועלן אונטערשייד, נאָר אויך אַ היסטאָרישן (יעדער אמתער דיכטער קומט תּמיד אין זײַן צײַט!)"

איז ער געקומען אין „זײַן" צײַט און אַוועק.

דער קאַמף פֿאַר קיום, פֿאַר פּרנסה, האָט אָפּגעווישט דעם „היסטאָרישן" פּאָסטולאַט.

שמואל איזבאַן, מיט פֿאַרנעם און טאַלאַנט, וועמען עס האָט געלאָקט דער

סטיל און די פאָרעם פון יוסף אַפּאַטאָשו ז״ל, האָט געפּרוּווט זײַנע כּוחות אין פּאַרמעסט מיט ברייטע לײַוונטן, (די ראָמאַנען „מאָסן״ און „קוּוער 1914־1918״) און איז, ליידער, די ברייטע לײַוונטן, אַרבעטנדיק אַלס בעקער, נישט בײַגעקומען. און אַז ער האָט דערזען די גורלדיקע באַשטימונג: עס איז אים באַשערט דאָ אַ ראָלע אַ בצימצומדיקע פון „אויף רושטאָוואַניעס״ (קליינע דערציילונגען), האָט ער געווענדט זײַן בליק צו די ווײַטן און אַוועק אין דער נײַער וועלט אַרײַן...

ליובע וואַסערמאַן, וואָס האָט אַזוי מיידלעריש־קאָקעטיש זיך צעשפּילט און צעפלירטעוועט מיטן יידישן וואָרט און אויסגעצערטלט אין אַ קליין דין ביכעלע אירע ארץ־ישׂראלדיקע „פּאַרנאַכטן״ (תּל־אָביב 1931), האָט זיך פלוצים דערשראָקן פאַר דער „העברעיִשער רעאַקציע״ און אַוועק שאַפן יידישע ליטעראַטור, יידישע קולטור, יידיש לעבן בײַם טײַך אַמור... אין ביראָ־בידזשאַן, אַז וויי און ווינד.

אַ גליק נאָך וואָס יוסף פּאַפּיערניקאָוו, וואָס איז טאָקע שוין געווען אַ מיטגליד אין דער דיכטער־משפּחה אין גלות־פּוילן, איז אָבער געקומען מיט הייסער ליבע אין הארצן צום נײַעם לאַנד, צו נײַער היים, און מיט נישט קיין קאַלטער באַציִונג צום יידיש־ליד, איז אַדאַנק זײַן „חזקה״ אינעם געביט פון זינגען און זאָגן, האָט ער אויסגעמיטן דיקטאַטן און געוואָרן דאָ דער העראָלד פון ארץ־ישׂראל אין יידישן ליד.

און טאָקע דעמאָלט איז געקומען איינער פון די נישט־געלויבטע, נישט געפּיעשטשעטע, שׂמחה איזן, מיט זײַן פען־נאָמען יעקב שטאָל, און מאָדנע־אויסטערליש אַ זונג־געטאָן אין דער יידיש־וועלט אַרײַן, מיט זון, מיט גרינס, מיט עופות, מיט חיות און מיט אַלערליי מענטשן־געשטאַלטן.

נישט תּמיד איז זײַן פערז געשליפן, נישט תּמיד איז די שפּראַך זײַנע אָפּגעהיטן, ציכטיק. אָבער תּמיד רײַך אין פאַנטאַזיעס, אָריגינעל און אייגנ־אַרטיק אינעם פאַרגלײַך, אין דער מעטאַפאָרע, און באַזונדערס אייגנציק און ערשט אין באַשרײַבן דעם אַראַבישן שכן — זײַן לעבנס־שטייגער, זײַן נויט, זײַנע שׂימחות, פאַנטאַזיעס און פאַרלאַנגען. „אַ חתונה אין קאַטראַ״, דער שינען אין תּל־אָביב אין יאָר 1931, איז די ערשטע גרעסערע פּאָעטישע שאַ־פונג אין יידיש אויף אַן ארץ־ישׂראלדיקער טעמע בכלל, און באַזונדערס — דער ערשטער אַראַבישער מאָטיוו, אַזוי ברייט און טיף באַנומען, אין דער יידישער פּאָעזיע. „פיר שוואַרצע מאַסקעטערן״, געדרוקט אין די „שטאַמען״ אין יאָר 1936, איז אַ רײַפער פּאַרמעסט, אָריגינעל און פול מיט געוואַגטקייט צו באַזינגען אין יידיש פיר אַראַבישע פּאַרט־אַרבעטער.

און ווי אין זײַן שאַפן אַזוי אויך אינעם געזעלשאַפטלעכן זײַן: יעקב

שטאָל האָט צוגעלייגט אַ האַנט, אַ פֿרײַנדלעכע, אַ ברידערלעכע צו שטופּן דעם זינקענדיקן וואָגן פֿון ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. ער האָט געהאָלפֿן אַרויסגעבן די זשורנאַלן „שטאַמען", „אונדזערס" א.א.

און יעקב שטאָל איז נישט געווען אַליין. אין אָט־אָ־דער סביבה, ביי אָט־אָ־די באַדינגונגען זענען געוואַקסן און אויפגעקומען נײַע כּוחות און געגאַנגען זייער וועג. עס זענען געגאַנגען זייער וועג — ווער מיט ברייטערע טריט און ווער מיט שמעלערע, ווער וואָרצלדיקער און ווער אייבערפלאַכיק — אַ גרופּע יידישע שרײַבערס און דיכטערס, וואָס האָבן געהיטן דאָס פֿלעמל פֿון דער יידישער יצירה, עס זאָל נישט, חלילה, פֿאַרלאָשן ווערן, אויסגיין. עס האָט געצאַפּלט דאָס האַרץ ביי יעדן איינעם פֿון אָט דעם קליינעם קאָלעקטיוו פֿאַרן יידישן וואָרט, פֿאַרן המשך; פֿאַרן איבערוואָרפֿן בריקן צו יידן, צו יידישע יישובים, צו יידישע שרײַבערס, יידישע קינסטלערס. דער עלנט און דער צער, די בושה און דער ווייטיק, אַז מ'האָט אונדז פֿאַרגעוואָרפֿן: „יידיש איז די שפּראַך פֿון איטשע־מאיר, דעם הפקר־מענטש. די שפּראַך, וואָס ער באַנוצט איז אַ הפקר־שפּראַך, אָן כּללים, אָן געזעצן. די ביכער וואָס ער שרײַבט זענען הפקר־ביכער, אָן געוויסן, אָן לאָגיק" — — — האָבן אונדז געמאַכט לעבן אין פּחד און אין האָפֿענונג, און מיר האָבן נאָכגעקוקט און מיטגעגאַנגען מיט אַלע יידישע שאַפֿונגס־צענטערס אין דער וועלט. מיר האָבן ליב געהאַט און האָבן ליב העברעיִש, מיר האָבן געשטרעבט צו באַהערשן זי, געפּרוווט אין איר שאַפֿן און טייל שאַפֿן אין איר גרויסע ווערק, ווי שלמה שנהוד, וויכטיקע עסייען־ביכער ווי י. ח. בילעצקי, א.א. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען דעם ווילן און דעם גורל, די ווירקלעכקייט און די אויסזיכטן פֿון דעם נישט־גלײַכן אונדז־אַנגעוואָרפֿענעם קאַמף. אונדזער קול איז געווען אַ קול קורא במדבר, און נאָר און בלויז די ליבע צום פֿאָלק, צו די פֿאָלקס־מענטשן און צו זייער לשון, וואָס איז מיט טויזנט אומגעזעענע פֿעדעם פֿאַרבונדן מיט אונדזערע נשמות, האָט אונדז געבערענגט ביז אַהער.

קיינער האָט אונדז נישט געצערטלט, קיינער האָט אונדז נישט געמוטיקט. קיינער, קיינער, קיינער.

*

צען ברידער זענען מיר געווען, און איינער פֿון זיי, פֿון די געטרײַסטע און איבערגעגעבנסטע, איינער פֿון די, וועמען דער יאוש האָט קיין מאָל נישט אײַנגעבראָכן און איז תּמיד געגאַנגען מיט אָפֿענע אויגן און מיט אַן אָפֿן האַרץ פֿאַרן געלײַטערטן יידישן וואָרט, איז אונדזער בעל־היובל שמחה אײַזן (יעקב שטאָל, אין זײַן 60סטן געבוירנטאָג).

ווײַל אַזוי זינגט אײַזן־שטאָל אין אַ ליד פון זײַן „אין דער אויפגעמאַכ־טער טיר":

כל־זמן עס פליט אַ ווײַסע טויב מיט אַ ווײַנטרויב אין איר מויל,
צו איר נעסט, ווו עס וואַרטן פּיסקעלעך, נאַקעט, הויל,
און שוואַלבן שרײַען־אויס, און קושן זיך אין פלי,
ס'וועט זײַן, ס'וועט שטענדיק זײַן, ס'איז שטענדיק פרי —
מעגט איר מיך פאַרגלײַכן מיט וואָס איר ווילט.

ווען מיר אים פאַרגלײַכן מיט אַלע די, וואָס האָבן געהאָלפן באַקאַנט מאַכן אונדזער זוניק לאַנד מיטן ייִדישן וואָרט, מיט דער ייִדישער שאַפונג, און די ייִדישע וועלט, די ייִדיש־לײענערס און שרײַבערס — מיט אונדזער זוניקן לאַנד.

1958

דניאל לייבל – אַלפסנדר

(צו זײַן װערן אַ זיבעציקער)

...אַ חבר, אַ פרײַנד, אַ לערער; אַ חקרן, אַ גריבלער, אַן אַלץ־װײסער! אַ פירער, אַ שטראָפער, אַ גלעטער. און װאָס נישט? אײגנטלעך װאָלט מען געמעגט (אַפילו אָן זײַן רשות) צעטײלן זײַן פערזענלעכקײט אויף צװײען: אײנע דניאל לײבל — אַ לערער, אַן אָנװײַזער, אַן אויסטײַטשער. איז גרײט זיך טײלן מיט דיר מיט זײַן לעצט ביסל װיסן: נאַ, געניס, לערן זיך, האָב הנאה! די צװײטע טײל איז אַלכּסנדר — פּאַרביסן און שפּיציק. שטײַף און אַנפשרהדיק. — יהרג ולא יעבור. אָט שרײַבט ער רעזאָלוציעס. אָט — פּראָקלאַמאַציעס. אָט איז אַן אויפרוף צו די תּימנער ברידער, פול מיט תּורה און חכמה. אַן „אויפרוף" — אַ קונסטװערק. און אָט אַן אַרטיקל װעגן זײַנע „באַליבטע" קעגנער, דער „השומר הצעיר". און עס גיט זיך אַ שיט, שיִער נישט װי בײַ ביאַליקן, די הײסטע, די שאַרפסטע, די האַרבסטע רײד. אָבער שרעקט אײַך נישט, צו קײן בײזס װעט נישט דערגײן. די „אײגענע" קעגנער, אין זײַן אײגענער געזעלשאַפט, קענען אים „בעסער". זײ װײסן: ער װעט דיר שוין אַלץ אַזױ אַרײַנלײגן אין זײַן „איוב", אַז דער פּאַרטײ־קעמפער אין אים װעט אַרויס אַ בלאַסער, אַ בלײכער...

און מיט אָט דער „בלאַסקײט" און „בלײכקײט" איז ער געגאַנגען און גײט װײַטער באַרג־אַרויף, אַלץ העכער און העכער, און איז געבליבן משכמו ומעלה דניאל לײבל.

אָט גײט ער מיט אַ חבר אַ דיכטער און לערנט אים צו דערקענען דעם װײַבלעכן און מענלעכן גראַם אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אָט גיט ער דיר אַן עצה: לערן, לײען, פּאַרטיף זיך אין דער העברעיִשער יצירה און אויב דו האָסט נאָך נישט פּיזיש אַלץ דאָ דערזען, נאָך נישט אַלץ באַנומען — װעלן דיר די ספרים פון לאַנד און װעגן לאַנד העלפן, צו נוץ קומען. דער עיקר: לײען און לערן.

אָט רעדט ער מיט דיר „פּאָליטיק": „װאָס איז דער חילוק צװישן ליטװינאָװ און מאָלאָטאָװ? אין דער „ליניע" — גאָרנישט. װעזנטלעך — אַ

וועלט! ליטווינאָוו איז אַ ייִד און מאַלאָטאָוו — אַ... גוי". (די לעצטע יאָרן מאַכן דיר „לײַכטער" צו פאַרדייען אַזאַ מיינונג...).

אָט שטייט מען פאַר אַן ערנסטער דילעמע: גרויסע מפּא"י־פירער זענען געקומען צופליִען פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָפּצוהאַלטן דאָס אויסרופן די עטאַבלירונג פון דער ייִדישער מדינה. אַמעריקע הייסט נישט! דער ייִדישער יישוב קעמפט, גייט־אָפּ אין בלוט און לעכצט נאָך זעלבשטענדיקייט. פּרײַ־טיק דאַרף אַלץ ווערן קלאָר. די „נײַוועלט" דערשײַנט מיטוואָך. וואָס טוט מען? וואָס זאָגט מען דעם לייענער? אַלכּסנדר שלאָגט־פּאָר: לאָמיר געבן אַ גרויסע, פעטע אויפשריפט אויף דער ערשטער זײַט: „זאָל לעבן די ייִדישע מדינה!". מיר נעמען אָן זײַן עצה. און די ייִדישע „נײַוועלט" איז די ערשטע צײַטונג אין לאַנד און אין דער וועלט וואָס „פּראָקלאַמירט" די ייִדישע מדינה, אַדאַנק דניאל לייבלען, מיט צוויי טעג פריִער.

דניאל לייבל האָט אָנגעהויבן מיט דיכטונג און מיט וויסנשאַפט אין איין און דער זעלבער צײַט. זײַן לידער־זאַמלונג „אין גרינעם לאַמפּנשײַן" האָט געוויזן אויף טאַלאַנט און אינטעלעקט גלײַכצײַטיק. זײַנע איבערזעצונגען אין ייִדיש און אין עברית, וויספּיאַנסקיס „דניאל" אין ייִדיש, סלאָוואַצקיס „אַנהעלי" (אין אַ וווּנדערלעכן עברית) א.א. זײַנע נייגונגען צו שפּראַך־פאָרשונג און צו שפּראַך־וויסן האָבן אים, ווײַזט אויס, געשטערט צו זײַן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זײַן: פּאַרטיי־טוער, פּאַרטיי־פירער. איז ער אין זײַן אייגענעם קרײַז, ווי אין אייגענעם לעבן, געשטויסן געוואָרן פון איין „וואַנט" צו דער צווייטער, און געבליבן, קעגן זײַן ווילן דער „בלאַסער" און „בליי־כער" אויפן פּאַרטייִישן לייטער. זײַן איוב־פאָרשונג האָט אים געשטערט אויסערלעך און טיף־טיף אין זיך. זײַן חקירה, זײַן לומדות, די העברעיִשע שפּראַך־אַקאַדעמיע האָבן אים באַצוווּנגען. האָט דניאל לייבל באַזיגט אַלכּסנדרן. בלײַבט אונדז איבער אים צו ווינטשן, בײַ דער געלעגנהייט פון זײַן ווערן אַ בן שבעים, אַז אָט די „בלאַסקייט" און די „בלייכקייט" זאָלן אים בײַשטיין אין זײַנע ווײַטערדיקע נאָך צענדליקער יאָרן.

1961

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

דער זינגער פון צווייטן בראשית

א

מיר ווילן זיך נישט שפּילן אין פאַרגלײַכן. עס גייט נישט דערין, צי דער אָדער יענער גרויסער שעפער אויף וועלכן ס׳איז געביט, האָט פּונקט ווי פּאַפּיערניקאָוו זוכה געווען פרעמירט צו ווערן ערשט נאָך צענדליקער יאָרן שאַפן, — גיכער ווילט זיך אונדז מיטפרייען מיטן בעל־הפּרעמיע (א.ג. דוד פּינסקי), וואָס ענדלעך האָבן מיר זיך דערצו דערשלאָגן. ברוך שהחיינו והגיענו לזמן הזה...

אויב מיר זאָלן נאָכגיין דעם שוין דורות־לאַנג באַקאַנטן פאָלקס־ווערטל „ווי איינער איז צו זיבן, אַזוי איז ער צו זיבעציק", וועלן מיר, קאָן זײַן, גע־פינען דעם שליסל און באַשייד פאַר י. פּאַפּיערניקאָווס פאַרשיידנאַרטיקן אין תּוך שאַפן, פאַר דעם אייגנאַרטיקן באַזונדערן גאַנג זײַנעם און וווהין ער צילט מיט זײַן ליד.

און עס וועט אונדז נישט אָנקומען שווער.

מיר וועלן נישט מוזן נישטערן אין די אַרכיוון, נישט מוזן אָנקומען צו דער ביבליאָגראַפיע פונעם דיכטערס שאַפונגען, ווײַל יוסף פּאַפּיער־ניקאָוו איז אַרײַן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ קלאָרן פּרצוף־פּנים, — מיטן פּנים פון אַן אָרעם יידיש יינגל אין פּוילן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — און געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אויף אַן אויסגעפּלאָס־טערטן וועג: דער וועג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און ציון־שטרע־בנדיקער אַרבעטערשאַפט. בלויז די נעמען פון זײַנע לידער־זאַמלונגען זענען די מײַל־שטיינער און וועג־ווײַזערס צו זײַן דיכטער־רעזידענץ. „אין זוניקן לאַנד", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1927, איז מיט גאָרנישט נישט „יונגער" פון זײַנע „גאָלדענע זאַמדן", וואָס זענען דערשינען דאָרט אין 1932 און פון „מיט לענדער גלײַך" — תּל־אביב, 1934. דאָס איז איין ליכטיקער געמעל פון אַן אויפגייענדיקער זעונג, וואָס כּדי מערער בולט

צו מאַכן דאָס העלע, דאָס עיקרדיקע אינעם בילד, האָט דער קינסטלער מיט אַ שטאַרקן גרוי אונטערגעשטראָכן די שאָטנס... און היינט ערשט קאָן מען ווי געהעריק אָפּשאַצן די ווירקונג פון זיין ארץ־ישׂראל־ליד אויפן יידישן אַרבעטער און יוגנטלעכן פון דער יידישער שפּראַך־ספערע אין דער ברייטער וועלט, וועלכע איז, צו אונדזער גרויסן בראָך, כמעט ווי שוין נישטאָ מער.

די סאָציאַלע מאָטיוון זיינע, ווי „רויט אויף שוואַרץ" (וואַרשע, 1929), און „פאַר מיר און פאַר אַלע" (תל־אביב, 1936) זענען נאַטירלעכע דער־גאַנצונגען צום אידעאַלן גאָלד־זאַמדיקן ליד, זיי זענען אָבער גלייכצייטיק נאַטירלעכע „אויסברוכן" פאַר אַזאַ רעוואָלטירנדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס טרויערט אַפילו אין פריידן, וועלכע איז מקנא די ברידער וואָס אַרבעטן, זעט זיך אַליין אַפילו ווען ער „שפּאַנט צוזאַמען מיט די ברידער"... קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון עצבות־נעץ, כאָטש די סאָציאַלע מאָטיוון זיינע, געצייכנטע אין שטאַרקסטן פּורפּורוויט זענען דערצו די באַרופנסטע אונטערפירער... דאָס זענען, אין מערסטנטייל און קודם־כּל, אינערלעכע אויסגעשרייען פון אייגענעם ווײ, פון אייגענעם פּערזענלעכן עלנט, אָבער אָפּט געזען צוזאַמען מיט דער סביבה.

ב

אין דער הקדמה צו זיין זאַמלונג „איבערבלייב" שרייבט דער דיכטער:
„נישט צום ערשטן און נישט צום לעצטן מאָל, קום איך איצט מיט מיינע יחידישע לידער, נישט אינדערצייט"... נאָך די לידער־זאַמלונגען, וואָס בלויז פון די נעמען זייערע קאָן מען זיך דערוויסן, אין וואָס גייט דאָ דעם דיכטער — למשל: „אונטער פייער" (תל־אביב, 1939), „פון רויטן פראָנט" (ת"א, 1943), „אונטער שוואַרצע הימלען" (ת"א, 1944), „מיין ברענענדיקער שטאָם" (ת"א, 1945) — קומט ער צוריק צום אייגענעם איך, צו זיך אַליין, און פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג לידער פון אַ „פאַרגאַנגענער" צייט, פון טיף־מענטשלעכע איבערגעלעבטע יחידישע שעהען און רופט די זאַמלונג אָן „פון ערשטן שניט" (ת"א, 1946), און דערנאָך, נאָך אַזאַ זאַמלונג „איבערבלייב".

פאַרשטייט זיך, אַז דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דיכטער געפינט פאַר נייטיק זיך צו פאַרענטפערן. עפּעס וועט דאָ נישט שטימען, מיינט ער, די רעכענונג. דער לייענער און קריטיקער, וואָס זענען געוווינט צו זען אין פּאַפּיערניקאָוון זייער טריבון, זייער אויסרופער און אויסזינגער פון פרייד און לייד, וועלן זיך דאָ פילן געקריוודעט. עמעץ וועט אַוודאי אַ

געשריי־טאַן: פאַרראַט! אָפּגעריסנקייט! אַנטלאָפן פון דערווירקלעכקייט!
— אָבער דאָס איז בלויז דאָס אינערלעכע שולד־געפיל פונעם דיכטער.
אַט שילדערט ער אַליין זײַן גאַנג אין זײַן ליד „אין זיך״:

שטענדיק, ווען איך זוך אַרום דעם תּמצית פונעם זײַן;
און כ׳קלעטער ווי אַ בלינדער אויף די שטאַפּלען פון מײַן וועלט,
און כ׳גיי אַרויף, און כ׳גיי אַראָפּ
ביז כ׳נידער אין מײַן טיף,
און בלײַב אין מײַן התבודדות דערווײַטערט אויך פון זיך —
שמידט אויס פאַר מיר דער מוח דאַן, אַ מעסער בלאַנק ווי שטאָל,
געשאַרפט איןביידע זײַטן —
אויף אַ שטיין פון מײַן געדאַנק;
ער בליצט מיר פאַר די אויגן,
ווי אַ פליגל פונעם טויט...

איר דערשרעקט זיך, איר מיינט, אַז דער דיכטער זינקט... שוין אין גאַנצן אַראָפּ אינעם פאַרלוירנקייט־תּהום? נאָר לייענט ווײַטער און איר דערקענט דעם דיכטער:

דאָך שרעקט ער מיך נישט אָפּ —
איך האַלט מײַן גורל אין דער האַנט.

ווײַל אַזאַ איז ער, דער דיכטער פון זוניקן לאַנד, **און אַזאַ איז ער דער שאַרף־סאָציאַלער זינגער פון** רויט אויף שוואַרץ **— דער אייגענער עלנט ווײַנט אַרײַן אין זײַן העלסטן, ליכטיקסטן געזאַנג און די גרויסע אמונה און דאָס זוניקע זען ראַטעוועט אים אין די רגעס פון זײַן גרעסטן צווייפלען.**

אַט דראָט ער: כ׳וועל אַוועק...

כ׳וועל דאָס קיינעם, קיינעם זאָגן,
נאָר דעם ווינטל, וואָס וועט יאָגן...

און אָט שטייט ער שוין „ביים ראַנד״, נאָר ער דערקלערט:

איך שטיי פאַרעקשנט בײַם ראַנד פונעם אָפּגרונט,
אַזוי ווי אַ פישער בײַם רוישיקן וואַסער...

אַזאַ איז ער געווען פּאַפּיערניקאָוו אין זײַן אָנהייב און אַזאַ איז ער אין פאַרלויף פון די העכער דרײַ צענדליק יאָר שאַפן. דאָס איז דער דיכטער

פון יחידישן און קאָלעקטיוון געוויסן, וועמענס מאָטיוון עס קרייצן איבער איינע די אַנדערע.

ג

„דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית" איז נישט קיין נײַע שאַפונג פאַפּיערניקאָווס און אַנדערשט נישט זײַן גאַנג אין דער ייִדישער פּאָעזיע, פּונקט ווי עס אַנדערשט נישט אונדזער קוק, אונדזער באַציִונג צום נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן און יחידישן זינגער. דאָס איז ער י. פּאַפּיערניקאָוו. אַזוי האָבן מיר אים דערקענט און אַזוי איז ער אַרײַנגעוואַקסן אין פּאַנטעאָן פון דער גרויסער וווּנדערלעכער ייִדישער יצירה, וועלכע ווערט פון ייִדן אַליין נישט דערשאַצט, נישט פּאַרערט און אַפילו באַקעמפּט.

דאָס איז דאָס געזאַנג פון אַ דיכטער צו זײַן דורך בלוט, פּײַער און ווײ אויפגעקומענעם פאָטערלאַנד.

„אין זוניקן לאַנד", „גאָלדענע זאַמדן", „מיט לענדער גלײַך", „אונטער פּײַער" זענען צונויפגעבראַכט געוואָרן אין איין בונד און בילדן דעם אַפּאָטעאָז פון פּאַפּיערניקאָווס ליד. דאָס איז דאָס ליד צו דער היים, צום פעלד, צום אַרבעטער־ברודער, צום קיבוץ, צום בוים, צום גראָז, צום בוי און צום פּײַער, צום אַראַבער דעם שכן און צו אַלע דערשײַנונגען אינעם לאַנד פונעם צווייטן בראשית.

פון דאַנען וועט מען לערנען. עס וועלן קומען צו דעם קוואַל דיכטער און בויער און דערגאַנצן די דאָזיקע יצירה.

1959

פּערציק יאָר שאַפן

יוסף פּאַפּיערניקאָוו איז דער דיכטער וואָס דערציילט, אין אויסגעהאַמערטן פּערז, מיט אַ ניגון אַן אייגענעם, אַ נאָגנדיקן און מאָנענדיקן, וועגן זיך. אין יעדן פּערז, אין יעדער שורה זײַנער הערט איר און איר זעט דעם מענטש פּאַפּיערניקאָוו. זײַן נאַראַטיוו ליד איז בכוח אײַך צו געבן אַ גענוי און פּינקטלעך בילד פון זײַן מחבר. אָבער יוסף פּאַפּיערניקאָווס איך־געשטאַלט איז תמיד כּלליש, אײַנגעפלאָכטן און דורכגעפלאָכטן אין דעם אַרום — דעם סאָציאַלן, נאַציאָנאַלן און אַלוועלטישן.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו דערציילט וועגן זיך. און אַז אַ דיכטער דערציילט וועגן זיך אַזוי ווי דאָס טוט י. פּאַפּיערניקאָוו; אַז אַ דיכטער טראָגט־אַרויס אויף דער גאַס זײַן וועלט און ווײַזט זי אַ הוילע, בבחינת: נאַט און זעט! —

איז גלײַך ווי ער וואָלט אונדז ווײַזן אונדזער אײגענע וועלט, אונדזער אײגן לעבן און זאָגן: זעט, און אַנדערשט! אָדער: זעט, און באַגראָבט אײַך פּאַר בושה!..

נאָר, אויב „אַ וואָרט וועגן זיך פונעם דיכטער — הייסט אַ וואָרט וועגן דער מענטשהייט, וועגן דער וועלט, וועגן דער סינטעטישער האַרמאָניע פון זיי בײדע אין געשטאַלט פונעם דיכטער", ווי ס'האָט געשריבן פּרץ מאַרקיש, — איז פּאַפּיערניקאָוס וואָרט, דאָס סינטעטישע, וועגן זיך און וועגן אונדז, אַ פּרימאַרע שטים אינעם כאָר פון די עכטע, פון די אמתע משוררים; אַ וואָגיקער צושטײַער צום ווערטער־אוצר וועגן דעם מענטשן און דער מענטשהייט, וועגן זייער צעריסנקייט און צעטיילטקייט און וועגן דעם אײביקן שטרעבן און רײַסן זיך צו שלמות.

שוין אויף די וועגן פון „אין זוניקן לאַנד" קאָן מען טרעפן, צוזאַמען מיטן דיכטערס רויטלען זיך און אויפצאַפּלען בײַם באַגעגענען די נײַע „באַקאַנטע" — ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט זײַן פאַרכליניען זיך פון זון און בלוי, מיטן באַרוישט ווערן פון דער אויפגייענדיקער צוזאַגנדיקער לאַנד־שאַפט ווו ער טרעפט זיך אויג אויף אויג מיט זאַמד און מיט באַרג, מיט שאַף און מיט פאַסטעך, מיט אייזלען, קעמלען, תימנער־ברידער און אַראַ־בער־שכנים און מיט בוי, בוי און בוי — דעם דינעם, אײדעלן אָבער שאַרפן בכּיוונדיקן אויסרוף פונעם פאַרפּראַצעוועטן, פאַרשקלאַפטן געהאָרכזאַמען קעמל, וואָס האָט אָפּגעריסן זיך פון שפּאַן: „ניין! ער וועט אין קאַראַוואַן אַרײַן צוריק נישט גיין!"... און ווײַל די כּוונה איז דאָ און עס איז פאַראַן דער ניגון, רופט זיך עס באַלד איבער מיט אַ גאַנצער ריי לידער פון דעם כּיוון און איר דערהערט פּלוצלינג דעם בונטאַר פּאַפּיערניקאָוו, ווי ער שאַלט־אויס מורדיש־פּאָעטיש: „סטאַי, סטאַי! אַרונטער פונעם וואָגן! מיר קאָנען נישט און ווילן אײַך שוין מער אויף זיך נישט טראָגן"...

שוין דורות, אַז מ'פרעגט: וואָס איז דיכטונג? האָט שוין ווער אָנגע־צייכנט די תּחומען פון פּאָעזיע? וואָס איז דער עיקר: תּוכן צי פאָרעם? —

אין אײנעם פון זײַנע אומפאַרגלײַכלעכע „אין תּוך גענומען" — עסייען שרײַבט יעקב גלאַטשטיין: —

„מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט דעם סוד פון ליד. מיר ווייסן אַפילו נישט אַזעלכע טעאָרעטישע קלייניקייטן, צי אינהאַלט מעג דאָמינירן דאָס ליד, אָדער טיף אַרײַנזינגען אין ליד, אַז עס זאָל ערשט אַרויסזינגען" און גלאַט־שטיין פירט אויס: „יעדער באַזונדערער און עכטער פּאָעט דעפינירט זיך אַליין. און וואָס מער ער שאַפט נײַע דערשטוינענדיקע וווּנדער, ווען ער איז

עובר אויף אַלע כּלומרשטע טעאָריעס וועגן ליד, אַלץ מער באַרײַכערט ער די מיסטעריע פֿון ליד־שאַפֿונג".

און אָט קומט ש. שלום און פּרוּווט אָנוואָרפֿן קאָנטורן פֿאַרן ליד: „דיכטונג איז נישט קיין מלאכה נאָר שליחות. נישט קיין שפּיל נאָר גורל. דיכטונג איז פּערמאַנענטער פֿאַרמעסט מיט דער ווירקלעכקייט, אין ברייטסטן זין דערפֿון".

מעסטן מיר אָן אָט די דאָזיקע רייד פֿון די דערמאָנטע ליד־מײַסטערס אויף פּאַפּירניקאָווס שאַפֿונג און מיר דערזעען איבערראַשנדיק: פּאַפּיער־ניקאָוו האָט באַוויזן דעם וווּנדער פֿון פּערמאַנענטן פֿאַרמעסטן זיך מיט דער ווירקלעכקייט, און מיט זײַנע אָפּט דערשטוינענדיקע לידער האָט ער באַ־רײַכערט די מיסטעריע פֿון ליד־שאַפֿונג. אין זײַן סאָציאַלן אויסרוף ווי אין זײַן נאַציאָנאַלן אויסשאַל, אין זײַן פֿערזענלעכן אויסקלונג ווי אין זײַן צאַרטן ליבע־אויסזונג איז תּמיד געווען דער לייטמאָטיוו: פֿאַרמעסט מיט דער ווירקלעכ־קייט, כּדי זי צו ענדערן, בעסערן, שענער מאַכן. אָט איז ער שטורמיש, רעבע־ליש און אָט הכנעהדיק און פֿאַרייִאושט. אָט איז די שורה זײַנע גרוי, גרוי דער פּערז, די לעקסיק און אָט צעשײַנען זיי זיך אין זיבן זונען. און איבער אַלץ ציט זיך דער ניגון, דער נאָגנדיקער און מאָנענדיקער, און אין אַלץ איז דאָ כּוונה, ציל און איר שטוינט פֿון דער שפֿע, און איר ווערט מיטגעריסן מיטן קלאַנג.

אין זײַנע לידער געדרוקט אין „איינס" (אַפּריל 1929) זינגט ער „פֿון איינער אַליין". און דעמאָלט איז דאָך געווען אויפשטײַג, און דעמאָלט איז דאָך געווען גלויבן. דעקט ער שוין דעמאָלט אויף, דעם סוד פֿון זײַנע איבערגעקרייצטע מאָטיוון. פֿון זײַנע לידער ווערט אײַך קלאָר וווּהין ער צילט. און אַזוי יעדע זאַמלונג זײַנע. איר לייענט און דערזעט, איר לייענט און דערהערט וווּהין ער פֿירט און רופֿט אײַך: צו מיטלייד מיטן לײַדנדיקן און מיטגעפֿיל צו דער נויט, צו פֿאַרדראָס און מרידה קעגן אומרעכט און עוולות פֿון בין המקום לאדם און פֿון בין אדם לחברו.

אַוודאי וועט פֿרעגן דער פֿרעגער: איז דאָס הײַנטצײַטיק? קאָן מען דען הײַנט זיך אָנטאָן אינעם זעלבן לבֿוש, אין וועלכן עס האָבן זיך גע־קליידט אונדזערע טאַטעס אין ערבֿ־חורבנדיקן פּוילן? קאָן מען דען הײַנט קומען מיט דער זעלבער פֿאַרעם, מיט די זעלבע פֿאַרגלײַכן, מיטן זעלבן טעמעס־רעגיסטער וועגן זאַכן און געשעענישן מיט וועלכע דער דיכטער האָט זיך באַנוצט דעמאָלט, איידער מיר זענען געוואָרן אַזוי „קלוג"? — וועט דאָס פֿרעגן זײַן לעגיטים. וועלן מיר נאָך אַפֿילו מוזן צוגעבן, אַז די „וועלט" פֿון וואַנען מיר לערנען, און אין וועלכער מיר לעבן און פֿון וואַנען

אונדזער אַרום שעפּט זײַן וויסן האָט נישט הײַנט בכלל קיין אויער און קיין אויג פֿאַר די טעמעס וועלכע גייען־אָן פּאַפּיערניקאָוון. אָבער פּאַפּיערניקאָוו פֿאַרלויפֿט דאָ דעם וועג צו אָט די אָפּפרעגער און זאָגט (אין דער הקדמה צו זײַן בוך „די זון הינטער מיר״):

עס העלפֿט נישט דאָס שפּילן, די מאַסקע, דער גרים —
עס בײַט זיך דאָס פּנים, עס בײַט זיך די שטים.
די פֿאַרב פֿון די אויגן, די פֿאַרב פֿון די האָר.
נאָר ס׳קומט מיטן האַרץ קיין פֿאַרוואַנדלונגען נישט פֿאָר.
מען גייט נישט אַרויס פֿון דער אייגענער הויט,
מען בלײַבט וואָס מען איז, פֿון געבורט ביזן טויט.

אָט דאָס איז פּאַפּיערניקאָוו.

און אַז מ׳לייענט זיך אַרײַן אין פּאַפּיערניקאָווס דיכטונג זעט מען, אַז פּונקט אַזוי ווי בעת די זון איז געווען פֿאַר אים, און ר׳האָט דאַן מיט אַזוי פֿיל התלהבות געזונגען וועגן דעם „זוניקן לאַנד״ און די „גאָלדענע זאַמדן״ און נישט פֿאַרגעסן אַרויסצוווײַזן פּאָטערלעכע פֿאַרזאָרגטקייט און גע־מוסרט, הלמאַי מיר זענען געוואָרן „מיט לענדער גלײַך״. אַזוי איז ער אויך נאָך דעם ווי די זון שטייט שוין הינטער אים, פֿול מיט אייגנאַרטיקער שירה וועגן ביימער, פֿייגל, טויבן, נישט פֿאַרלירנדיק, נישט אַרויסלאָזנדיק די זאָרג וועגן גורל פֿונעם מענטש און אײַנפֿלעכטן דאָס אין דעם באַוווּנדערן און באַזאָרגן די נאַטור, די לאַנדשאַפֿט, די ליבע, די גאַנצע שיינקייט. אָבער — ער פֿאַרגלײַכט זי צו זיך. אַלץ איז אין אים און ער איז אין אַלץ. ער פֿאַרהיימישט די נאַטור און רעדט צו איר אַזוי פּשוט ווי צו אונדז, זײַנע מיטצײַטלער. אָט רעדט ער צו אַ פֿאַסטעכל און זאָגט צו אים:

האָט איר נאָך געטראָפֿן ערגעץ
ווי בײַ מיר, אַזאַ באַדויער,
און אַ בענקשאַפֿט אָט אַזאַ,
וואָס גרייכט דעם טיפֿסטן, שטילסטן טרויער?!

ווײַל די ביימער, די הימלען, די זון, די פֿייגל, די טויבן — אַלץ וואָס דאָס מענטשלעכע אויג זעט און דערזעט, קומט אים אַנטקעגן און שפּילט אים אַרײַן אין זײַן דיכטונג־סימפֿאָניע פֿון פּראָטעסט, פֿון אָנקלאָג קעגן שלעכטס און אומרעכט, קעגן אומגלײַכקייט אין דער מענטשלעכער ווי אין דער געטלעכער געזעלשאַפֿט.

יוסף פאַפיערניקאָווס פערציק יאָר שאַפן, זענען קנאַפע פערציק יאָר געזאַנג און געשאַל פון און וועגן דעם אַרבעטנדיקן, אויפקומענדיקן, זיך־בויענדיקן ישׂראל. נישט בלויז דאָס זײַן דער ערשטער ממשותדיקער ארץ־ישׂראלדיקער דיכטער איז זײַן פאַרדינסט, נאָר אויך דאָס אומאויפהערלעכע באַזינגען און באַזאָרגן יעדן טריט און יעדן שריט פון דער אַלט־נײַער ייִדישער היים. פון זינט זײַן „אין זוניקן לאַנד" האָט די ייִדישע שאַפונג סײַ הי און סײַ אין דער גאָרער ייִדיש־וועלט זיך הערלעך רעהאַביליטירט און פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דעם כּסדרדיקן רוף צו די ייִדישע ישובים אין דער וועלט, אַז עס וואַקסט און צעוואַקסט זיך אַ ייִדישער ייִשוב וואָס וועט ווערן די היים פאַר אַלע ייִדן, וואָס ווילן צו איר קומען.

אויך דאָ, אויף דעם אָפשניט פון דער ארץ־ישׂראל־פאָעזיע, האָט פאַפיערניקאָוו געפירט דער ניגון און דער ציל. פרייד און טרויער זענען גע־גאַנגען געפּאָרט אין אַלע זײַנע ווערק. טרייסט און וואָרענונג, קריטיק און לויב — אויסגעמישט און פאַרהאָפטן מיט דעם אייגענעם געמיט — זענען געווען די לייטמאָטיוון פאַר זײַן ביז איצטיקער שאַפונג. און פונקט ווי ער איז שוין אין אָנהייב געווען דער היטער פון די טויערן קעגן שׂינאה, קעגן בלוטיקע אָנפאַלן, און דאָס אַרײַנגעשלייפט מיט זײַן און אין זײַן אייגן יחידיש ליד, אַזוי איז ער געבליבן ביז הײַנט צו טאָג — דער דיכטער פון יחידישן און קאָלעקטיוון געוויסן, וועמענס מאָטיוון עס קרייצן איבער איינע די אַנדערע און לאָזן אונדז איבער צערודערט און צעוועקט. פאַפיערניקאָווס שאַפן דערמאָנט, אַז קונסט שאַפט זיך נישט אין ליידיקן חלל, און אַז דאָס ליד איז דעמאָלט עכט ווען די גערעכטיקייט זינגט אַרויס פון יעדער שורה.

1964

דיכטונג אין סך־הכּל

(אויפן יובל־אָוונט)

...50 יאָר פאַפיערניקאָווס שאַפן אין ארץ־ישׂראל, זענען פופציק אַנאַלן, 50 יאָרביכער פון זינט סוף דער דריטער עליה ביז אַרײַן אין 27סטן יאָר פון דער מדינה ישׂראל. עס זענען זײַט דאַן נישט נאָר פאָרגעקומען אומגעהײַערע שינויים אינעם אויסזען, צאָל, אויפטו פונעם ייִדישן ייִשוב, אויך די ייִדישע ליטעראַטור און אירע שאַפערס האָבן דאָ דורכגעמאַכט אומפאַר־גלײַכלעכע מעטאַמאָרפאָזעס, ביז פון אַ גרופע וואָס האָט קוים פאַרמאָגט אַ מנין שרײַבערס, וואָס האָבן געוואַגט צו שאַפן און אַרויסגעבן ביכער,

ביכלעך און זשורנאַלן, זענען מיר דערגאַנגען צו אַ לייוויק־הויז מיט אַ מיטגלידערשאַפט וואָס דערנעענטערט זיך צו די 200, כּן ירבו!

זאָל מיר דערלויבט זײַן בײַ אָט דער פֿײַערלעכער געלעגנהייט אַ מיש־צו־טאָן די בלעטער ביז צו אונדזער „אָנהייב", וואָס האָט געפּלאַסטערט דעם וועג פֿאַר דער צענטראַלער ראָל, וועלכע די ייִדישע שרײַבער־משפּחה אין ישׂראל שפּילט איצט, פּונקט ווי עס איז צענטראַל די ראָל פֿון אונדזער מדינה אין גאַנצן געגנומען אינעם לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק אומעטום, וואָס יענער קליינער ייִשוב איז געווען איר שאַפֿער, פֿאָרגייער און אויפֿשטעלער.

אין יאָר 1928 האָבן מיר, — מיט פּאַפּיערניקאָוון בראָש, — נאָך איי־דער מיר האָבן אויפֿגעשטעלט דעם „ייִדישן ליטעראַטן ־און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל", זיך צונויפֿגענומען און אַרויסגעגעבן אין אונדזער אַלטער, אייביקער ירושלים, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון ארץ־ישׂראל און פֿון ייִדיש, אַ ליטעראַריש זאַמלהעפֿט — הײַנט וואָלט מען דאָס אָנגערופֿן „אַלמאַנאַך" — און דעם אַ נאָמען געגעבן „אָנהייב". לייען און שרײַב: אָנהייב און נישט אָנהויב! וואָרום שוין דאַן, צוריק מיט אַ קנאַפּע 50 יאָר האָבן מיר שוין געוווּסט צו שטיין אויף דער וואַך פֿון ריינעם נישט פֿאַרדײַטשמערישטן ייִדישן וואָרט. און אין אָנהייב פֿון אָט דעם אָנהייבנדיקן ליטעראַרישן זאַמלהעפֿט „אָנהייב", דערשײַנט יוסף פּאַפּיערניקאָוו און טוט זיך אַ צעזונג וועגן די היגע פּרוכטן, און מיר האָבן פֿאַר זיך אָדעס אין ייִדיש צו די „העברעיִשע" כּביכול „באַנאַנעס", „פֿײַגנביימער", און „טייטלען". אַ קוואַל מיט פֿרייד, באַגײַסטערונג און שיר־השירימדיקער רעאַליזם פֿליסט אַרויס פֿון אָט די דרײַ ערשטיקע פּאַפּיערניקאָוו־לידער:

די „באַנאַנעס" זענען:

אויסבאַהאַלטענע אין גרינעם שאָטן,
וויקלען זיי זיך אויף
און דעקן אָפּ די ברוסטיק גרויסע קנאָספּן,
זיי עפֿענען זיי אויף מיט שטילן ווייטיק
פֿאַר דער אויסלאָדונג פֿון איינמאָל האָבן...

די „פֿײַגנביימער" זענען:

אַלטע פֿאַרקריפּלטע איינזאַמע בלעטלעך
און וועגן — — —
מיט דער ווײסטקייט אויף די קעפּ,
מיט אויסגעדאַרטע ריק און לענד
און אויסגעדרייטע הענט און פֿיס...

און די „טייטלען״ —

אויף אַ גאַל סענקאַטן שטײַפֿן שטאַם פֿאַרריסן,
אונטער אַ לולבים־קאָפּ צעוואָקסן ווי אַ שפּין, —
רייטלען טייטלען אויף די הימל־הויכע טאַנען
ווי אויף העלדזער שווערע שנירן קרעלן פֿון בורשטין...

אין אַפּריל 1929 דערשײַנט שוין דער „איינס״, דאָס ערשטע זאַמלבוך פֿונעם „ליטעראַטן־קלוב״ און דאָ קומען שוין פֿאַפּיערניקאָווס לידער „פֿון איינער אַליין״. אָ, דאָס איז שוין אַ ווײַטער מהלך אויף פֿאָרויס, שוין אײַ־בערגעקרייצט די מאָטיוון, די אַלגעמיין־לאַנדישע, אָבער אויך אין זיי זינגט דער דיכטער:

שטעלן זיך טעג פֿאַר מײַן פֿענצטער אַוועק
ווי קעמלען וואָס וואַרטן אויף לאַדונג געגרייט,
טראָג איך אַרויס זיי מײַן אָרעם פֿאַרמעג,
געזאַנג פֿון אומעט און בענקשאַפֿט נאָך פֿרייד.

גייט מיר דאָ נישט, ווי שוין נישט איין מאָל דערמאָנט, אינעם טיטל „דער ערשטער״. דער ערשטער קאָן אָפֿט מאָל האָבן אַ באַדײַטונג בלויז אין צײַט־זין, אין היסטאָרישן קאָנטעקסט, ער קאָן אָבער, אין פֿאַל פֿון העכערער זעונג, פֿון קונסט־אָפּשפּיגל בלײַבן אויסער דער רעם. אָט איז געווען אין אַמעריקע, אין ייִדיש־אַמעריקע, מאָריס ראָזענפֿעלד, וואָס האָט אָן שום ספק געפּלאַסטערט דעם וועג פֿאַר אַ ייִדיש־אַמעריקאַנער פּאָעזיע, וועלכע איז דאָן, פֿאַר זײַן צײַט נאָך נישט געווען. איז ער געבליבן בלויז דער ערשטער, מחמת זײַן נישט באַהערשן דאָס ייִדישע לשון, מחמת זײַן נישט פֿאָרויסגיין דער צײַט. מה שאין כן — פֿאַפּיערניקאָוו.

פֿאַפּיערניקאָווס ערשטקייט אין ארץ־ישׂראל איז געגאַנגען טריט בײַ טריט מיט דעם באַרג־אַרויף פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער וועלט און נישט נאָר איז ער מיט איר מיטגעגאַנגען, נאָר אין אַ סך פֿאַלן געגאַנגען איר פֿאָרויס.

כ׳געדענק ווי דער דיכטער, לערער און עסטעט דניאל לייבל ז״ל האָט מיך אויף איינעם פֿון זײַנע שפּאַצירן מיט מיר לענג־אויס דעם תּל־אָביבער ים־ברעג, אַרײַנגעפֿירט בסוד פֿון פֿאַפּיערניקאָווס שאַפֿונג און געזאָגט: „וואָס פֿאַרשטייען זיי, די ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקער אין גלות? זיי האָבן שוין כאָטש אין חלום ווען ס׳איז געזען ווי אַ קעמל, אָט די מידבר־חיה, דאָס קריכנדיק־דרעמלענדיקע ריזן־פֿערד, וואָס פֿירט אויף זיך דעם מענטש

אדער די מאַסע וויגנדיק זיך; האָבן זיי ווען געזען ווי אָט די פלעגמאַטישע חיה רײַסט זיך אָפּ פון שטריק און נעמט שפּאַנען מיט אירע ריזן־פיס איבער די הייסע זאַמדן? אָדער גאָר — שפּאַרט זיך אײַן און וויל בכלל נישט גיין? — ניין, און טויזנט מאָל ניין. דאָס האָט געזען און דערפילט איין יוסף פּאַ־פּיערניקאָוו״.

אין זײַן ווונדערלעכן זמר וועגן אָט דעם קעמל לייענען מיר:

האָט דער קעמל מיטאַמאָל, ווי אײַנגעבראָכן זיך פון לאַסט,
אַ פאַל געטון שוער פון די פיס אויף די קני,
דעם בויך, דעם ריזיקן, ווי אײַנגעגראָבן אין דער ערד,
דעם האַלדז ווי צו דער שחיטה אויסגעשטרעקט
אַרויף, צום טיפן אויסגעשטערנטן סאַמעט־ווייכן הימל,
מיט פּאַרפּאַקטע אויגן פול מיט נאַכט —
געזוכט וואָס אין די פלעמלענדיקע ווײַטן,
און מיטן קאָפּ זיך, ווי מיט עמעצן געווערט אין אַוויר,
געדרייט מיט אים אויף רעכטס און לינקס אויף — ניין! —
ער וועט אין קאַראַוואַן אַרײַן
צוריק נישט גיין...

און אַז מיר וועלן אַ מיש טאָן סײַ זײַן לידער־זאַמלונג, סײַ די צײַט, וועלן מיר זען, וואָס עס הייסט ערשטקייט אויב זי איז עכט און קינסטלע־ריש־רײַף ווי נבואה.

אָט איז „בײַ אונדז אַ קינד״ — ווי פּאַפּיערניקאָוו האָט עס געזען אין יאָר 1926:

בײַ אונדז אַ קינד
איז די זריעה אין פעלד,
דאָס בליִעכץ און זאַפט
פון ווײַן און מאַראַנץ...
— — —
אַז די שעה זאָל נישט זײַן
און אַ קינד שטאַרבט בײַ אונדז,
איז עס אַלעמענס קינד,
איז עס אַלעמענס צער
וואָס גייט אויף ווי אַ ליכטיקע טרער אינעם אויג...

און זאָל איך דאָ דערמאָנען, אַז... רויט איז געווען דאָס קלייד פון זײַן מוזע ? ס׳איז הײַנט נישט מאָדערן, אָבער פאַרגעסן טאָר מען דאָס נישט.

זענען דעריבער 50 יאָר פּאַפּיערניקאָווס שאַפן אין ארץ־ישׂראל, — 50 יאָר געזאַנג און געשאַל פון און וועגן דעם אַרבעטנדיקן, אויפקומענדיקן, זיך בויענדיקן ישׂראל. און פון דאַנען — אַז נישט בלויז דאָס זײַן דער ערשטער ארץ־ישׂראלדיקער דיכטער איז זײַן פאַרדינסט, נאָר אויך דאָס אומאויפהערלעכע באַזינגען יעדן טריט און יעדן שריט פון דער אַלט־נײַער ייִדישער היים, — איז זײַן דערגרייך.

איז עס אַן אומגעהײַערע זכיה צו זײַן אַזאַ ערשטער ווי ס׳איז פּאַפּיערניקאָוו, וואָס שפּאַנט מיט און פאָרויס דער גרויסער היסטאָרישער אומוואַנדלונג, זעט מיט קינסטלער־אויגן אַלץ וואָס ווערט דאָ אויפגעטאָן און זעט זיך ווי איינעם פון די אַלע.

1974

„קוּוער 1914—1918״

(וועגן שמואל איזבאַן)

אין „איינס״, שריפט סאַר ליטעראַטור און קונסט, אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל (תּל־אביב, אַפּריל, 1929), קומט, נאָך דעם לידער־ציקל פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו „פון איינער אַליין״ אַ פראַגמענט פונעם יונגען שרייבער שמואל איזבאַן א.ג. שקיעה. אַ רייפע שפּראַך, אַ רייכע, אין די פוסטריט פון יוסף אַפּאַטאָשו, און פילט אונדז אָן מיט שטאָלץ וואָס אונדזער קלוב פאַרמאָגט אַזאַ מיטגליד.

אַז איר לייענט זיך אַריין אין אָט דעם פראַגמענט און איר זעט נישט נאָר שריפטשטעלערישן כּוח נאָר אויך היסטאָריש וויסן און אַ טיף אַריינדרינגען אינעם מהות פונעם העלד; און איר ווייסט, אַז דאָס שרייבט אַ יונגער מענטש, אַ באַשעפטיקטער ביי אַ פיזישער מלאכה אין דער יונגער תּל־אביב, מוז דאָס אַרויסרופן באַוווּנדערונג.

אָט איז אַ ציטאַט פון דעם פראַגמענט און זאָל ער רעדן פאַר זיך: —

„ירוחם האָט געמיינט, אַז צו דערגיין דעם סוד פון דער בריאה, מוז מען זיך צוערשט פאַרטראַכטן, פונאַנדערטיילן דעם גוף פון דער נשמה, אָט אַ שטייגער ווי מען טיילט פונאַנדער די קערנדלעך פון דער פוסטער קאַסטרע — און דערנאָך אַריינדרינגען אין תּוך. דערפון נעמט זיך דער צווייפל צום אויסערלעכן. דער פּרצוף־פּנים וועט קיינמאָל נישט מסרן די אינערלעכקייט פון מענטש, קיינמאָל נישט... דער בן־אדם האָט ליב די צורה, די צורה איז אַ מאַסקע — נאַרט זי, באַהאַלט די איינגעבוירענע אינסטינקטן, פאַרשטעלט דעם אייגנטלעכן מהות. האָט דאָך ער, ירוחם אַליין, דעם אויסזען פון אַ קריפּל, פאַרמאָגט אָבער דעם כּוח פון אַ שטייגנדיקן, הייבט אַזוי וויט דעם אייגענעם פאַרשטאַנד, אַז דער קאָפּ ווימלט מיט חריפות. וואָס, מען דערקענט נישט? ווער זאָל דערקענען? און וועמען וואָלט גאָר איינגעפאַלן, אַז אין אַ פאַרוואָרפן געסל אין טשענסטאָכאָוו זיצט אַ הויקער אַ חקרן, ראַנגלט זיך מיט זיינע אייגענע יסורים און טראָגט אויף זיין האָרב גאַנצע וועלטן?״...

איז דאָס, לויט מיר נאָך, אין גאַנצן חל אויף איזבאַנען, נאָר... אויף אַ פאַרקערטן אופן:

ווײַל שמואל איזבאַן — איזביצקי איז אַ יונגער, פײַן־געבויטער, מיט אַ ליכטיק שמייכלענדיק פּנים, און אַז איר קומט אַרײַן צו אים אין דער קאַנדיטאָריע און איר זעט אים אין זײַן ווײַסן לבוש — אַ כאַלאַט מיט אַ מיצל — קנעטנדיק דאָס זיסע טייג, זאָגט איר תּמיההדיק: „וואָס, מ׳דער־קענט נישט? ווער זאָל דערקענען?״ — — —

האָט איצט, אין יאָר 1934 שמואל איזבאַן אַרויסגעגעבן שוין דאָס דריטע בוך זײַנס (נאָך דעם ראָמאַן „מאָסן״ און די דערציילונגען „נאָכן שטורעם״), אַ ראָמאַן א. נ. קוווער 1914—1918, און מ׳מעג זאָגן בפה מלא אַז... אויפן ראַנד פון דעם דאָזיקן בוך ווײַזט זיך ש. איזבאַן ווי אַ קרעפּטיקער, לעבעדיקער, געזונטער אויפנעמער פון בילד און סיטואַציע. אין אָט דעם בוך זעט מען דײַטלעך, אַז ש. איזבאַן פאַרמאָגט אַן אָפן און קלאָר אויג, וואָס פאַרזעט נישט, גייט נישט פאַרבײַ גלײַכגילטיק די מינדסטע געשעעניש אָדער פּערזאָן וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף די וועגן פון זײַן הויפּט־העלד, ער זאָל זיי נישט קלאָר און לעבעדיק־רעאַליסטיש אַוועק־שטעלן פאַר אונדז. די סביבה פון וואַנען ש. א. פירט אַרויס זײַן העלד אין דער ברייטער וועלט אַרײַן, די אַלטע, גוט־אײַנגעפונדעוועטע, טראַדי־ציאָנעלע ייִדישע משפּחה, מיט איר צעשפּרייטונג איבער שטעטלעך, מיט זייערע תּנועות און מינהגים, דאָס ייִדישע לעבן אין עסטרײַכישן און אין רוסישן פּוילן פון פאַר 1914, מיטן רויִקן קליינשטעטלדיקן פאַמעלעכדיקן גאַנג; די אַלע וועגן און אומוועגן וואָס מנחם מאַכט דורך אין דעם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט איז שמואל איזבאַנען גוט באַקאַנט. ער פירט זײַן העלד פון קליינשטעטלדיקע ליבעס בײַ טראַדיציאָנעלע צוימען צו גרויסער שטאָט און ברייט־געזעלשאַפטלעך לעבן, דורך מלחמה, דורך חורבן, וואָס פאַר־שלינגט אים קעגן זײַן ווילן און וואַרפט אויף אים אַרויף, צײַטנווײַז, אחריותן, וואָס נישט ער, נישט זײַן סביבה און נישט די גאַנצע קליינביר־גערלעכקייט פון וואַנען ער וואַקסט אַרויס, קאָנען געפינען און געבן אַן ענטפער. (זע די לעמבערגער אסיפה, 2טער טייל, קאַפּ. 7). אָט זעט איר אים, מנחמען, ווי אַ באַטייליקטער און ווי אַ צושויער אין אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איבער די חרוב־געוואָרענע שטעטלעך אין גאַליציע און אָט זעט איר אים גאָר אויפן פראָנט. וואָרעם איזבאַנס מנחם, אָט דער פּראָווינציעלער ערב־מלחמהדיקער, פאַרמשׂכּילטער אינטעליגענט זעט זיך באַרופן צו ראַ־טעווען דאָס פאָלק ישׂראל... און ש. איזבאַן, געטרײַ דעם העלד און זײַן סביבה, באַווײַזט זיך דאָ ווי אַן עכטער רעאַליסט ווײַזנדיק מנחמען אין

זײַן גאַנצער שוואַכקייט. מיר ווערן דערבײַ זיכער, אַז מיט קרעכצן און מיט טראַכטן, ווען אַפילו אַזוי שיין ווי איזבאַן זעט דאָס, וועט ער די וועלט נישט איבערמאַכן.

וווּנדערט אונדז, הלמאַי איזבאַן, מיט זײַן געזונטן חוש, מיט זײַן רײַכן באַגאַזש וויסן און אינטויִציע, ווײַזט נישט קיין וועג, קיין אויסוועג, כאָטש די צײַט איז אַ קאָכיקע, אַ ברויזנדיקע. מ'קאָן אויך נישט גלײַכ־גילטיק, צידוק־הדינדיק פאַרבײַגיין דעם פאַקט, וואָס שמואל איזבאַן האָט פאַרזען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט, לכל הדעות, געהאַט, האָט און וועט האָבן איר ווירקונג און אויסווירקונג אויף אונדזער תקופה. וואָרעם „קוועטש 1914 — 1918” מיינט דאָך ברידער־קברים פון מיליאָנען צעזייטע איבער פעלדער, חורבות און רויִנען (זע ווערדון, 3טע טייל, קאַפּ. 1). שטעט און שטעטלעך אָפּגעווישטע פון אונטער גאָטס הימלען. עס זענען אין די פיר יאָר רײַף געוואָרן אידייען וואָס זענען אויסגעבענקט און אויס־געהאָפט געוואָרן דורך דורות אונטער רוט, קראַטן און תליות... אויף די טליִענדיקע פײַערן פון די 1914ער חורבות זענען אויפגעגאַנגען סיגנאַל־פלאַמען אין רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, עסטרײַך, אונגאַרן א.א. בײַם ליכט פון די דאָזיקע פלאַמען האָט אויפגעשײַנט דער אָקטאָבער.

און דאָ קומט ש. איזבאַן, האָבנדיק פאַר זיך אַ גענוגנדיקע דיסטאַנץ פון צײַט און שטח, און פאַרמעסט זיך צו געבן אַ בילד, ווען אַפילו אַ טייל כל בלויז, נאָר פאַרגעסט אין גאַנצן אין די דאָזיקע סיגנאַל־פלאַמען, אין די מעכטיקע אָפּהילכן וואָס די רעוואָלוציע האָט געהילכט אויפן אַרום. און עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זײַן, אַז אויף מנחמען און זײַן סביבה האָט די דאָזיקע פײַערדיקע צײַט, אַ צײַט וואָס איז געקומען ווי אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט וועלכע האָט געברענט און געטליִעט אין די הערצער פון דורות־לאַנג אונטערדריקטע, און די מלחמה, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער אומבאַגרענעצטער הפקרות פון די הערשער, האָט דאָס אַרויסגערופן די רעוואָלוציע צום לעבן, אַז דאָס אַלץ זאָל האָבן געלאָזט אים און זײַן אַרום אָן אַ שום ווירקונג.

דאָס זעלבע ווילט זיך אויך באַמערקן מכּוח דאָס אַרײַנמישן אין אַזאַ רעאַליסטישער שילדערונג אַזוי פיל לעגענדע־פּוץ, אַזוי פיל האַלב־מיסטישע און געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס, וואָס זענען אָן ספק אָן איבעריקער באַלאַסט צו די אָן־אַ־שיעור שיינע, שטאַרקע און רעאַל געמאָלענע בילדער וועלכע שטעלן צונויף דעם ראָמאַן.

אין סך הכּל אָבער האַלט אונדז „קוועטש 1914 — 1918” שטאַרק געשפּאַנט, מאַכט אונדז פּשוט גלייבן אין אַלץ וואָס דער שרײַבער דערציילט אונדז.

און מיר גלייבן אים. ער פירט פאַר אונדז דורך בילדער, וואָס פלעכטן זיך אַרײַן איינס אינעם אַנדערן מיט קראַפט און איבערצײַגונג, אַז מיר קאָנען זיך פון זיי נישט אָפּרײַסן, די שפּראַך — אַ זאַפטיקע, אַ געשליפענע, אַ קלאָרע. דער סטיל — אַן אייגנהייטלעכער און געפּרעסטער. פּראַכטיקע נאַטור־שילדערונגען. רירנדיקע, איבערצײַגנדיקע מלחמה־בילדער, געמאָ־לענע אין אַ רויִקן אײַנגעהאַלטענעם טאָן, נישט איבערגעטריבן, וואָס דאָס אַליין, בײַ דער שפע פון מלחמה־ראָמאַנען, איז אַ גרויסער פּלוס. אַ שאָד נאָר, וואָס די איבערגעלאָדנקייט פון די נישט־נייטיקע אַנאַלאָגיעס שטערן דעם דאָזיקן גוטן געפיל פון דער גאַנצקייט.

שמואל איזבאַן איז אַרויס אויפן ברייטן טראַקט. דאָס באַווײַזט דער דאָזיקער ראָמאַן. ער שטייט איצט פאַר אונדז אַ באַלאָדענער מיט שרײַ־בערישער אינטויִציע, קראַפט און טאַלאַנט.

1936

„אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג"

ס'איז געווען אָנהייב הייסער זומער פון יאָר 1926 בעת כ'האָב איבער־געטרעטן דאָס ערשטע מאָל די שוועל פון דעם גרויסן ברעטערדיקן צריף (באַראַק), וואָס שטייט זיך אַזוי ייִחוסדיק און שטאָלץ אויפן צעגליטן, גאָלד־קאָליריקן זאַמד, כאָטש ער הויערט אונטער דער שווערער זון־מאַסע און קנייטשט זיך אין יסורים.

אין אָט דעם צריף, וואָס איז דער היכל פון די לינקע פועלי־ציון אין דער ערשטער ייִדישער שטאָט — תּל־אָביב — געפֿין איך היימישקייט און חבר־שאַפֿט, און ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן פון גאָר דער ייִדישער וועלט. דאָ קוויק איך זיך מיט אַ ייִדיש וואָרט, וואָס איז אָנגעזאַפּט און דורכגעווייקט מיט רעוואָלוציאָנערע משיח־וויזיעס — סײַ אין רעדעס, סײַ אין די טראַנספּאַראַנטן פון רויטן לײַוונט, וואָס שרײַען אַראָפּ פון די ווענט פון אָט דעם צריף מיט ייִדישע אויפשריפטן.

דאָ האָב איך אויך געפונען אַ ייִדיש פּאָעזיע־ביכעלע וואָס איז דערשינען אין ארץ ישראל א.ג. פון ספר רזיאל המלאך, מחבר געווען פון א. ד. קאַמזאָן, און דאָס ספרל איז פֿאַרזען מיט אַן אַרײַנפיר פון דוד האָפּשטיין. דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט די וואָס זענען אין שטאַנד צו זײַן די פּיאָנערן פון אַן אייגנ־אַרטיקער ייִדישער ליטעראַטור אין ארץ ישראל, און פון דאַנען, פון אָט דעם „קלוב", איז דאָס אויפגעקומען דער רעיון צו אָרגאַניזירן דאָס ייִדיש־ליטער־ראַרישע וואָרט וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אויפצושפּראָצן, און שאַפֿן פֿאַר דעם אַ... קלוב. ווײַל די ערשטע זײַלן פֿאַר אַזאַ בנין זענען דאָך שוין פֿאַראַן, ווי, למשל, דער יונגער ייִדישער דיכטער פון וואַרשע יוסף פּאַפּיערניקאָוו, דער דיכטער, פּילאָלאָג און איבערזעצער דניאל לייבל (אַלכּסנדר) און דער שוין קרעפּטיקער דערציילער און ראָמאַנען־שרײַבער שמואל איזבאַן, און צו זיי וועלן צוקומען נאָך און נאָך...

און טאַקע אין געציילטע וואָכן און חדשים זענען צוגעקומען ל. חײַן אין חיפה, מנשה אונגער אין ירושלים, יעקב שטאָל (שׂמחה איַזן) פון דער קבוצה „טראַסק" אין תּל־אָביב, און מאָטל וועקסלער, און אהרון קאָוועז, אברהם בליי־צפּורי. און אין חודש מײַ פון יאָר 1928 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג האָמער

אין תל־אָביב, געדרוקט אין דער „דרוקעריי" פון די פועלי ציון, אַ העפטל לידער אין יידיש פון אַ נס־ציונער אַרבעטער מנחם סטעמפּל א.נ. „אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג".

האָב איך געבלייענט די לידער וואָס אין דעם העפט און ווידער זיי גע־לייענט, און אין זיי געזוכט דעם טאָפּלטן טעם — דעם טעם פון מנחם סטעמפּלס ליד ווי אַ ליד, און דעם טעם פאַר וואָס זייער מחבר לאָזט זיך מער נישט הערן...

וואָרעם אָט דער העפט, וואָס ציילט בסך הכל 32 זייטן און איז אין זיך כּולל גאַנצע זיבעצן לידער (בבחינת טוב!) פאַרמאָגט אַן אַרייַנפיר פונעם גייסטיקן פירער פון דער היגער יידישער שרייַבער־גרופּע און איר פּאַק־טישער פאַרבינדער, דניאל לייבל, אין וועלכן ער איז מכריז ומודיע, אַז עס איז אויפגעקומען אַן „אַרבעטס־דיכטער ווי עס איז זעלטן אַפילו אין דער וועלט־ליטעראַטור". איז דאָך דאָס צו עפּעס מחייב. זענען שוין פאַרביי העכער 5 יאָר און חוץ אַ צוויי־דריי לידער וואָס האָבן זיך פאַר אָט דער צייַט באַוויזן (נאָכן דערשייַנען פונעם העפט), זעט מען נישט דעם מחבר און נישט זייַנע לידער.

און וויסן דאַרף מען וויסן, אַז אָט דער מכריז און מודיע איז נישט, חלילה, פון די קטלי קני. דאָס האָט ער דאָך, דניאל לייבל־אַלכּסנדר, באַוויזן, אַז אין דריי חדשים אַרום נאָכן דערשייַנען פון מ. סטעמפּלס לידער־העפט, זאָל דערזען די ליכטיקע שייַן פון ארץ ישראל דאָס ערשטע יידיש־ליטעראַרישע זאַמלהעפט „אַנהייב" (ירושלים, אויגוסט 1928), און דאָס האָט ער, מיט זייַן געבענטשטער איניציאַטיוו און ווירקונג צונויפגענומען ביי אַ מנין יידישע שרייַבערס און געגרינדעט דעם „יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ ישראל", וועמענס לאָקאַל און ביוראָ עס איז די אַדוואָקאַטן־ביוראָ פונעם פּובליציסט און לידער פון די לינקע פּועלי ציון, ד"ר נחום יצחק ראַפּאַלקעס־ניר. מעג מען דאָך, לכל הדעות, זיך שטיצן אויף אַן אָנזאָג און צוזאָג פון אַזאַ מענטש.

וואָס זשע געפינען מיר אין אָט דער זאַמלונג און ווו איז אַהינגעקומען דער מחבר אירער?

— אויף דער ערשטער פראַגע לאָזט זיך לייַכטער ענטפערן:

אין מנחם סטעמפּלס לידער־זאַמלונג „אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג" געפינען מיר אַ באַגייַסטערטן יידישן ייִד, וואָס איז פול מיט אויפּ־לעב פון ציון, כאָטש ער זאָגט דאָס נישט ווערטלעך, און איז פול מיט זאָרג, אַז די וויזיעס זייַנע זאָלן מקוים ווערן. דערקעגן געפינען מיר דאָ

נישט קיין שום קאָנקרעטס וואָס זאָל מסוגל זײַן אָוועקצושטעלן דעם מחבר אונדזערן ווי אַן „אַרבעטס־דיכטער ווי עס איז זעלטן אַפּילו אין דער וועלט־ליטעראַטור"... ווײַזט אויס, אַז דניאל לייבל, אין זײַן חלום און שטרעבן צו פֿאַרפֿלאַנצן דאָ, אין ארץ ישראל, און פֿלעגן אַ ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין ייִדיש, האָט אין דעם געגעבענעם פֿאַל געפּרוווט פֿאַרוואַנדלען זײַן ווילן אין אַ „געשעענעם" פֿאַקט. מנחם סטעמפּל זעט קודם כל ירושלים ווי... ירושלים, און מיט זיי, מיט די ירושלים־־לידער עפּנט ער זײַן זאַמלונג. אים שרעקט גאָר און עס אַרט אים הלמאַי אין „אַ נאַכט אין ירושלים" (זײַט 5) איז —

פּינצטער און שוואַרץ ליגט דער הימל
איבער די דעכער פֿון ירושלים —
צלמים
האַלטן אונטערגעשפּאַרט
ווי הענט,
דעם הימל פֿון ירושלים.

און אָט דאָס ליד, וואָס איז פֿול מיט טרויער און באַדויער איבער דער דאָליע פֿון דער אייביקער ירושלים, דערציילט אונדז אַז „ס'קלאָגן בערג מיט יאָמער פֿון שאַקאַלן, / ס'פּײַפֿט דער ווינט מיט זייער אָרקעסטער"... אָבער באַלד קומט אַ צווייט ליד (לויט די דאַטעס איז עס געשריבן מיט אַ יאָר שפּעטער) און עס זינגט שוין און דערציילט וועגן אַ פֿריידיקער און ליכ־טיקער ירושלים: —

טאַנצן דײַנע גאַסן
מיט מיר,
האַנט אויף פּלייצע פֿאַרפֿלאָכטן,
די גרויסע פֿרייד פֿון דורות,
און ליכטיקע הענט
הייבן די פֿרייד
צו דײַנע בלאָ־זײַדענע הימלען —

און מיר זעען ווי מ. סטעמפּל וואַקסט אַרײַן אין אָט דער „בלאָ־זײַדענער" התפּעלות, ביז ער רופֿט אויס אין פֿאַרכלינּיעטן פּאַטאָס: „טאַנצן בלאָ־זײַדענע הימלען / מיט מיר / מענטש / שרײַ איך אין אַלע וועלטן: / יהוה איז מײַן האַר! / אלוהי!" — — —

*

מנחם סטעמפל איז אַ הויך־געוואַקסענער, מיט אויסגעוואַקסענע הענט און פיס; אַ ברייטפּלייציקער וואָס טראָגט דעם קאָפּ אויף פאָרויס און קוקט אויף אײַך מיט אַ שטילן, צוריקגעהאַלטענעם הכנעהדיקן בליק, ספק פאַר־דאגהט, ספק פאַרקלערט. אַז מ׳קוקט זיך גוט־גוט אײַן אין אים קאָן מען דערזען דעם אויסמיש פון פּחד פאַרן מאָרגן מיט דער פרייד פון דעם וואָס עס זעט איצט זײַן האָרץ און אויג. זײַן אויסערלעך אויסזען קאָרעלירט מיט זײַן אינעווייניקסטן טראַכטן און דענקען. באַזינגט ער דעם פּראָצעס פון אויפבלײַען דאָס געשטיין פון דער דרײַ טויזנט יאָריקער ירושלים, בעת מען גייט בויען אַ הויז, צי דורכשנײַדן אַ גאַס; פרייט ער זיך בעת מ׳גראָבט אַ ברונעם און מאָלט און באַשרײַבט די „ווײַנטרויבן״, „„פּאָמעראַנצן״, „לימענע־ביימער״, „בינען־שטאָקן״, „ערשטער שניט״, „אינקובאַטאָרס״ א.ד.גל. אין אַלעם דעם זעט ער זיך, זײַנע אייגענע הענט, זעט די געליבטע, זעט בלינדע, זעט פאַרזעסענע מיידלעך — אַ וועלט מיט מענטשן און זייערע פּראָבלעמען.

פון דאַנען וואַקסט אַרויס נאַטירלעך זײַן 17טע ליד, וואָס שליסט אָט די זאַמלונג און דערציילט אונדז וועגן זײַן געצעלט: —

מײַן ווײַסער אוהל מיט פּאָלעס צעשפּרייטע
ווי פליגלען פון אַ טויב צום פליִען.
קעץ, הינט, פייגל, חיות פון מײַן לאַנד
קומט אויף מײַן זאַמדיקער שוועל צו רוען. —
— —
איך באַדעק מיט האַנט אונדזער ברודערשאַפט,
דאָס לאַנד מיט זון פאַרכלײניעט ווי מיר.

אָט אַזוי, אין אַ נישט־תּמיד געהובלטן לשון און גאָר אָפט — אַמוזי־קאַליש, זינגט און דערציילט אונדז דער יונגער דיכטער פון אַ ישוב וואָס וואַקסט און צעוואַקסט זיך און ער — אין איינעם מיט אים. פון דאַנען אונד־זער בענקען און נאָכפרעגן זיך אויף אים: —

ווו זענט איר, איר פעסטגעבויטער, קערנדיקער ייִדיש־דיכטער, אין וועמען אונדזער אַלעמענס דניאל לייבל האָט געזען אַן ערשט־מאָליקע דערשײַנונג ? !

זאָלן מיר גלייבן, אַז איר זענט אַוועק אין די דרכים פון אײַערע „פאַר־גענגער״, ווי, למשל, א. ראובני, וואָס איז פּאַקטיש און היסטאָריש געוועזן

דער ערשטער וואָס האָט דאָ אין ארץ ישׂראל (זומער 1914) אַרויסגעגעבן אַ בוך „לידער" אין יידיש, און דערנאָך — זיך אַליין געוווּנטשן, אַז דאָס זאָל אויך זײַן ס'לעצטע?!

אַ. י. ה. זינגער, וואָס האָט אין יאָר 1926 אָנגעהויבן זינגען דאָ, אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג?

1933

ל. חַיִין־שמעוני

דער בעל ה„נעכטן" ווערט אַ בן־ששים

דער באַקאַנטער פובליציסט און דערציילער, דער פילנאַמענדיקער ייִדי־שער ארץ־ישׂראלדיקער שרײַבער ל. חַיִין־שמעוני ווערט אַ בן־ששים.

אין אונדזערע טעג, די „פּראַקטישע" טעג פון געיעג נאָך ווילטאָג און ניהיליסטישער כפירה, איז דאָס „אַלט ווערן" פון אַ שרײַבער, דערצו נאָך פון אַ ייִדישן שרײַבער, נישט פון די גאָר־וויכטיקע דערשײַנונגען. עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער רוח־הקודש פון די לייענער און דער עיקר, פון געוויסע שרײַבערס, צו קאָנען מיטלעבן מיטן שעפער פון ווערק און מיט דעם געשאַפענעם, מיט זײַנע ספקות און געראַנגלען — אויב דאָס געשאַ־פענע האָט אַ ציל, טראָגט אין זיך אידייע. דאָס וואָרט פון קאַמף קעגן שלעכטס, דאָס וואָרט פון גלויבן און פון גוטס ווערט אויסגעלאַכט און פאַר־שפּיגן. אין בעסטן פאַל לאָזט מען אַזאַ שרײַבער אין וווּנדערלעכער אַליינקייט... ווײַל דאָס לעבן פון אַ שרײַבער גייט קיינעם נישט אָן.

און אויב דאָס איז, אין כלל גענומען, אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג, איז עס אין שײַכות צו אונדזער יובילאַר אַ שיטה, אַ פּראָגראַם. די ייִדישע פּרעסע אין לאַנד באַמיט זיך צו פאַרגעסן אין דער עצם עקסיסטענץ פון דעם דאָזיקן שרײַבער. איז דעריבער נאַטירלעך וואָס שוין אַזוי פרי הייבט ל. חַיִין אָן צו פאַרעפנטלעכן זכרונות.

ווײַל אַפילו שרײַבער־עולים, נאָר־וואָס געקומענע, ווי דער חשובער טעאַטער־פאָרשער ד״ר מיכאַל וויכערט, שרײַבנדיק וועגן אויפקום פון היגן ייִדישן ליטעראַטן־קלוב, „פאַרגעסט" אין ל. חַיִין־שמעוני, פונקט ווי ער „פאַרגעסט" אין דעם וויכטיקסטן נערוו פון אָרגאַניזירטן ייִדיש־שאַפן אין ארץ־ישׂראל דעם חבר דניאל לייבל (אַלכּסנדר). און ווײַל עס גייט אין „פאַרגעסן" פאַרגעסט שוין ממילא דער חשובער ד״ר וויכערט דעם פּיל־צאַליקן אָנטייל פון ל. חַיִין־שמעוני אין די אַלע אויסגאַבעס וואָס זענען דערשינען — און אין די אויסגאַבעס גופא — דערפאַר אָבער „באַרײַכערט" ד״ר וו. די געשיכטע פון ייִדיש אין א״י צושרײַבנדיק דעם שרײַבער משה סטאַווסקי צו די ערשטע מיטגלידער פון „ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַ־

ליסטן־קלוב" אין א"י, בעת מ. ס. איז גראָד געווען פון די ערשטע קעגנער פון יידיש אין א"י, ווי עס דערציילט אונדז דאָס זאַמלהעפט „אָנהייב" אין אַ נאָטיץ „אונדזערע ,יידישיסטן' עקספּאָרטערן" אונטערגעשריבן פון ס. פּיינשטיין.

פּיל איך דעריבער נישט בלויז אַ פריידי נאָר אויך אַ חוב, אַ קאָלעגיאַלן און מענטשלעכן, צו זיין יוצא־דופנדיק און ווי אַ מיטגייער אין געראַנגל פאַר אַ ריינעם, אומבאַפלעקטן סאָציאַליסטישן ציוניזם, ווי אַ מיט־חבר אין קאַמף פאַרן יידישן וואָרט אומעטום, וואָס ציט זיך נאָך פון די צוואַנציקער יאָרן עד היום הזה — צו דערציילן בקיצור און בצימצום וועגן זיינע טוונגען אויפן געביט פון יידיש־שאַפן אין ארץ־ישראל.

אַלזאָ —

שוין אין יאָר 1926 בעת איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, איז ל. שמעוני, ווי אַ חבר אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון" אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן און לעקציעס אין אַ קערנדיקן, זאַפטיקן יידיש און איז דערפאַר שטאַרק פאַרפאָלגט גע־וואָרן פון אַ גרופּע חברים אין דער פּאַרטיי גופא, אַ פשיטא שוין אויסער דער פּאַרטיי.

צו יענער צייט האָט שוין שמעוני אַ גאַנצע „פאַרגאַנגענהייט" פון קאַמף פאַר יידיש־טעאַטער אין חיפה: אָנגעפירט, אויסגעפירט און „גע־פירט" געוואָרן אין אַרעסט אַריין דורך ענגליש־אַראַבישער פּאָליציי פאַרן געראַנגל צו שאַפן בירגער־רעכט פאַר יידיש טעאַטער אין א"י.

אין אַלע יידיש־אויסגאַבעס, וואָס די פּאַרטיי פּועלי־ציון האָט צו יע־נער צייט אַרויסגעגעבן איז שמעוני־חיין געווען פון די ערשטע מיטאַר־בעטער.

אין אויגוסט 1928 איז דערשינען דער „אָנהייב" אין ירושלים. חוץ דעם, וואָס חיין־שמעוני איז געווען פון די וואָס האָבן אַקטיוו געזאָרגט פאַרן פאַרקויף פון דער אויסגאַבע, פאַרן שאַפן דאָס ביישטייער געלט (און בייטיק איז דאָס געלט געווען, וויל ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער פּאַרטיי־טוער אַבראַשאַ קובלאַנאָוו זאָל אַרעסטירט ווערן, וויל ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די וועקסלען, וואָס מ'האָט געגעבן דעם דרוקער, און קיין דעקונג איז נישט געווען...) איז ער געווען דער צום מערסטן באַטיי־ליקטער אין דער דאָזיקער זאַמלונג. צווישן די צוועלף־פערצן נעמען פון אָנטיילנעמער זענען פינף שמעוניס!... (ל. חיין, ל. שמעוני, ל. ליטוואַק, ש. בן־אהרון און ראובן).

בעת די צענטראַלע חברים פון די פּועלי־ציון, — צווישן וועלכע ל.

חיין־שמעוני האָט פאַרנומען אַ בכּבודיק אָרט — האָבן צוזאַמען מיט אַ פיר־
פינף אומפּאַרטייִשע ייִדיש־שרײַבערס געגרינדעט דעם „ייִדישן ליטעראַטן־
און זשורנאַליסטן־קלוב אין א״י" אין ווינטער 28־1929, איז ל. חיין געווען
פון די איבערגעגעבנסטע מיטגרינדער, הגם ער האָט געוווינט אין חיפה און
דער „קלוב" אין תּל־אָביב. און לאָמיר שוין בײַ דער געלעגנהייט דער־
מאָנען אַלע נעמען פון די קלוב־מיטגלידער אינעם ערשטן יאָר: אונגער
מנשה, איזבאַן שמואל, אײַזן שמחה (יעקב שטאָל), בליי־צפורי אברהם,
וועקסלער מאָטל, חיין־שמעוני לייבל, טריוואַקס (פאַרלעגער פון „אַלט־
נײַ־לאַנד"), לייבל דניאל (אַלכּסנדר), סטעמפּל מנחם, פּאַפּיערניקאָוו יוסף,
פינקלשטיין ח. ל., פּיעטרושקאַ שמחה, קאָווע אַהרן, קאָסאָוער מרדכי, ראַ־
פּאַלקעס נחום־יעקב (ניר), ריוועס א., שאַרגעל יעקב־צבי.

אונטערן פּסעוודאָנים אַבאַ גוטעס האָט דער מחבר פאַרעפנטלעכט
הונדערטער אַרטיקלען קעגן קאָרופּציע, קעגן פאַראומרייניקן דעם ציוניס־
טיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל, קעגן פעלקער־ און ראַסן שינאה, קעגן רדיפות
אויף ייִדיש א.א.

אונטערן פען־נאָמען ל. חיין — צענדליקער דערציילונגען וועגן לעבן,
קאַמף, בוי און אויפקום פון דעם ייִדישן ייִשוב אין א״י. פון די דאָזיקע דער־
ציילונגען זענען דערשינען אין בוך־פאָרעם: „באַרג אַרויף", 180 זײַטן,
אַרויסגעגעבן דורך דער צענטראַלער וועלטלעך־ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע
אין בוענאָס־אײַרעס, 1951; „אונטערוועגנס", 312 זײַטן, אַרויסגעגעבן פון
דער צווייטער שלום־עליכם־שול אין אַרגענטינע, 1956; אַ ראָמאַן פון ארץ־
ישׂראלדיקן לעבן און קאַמף, „טאָג־אײַן, טאָג־אויס", בוענאָס־אײַרעס 1954.
דער דאָזיקער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין „קאָוונער פאָלקס־
בלאַט" אין די דרײַסיקער יאָרן. ערב דעם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג,
זומער 1939, איז דער ראָמאַן שוין געווען פאַרטיק אין דרוק צו דערשײַנען
אין בוך־פאָרעם דורך דעם פאַרלאַג „נײַע קולטור" אין וואַרשע, די וועלט־
מלחמה האָט אויך דעם ראָמאַן פאַרטיליקט. און אָט איז נאָר־וואָס דערשינען
אין פאַרלאַג „אונדזער וואָרט" אין בוענאָס־אײַרעס זײַן בוך מעמואַרן
„נעכטן", 445 זײַטן, און ווײַזט אונדז דעם אימפּעטיקן פּולסירנדיקן מחבר
אין אַן אַנדער ליכט, אין ליכט פון זכרונות... אין דעם דאָזיקן בוך לעבט־
אויף ל. חיין אַ שטיק צאַפּלדיקע ייִדישע געשיכטע פון דער נאָענטער פאַר־
גאַנגענהייט אין דער ייִדישער ליטע. דאָס דאָזיקע בוך וועט צווינגען יעדן
איינעם וואָס פאַרנעמט זיך מיט ייִדישער געשיכטע, דער עיקר מיט דער
נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט פון די ייִדישע ייִשובים אין מיזרח־אייראָפּע,
צו לערנען דערפון, צו דערוויסן זיך דערפון וועגן אַ סך, אַ סך קולטור־

געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן אין ליטע.

ל. חיין־שמעוני איז אַן אינטימער פֿרײַנד און אייגן־היימישער מענטש אין אַלע ייִדיש־אויסגאַבעס פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ישׂראל. אָנהייבנדיק פֿון „אָנהייב" דורך די אויסגאַבעס פֿון „ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין א״י", דורך „שטאַמען", „נײַוועלט", „חיפה", „בלעטער", „די בריק", ביז „ישׂראל שטימע" און „פֿאָלקסבלאַט", איז ער תּמיד דער אומדערמידלעכער מיטאַרבעטער. זײַן וואָרט איז ציל, זײַן אויסדרוק — אידייע. אין אַלץ וואָס ער שרײַבט פֿילט זיך דער הייסער אָטעם פֿון אַ פּיאָנער, וואָס גייט און שטײַגט באַרג־אַרויף מיט זיינע העלדן — די חלוצים. ער איז דורך און דורך פֿול מיט בטחון אין אַ בעסערער וועלט, אין אַ בעסערן מענטש.

ל. חיין־שמעוני איז אָרגאַניש אַרײַנגעוואָקסן אין אונדזער היגן ייִדיש־פּייזאַזש, אַז מ׳קאָן אָן ספֿק זאָגן: אָן חיינס מיטאַרבעט וואָלט די היגע ייִדיש־פּעריאָדיק מימי ה„אָנהייב" ועד הנה געווען בלייכער, אָרעמער.

1959

ל. חיין־שמעוני ז״ל

ס׳איז אַוועק אַ קעמפֿנדיקער מענטש און אַ שעפֿערישער שרײַבער, בײַ וועמען שרײַבן איז נישט געווען קיין פֿאַך, קיין מלאכה, נײַערט אַן אויסדרוק פֿון זײַן אימפּולסיוון גײַסט, פֿון זײַן שטורמישער אמת־ליבנדיקער נשמה, פֿון זײַן קעגן־שקר־ און־בייז־רעוואָלטירנדיק האַרץ. אַפֿילו די אַזוי פֿיל פּסעוודאָנימען מיט וועלכע ער האָט זיך באַניצט צו זײַנע מאמרים און פּאָלעמיקס — ל. שמעוני, ל. חיין, ל. ליטוואַק, אבא גוטעס, ר. גוטקין א.א. — בעת זײַן אמתער נאָמען איז געווען שמעון ראובן בן אהרן וואָראָבײַטשיק, איז אויך געווען אַ פּועל יוצא פֿון זײַן שטורמישער קעמפֿער־תּקופֿה אין וועלכער ר׳האָט געטראָגן אַן אויסגעבאָרגטן נאָמען, לייבעלע ראַבינאָוויטש, און אונטער אָט דעם נאָמען, ווי אַ יונגער אַקטיוויסט פֿון די לינקע פּועלי־ציון אין ליטע, געפֿילט אויף זײַנע הענט די קייטן פֿון דער ליטווישער נאַר־וואָס אויפֿגעקומענער זעלבשטענדיקייט און אירע פֿינצטערע תּפֿיסות.

צענדליקער יאָרן איז ער אונדז געווען נאָענט און אייגן. זײַן הייס, פּלאַמיק ייִדיש וואָרט, — פּונקט ווי דאָס העברעיִשע אין זײַנע פּאַרטיי־צײַטונגען און רעדעס — האָט געהאַט אין זיך דאָס צאַפּלדיקע, אַקטועלע

פונעם טאָג, פון דער שעה און דערבײַ אויסגעשטרעקטע אָרעמס צום מאָרגן, צו דער צוקונפט. מהאי טעמא איז מצד די היטערס פונעם ריינעם און שיינעם וואָרט אין דער שאַפונג געווען צו אים אַ קאַלטקייט, אַ רעזער־ווירטקייט. און, למען האמת, ס'האָט בפירוש זײַן שאַפונג געליטן פון אַט דער צאַפּלדיקייט, פון דער רגעדיקייט... ווײַל ל. חיין־שמעוני האָט פשוט נישט געהאַט קיין צײַט צו שלײַפן זײַן וואָרט, צו פײַלן די זאַצן, צו רייניקן זיי פון אײַליק־יאָגנדיקן. אָבער ווער ס'האָט געלייענט ל. חיינס אַ דערציי־לונג, צי ל. שמעוניס, אָדער אבא גוטעס' אַ פּאָלעמישן מאמר, האָט געפילט דעם הייסן אָטעם פון דעם געשריבענעם ווי פון דער טעמע גופא. און ס'איז נישט געווען קיין איינציקע פראַגע אָדער פּראָבלעם אין אונדזער פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך לעבן, ער זאָל זי נישט אַרומנעמען מיט זײַן צאַפּלדיקן גײַסט און מיט זײַן אײַליקער גליִענדיקער פען.

און דאָ אין לאַנד איז דאָך שמעוני געווען פון די ערשטע.

געקומען אין יאָר 1925, זיך באַזעצט אין חיפה, און שוין אָנגעהויבן שיקן זײַנע גליִיקע מאמרים צו דער פועלי־ציון־פּרעסע אין לאַנד און אין דער וועלט, וואָס האָבן מיט זיך צונויפגעשטעלט אַ שלל אַרטיקלען, פּעליע־טאָנען, רעפּאָרטאַזשן, קריטיק איבער יידישע און העברעישע ווערק און — דערציילונגען. אין 1928 אָנטיילגענומען אונטער פּאַרשיידענע נעמען און געהאָלפן אַרויסגעבן דעם ערשטן יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל אין ארץ־ישראל א. נ. „אָנהייב", און געהאָלפן גרינדן דעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב. אָבער נאָך פריִער, אין יאָר 1926, געשאַפן אין חיפה אַ דראַמאַטישן קרײַז „אונדזער ווינקל" און גאָר אָפט אויפגעטרעטן מיט ליטעראַרישע פּאָרלעזונגען. דערבײַ אַרבעט שמעוני מיט אין חיפה אין אַלע העברעישע אויסגאַבן וואָס די הסתדרות פּובליקירט.

און זײַט דאַן האָט ער וואָך־אײַן, וואָך־אויס געשריבן פאַר דער „נײַע וועלט", שפּעטער פאַר דער „ישראל־שטימע" און „פאָלקסבלאַט". פון יאָר 1930 ביז 1938 איז ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון קאָוונער „פאָלקס־בלאַט" (אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר מענדל סודאַרסקי און יודל מאַרק). ער שיקט פען־אַרבעט צו „די פּרעסע" אין בוענאָס־אײַרעס און צו פאַרשיידענע אַנדערע פּובליקאַציעס אין דער יידישער וועלט.

און ער באַווײַזט אַרויסצוגעבן 7 ביכער דערציילונגען, צווישן זיי אַ ראָמאַן וועגן רויטן כרמל און אַ באַנד זכרונות, נאָר דערלעבט שוין נישט, איז שוין נישט זוכה צו זען מיט זײַנע לעצטנס פאַרטונקלטע אויגן זײַן אַכט בוך, וואָס גייט די טעג אַרויס אין פאַרלאַג י. ל. פרץ אין תל־אביב.

עס וועלן, אָן ספק, זיך קריגן צווישן זיך די אַכט ביכער זײַנע וועגן דער

בכורה, דעם אויבנאָן. וואָרעם אין זין פון טעמע און באַהאַנדלטע פּראָבּלעמען איז בײַ שמעוני נישט געווען קיין מוקדם ומאוחר. אויסער די בפירושע טרוקענע דאַטעס פון די נישט־טרוקענע געשעענישן, וועלכע שמעוני האָט באַשריבן, סײַדן מיר וועלן זיי אַלע זען ווי איינס, און ווי ס׳איז געשען מיט יעקבס שטיינער, וועלן פון אַלע ווערן איין ווערק, וואָס וועט ליגן צוקאָפּנס דעם מחבר זייערן, וואָס האָט זיי געבערענגט אויף דער וועלט מיטן זודיקן בלוט פון זײַן האַרץ.

מיר וועלן אָבער נישט זײַן געראַכט צו ל. חיין און צו זײַן ווירדיקן זכרון אויב מיר וועלן נישט אונטערצייכענען באַזונדער דאָס 7טע בוך זײַנס „אַנגעגליטע ערד״, וואָס איז דערשינען אין זײַן 70סטן יאָר.

ווי אַ מאָטאָ צו אָט דעם בוך ברענגט אונדז דער מחבר דעם באַרימט־געוואָרענעם פּסוק פון יחזקאל:

ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך,
ואומר לך בדמיך חיי,
ואומר לך בדמיך חיי.

איז דאָס אַ נײַס פאַר אונדז? איז דאָס שפּילעוודיקע אימאַזשינאַציע פון אַ שרײַבער, וואָס זוכט צו ווײַזן זײַן ווילקענעוודיקייט? — ניין, און טויזנט מאָל ניין. חיין־שמעוני שפּילט זיך נישט אין אַזעלכע „שפּילערײַען״. דאָס זוכן אויסגעטיילטע טעמעס, וויזיאָנערישע, אויסגעפּאַנטאַזירטע איז נישט זײַן אייגנשאַפט; קלײַבן ספּעציעלע שפּראַך־פאָרמען און זיך יאָגן נאָכן אויסגעפּײַנטן אויסדרוק — איז נישט אין זײַן גוסט. פאַר יעדן פאַל איז עס בײַ אים נישט דער עיקר. ל. חיין־שמעוני, דער הייס־אָטעמדיקער און זיך־אײַלנדיקער שרײַבער, טוט אַ שטעק אַרײַן זיין האַנט אינעם בינען־שטאָק פון אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן און נעמט אַרויס פון דאָרט, צוזאַמען מיט בלוטיקע, צעשטאָכענע פינגער, צעביסענע און צעריסענע פון ווילד־געוואָרענע בינען — אָן אַ שיעור טריפנדיקן האָניק. דאַרף מען לייענען די דערציילונגען פון אָט דעם בוך און מ׳וועט זיך איבערצײַגן ווי אמתדיק און נאַטירלעך עס פּאַסט זיך צו זיי צו דער יחזקאלישער „בדמיך חיי״. אין ל. חיינס דערציילונגען זעט מען דאָס אַזוי האַרב און בולט: מיר לעבן אין אונדזער בלוט. נישט נאָר אין גלות, נאָר אויך אין לאַנד פון אונדזערע אָבות, לעבן מיר כּסדר אין אונדזער בלוט. ל. חיין־שמעוני טוט דאָס אָן קאָמפּראָמיסן, טייל מאָל אַפילו אומברחמנותדיק. און זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן: ער איז געווען דער איינציקסטער אין דער ייִדישער ווי אין דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס האָט גענומען אויף זיך צו

שילדערן דעם אמת, בלויז דעם אמת און נאָר דעם אמת: דעם געראַנגל פאַר אויסשטיינערן דעם באָדן, די קרקע בתולה, און אים פעיִק מאַכן צום פאַרזייִ, דעם שטרייַט מיט דער נאַטור פאַר אַרויסקריגן וואָס מער געראַטעניִשן פונעם היגן פעלד, דעם קאַמף מיטן שונא, וואָס וויל אונדז אויסרייַסן פון דאַנען מיטן וואָרצל און די מלחמה פאַר הומאַניזם, מענטשלעכקייט און עכטער ייִדישקייט. קעגן די אויפגעהעצטע פאַכמענערישע רוצחים און פאַרדאַרבער און פאַר אַ שלומדיקן צוזאַמענלעבן מיטן שכן, דעם אַראַבער.

הייסע, ברענענדיקע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען זענען אָנגעהויפט אין אָט די אַכט ביכער זייַנע, בעת דער כּרמל און זייַן פּאַרט־שטאָט, מיט אירע שטעטלעך און דערפער אַרום, זענען דער רייַכסטער רעזערוואַר פאַר זייַן שאַפן.

און כאָטש ער איז אַזוי ציוניסטיש־פּאָליטיש אַנגאַזשירט און קאָנפאָר־מירט, איז ער אַזוי ייִדישלעך־פאָלקסטימלעך, אַז טייל מאָל גרענעצט ער זיך פּשוט מיט פּאָעטישקייט. וואָרעם צוזאַמען מיט זייַן פּראַקטישן רעאַליזם, דעם פּאָליטיש־פּאַרטייַשטן, געפינט מען אין זייַנע דערציילונגען אַזאַ דינעם, ווייכן ליריזם, אַ מין גוטהאַרציק־סענטימענטאַלן, וואָס דריקט זיך אויס אין פאַרצויגענע, דימוניטיווע נעמען פון זייַנע העלדן, ווי: טעכ־טערל, מומישע, מלכּהלע, אָשרל א. א. זייַנע נאַטור־שילדערונגען זענען זייער אָפט צאַרטע, צוגעלאָזענע, ייִדישלעכע, היימישע. אָט רעדט ער וואָכעדיק־טרוקן, אָן קיין שום בעלעטריסטישן לבוש:

„פאַרגעסט נישט, חיילים, אַז דאָס לאַנד ישׂראל שטייט אין פייַער. מיר ווייסן שוין פון די ערשטע נצחונות אין דרום... מיר קענען מער נישט בלייַבן אין דעם באַלאַגערטן סדום־בעט...״

און אָט טוט ער אַ שילדער מיט חן און מיט חסד פון דער שרייַבע־רישער פען:

„פאַרן שייַן פון דער פולער לבנה האָט די געגנט אויסגעזען פרידלעך, רויִק. אַלץ איז געווען באַדעקט מיט טוי. די לופט האָט געשמעקט מיט צייַטיקער תּבואה און איז פול געווען מיט צאַרצערייַ פון שפרינגער און מיטן רויש פון באַוועגלעכע שפּריצער, וואָס האָבן בייַנאַכט באַוואָסערט סעדער, פּרוכט־ביימער מיט שטחים גרינצייַג. עס פלעגט זיך פּלוצים באַווייַזן אַ פלעדערמויז ווי אַ שוואַרץ טיכל, וואָס פלעגט אין אַן אויגנבליק פאַר־שווינדן. הינטער האָבן געבילט דערשפּירנדיק פרישע מענטשן אין שטח, עס האָבן זיך אויך געהערט בראַזגען פון קייטן, פון צוגעבונדענע בהמות אין אַ נאָענטן רפת (שטאַל)... דער באַווינטער שטח פונעם קיבוץ איז געלעגן האַלב פאַרטונקלט. די מענטשן האָבן זיך געגרייט צו דער נאַכט״.

זענען די דערציילונגען זײַנע עכטע, רעאַלע שילדערונגען פון אויפבױ פון אַ היים וואָס פײַנד לאָזן נישט בויען, טאָג־טעגיקע באַשרײַבונגען פונעם איבערבוי און אויפבוי פון אַ פאָלק, וואָס אינערלעכע קעגנזאַצן שטערן און אויסערלעכע פאַקטאָרן פון פאַרשיידענע רעזשימען לייגן צו אַ האַנט צום אויפרײַסן אים די אָדערן, כּדי אונדזער בלוט זאָל זיך וואָס מערער גיסן, נאָר עס באַגלייט אים תּמיד דעם נביאס באַפֿעל: לעב אין דײַן בלוט, אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן!

און אויב מיר וועלן זיך פרעגן: פון וואַנען אַזאַ „שטילקייט" אַרום אים, אַרום דעם רווישיקסטן שרײַבער בײַ אונדז? וועלן מיר זיך מוזן דערמאָנען אַ מדרש, ויקרא רבה, י״ח. דאָרט ווערט געברענגט:

אמר לו רבי לר׳ שמעון בן־חלפתא: מפני־מה לא הקבלנו פניך ברגל, כדרך שהקבילו אבותי לאבותיך? אמר לו: סלעים נעשו גבוהים, קרובים נעשו רחוקים, רחוקים נעשו קרובים. — משים שלום בבית בטל...

טײַטש:

האָט רבי געזאָגט צו ר׳ שמעון בן חלפתא: פאַר וואָס האָבן מיר דיך נישט אויפגענומען אַנטקעגנגייענדיק, לויטן שטייגער ווי מײַנע עלטערן האָבן אויפגענומען דײַנע? האָט ער אים געזאָגט: די שטיינער זענען געוואָרן הויך, נאָענטע זענען געוואָרן ווײַטע, ווײַטע זענען געוואָרן נאָענטע, און דאָס שלום מאַכן אין דער היים איז אונטערגעגאַנגען...

אָבער די ליטעראַטור וועט אים געדענקען און אים פאַרהיטן אין דעם יצירה־אוצר פון אונדזער פאָלק.

1974

מיט א. ריוועסעס „איבערפלאַנץ״

מיט אַ יאָר איינאונצוואַנציק—צוויי־און־צוואַנציק צוריק, ווען כ׳בין אָנגעקומען אין לאַנד מיט דער „פערטער עליה״, האָבן מיר, אין זוכעניש נאָך אַ יידיש וואָרט, געפונען אַ דין ביכעלע לידער, נאָר־וואָס דערשינען אין ארץ־ישראל, מיט אַ שיינער צייכענונג אויף דער הילע, מיט אַ נאָך שענערער הקדמה פון... דוד האָפשטיין. דאָס ביכעלע האָט געהייסן: „פון ספר רזיאל המלאך״ דער מחבר — י. ד. קאַמזאָן.

מיר, די נאָר־וואָס געקומענע, וואָס האָבן געחלומט פון אַ היימיש יידיש וואָרט, האָבן געקוקט אויף דעם ביכעלע, ווי אויף אַ קמיע. דער מיסטישער אינהאַלט, די באַהעפטונג מיט דוד האָפשטיין און דאָס דערשיינען אין ארץ־ישראל, האָבן אים צוגעגעבן אַ דריפּאַכן חן, געררייצט אונדזער פאַנטאַזיע און דערוואַרעמט אונדזער ווילן צו אייגענער שאַפונג, צו באַהעפטן יידיש וואָרט מיט יידישער היים. אין דעם ביכעלע האָבן מיר געזען אַ גוטן אָנהייב...

דערנאָך איז געקומען „אָנהייב״, דאָס ערשטע „זאַמלהעפט פאַרן יידישן וואָרט אין ארץ־ישראל״ (ירושלים, אויגוסט, 1928). עס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען כּוחות, עס זענען זיך צונויפגעקומען ערשטע שוואַלבן פון יידישן וואָרט און זיך אָרגאַניזירט אין אַ „ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב״. ס׳איז דערשינען די ערשטע בכּבודיקע אויסגאַבע פון קלוב א״נ „איינס״, און צווישן די ערשטע און חשובסטע אַרבעטן האָט מען דאַן גערעכנט אַ. ריוועסעס פראַגמענט „איבערפלאַנץ״.

דער פראַגמענט האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„ווען די זון האָט זיך געגרייט נאָר־וואָס אַרויסצושפּאַרן איר אָנגעגליטן, קופּערנעם שטערן פון הינטערן באַרג אַפּער אויף מיזרח־זײַט, האָבן חברה, אָפּגעפּאַרטיקטע, בחפזון דעם ביסן אַראָפּגעשלונגען, מעדר אויף אַקסל פאַרוואָרפן און געטראָגן זיך האָפּערדיק מיט אויסגעשלאָפענע פיס איבער באַגראָזטן באַרג־אַראָפּ״.

דאָס איז געווען אין תל־אביב, אין דער יונגער פרילינגדיקער יידישער שטאָט, אין חודש אַפּריל, אין יאָר נײַנצן־נײַנאונצוואַנציק.

איז דאָס דער זעלבער „איבערפלאַנץ״ ?

נאָר די ספּעציעלע אויסנאַם־באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט־אויס אַ ייִדיש־שרײַבער צו שאַפן אין ארץ־ישׂראל, האָבן געקאָנט גורם זײַן, אַז אַ. ריוועס, איינער פון די עלטסטע און טאַלאַנטירסטע ייִדיש־שרײַבער אין לאַנד, און זײַן דערציילונג „איבערפלאַנץ" וואָס איז איינע פון די ערשטע ייִדיש־דערציילונגען אין און וועגן דעם נײַעם ארץ־ישׂראל, זאָלן מוזן וואַרטן אַזש צוויי צענדליק יאָר, ביז צו דער זכיה: דערזען די ליכטיקע שײַן!

און אינטערעסאַנט: סײַ אַ. ריוועס, דער שרײַבער, אַריבערגעפּלאַנצט פון לאָמזשע אויפן פּראָלעטאַרישן באָדן פון זיך־בויענדיקן און זיך ראַנגלענדיקן ארץ־ישׂראל, און סײַ זײַן דערציילונג האָבן אין משך פון צוויי צענדליק יאָר גאָרנישט ניט פאַרלוירן פון דעם וואָס מ׳רופט־אָן אַקטועלקייט. אַ. ריוועס, דער קערנדיקער שרײַבער, דער עכט־ייִדישער און עכט־ארץ־ישׂראלדיקער, איז נאָך אַלץ אַ „פרעמדער" און אַ „גרינער" מיט זײַן יצירה (ווײַל — ייִדיש!), כאָטש זײַן שפּראַך שלאָגט־אָן דעם טאָן פון אַזוי פיל באַקאַנטע, ליבע ייִדישע שרײַבערס, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע טויזנטער, טויזנטער לייענערס, און זײַן דערציילונג, — ווי ער זאָל זי נישט רופן, — דערציילט אַלץ וועגן „פלאַמען אין תל־יצחק", וועגן „זאַמדן" בײַם צוגרייטן נײַע לעבנס־פונקטן, וועגן אונדזער אומפאַרגלײַכלעכער טראַגעדיע „טרעבלינקע" און, דער עיקר, וועגן „איבערפלאַנץ".

וואָס איז אַ. ריוועס? ווי זאָל מען אים קוואַליפיצירן? — אַ ראָמאַנטיקער? אַ רעאַליסט? אַ נאַטוראַליסט? — איך וואָלט זאָגן: ער איז אַלץ צוזאַמען. ער אידעאַליזירט זײַנע העלדן, ווי אַברהם רייזען בשעתו, אַפילו נישט אָן איבערטרײַבונג, דערבײַ אָבער שילדערט ער מענטש און סיטואַציע אין די רעאַלסטע פאַרבן. ער מאָלט קרעפטיק, און מיט אַ לײַכטן שמייכל. זײַן שפּראַך וואָרצלט אין טיפער ייִדישקייט, דערמאָנט די בעסטע טראַדיציעס פון ייִדישער שאַפונג אין פוילן, זי איז אָבער באַלאַסטעט מיט רייד, מיט צו פיל רייד פון ייִדישן האָרעפּאַשניק.

איז דאָס שיטה? — גיכער פון אַלץ איז דאָס דער פּועל־יוצא פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט־אויס דעם שרײַבער צו שאַפן. זײַנע העלדן זענען באַרעדעוודיק, זיי פירן לאַנגווײַליקע דיאַלאָגן אין זייערע ספּעציפישע דיאַלעקטן — ווײַל אַזוי האָט זיי ריוועסווירקלעך געטראָפן אויף די רושטאַוואַניעס, אין ייִדישן דאָרף, בײַם אויסגלײַכן בערג, בײַם פּלאַסטערן שאָסייען. ער האָט ליב דעם פּאָלקס־מענטש, דעם האָרעפּאַשניק — גייט ער אים נאָך פּוסטריט, אָבער ער זעט נישט די יוגנט, די אונטערוואַקסנדיקע, זייער גײַסטיקן אויפשטײַג און געראַנגל, און ער זעט נישט דאָס קינד און נישט די פּראָבלעמען און צווײַגעלעך־פּראָבלעמען וואָס דרינגען אַרויס פונעם בוי,

פונעם נײַעם ווילן, פון פּאָליטישן און געאָגראַפישן קלימאַט, פון דער גרויסער זעונג.

עס פעלט אים אַ צענטראַלע אידייע, וואָס זאָל אים פירן אין זײַן געראַנגל פאַר אַ ייִדישער דערציילונג אין א״י.

דער פּאָליטישער „קאַמף״ צווישן צפּורקען מיטן פּועלי־ציוניסט וועגן דער אַראַבער־פראַגע אין לאַנד, איז קוריאָזאַרטיק, פּונקט ווי עס קלינגט ווי אַ קוריאָז די מעשׂה מיטן כאַפּן באָדן אין דער דערציילונג „אויף די פעלדער פון שׂרונה״. עס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז דער קרעפּטיקער שילדערער פון פּיורקעס פּעטער, דער געטרײַער מאָלער פון פּיורקעס לײַדן, פון אַזאַ אויפשיטערנדיקער טראַגעדיע, זאָל מיינען ערנסט, אַז כאַפּנדיק אַ שטיקל באָדן פאַר זיך אין שׂרונה, איז פּיורקע אויסן גאָר נקמה.

איז דערפאַר מײַלן־ווײַט פון דער ערשטער, די ווירקונג פון דער צווייטער דערציילונג. —

וועגן „טרעבלינקע״ האָט מען שוין אַ סך געשריבן. איר גרויסע טראַגעדיע האָט שוין פאַרדעקט נישט איין אומבאַהאָלפנקייט און אויך גראַפאָמאַנישקייט. דאָ קאָן מען זייער לײַכט געשטרויכלט ווערן. די באַגעגעניש מיטן זון דערמאָנט טאַקע נישט איין טראַפאַרעטע דערציילונג פון דעם מין. אָבער גראָד דאָ האָט ריוועס זיך דערהויבן איבער אַלע שווועריקייטן, און זײַן דערציילונג איז אַרויס גאַנץ, איבערצײַגנדיק. פּערעלע די מאַמע, מיט איר אויסקוקן בריוו פון די קינדער, מיט איר האַלטן פאַרן סאָציאַליסטישן זון יאָסקע, מיט איר וויניק רעדן און מיט איר פאַרויסזען דעם אומגליק, איז מײַסטערהאַפט געשילדערט. חיים־איטשע אין ריוועסעס אַנדערע דערציילונגען — נישט וויכטיק, וואָס ער טראָגט דאָרט אַנדערע נעמען, — ווערט פאַרלוירן אין רייד און ריידעלעך. דאָ אָבער איז חיים־איטשע גרויס, ווי גרויס עס איז זײַן און אונדזער טראַגעדיע. זײַן באַגעגעניש מיטן געוועזענעם אַרבעטער זײַנעם קאָזשידלאָ, דאָס ליגן באַהאַלטן בײַם דאָרפס־גוי אין „קאָפּיעץ״, דאָס אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי, די באַגעגעניש מיטן זון, דער וויזיט זייערער בײַ די טויערן פון טרעבלינקע — גייען אַרויס פון די גרענעצן פון געוויינלעכער שאַבלאָנער שילדערונג. לייענט איר דאָס, וועט איר עס מער נישט פאַרגעסן. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער קלענערער דערציילונג „זאַמדן״. זלמן איז דאָ שטאַרק אידעאַליזירט און דערבײַ רעאַל געשילדערט. ער ווערט אײַך צו מאָל איבערדריסיק. אָבער די ליכטיקע לאַנדשאַפט פון די זאַמד־בערגלעך און פעלדער, וואָס ווערן צוגעגרייט צום נײַעם לעבן, די אַרבעטער־מיידלעך און די בחורים, זייער התמדה וואָס ווערט

דאָ ארויסגעבראַכט אָן דעם בײַגעשמאַק פון ביליקער אַגיטאַציע, דערהייבט די דערציילונג ביז צו דער מדרגה פון ווערטיקייט.

„איבערפלאַנץ״ — די דערציילונג — האָט פון איר אַקטועלקייט גאָר־נישט ניט פאַרלוירן. דאָס פּראָבלעם פון אַרבעט, פון פלאַנצן ביימער, פון טריקענען זומפּן, פון אַרבעט־קבוצות און דאָס מאַן־און־ווײַב־פּראָבלעם אין די קבוצות, אַפילו אַזוי לײַכט, ווי ריוועס האָט עס אונדז באַוויזן, האָט גאָרנישט ניט פאַרלוירן פון דער פרישקייט. די צוואַנציק יאָר האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט יענעם וווּנדערלעכן פּראָצעס פון פלאַנצן און איבער־פלאַנצן, פון בויען און זיך איבערבויען. דער נגב רופט און ציט צו זיך ווידער יונגע חלוצישע כּוחות. ביימער ווערן ווידער געפלאַנצט. אויך הײַנט ווערט נאָך ווער אַ פרעג־טאָן, ווי עס פרעגט איינער פון ריוועסעס „העלדן״ אין זײַן „איבערפלאַנץ״: „וועל איך דען געניסן פונעם וואַלד?...״ אָבער פונקט ווי דאַן, ווערט דער כּוח פון בויען און פלאַנצן גובר זײַן דאָס צווייפלען, דאָס ספקן.

און גראָד איז „איבערפלאַנץ״ — סײַ די דערציילונג מיט דעם נאָמען, סײַ די אַנדערע דערציילונגען אין דעם בוך — צוגעפּאַסט פאַר אונדזערע טעג. בוזיען און פלאַמען גייען אַלץ נאָך געפּאַרט אין אונדזער ווירקלעכקייט, און די קינסטלערישע באַשרײַבונג דערפון איז עלול צו הייבן דעם מוט, צו שטאַרקן דעם גײַסט. איר לייענט און לעבט־מיט יענע צײַט, איר פאַרגלײַכט זי מיט הײַנט, איר פאַרשלייפט און פאַרפלעכט צײַט מיט צײַט.

ריוועסעס דערציילונגען ברענגען מיט זיך אַ וויכטיקן צושטײַער צו דער אַל־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אויך אַרויף אויפן שליאַך פון ייִדישן איבערפלאַנץ.

1948

אַריה שמרי און זײַנע לידער

לכּבוד פּרעמירן א. שמריס פּאָעמע „די פונקען פון תּיקון"

...כ׳האָב אַרײַנגעקוקט אין זיך און אין אונדזער נישט ווײַטער געשיכטע און עס זענען מיר געקומען אַנטקעגן די רייד פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, און עס איז מיר געוואָרן קלאָר און פֿאַרשטענדלעך די נייטיקייט און וויכטיקייט צו רעדן גראָד הײַנט וועגן דיכטער און דיכטונג. נישט געקוקט אויף דער צײַט מיט אירע שווערע פּראָבלעמען, און אפשר טאַקע — ווײַל די צײַט איז אַזאַ.

ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו זאָגט:

„צוויי מענטשן, וואָס לעבן אין צוויי פֿאַרשיידענע און ווײַטע מקומות, אַפילו אין פֿאַרשיידענע צײַטן און דורות. קאָנען רעדן צווישן זיך. איינער קאָן פרעגן אַ קשיא און דער צווייטער, וואָס איז ווײַט פון אים אין צײַט און אין אָרט, קאָן ענטפערן אָדער גאָר פרעגן אַן אַנדערע, אַן אייגענע קשיא, וועלכע זאָל פאַרענטפערן יענעמס". און אַזוי, הייסט עס, גייט, און אַזוי קאָן גיין דאָס גערייד פון מענטש צו מענטש איבער צײַט און איבער אָרט, ביז ערגעץ ווו וועט זייער עכאָ אָפּקלינגען אין מענטשנס האַרץ און ער וועט זאָגן: כּי טוב!

אין אונדזערע וואָכעדיקע טעג, וואָס — נישט געקוקט וואָס מיר פֿאַר־מאָגן אַזאַ הייסע, אַזאַ פלאַמיקע זון — טריפט פון זיי אָפט מיט גרוי און מיט אומעט, איז גוט בעת מיר האָבן די מעגלעכקייט צו דערזען דאָס ליכט פון יום־טובדיקייט. זון אַליין איז אָפט מאָל אויך אַ גורם פאַר אומעט. אין מידבר אַווו די זון איז אין איר פולער מלכותדיקער פרײַ, ביסטו עלנט, ביסטו איינער אַליין. נאָר בצוותא, בעת דו קומסט זיך צונויף מיט נאָך און נאָך, און טעמסט־אײַן די לופט פון נישט־געשטילטן דאָרשט נאָך שיינקייט און וויסן, נאָך דעם רייץ פון עכטער יצירה, און ביסט זוכה — עס גיט זיך דיר אײַן — אײַנצוזאַפּן אין זיך דעם אַראָמאַט, דעם ניצוץ פון פרייד צוליב שאַפן — דעמאָלט קומט צו דיר צוריק דאָס געפיל פון זיכערקייט — אַ געפיל פון

בחברותאדיקן זײַן — און פֿאַרענטפֿערט אַ סך קשיות געפֿרעגטע דורך דיר אַליין און דורך פֿיל אַנדערע.

אַן אָוונט, אַ שעה, אַ רגע מיט דער שעפֿערישקייט איז עלול דיר צוריק־צוגעבן דאָס גלײַכגעוויכט, וועלכעס האָסט פֿאַרלוירן אין געלויף פֿון געפֿאַרן, פֿון גזרן און פּגיעות; איז עלול דיך צו דערהייבן צו יענע בלויע ספֿערן, וואָס נאָר חלום איז מסוגל אַהין צו פֿירן.

איז דען חלום דער עיקר? רופֿט דען די פּאָעזיע דעם מענטש, דעם חבר פֿון איר צײַט, זיך אָפּצורײַסן פֿון דער ווירקלעכקייט, פֿונעם רעאַלן לעבן כּדי פֿאַרזינקען צו ווערן אין אין־סוף פֿון חלום, פֿון אויסטראַקט? פֿאַרשטייט זיך, אַז ניין. אָבער אַן חלום איז נישטאָ קיין פּערספּעקטיוו, שרומפֿן־אײַן די האָריזאָנטן, דאַרן־אײַן די גרענעצן, די ראַמען. אמת עס זענען געווען צײַטן — זיי זענען נאָך פֿריש אין אונדזער זכּרון — ווען אין די קרײַזן פֿון אַרבעטער, פֿון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ האָט מען געהאַלטן, אַז דער שרײַבער, דער דיכטער איז מחויב צו שאַפֿן זײַנע ווערק אַזוי, אַז מיר זאָלן זיי נישט נאָר פֿאַרשטיין, נאָר אויך — און דער עיקר — זיך אין זיי דערזען, זיך אין זיי דערפֿילן. מיט אַנדערע ווערטער: די שאַפֿונג זאָל שוין אויפֿן אָרט ברענגען, לכל הפּחות, אַ באַרויִקונג צו אונדזערע געמיטער. זי דאַרף זײַן אַקטועל און רופֿן צום קאַמף פֿאַר אונדזערע טאָג־טעגלעכע נויטן און פּראָב־לעמען. הײַנט, אַז מיר זענען געוואָרן „קליגער", אַז די „וועלט" איז געוואָרן סטאַטעטשנער, פֿאַרנעמער, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז גײַסטיקע ווערטן קאָנען האָבן זייער טיפֿסטע השפּעה אויפֿן מענטש, ווען אַפֿילו זייער וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט אַנדערש ווי דער לײַדנדיקער מענטש רעדט עס אַרויס, ווען אַפֿילו עס דערציילט פֿון אַנדערע ענינים און פֿון אַנדערע ערטער. און אַריה שמרי האָט דאָס געטאָן, האָט דאָס אַרויסגעברענגט אין אַלע זײַנע ווערק נאָך דאַן ווען דאָס האָט אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי נישט רעאַל, נישט נאָענט, נישט אייגן. שוין אין זײַן בוך „אין טויער פֿון טעג", וואָס איז דער־שינען אין יאָר 1947, בעת די ווונדן האָבן נאָך געטריפֿט מיט בלוט און מיט אײַטער, בעת די פֿאַרגיטיקונג וואָס האָט געדאַרפֿט קומען אין דער פֿאָרעם פֿון דער ייִדישער מדינה, איז נאָך געלעגן אין איר עמבריאָ, און דאָס בלוט פֿון די בויער פֿון אָט דעם אומגעריכטן איז געפֿלאָסן איבער די וועגן פֿון ציון האָט שמרי געזונגען צו דער זוניקער שטאָט תּל־אָביב: „פֿרילינג אין דער יונגער שטאָט":

זון אויף אַלע מויערן,
ביימער פֿלאַטערן ווי חופּהס און ווי סכך'ן,

דערמאָן מיך נישט די שווערע טרויערן,
לאָז מיך ווי די יונגע שטאָט מיט פרילינג לאַכן.

איז אָבער שמרי אַ דיכטער מיט אַ הייס מענטשלעך האַרץ, קאָן נישט שמרי זיך אָפּרייסן פון זײַן אייגענעם געוויסן. און בעת ער בעט זיך בײַ דער יונגער שטאָט „דערמאָן מיך נישט די שווערע טרויערן״, אין דער זעלבער צײַט (אין זעלבן בוך) זעט ער, ווי „אויף אַ שוועל פון אַלטן מאַרק״

נישט פון זון־ליכט די גאָלדענע רענדלעך,
נישט אויף הוידל פון זאַרגלאָזע שטערן,
אויף אַ שוועל בײַ אַ הײַזל פון שינדלען
קניט זכרון און פיבערט אין טרערן.

ווי איר זעט, דערציילט אונדז נישט שמרי וועמענס זכרון עס קניט. ער זאָגט, ווי זײַן שטייגער איז, „קניט זכרון״. אָבער, אַז מיר לייענען דאָס ליד ווײַטער דערוויסן מיר זיך במילא. און די דאָזיקע במילאדיקייט איז שמריס קרעדאָ, איז שמריס באַזונדערקייט. —

ווער גייט פאַרבײַ ? ווער רירט אָן מײַן פּנים ?
וואָס זאָגט די זון דאָרט אונטער די דעכער ?
וואָס זאָגן שויבן פון גאָטס פוסטן הויז ?
וואָס זאָגט דער צלם איבער די אַקסל ?
פאַרוואָס ציט מאַמע מײַן קאָפּ צו איר שויס ?

זאָגן מיר : דאָס זענען מאָטיוון וואָס וויברירן ווי זונשטראַלן אויף געשליפענעם קרישטאָל.

און אַז מיר רעדן וועגן מאָטיוון, בעת קיינער, ווי עס ווײַזט אויס, פרעגט נישט מער דעם שעפער וואוהין ער צילט, איז כּדאַי צו דערמאָנען, וואָס דער דיכטער און עסייִסט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי דערציילט אין זײַן בוך „חלום אין וואָר״ וועגן אַ שמועס וואָס ר׳האָט געפירט מיט דעם ציכטיק־ליכטיקן פּאָעט (זײַן באַצייכענונג) יהואָש וועגן מאָטיוון אין דער שאַפונג.

יהואָש איז געזעסן קעגן אים און גערעדט : „מוז אַ סאָציאַלער מאָטיוו דווקא זײַן אַ ליד וועגן סוועט־שאָפּ ? פאַר וואָס עס אַזוי אײַנשרומפּן, קליין מאַכן ? איך מיין, אַז אַ ליד וועגן נאַכטיקע רעגנטראָפּנס וואָס קלאַפּן בײַ נאַכט אין דײַן בלינד פענצטער ; צי אַ ליד וועגן אײנזאַמען בוים אין פעלד, וואָס איז דאָך אויך אַ גרויסער עני ; אָדער אַ ליד וועגן פאַלנדיקע שטערן, וואָס פאַרלעשן זיך אָן שפּור ; אָדער אַ ליד וועגן אַ קליין גרעזל אונטער אַ שטיין

צי אַ ליד וועגן שטיין גופא וואָס ליגט אין זײַן דורותדיקער שטומקייט — אַז דאָס אַלץ איז אויך אַ סאָציאַלער מאָטיוו, סאָציאַל לויט דעם אַלעגאָרישן זין פון דעם, צי לויט זײַן געגעבענער בילדערישקייט".

איז דאָס דער וויכּוח „צווישן די צוויי הויפּט־שטראָמען אין דער פּאָע־זיע בכלל". צווישן דעם שטראָם „וואָס טראָגט זיך אויף די פליגל פון פּאַטאָס" און צווישן דעם לירישן ממעמקים־געזאַנג, וואָס ריזלט ווי אַ שטיל־מורמלענ־דיק טײַכל אין אַ זײַט־ליגנדיקער לאָנקע צי אין אַ געדיכטן וואַלד. און אַריה שמרי, דער דיכטער פון עין־שמר געהערט גיכער צו דעם צווייטן שטראָם. כאָטש נישט איין מאָל רײַסן זיך דורך בײַ אים שורות פול מיט פּאַטאָס. און איר פילט ווי זיי רײַסן זיך מיט כּוח קעגן דער קלוגער אײַנגעהאַלטנקייט פון זייער מחבר. און אַז מיר וועלן אַ בלעטער־טאָן אין זײַן פּאָעמע „די פונקען פון תּיקון" וועט אונדז שווער זײַן צו באַשטימען צו וועלכן שטראָם אָט דאָס ווערק געהערט, און צי איז דעם דיכטער געגאַנגען מער אינעם קינסטלערישן אמת, צי אין דער גלאָריפיקאַציע פונעם פּערסאָנאַזש.

ווײַל אַריה שמרי, וואָס זוכט פון שטענדיק אָן דעם תּיקון אינעם מענטש, אין דער בריאה, אין דעם צעאַקערטן פעלד און אין אויפגעשפּראָצטן גרעזל, האָט דאָ געוואָלט געבן תּיקון קודם־כּל זײַן אייגענעם איך, זײַן שטאָם און אָפּשטאַם; אַ תּיקון זײַן געוועזענער היים־שטאָט, וואָס נישט שׂרפות און נישט קאַטאַקליזמען האָבן נישט געקאָנט זי אַרויסרײַסן פון זײַן האַרץ. מיט ציטער פון זײַנע ערשטע אַרײַנפיר־שורות: — „איך קום דערמאָנען דײַנע ייִדן, זייער ווײַסן שבת, זייער גראָע וואָך און דעם ניגון וואָס האָט געאיידלט די זעקס פאַרזאָרגטע טעג", — מיט אָט דעם ניגון, און דורך אים, פּרוווט דער דיכטער מתקן זײַן די נשמות ערטילאָות, וואָס פליִען אַרום אין עולם התּוהו פון אונדזער באַוווסטזײַן.

איז עס אַ סאָציאַלער מאָטיוו פון אַן עדה וואָס לעבט אין זכּרון, איז עס סאָציאַלער מאָטיוו פון אַ קהל וואָס זוכט זײַן תּיקון... איז דאָס אַ גאַנג אַזאַ פון אַ דיכטער, וואָס דער זכּרון וואָס טראָגט אים איבער די כוואַליעס פון אונדזער לעבן, דערלאַנגט אים בילדער און געשיכטעס גאַנצע, ווייטיקן און צערן פון אַ פאַרשניטענעם שבת און אָרעמע אָבער גרויסע שבת־ און יום־טובדיקע פרייד, און בעט זיך בײַ אים: מאַך מיך לעבעדיק, באַווײַז מיך פאַר די, וואָס האָבן מיך שוין פאַרגעסן אָדער גאָרן מיך צו פאַרגעסן. און אַריה שמרי, וואָס האָט אָנגעהויבן דיכטן ערשט אין זײַן רײַפן עלטער, פאַרבינדט אָט די אַלע וווּנדערלעכע זכרונות מיט דער נײַער ווירקלעכקייט, זײַנע און אונד־זערע, און עס קומען אַרויס לידער, געזאַנגען, וועלכע ווערן געאַכטעט און געשאַצט בײַ לייענער און קריטיקער.

מעגלעך, אַז דאָס לעבן אין אַ קיבוץ ברענגט אויף פּאַרן דיכטער אַנדערע מאָטיוון און, טייל מאָל, אַפילו קעגנגעזעצטע צו די וואָס אַ ייִדישער דיכטער וואָס ווערט געגנערט פון זכּרון און פאָלק־צוגעבונדנקייט פאַרמאָגט, איז אויך דעמאָלט אַריה שמרי אין דער גליקלעכער לאַגע צו ווערן באַרײַכערט מיט די וווּנדערלעכע קיבוץ־מאָטיוון, וואָס דערהייבן סײַ דעם דיכטער, סײַ דעם לייענער.

זאָגט טאַקע שמרי אין זײַן בוך „אַ שטערן אין פעלד":

ווײ, עס קומט די שעה פון זכרונות.
איך וואָס האָב אַזוי ליב דעם אַצינדער,
די פעלדער, די קינדער,
און יעדער שמייכל — מײַן לוין איז,
און יעדעס גרעזל — מײַן קרוין איז,
ווי וועל איך אַרײַנגיין אין שיידל
צו פלעכטן זכרונות?

און אין זײַן בוך „אין וואָכיקן ליכט" רופט ער אויס, אַז מיר אַלע זאָלן וויסן:

נישט אַ בלאָנדזשלינג, אויף איין נאַכט אַן אורח,
דײַן זון — מײַן בלוט,
דײַן ערד — מײַן עול איז,
פון דײַנע ליימען יויר איך.

פילט איר, ווי עס ראַנגלען זיך די מאָטיוון בײַם דיכטער, און אין גע־ראַנגל לײַטערן זיי זיך, שטאַרקן זיך איינער איבערן צווייטן און קומען אַרויס געשטאַלטיקט, אויסגעפײַנערט. און עס קומען די ביידע מאָטיוון און זענען מַשלים איינער דעם צווייטן, און עס קומט טאַלאַנט, און ליבע צום ייִדישן וואָרט, און עס וואַקסט דערפון אַרויס איינער פון די באַדײַטנדיקסטע דיכ־טער פון אונדזער פלעיאַדע — דער קיבוץ־חבר אַריה שמרי.

1962

„דאָס ייִנגל פון דיזשאָן"

א

— ווײַל איך האָב געזען בײַ אָט די ווענט
דעם הויכן טורעם־פאַל אין בבל,

און ווי ס׳געשעט, אַז אַ טעסטאַמענט
ווערט אָפּגעמעקט און ס׳בלײַבט אַ טאַוול...

ווײַל איך האָב געזען בײַם סוף מיראַזש
די אַלע קראַטן וואָס פּאַרראַטן,
ווי אַ פּאַלק זיצט איובדיק אין אַש
און ס׳שמייכלען קלוג די אַדוואָקאַטן —

אָט דערפאַר בין איך אַרויס אין שטרײַט
אַקעגן פירער — קאַמעראַדן״.

אַזוי זאָגט און זינגט מיט א. שמריס פּעדער און האַרץ דאָס ייִנגל פון דיזשאָן — עטיען קאַבע.

ב

אין זײַן דרייסטן שפּאַן צו היילן און קאַטאַקאַמבעס פון דער מענטש־לעכער געשיכטע, האָט דער אָריגינעלער, אין־זיך־פאַרטיפטער ייִדישער דיכטער אַריה שמרי אויסגעפונען אַ העלד וועמען די פּעלקער אויף דער ערד האָבן אַ סך צו פאַרדאַנקען. עטיען קאַבע פון דער פראַנצייזישער ווײַן־שטאָט דיזשאָן, וועמען שמרי רופט אָן מיט אַזאַ ווילקלינגענדיקן ווינטיקן נאָמען: „דאָס ייִנגל פון דיזשאָן״ האָט מיט זײַן דרייסטן רעוואָלו־ציאָנערן שפּאַנען, און דער עיקר: מיט זײַן טיפן גלויבן אין מענטש, אין דער מענטשלעכער נשמה, געפּירט זיך און אַנדערע צו אַן אויסגעטראַכטן, אויסגעחלומטן וועג דורך וואַנען מ׳קאָן קומען צו אויסלייזונג, צו שלמות.

אין יאָר 1842 האָט עטיען קאַבע אין זײַן פאַנטאַזיע־ווערק „אַ רײַזע אין איקאַריע״ אַרויסגעבראַכט אַ בילד פון אַ קאָמונע (אַ קיבוץ), אין וועלכער עס פורעמט זיך אויס אַן אידעאַלע מושלמדיקע געזעלשאַפט, ווו די מענטשן לעבן ברידערלעך, פירן אַ שותּפותדיקע ווירטשאַפט און שאַפן אַ מצב פון גליק און צופרידנקייט פאַרן גאַנצן כּלל. דאָס דאָזיקע ווערק — אַ רעזולטאַט פון דיכטערישער פאַנטאַזיע און נויטווענדיקן אויסטראַכט, איז אויסגעטראָגן געוואָרן אין זײַן חלום וועגן גליק, אין זײַן שטרעבן און בענ־קען נאָך שלום און ווערטיקער גלײַכקייט פונעם מענטש. האָט ער טאַקע געשפּאַנט און מיטגעריסן מיט זיך פרײַנד אין די טריט פון דעם ווערק און זוכה געווען אויפצושטעלן אַזאַ קאָמונע א.נ. „איקאַריע״ אין אַמעריקע ער־גען, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צענדליקער יאָרן, ביז ר׳איז שפּעטער אַליין פון איר אַרויסגעשטויסן געוואָרן.

איז נישט קיין ווונדער, וואָס אָט די פּערזענלעכקייט, מיט אַזעלכע מעשׂים און נסיונות, האָט געקאָנט רייצן די פֿאַנטאַזיע פֿון פּאָעט־קיבוצניק, אין וועמענס אינגעווייד עס זשאַרעט דער לאַנגאָניקער דראַנג צו גערעכ־טיקייט, צו אוטאָפּישע — אין אוירשפּרינגלעכן זין — פֿאַנטאַזיעס וועגן אַ וועלט פֿון יושר און גלײַכקייט, צו וועלכער ער האָט בראשיתדיק געפּירט דאָס ייִנגל „לייזער ציפּרעס" צו נײַ־לעבן, שפּעטער — אין „די פּונקען פֿון תּיקון" דעם רבין פֿון זײַן תּמימות בבחינת אַ ייִנגל, ר' מאיר שלום, וועל־כער איז געוועזן „דורכגענומען מיט קבלהשן סוד, פּאָעטישער וויזיע און פֿאַרשטאַנדיקער מילדקייט פֿון אַ גרויסן מתקן" און די אַנדערע „ייִנגלעך" (דאָס ליד פֿון פֿרומען ייִנגל, די ייִנגלעך פֿון לאַנד, דאָס ייִנגל פֿון פּיקאַסאָ, ייִנגל, ייִנגל־וועגן), וואָס שײַנען אַרויס פֿון זײַנע ביז איצט דערשינענע לידער־ביכער.

ג

אין דער מאָדערנער ייִדיש־דיכטונג איז דאָס געוועזן דער אומפֿאַרגלײַכ־לעכער ה. לייוויק, וואָס שטרעבנדיק צו דערגרייכן אין זײַן שאַפֿן דעם שפּיץ־באַרג פֿון העכסטער מאָראַלישער גערעכטיקייט, האָט ער אַרויסגע־שעפּט פֿון דער היסטאָריע אַרויס אַ ייִנגל מיט אַ מיידל וועמענס ליבע עס איז געשטיגן צו די העכסטע הייכן און זייער גורל — צום שאול תּחתּיה: „אַבעלאַר און העלואיז". אַריה שמריס וועגנד צו געשיכטע האָט אַנדערע אַספּיראַציעס. דאָ איז גיכער פּאַראַן ווילן צו „שליסן קאָנטשאַפֿט" מיט אַן ענלעכן לעבנס־וועג פֿון אַ פּען־חבר פֿון אַ וועלכע הונדערט יאָר צוריק, טיילן מיט אים זײַנע פֿריידן אוןליידן און נעמען אים פֿאַר אַ סימן און צייכן פֿאַר אַ הײַנט־צײַטיקן שרײַבער, וואָס שטרעבט, ווי יענער, צו צדק און יושר, צו גלײַכווערטיקייט און פֿרײַ־זײַן, צו שלום און ליבשאַפֿט. זענען נישטאָ קיין צופֿעליקייטן אין דער דאָזיקער יצירה און נישטאָ אין איר קיין אויסטערלישקייטן. ווער עס קען די געשיכטע פֿון פֿראַנקרײַך און אירע רע־וואָלוציעס אין 19טן יאָרהונדערט, און וועמען עס זענען באַקאַנט די העלדן און זייערע מעשׂים פֿון יענער תּקופֿה, וועט אין שמריס פּאָעמע זיי לײַכט דערקענען.

און נאָך עפּעס.

דאָ קאָן נישט דער פּאָעט זיך צעזינגען אין צאַרטע שפּילפּייגלדיקע לירישע שורות און סטראָפֿן, ווי ה. לייוויק אין „אַבעלאַר און העלואיז". דאָ קאָן נישט שמרי „רעדן" צו אונדזערע עמאָציעס, צו אונדזערע צאַרטסטע געפֿילן. וואָרעם דאָ שפּאַנט איר מאַיעסטעט די געשיכטע מיט אירע

העלדן, אויסגעהאַמערטע אין שלאַכטן, גרינדער פון סאָציאַלע שולעס, קעמ־פער אויף באַריקאַדעס, שאַפערס פון קעמערלעך ניי־לעבן אין אַ גרויער בלוט־פאַרגיסנדיקער ווירקלעכקייט; נביאים, משיחים — פאַלשע און אמתע — וואָס האָבן אַ רוק־געטאָן די מענטשלעכע געשיכטע אויף מיילן־ווייט פאָרויס און טייל פון זיי האָבן געענדיקט אין פאַרשטויסנקייט, אין איינ־זאַמקייט, אָבער זייער טראַגיק איז נישט געווען ראָמאַנטיש ווי די פונעם מאָנאַך אַבעלאַר.

איז עס אַ שווערע טעמע פאַר דיכטונג, ובפרט אַז זי גייט נישט פאַר־מיש אין די טריט פון דעם קלאַסישן עפּאָס. דערפאַר איז יעדע ווייכע, צאַר־טע, ראָמאַנטיש־לירישע שורה אין אָט דעם בוך, וואָס פאַרלויפט די וועגן דער „טרוקענער" טעמע, ווי אַ פּערל אַן אַרויפגעברענגטע פון דעם ים־סופס אָפּגרונטן.

ד

מער ווי אויף יעדער אַנדערער שמרים אַ שאַפונג, קאָן מען דאָ פאַר־ענטפערן דעם אַלט־באַקאַנטן פרעג: „וואָס וויל ער, דער דיכטער, אונדז זאָגן. וואָס איז ער דערמיט אויסן?" דאָ איז קלאָר, וואָס ער וויל און אָפן, וואָס ער זאָגט. דער נימשל לייגט זיך אונדז גלייך אויפן שכל. און פון דעסטוועגן וועט דעם דורכשניטלעכן לייענער נישט אָנקומען לייכט איינ־צונעמען אָט די פעסטונג. פאַרדייען די דאָזיקע שאַפונג.

ווייל —

אַריה שמרי געהערט נישט צו די לייכט־פאַרדייענדיקע שיין־זינגער. זיין שורה איז נישט געשפּאַנט און נישט איינגעשפּאַנט אינעם אָנגענומענעם געשפּאַן פון קלאַסישן בוי און ריטעם. הגם, בעת מיר שפּאַצירן איבער דעם רייכן פעלד פון זיין פּאָעזיע קאָנען מיר זיך אָנשטויסן אויך אָן אַ קלאַסישן טראָכיי צי דאַקטיל, וועלן מיר אָבער תמיד געפינען אין אַריה שמרין דעם מאָדערנעם שעפער, וועמען עס גייט דער עיקר אין נייעם אופן פון שאַפן און אין נייעם אליין־שאַפנדיקן אויסדרוק. איז דערפאַר זיין שורה אַ טאָ־נאַרע, וואָס נעמט אין זיך אַריין אַלע אָנגענומענע ריטעם־פאָרמען, קאָכט זיי איבער און גיסט זיי אויס אין פאָרמען הייַנטצייטיקע, וואָס זענען שיין פאַרן אויג און אָנגענעם פאַרן אויער.

ווילנדיק, ווי ער זאָגט אין זיין קורצן אַרייַנפיר, „געשטאַלטן און דער־מאָנען דעם נישט־דערזעענעם און פאַרגעסענעם עטיען קאַבע, דעם בעל־חלומות און מורד פון דער שטאָט דיזשאָן — — — זיין לאַנג־יאָריקן גע־ראַנגל מיט זיך און מיט אַלע, צווישן בשורה און שטרויכל, האָט ער אויפ־

געבויט אַן עפּאָס, ווו נישט די בוי־פֿאָרמען זענען דער עיקר, נײַערט דער נאַראַטיווער כאַראַקטער פֿונעם העלדן־סיפּור. אים צונויפֿגעשטעלט פֿון ליי־דער, פֿאָעמעס און באַלאַדעס, וואָס יעדער ליד איז אַליין און פֿאַר זיך שטאַנדהאַפֿטיק און וויטאַל, און אַלע צוזאַמען דערציילן וועגן העלד און זײַנע געראַנגלען, בעת זיי זענען אויסן צו וואַרפֿן אַ ליכט פֿון פֿאַרגלײַך מיט אונדזערע טעג. שמרין איז געלונגען אונדז אָנצורעגן, מיר זאָלן זען דעם פֿאַרגלײַך, דערבײַ פֿילן די גאַנצקייט פֿון זײַן ווערק, וואָס נישט גע־קוקט אויף די קאָליזיעס און וואַרפֿונגען צווישן פֿאַנטאַזיע און געשיכטע, איז די גאַנצקייט דאָ, און ס'איז דאָ די באַדײַטונג, און ס'איז דאָ דער באַ־וווסטזײַן און געפֿיל, אַז מיט דעם דאָזיקן ווערק שטײַגן מיר צוזאַמען מיטן דיכטער אויף נאָך אַ שטאַפּל אין דער ייִדישער שירה.

1969

געזאַנג פֿון רינגען אין שטאַם

מיר וועלן נישט זײַן באַנאַל און ציילן די זײַטן פֿון אַריה שמריס לי־דער, וואָס זענען דערשינען ביז איצט, כאָטש מיר וועלן ציילנדיק אַרי־בערשפּאַנען די ציפֿער 900. אמת, אויך דאָס דאַרף ווערן אונטערגע־צייכנט: מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך אַ שפּעדיקן דיכטער, וואָס זינט 1939 — ווען ס'איז דערשינען זײַן פֿאָעמע „לייזער ציפּרעס" אין העברעיִשער אי־בערזעצונג פֿון אַברהם שלאָנסקי — זענען דערשינען נאָך זעקס לידער־זאַמלונגען זײַנע, וואָס זענען שפּעטער, אין 1970, אײַנגעזאַמלט געוואָרן אין איין גרויסער אײַנזאַמלונג פֿון 693 זײַטן א.ב. „געזאַנגען אין שײַער". איצט, אין יאָר 1975 — אַ נײַע וואָגיקע לידער־זאַמלונג פֿון 233 זײַטן א.ב. „רינגען אין שטאַם". ולאו מלתא דזוטרתא היא.

אלא, עס דאַרף געזאָגט ווערן קלאָר און אָפֿן, אַז אַריה שמריס דיכטע־רישער ווערט איז נישט אין כמות, נאָר גראָד אין איכות, אין דער קוואַ־ליטעט פֿון זײַן ליד, אין זײַן לעקסיק און אין זײַנע אימאַזשן, אין די טעמעס און אין זײַן פֿאַרטיפֿן זיך אין זיי. און זײַן איצטיק בוך, — כאָטש עס גייט דעם זעלבן וועג און דעם זעלבן ווענד — איז אַ ווערטיקער ווײַטערדיקער מהלך אין זײַן דיכטעריש פֿאַרמעגן.

פֿאַר וואָר, אַריה שמרי דערגרייכט אָפֿט מאָל הויכע נאַציאָנאַלע מדרגות. זײַן אָפּרעכענען זיך מיט דער אייגענער סביבה, מיט דער וועלט וואָס רינגלט אים אַרום, אים און זײַן פֿאָלק, דערגרייכט נישט איין מאָל דעם טאָן — כאָטש אָן פּאַטעטיק — פֿון אַ מוכיח בשער, פֿון אַ שטראָפֿער און מאָנער.

און כאָטש ער זאָגט אין זײַן ליד (זײַט 32) „שטראָפרייד אין שאָטן פון דעמב”, אַז:

ניט סתּם דיך שטראָפן בין איך געקומען,
מיט מײַנע חומרות דיך באַלאַסטן,
— — — —
מײַן ליבשאַפט מיך צו דיר טוט ווענדן,
צו דיר, קערנדל פון חלום און פון האָפן...

ווענט ער אויף זײַט 52 זיך ווענדן צום חבר פויגל און אים זאָגן:

— קום, חבר — רוף איך אים מיט שעפּטשערײַען:
כ'האָב אויך נאָך מײַנע פליִעכצן דיר וואָס צו ווײַזן:
מײַן נשמה זע, אירע שמעלצנדיקע בלײַען
אויף קאָוואַדלע פון מײַן דורס רישעותדיקן אײַזן.

אַוודאי ווילט זיך נישט גלייבן, אַז דער דיכטער האָלט שוין נאָך חײַנע פליִעכצן, אָבער אַז ער האָט וואָס צו ווײַזן און אַז דאָס רישעותדיקע אײַזן פון זײַן דור — פון אונדזער אַלעמענס דור — דאַרף געוויזן ווערן, און ער ווײַזט עס מיטן כּוח פון זײַן טאַלאַנט, אין דעם איז נישטאָ קיין מינדסטער ספק.

געענוג אַ מיש טאָן דאָס דאַזיקע וואָגיקע לידער־בוך אויף זײַט 154 און זען מיט וואָס פאַר אַ כּלים און מיטלען שמרי שטעלט פאַר אונדז פאַר אַ זקן פון מחנה־יהודה אין זײַן אָרעמקייט, אין זײַן גראָ שבגראָ, אין זײַן ציבעלע־האַנדל, אין זײַן פיר איילן־שטיבל און... אין זײַן יִיחוס — אַ זאַך וואָס ווערט איצט מיט אַזוי פיל ברען און אײפער דורכגעווייטיקט אין אונדזער געזעלשאַפט — כּדי אין דעם איבערצײַגט צו ווערן:

דורך אַלע שטעלן און טירלעך
פירט אימפּעטיק זיכער מײַן גאַנג
פון אַלץ וואָס איז גאָלדיק און צירלעך
צו דעם וואָס איז גלייביק פון לאַנג.
איך קום צו דער אָרעמסטער שוועל,
צום שטיבל — פיר איילן אַ שפּאַן,
צום הויז וואָס איז לאַנג שוין אַ תּל
און היט נאָך דעם יִיחוס — רמב"ן.

אָבער נישט נאָר דאָס איז דער אויסדרוק פון זײַן פּאָעזיע. אויך דאָס

ירושהדיקע, דאָס שטאַמיקע און אָפּשטאַמיקע אינעם לעבן פון ייִד, פּירט אים און זײַן ליד.

פון דאַנען וועט אַריה שמרי קומען צום „ליכטיקער מנין“ (און דער מאָ־לער בען וועט דעם ציקל באַצירן מיט ברענענדיקע לעכט!) און ס׳וועט דאָרט אַ לײַכט טאָן מיט שטראַליקע שורות, געווידמעטע אָדער וועגן, אַן אַברהם סוצקעווער. און, אים צו לענגערע יאָר, זיידעס און פּעטערס, און ח. נ. ביאַליק, און ה. לייוויק, און יהואָש, און שפּינאָזע, און דער שוין־דער־מאָנטער זקן פון מחנה־יהודה —

פון דאַנען אַזאַ וווּנדערלעכער צוריקלויף אַזש צו „אַ טראָלדל פון קאַסטיליע“ וואָס איז אַליין און פאַר זיך אַ מושלמדיקע פּאָעטישע יצירה הן אין תּוכן, הן אין דער פאָרעם און הן אין נאַראַטיוו. דאָ טאַקע, נאָר דאָ, וועט דער דיכטער שוין קאָנען זאָגן צו זײַן זון:

> אויך מײַן האַנט דײַן האַנט גיט איבער
> מיט אַ נישט־גערעדטן דיבור
> סודות פון יסורים — צו באַפרײדן — —
>
> געדענק, מײַן זון, אין קאַסטיליאַנער זיידן!

און אפשר וועט טאַקע זײַן זון אין דעם געדענקען. וואָרעם עס קאָן דאָך אַזאַ שירה נישט פאַרגעסן ווערן. וועט דאָס זײַן דער זכות פון דער ייִדישער פּאָע־זיע און פון איינעם פון אירע שעפערישסטע זין — אַריה שמרי — אַרײַנצו־דרינגען אין די הערצער און מוחות פון דעם נײַעם דור מיטן געזאַנג פון די רינגען אינעם שטאַם.

1976

אַברהם לעוו

זינגער פון „היים און פעלד"

א

ס'איז געווען האַרבסט, טויזנט נײַן הונדערט פינף און דרײַסיק. די גזרות פון מאַנדאַטאָר און די העצער אין די שכנותדיקע יישובים האָבן שוין געלאָזט פילן די אָנקומענדיקע בלוטיקע טעג. דער זיך־דערנענטערנדיקער עקאָנאָמישער קריזיס צייכנט שוין שאַרפע קאָנטורן אויפן קערפער פונעם יונגן יידישן יישוב. מ'לעבט אין דערוואַרטונג. — האָט דאָן דער קיבוץ „גבעת השלושה" אונטער אַן אויסגעבאָרגטן נאָמען (פאַרלאַג „פרײַנט") אַרויסגעגעבן אַ קליינע זאַמלונג לידער פון זייער חבר אַברהם לעוו א.ב. „אונטער בלויע הימלען"!

— סאַראַ פריידיקייט!

ווי שטאָלץ און ווי גליקלעך דער דיכטער־חלוץ זינגט דאָס זײַנע ליי־דער וועגן לאַנד:

איך בין ניט דער ערשטער, וואָס האָט דיך באַזונגען,
און ניט דער לעצטער וועל איך זײַן אין קייט פון די באַזינגער.

ער שטראָפט די וואָס זענען געבליבן אין די אַלטע היימען; ער איז מוכיח די וואָס גייען נישט אין דאָרף און העלפן נישט אויפלעבן די פאַר־וואָרלאָזטע פעלדער. ער קומט קיין ירושלים און זעט זיך דאָרט —

„אַן אייניקל פון יענע ווײַטע דורות"

און —

אַן אָפּקלאַנג פון אַ דור אַ נײַעם
וואָס איז געקומען אויפבויען די חורבות.

עס איז אים ליב, וואָס זיין מידע האַנט האָט אין אַלץ אַ חלק — „אין פלאַנצן און אין בויען".

און מעג די שפּראַך זײַנע זײַן ווי אָרעם, מעגן די מעטרישע כּללים זײַן ווי הינטערשטעליק, און די ליטוויציזמען ווי איבעריק — עס זינגט באַגײַס־טערט אַ יונגער דיכטער, אַן אַרבעטער, אַ קיבוצניק, און מאַכט פֿאַרגעסן אָן די קריזיסן וואָס זענען שוין דאָ און וואָס וועלן נאָך קומען; און מאַכט פֿאַר־זען די אָנקומענדיקע שוואַרצע כמאַרעס, ווײַל ער דיכטעט „אונטער בלויע הימלען" און שרײַבט מיט אַ האַנט „וואָס האָט דאָ אין אַלץ אַ חלק".

ב

1937. דאָס לאַנד, וואָס האָט צוגעזאָגט צו ווערן די היים פֿאַרן לײַדנ־דיקן ייִדישן פֿאָלק גייט־אָפּ אין בלוט. די בלוטיקע געשעענישן ציִען זיך און דויערן, און וואַרפֿן אָן מרה־שחורה אויפֿן מידן און שוואַכן. אַברהם לעוו, וואָס האָט מיט צוויי יאָר צוריק אַזוי התפּעלותדיק באַגײַסטערט, פֿאַרבלענדט פֿון דער נאָר־וואָס באַגעגנטער מיזרחדיקער זון, געזונגען אָן־כּללימדיק און הויך דאָס ליד פֿון דער אויפֿגעוואַכטער ייִדישער היים, עפֿנט אויף זײַן נײַע זאַמלונג לידער „אין דײַן טיר" מיט אַזאַ מאָטאָ:

איך בין ווי אַן אָרעמאַן אַרײַן אין דײַן טיר
און אויף דײַן שוועל געבליבן שטיין.
ווערסטו, לאַנד מײַנס, פֿאַר מיר
זײַן שוין אַ היים?

דערווײַל דעם זוניקן בלוי איך זאַפּ
פֿון דײַנע ליכטיקע טעג...
ווערסטו דער לעצטער עטאַפּ
זײַן אין מײַן וועג? — — —

און אין אָט דער גאַנצער זאַמלונג רײַסן זיך און שטויסן די מאָטיוון. עס לײַכט די זון און וואַרעמט און די היץ שווערט ס׳געמיט. אַ מידקייט באַפֿאַלט דעם דיכטער און, מער נאָך, דעם לייענער: ער הערט דאָס וויינען פֿון די שאַקאַלן. דאָס לעבן ווערט האַרטער און שווערער. רופֿט ער די מאַמען, זי זאָל קומען דאָ אַהער און וואַרט „באַגײַסטערט און הכנעהדיק" אויף אַ טאָג וואָס וועט קומען אומגעריכט. דער מאָטיוו פֿון רעגן און אָר־מעט באַהערשט ס׳געמיט און ווערט דאָמינירנדיק אין דער זאַמלונג. אָן אַ שיעור מאָל חזרט זיך דאָ איבער דאָס קלאַפּן פֿונעם רעגן אויפֿן בלעכענעם דאַך פֿון זײַן צריף... איז עס מעלאַנכאָליע? פֿאַרלוירנקייט? ניין. ס׳איז האַרבסט־מוזיק פֿון אַ וואַכזאַמען דיכטער. איר פֿילט, אַז אַ דיכטער־האַרץ איז וואַך פֿאַר אַלץ און פֿאַר אַלעמען.

ווײַל דער קיבוץ־זינגער אַברהם לעוו איז דאָ שוין רײַפער, שטאַרקער, זעעוודיקער און באַזאַכטער, און גייט פאָרויס מיט זײַן ליד, — וואָס איז אַזוי נאָענט צום פשוטן פאָלקסטימלעכן שיר — ווי עס גייען פאָרויס זײַנע חברים, זײַנע ברידער אינעם גרויסן היסטאָרישן געראַנגל פאַר אַ זיכערן מאָרגן.

אויך דאָ, אין זײַן צווייטער לידער־זאַמלונג פילט זיך די נאָך נישט געניטע, די נאָך נישט רוטינירטע האַנט פונעם אַרבעטער און חלוץ, וואָס פילט ווי אַן אומגעזעענער כּוח באַפעלט אים זינגען, הייסט אים שאַפן, דיקטירט אים באַשרײַבן אין מאַמע־לשון די אַרבעט און די מידקייט, די פרייד און דעם טרויער; דעם גלויבן און דעם צווייפל, און וועגן דעם בלוט, דעם אומשולדיקן, וואָס גיסט זיך דאָ, פּירזאָגנדיק עפּעס גרויס און נישט באַגרײַפלעכס, און — ער רײַסט אײַך מיט מיט זײַן ליד.

ג

אין יאָר 1939 — אין דעם דאָזיקן טראַגיש־גורלדיקן יאָר, גיט אַרויס דער פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע אַברהם לעווס אַ זאַמלונג לידער א.נ. „באַלאַדן".

די „באַלאַדן" טיילן דעם גורל פון דער גאַנצער וואַרשעווער ייִדיש־קייט: — זיי קומען אַהער נישט אָן! נאָר פון די איינציקע פּריש־אַרויס־געכאַפּטע עקזעמפּלאַרן, וואָס נ. מײַזיל שיקט צום מחבר, שרײַט אַרויס דאָס פּראָטעסטירנדיקע, וויינענדיקע קול פונעם דיכטער איבערן ייִדישן בלוט, וואָס גיסט זיך דאַן אין ארץ־ישׂראל. בלוט און פּײַן, פאַרלוירנקייט און צעטומלטקייט, פילט זיך פון די בלעטלעך פון דער זאַמלונג, ווי דער ריח פון בלעטערפאַל!

דאָס ליכט — גרוי, דער מאָטיוו — גרוליק, די שפּראַך — וויינענדיק, בלוטנדיק. סענטימענטאַל — און ווער קאָן דאָס וואָגן פּסקענען שאלות אין אַזעלכע טעג, אין אַזעלכע צײַטן, בײַ אַזאַ שטימונג, בײַ אַזאַ פאַרפילן! ס'איז ערבֿ דער גרויליקסטער קאַטאַסטראָפע אין דער ייִדישער געשיכטע און ערבֿ אויפקום פון עפּעס נײַס, אייגנס, פאָלקישס אויף וועלכן מ'וואַרט אומקלאָר און אומגעדולדיק.

לעוו איז דאָ געטרײַ זײַן אייגענעם גאַנג: ער איז ארץ־ישׂראלדיק, און קוקט צוריק צו דער אַלטער היים; ער זאָגט אַרויס זײַנע מיינונגען וועגן די צײַט־געשעענישן אין פּאָליטיש־פּאַרטייִשער טערמינאָלאָגיע, גייט אָבער באַלד צוריק צום אייגענעם קוואַל. ער קוקט זיך אײַן אין סופר־סתּם פון צפת און דערבײַ שרײַבט ער צו זיך אַליין:

דו, פּאָעט ! — וואָס וועט זײַן ?

און אַז ער דערציילט וועגן חייא דעם שומר, וואָס פּאָרט „נאָר היטן, נאָר היטן, נישט מאָרדן!" און ענדיקט די באַלאַדע וועגן אים.

„אין אַ פענסטער פּאַרטאָג איז געשטאַנען אַ פרוי
און ביטער געוויינט..."

ווערט אײַך אַלץ קלאָר. דאָס וואַכע וואַרעמע האַרץ פונעם ייִדישן אַרבעטער־דיכטער, דעם קיבוץ־חבר, איז אָפן פאַר אַלע ייִדישע וועכטער —

ווײַל עס דרעמלט נישט און שלאָפט נישט דער שומר אין ישׂראל!

ד

ביז עס איז געוואָרן ליכטיק, און ס'האָט אויפגעלויכטן דער מאָרגנשטערן. ביז עס איז געשען דאָס וואָס דורות האָבן דערויף געוואָרט: ס'איז באַנײַט געוואָרן די ייִדישע זעלבשטענדיקייט! און אַז די גרויסע מאַסן־עליה מיט ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן גיט פרײַערע מעגלעכקייטן דער שפּראַך, אין וועלכער דער דיכטער אַברהם לעוו שאַפט אין דער אייגענער היים, האָט דער „קיבוץ המאוחד" אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישׂראל אַ ייִדיש בוך — אַ בוך שירה אין ייִדיש, אַ ווערטפול בוך פון אַ חבר.

און די צײַט איז אַ שווערע, אַ פאַרמאַטערטע פאַר קולטור בכלל און פאַר ייִדישער בפרט. דער שפּרודלדיקער קוואַל פון ייִדישער יצירה אין מיזרח־אייראָפּע איז שוידערלעך אויסגעטריקנט געוואָרן: די אָפענע, פון אַזוי פיל זײַטן גוט־געהייסענע שפּראַך־אַסימילאַציע אין אַמעריקע פרעסט־אָפּ און פאַרשלינגט דאָס ייִדישע טעאַטער, די שול און דאָס בוך — דער בעסטער חלק דערפון, איז עס אַ גרויסע זכיה פאַר אַ דיכטער, אַז זײַנע לידער דערזעען די ליכטיקע שײַן אין אַזאַ ליכטיק־שיינער אויסגאַבע, מיט כּבוד און פּיעטעט אַרויסגעגעבן.

איז לעוו דאָ „אַנדערש" ווי אין די פריִערדיקע דינינקע זאַמלונגען זײַנע. ער איז דאָ פולער, גאַנצער, אַלזײַטיקער. אמת, א. לעוו האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעווינט פון זײַן איינפאַכן, פּשוטן, וואָכעדיקן לבוש; זײַן ליד הייבט אײַך נישט אויף צו די הייכן, פירט אײַך נישט אַוועק צו די ווײַטן, זשמורעט נישט און בלענדט נישט מיט וואָרט־רעפלעקטאָרס, רופט אײַך נישט צו רעוואָלט, צו פּראָטעסט, צו אויפשטאַנד, — עס לאָזט אײַך תּמיד בײַ דער ערד, בײַם באָדן, בײַם סאָד און פּרדס, בײַם רעגן און בײַם בלע־כענעם דאַך פון קיבוצישן באַראַק, — עס פרישט אײַך אָבער תּמיד אָפּ

מיט די ריחות פון פעלד, פון בוים, פון פרוכט; מיטן מילך־אַראָמאַט פון דער שטאַל, פון סטאַדע, פון יצירה, פון פאַרהאָרעוועטן לעבן.

און לעוו איז דאָ „אַנדערש" ווי אין די פריערדיקע לידער־זאַמלונגען, ווײַל... ער רימט שוין זײַן פאַרמעג, ער מאַכט שוין פאַרגלײַכן מיט געוועזנס, ער לאָזט זײַן ליד זיך איבעררופן מיט אַנדערע יידישע דיכטערס, מיט אַן אַנדער יידיש לעבן; ער איז טעמאַטיש רײַכער, ברייטער, אינטערעסאַנטער.

אָט דערזעט ער דאָס בילד פון זיידע־באָבע און באַפעלט דעם קינד זײַנעם, אַז דער בליק זײַנער זאָל דאָרט אַהין זײַן געווענדט, און אָט קלאָגט ער און פאַרקלאָגט זיך, וואָס ר'האָט צעטראָטן אַ גרעזל אין פעלד... אָט איז ער „דער וועכטער פון די נעכט דײַנע, די בלויע", און אָט גאָר ווענדט ער זיך צום חלום: „וויג מיך אײַן חלום זיסער, אין בלויער שײַן"... אָט קריכן בײַ אים אומעטיק די שעהען, דערמאָנענדיק זיך, אַז דאָרט איז שוין קיינער נישטאָ. און אָט גיט ער זיך תּהילימדיק אַ צעזונג „ברכי נפשי" און בעט זיך בײַ כּביכול:

דו לאָז מיך זײַן אַ שטיינדעלע
פון דײַנע בערג צעשאָטן בײַ די וועגן,
איך זאָל די גרויסקייט פון דײַן ווערק
באַנעמען יעדע רגע —

אָט באַפעלט ער דעם דיכטער אין זיך:

דו רעד. דו רעד פאַר ווענט, פאַר טיר, פאַר שויב,
ווײַל ערגעץ וועט דערגיין דײַן וואָרט, אָ, גלויב!

און אָט זינגט ער הללויה:

וויגט מײַן פעלד
זיך ליכטיק העל.
הללויה, זינג מײַן זעל.

און אַז ער זינגט שוין צום פעלד הללויה — און לאָמיר נישט פאַרגעסן אונטערצושטרײַכן, אַז אין דער יידישער דיכטונג איז עס ביז ארץ־ישׂראל נישט געווען אַזוי אָפט און אַזוי שכיח! — מוז ער שוין אַרויס פון זײַנע ענגע, וואָכעדיקע ד' אמות און מוז שוין זײַן דרייסטער און פרײַער:

קעפּ שוין גאָלדיק, צײַטיק, שטײַף,
קערנער פולינקע און רײַף,

ס'פלאַצט דאָס העמדעלע, דאָס דינע.
אויף מײַן פעלד עס רוט די שכינה.

גייט זיך סתם אַ ייִד אַרויס בײַ לעוון אין פעלד פאַר טאָג, מיינט ער, דער ייִד, אַז ער לייענט אַ מעשׂה. גייט ער אַליין אַרויס אין פעלד, דער־לאַנגט ער

— — אַ פאַל צו דער ערד
מיט שׂמחה מיט גרויסער באַלאָדן.

און בלײַבט ליגן פאַרטײַעט און פילט

די זיסקייט פון אייגענעם באָדן.

איז דאָס דער שליסל צו לעווס דיכטונג, צו לעווס דיכטערישער וועלט: די זיסקייט פון אייגענעם באָדן!

דערפאַר קאָן לעוו באַזינגען אין זײַן „היים און פעלד" אַכט אָדער מער מינים ביימער, דערפאַר קאָן לעוו זיך היימישן מיט פאַרשיידענע חיות, בהמות און עופות און זיי אָנרופן בײַ די נעמען...

און מעג לעוו באַוויינען די אַלטע היים, מיט עכטע, אמתדיקע רייד און טרערן, און מעג ער באַשרײַבן „אַ ווינטער" מיט אַזאַ כּוח און שיינקייט, וואָס קוואַליטאַטיוו וואַקסט דאָס איבער אַלע לידער פון דעם בוך, בלײַבט ער דער זינגער פון ייִדישן נײַעם דאָרף אין דער אייגענער היים, דער דיכ־טער פון ייִדישן פעלד, גראָז, בוים, אַרבעט און בוי. — דער משורר פון „היים און פעלד".

1954

אין קלעם

מיט אַ יאָר פופצן צוריק איז דערשינען אין לאַנד אַברהם לעווס אַ גרויסע לידער־זאַמלונג פון היים און פעלד. מיר האָבן דעמאָלט גערעדט און געשריבן וועגן בוך און אַרום דעם בוך, און אונדזער אויספיר איז געווען: דער שליסל צו לעווס דיכטונג, צו זײַן דיכטערישער וועלט, איז די זיסקייט פון אייגענעם באָדן! פון אַלע פירושים און אויסטײַטשונגען — הגם לעוון דאַרף מען נישט טײַטשן! — זענען מיר געקומען צום נאַטיר־לעכסטן פירוש: אַז, נאָר אַדאַנק זײַן גרויסער ליבע צו דער היים און צום פעלד וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אָט דער היים, קאָן ער, אין זײַן

דיכטונג, זינגען און באַזינגען בײַ אַ צען מינים ביימער, קאָן ער זיך היי־מישן מיט חיות און עופות און פייגל און זיי רופן בײַ די נעמען. און מעג ער באַוויינען די אַמאָליקע היים, די היים פון זײַן וויג און אויפגיי, מיט עכטע, אמתדיקע לידער־טרערן און נאָסטאַלגיש באַשרײַבן „אַ ווינטער" מיט אַ יכולת וואָס וואַקסט קוואַליטאַטיוו אַריבער די רעשט לידער פון באַהאַנדלטן בוך, בלײַבט ער דער זינגער פון נײַעם יידישן דאָרף, דער דיכטער פון יידישן פעלד, גראָז, בוים, בוי — דער משורר פון „היים און פעלד".

דאָס איז געווען מיט אַ פופצן יאָר צוריק.

וווהין האָבן אים די ווינטן פון די דאָזיקע פופצן יאָר פאַרטראָגן?

האָט דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָט דער שווינדלענדיק־לויפנדיקער תקופה געהאַט אַ השפעה אויף דעם יידיש־זינגער אַברהם לעוו און אויף זײַן ליד? איז, ווייניקסטנס, זײַן טעמאַטיק אַנדערש געוואָרן? אַמיין דאָס לאַנד אַליין, אָט די היים די נײַע, האָט זיך דאָך אַ רוק־געטאָן מעכאַניש־אַטאָמיש פאָרויס, די פענער האָבן פאַרבלאַסט און די לוחות — איינער האָט זיי צעבראָכן ווי משה און אַן אַנדערער האָט זיי פאַרביטן אויפן גאָלדענעם קאַלב ווי אַהרן, וואָס זשע זעט הײַנט אַ. לעוו אין זײַן היים און אויף זײַן פעלד? וואָס דערציילט אונדז נײַס די נײַע לידערזאַמלונג זײַנע?

און אַז איר לייענט מיט קאָפּ און מיט האַרץ לעווס הײַנטיקע לידער — און זײַנע לידער לייענען זיך מער מיט האַרץ ווי מיט קאָפּ! — זעט איר: אַברהם לעוו איז פולער, גאַנצער, אַלזײַטיקער. ער נעמט אַרום ברייטערע שטחים, קוקט אַריבער די גרענעצן פון זײַן באַגרענעצטער היים — דעם קיבוץ; זעט פײַן, צער, ווייטיק, עלנט, אַנטוישונג, אַלט־ווערן, קראַנק־זײַן — בײַ זיך און בײַ יענעם, נאָר דער באַגלייט־מאָטיוו, די סאָקן וואָס נערן אים, די זאַפטן וואָס רינען אין אים אַרײַן כּדי אַרויסצוזינגען פון אים מיט אָדעס, מיט שירה, זענען געווען און געבליבן זײַן היים און פעלד.

*

אַברהם לעוו איז באַקאַנט און היימיש אין דער וועלט פון יידישן ליד און איז נאָענט דעם לייענער ווי דעם קריטיקער. לעווס ליד לייענט זיך לײַכט און לאָזט זיך לײַכט פאַרדייען. איר מוזט דאָס נישט אַנאַליזירן, צעלייגן אבר־אבר באַזונדער, כּדי מיט קלוגשאַפט און מיט ווילקענטעניש אַרײַנטײַטשן אין דעם אײַער טײַטש, אײַער מיין. אין זײַן אָפנקייט און אָפנהאַרציקייט זינגט ער זײַן יעדעס ליד קלאָר, אָן פאַרהוילעניש. אַברהם

לעוו האָט זיך זײַן גאַנג און נוסח און איר קאָנט אים דערקענען אין די ליטוויציזמען (דער אַנשטאָט דאָס) מיטגעברענגטע פון יענער היים, מ׳קאָן דאָס אָננעמען, מ׳קאָן דאָס אויך אָפּפרעגן, — עס בלײַבט אָבער דער סימן־מובהק פון לעווס נוסח און סטיל. לעוו האָט אויך זײַן אופן פון אָפּהאַקן, אָפּרײַסן סופיקסן, אויב עס איז אים נייטיק פאַרן ריטעם, פאַר זײַן אינער־לעכער מוזיק. — „אויף אויפגעאַקערט... ערד און בייט״, „צווישן מײַן קיבוציש ...וואַך און וואר״, „וואָס האָבן דאָ אַן אייגן... הימל איבערן קאָפּ״, „„און טיפער פאַרגייט ער אין פעלד... הויכן ווייץ״, און נאָך, און נאָך. און אָט די אַלע סימנים זענען פאַרעקשנט אַרײַנגעוועבט אין דעם איצטיקן בוך, ווי אין די פריִערדיקע, און פון דעסטוועגן איז דאָס איצטיקע ליד טיפער, ברייטער, כ׳וואָלט אָפּילו זאָגן: קליגער, קהלתדיקער.

אַ בײַשפּיל: דאָס ליד „קינדער״.

עס טרעפט: אַרום דיר יאָגן קינדער זיך מיט פרייד,
און זייער לאַכן הילכט איבערן פליין.
דאָס פעלד איז ברייט,
דאָס גרין איז שיין;
נאָר דו אַליין
דערפילסט זיך אַזוי קליין —
אַ פינטעלע, אַ מאַן,
אַז קענסט אַרײַנקריכן אין שאָלעכץ פון אַ נוס;
עס קען צעטרעטן דיך אַ קינדערישער פוס,
וואָס איז אין שפּיל פאַרטאָן.

בלײַבסט שטיין פאַרגאַפט —
אַ זעמדעלע, אַ מיק.
נאָר לאָמיר שמועסן צוריק:
דער צער האָט דײַנע אַקסלען אויסגעבויגן, —
דערזעסטו ניט דאָס גרויסע גליק
פון אָט דעם יונגן דור
מיט פרילינגדיקע אויגן.

(ז׳ 13)

איז דאָס משלדיק געשריבן, פאַרמאָגט עס לעבנס־חכמה און רעזיג־נאַציע, אָבער זײַן בוך רופט ער אין קלעם.

וועל איך נישט אויסטיילן באַזונדער זײַן צעקלעמטקייט, — אַ רע־

זולטאַט פון דעם שווידערלעכן אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן מיטן פאַר־לירן איינעם פון זײַנע געליבטע זין, און דאָס בוך איז געהייליקט — אויך דאָס! כ'וויל בלויז אָנווײַזן מיט אָפענע רייד, ווי ס'איז דאָס לשון פון לעווס ליד, אַז לעוו איז אָפּגעגאַנגען אַ ווײַטן וועג און מיט אים — זײַן ליד, ווי לעוו אַליין זאָגט וועגן דעם:

מײַן וואָרט איז הײַנט פולער,
מײַן וואָרט איז הײַנט גאַנצער:
מיט הויטן, מיט גרינע,
דאָס לאַנד האָט מיט יונגינקן
וואַלד זיך באַפּאַנצערט.

(ז' 131)

אָבער אָפּגייענדיק און גייענדיק ווײַטער, זעט ער דאָס פולער און גאַנצער ווערן פון זײַן וואָרט אין דעם, וואָס „דאָס לאַנד האָט מיט יונגינקען וואַלד זיך פאַרפּאַנצערט".

און מ'מוז נישט זײַן „אַנגאַזשירט" — פאַר וואָס אַזוי פיל נײַע און אויך אַלטע דיכטערס, בײַ אונדז און אין דער וועלט ציטערן — כדי צו קאָנען שרײַבן אַפילו אין די פאַרקלעמטסטע רגעס לויבגעזאַנגען צום פעלד, צום וואַלד, צו דער היים. ס'קאָן גרײַלעך זײַן אַז גראָד אָט די גרויסע ליבע צו דעם אַלעם, וואָס ער אַליין האָט מיט זײַנע אייגענע הענט געמאַכט גרינען און אויפבליִען, אַז אָט די לבנה גיט אים אַ מקום־מיקלט וווהין ער אַנטלויפט אין צײַטן פון טרויער און צער, פון זיך און פון דער וועלט. און אַ. לעוו איז אין קלעם, סײַ אין פערזענלעכן סײַ אין געזעלשאַפטלעכן. אמת, מ'קאָן זיך אָנטרעפן אויף קלעממאָטיוון בײַ לעוון אויך אין זײַנע פריִער־דיקע שאַפונגען, אָבער דאָס מאָל פילט מען, אַז דער דיכטער פון פשוטן ערדישן וואָרט און מאָטיוו, וואָס הייבן אונדז נישט הויך און פירן אונדז נישט ווײַט, נאָר לאָזן אונדז תּמיד אויפן באָדן, אויפן פעלד, אין סאָד, אין פּרדס, אונטער מזל־ברכהדיקע רעגנס און אונטער דעם בלעכענעם דאַך פון קיבוצישן באַראַק, אַז אָט דער שטילער, צאַרטער ליריקער הויערט אונטער דער שווערער לאַסט פון פּחד און מרה־שחורה, פון צער און פון ווייִ און נאָר די ליבע און צוגעבונדנקייט צו היים און פעלד רײַסן אים און שלעפּן בײַ די לעצטע האָר פון קאָפּ, ווי יענער מלאך די געוויקסן, און באַפעלן אים: לעב און וואַקס!

אָט דערציילט ער, אין דעם ווייטיקדיקסטן אָפּטייל פון זײַן בוך („קינות") וועגן אומגעקומענעם זון זײַנעם און מיר פילן: ער שרײַט נישט,

נאָר ער טענהט זיך אויס, און מיר באַוווּנדערן דעם כּוח און דעם טאַלאַנט אַזוי צו שרײַבן, אַזוי זיך אַליין צו דערהייבן:

דײַן פאַרמירמלטער גוף אין טויטלעכן שטומען
איז ווײַט פון אונדז און דערהויבן.
עס וויינען אין גאָרטן די בלומען,
די שוואַלבן — בײַ מיר אין די שויבן.
אַפילו דערווינט,
וואָס אומעטיק פײַפט אין די בלעטער —
ווייס אויך,
אַז דו וועסט ניט קומען,
ניט איצטער, ניט שפּעטער.

(ז׳ 88)

צי דאָס ליד ווו ער דערציילט אונדז וועגן זײַן ווײַב, די פּאַראָבלטע מאַמע:

זי זיצט און רויכערט אַ סיגאַר,
דער ראַדיאָ שפּילט שאָפּענען.
אַ טיפער מאַמעדיקער צער
און אירע אויגן ברענען.

אַנטקעגן אויפן וואַנט דאָס בילד
פון זון וואָס איז געפאַלן,
און אויף זײַן יונג געזיכט עס שפּילט
דעם אָוונטס לעצטע שטראַלן.

זי קוקט מיט ווייטיק אָן איר קינד,
די ליפּן אירע פרירן.
עס בלאָזט אַרײַן אַ קאַלטער ווינט
דורך אויפגעפּראַלטע טירן.

די רויז אין בלומען־בעכער גליט,
די בלעטעלעך דערברענען.
פון דרויסן הערט מען שטילע טריט.
דער ראַדיאָ שפּילט שאָפּענען.

(ז׳ 107)

וואָס קאָן זײַן רירנדיקער, מיטרײַסנדיקער דורך פשטות, כ׳וואָלט שיִער געזאָגט: אידילישער, ווי אַזאַ בילד, ווי אַזאַ ליד? אויף אַ ווײַלע פֿאַרשווינדט דאָס בוך פון פאַר די אויגן און מ׳זעט פאַר זיך אַן ענלעך געמעל אין פאַסטעל. נאָר ווידער באַוווּנדערן מיר דעם דיכטער, מיט וואָס פאַר אַ כּוח ער באַמיט זיך אַרויסצורײַסן פון אָט דער קלעם און ער בעט זיך בײַ דער השגחה העליונה:

שייל אָפּ זיי, די בלעטער פון צער,
די בלעטער פון צער שייל אַראָפּ.

(ז׳ 110)

דערפאַר, אַז ער גייט איבער צו אַנדערע טענער, ווען אַפילו „פאַר־נאַכטיקע", דערזעען מיר און דערפילן, דאָס וואָס דער דיכטער האָט אפשר בלויז געאָנט אָבער נישט געפּלאָנט: די ביימער, די פעלדער, די הייס הייבן אים אַרויס פון דער קלעם און גיבן אים צוריק דאָס באַרויִקנדיקע, דאָס טרייסטנדיקע:

באַנעם דעם זין.
דערשפּיר
די קראַפט
פון בוים, וואָס גרינט
אַנטקעגן דיר
און קלעטערט,
שפּאַרט מיט זאַפט,
מיט בלעטער
טונקעלע, ווי רויכן —
רײַסט זיך צו די הויכן.

(114)

*

בלוי איז געוועזן דער הימל, וואָס האָט באַשירעמט און באַשיצט דעם ייִד־מענטש, וואָס איז געקומען אַהער אַרבעטן, פרייער זײַן, לויפן פאָרויס צו אומבאַקאַנטס, צו אומבאַשטימטס אין דער גורלדיקסטער תּקופה פון אַ לײַדנדיק פאָלק, כּדי דאָס פאָלק זאָל זײַן, זאָל ממשיך זײַן, זאָל ציִען דעם פאָדעם פון בענקשאַפט ביז ממשותדיקער דערגרייכונג. בלוי איז געוועזן דער הימל, וואָס האָט געהיימט און געשירעמט די שאַפערס די יונגע, די מיט באַגײַסטערונג אָנגעשיכּורטע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען פון איי־

גענעם ווילן — אָן אָנוויַיזונגען פון וויַיזערס און לא על מנת — צו באַזינגען און באַשריַיבן דאָס לאַנד פון די אָבות און די בנים, אין טעג פון אויפגייִ און אויפלויכט, ווי אין טעג פון אָפּגאַנג און ירידה, אין צײַטן פון רחמים און גנאָד ווי אין צײַטן פון ווייִ און פון פּיַין, באַרוועס, כאַליאַסטרעדיק, פאַרגאָסן מיט זון.

וווּנדערלעך בלויִ איז געווען דער הימל אין די אויגן פון די פאַרכּיי־שופּטע ייִדיש־זינגערס, וואָס האָבן נישט איין מאָל זיך פאַרקליניעט אינעם הונגערהעמד און אינעם סדום־בעטל פון די גורמים און פון דער צײַט, און אַרויסגעשאַלט פאַר דער ברייטער און גרויסער ייִדישער וועלט דאָס געזאַנג פון אויפקום און אויפבוי פון אַ היים, אַ פון בראשית צוגעזאָגטע...

דער באַרוועסער גאַנג פון די זינגערס — בעת יעדער איינער באַזונדער האָט געחלומט פון אַ שריַיבערקרוין און אַלע אין איינעם זענען געווען כּמעט איין האָמאָגענער אַנאָנים — האָט אַריַינגענומען אין זיַין געגייִ יעדן צוגעקומענעם מאַמין, וואָס האָט זיַין אמונה געפּרוּווט אויסזינגען אין ליד אָדער — אויסדערציילן אין דערציילונג, און מיט אומבאַגרענעצטן ווילן דורכגעריסן אַ וועג צו ייִדיש האַרץ אין אַ זיך־צעפּאַלנדיקער וועלט.

און אין די פּוסטריט פונעם הערלעכן ווידערגעבורט, אונטער זון־צעשטראַלטע בלויע הימלען, בצוותא חדא מיט יוסף פּאַפּירניקאָוו, מיט יעקב שטאָל ז״ל, מיט אריה שמרי און אַנד, האָט געשפּאַנט דער יונגינקער דיכטער־חלוץ אברהם לעוו און געזונגען זיַין ייִדיש געזאַנג, אינעם כאָר פון די ערשטע.

זיַין גייִן פאַרויס מיט ליכטיק געזאַנג פון היים און פעלד האָט אים בלויז עפּיזאָדיש געלאָזט אַריַין אין קלעם, פון וועלכן עס נעמט אים שוין צוריק אַרויס דער זעלבער גאַנג און פירט אים וויַיטער, וויַיטער צו די בלויע הימלען.

1968

ריקודה פּאָטאַש

די באַזינגערין פון ירושלים

ווער זינגט אַ ליד
פאַר מיר און די שטערן
ווען מיר גייען שלאָפן ?

ס'איז אַ באַרוועסע לבנה
איבער געסלעך איצט געלאָפן —
און אויפגעשפרייט האָט זיך די רו —
מיר זאָלן חלומען פון נעכטן
און די צעפּלעך אונדזערע
וועט זי קעמען און צעפלעכטן — —

(פון קדרון־טאָל, ז. 10)

אין דער יידישער פּאָעזיע אין ארץ־ישראל האָט ירושלים תּמיד געפונען איר בכּבודיק אָרט. יעדער דיכטער האָט כּביכול געפילט אַ חוב צו „שענקען" דער אייביקער ירושלים אַ טייל פון זײַן „אייביקייט". האָבן זיך כּסדר געריסן און דורכגעריסן שמעקעוודיקע געוויקסן דורכן אָנגעברוגזטן אומ־היימלעכן פאַרשטייניקטן באָדן. יידיש און ירושלים? — זיי זענען גאָר־נישט אַזעלכע ווײַטע און פרעמדע. די „צאינה וראינה" און די אָן אַ שיעור וווּנדערלעכע תּחינות האָבן שוין לאַנג־לאַנג, נאָך איידער ס'איז אויפגע־קומען אַ יידישע מאָדערנע פּאָעזיע, נאָענט געמאַכט איינס ס'אַנדערע. דער „גאָט פון אַברהם" און דאָס ליכט־בענטשן האָט פאַרשניטן אַ בונד צווישן דער אַלטיטשקער מאַמע ירושלים מיט אַלע, אַלע יידישע באָבעס און מאַמעס, וואָס האָבן געדאַוונט, געבענטשט און געוויינט אויף אָט דער שפּראַך.

און אַז דער דראַנג זיך צו באַהעפטן מיט איר האָט זיך פאַרשטאַרקט און עס האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער די זין מיט די טעכטער און אין זייערע מײַלער — שירה אין יידיש, איז ירושלים געוווען און געוואָרן אַ טייל, אַ וויכטיקער, אַ יסודותדיקער אין דעם דאָזיקן געזאַנג.

מ׳האָט באַזונגען דעם ישוב, דעם זיך ראַנגלענדיקן קאָלעקטיוו, ביז מ׳האָט זוכה געווען צו דער אויפגעריכטער מדינה. און ס׳איז געווען שפּע אינעם געזאַנג, און ס׳איז געווען ברכה אין דער קליינער, שיטערער שרייַבער־גרופּע, וואָס קיין האַנט האָט נישט געפירט, קיין ליבע האָט נישט באַגלייט, און קיין עכאָ האָט צו איר נישט אָפּגעהילכט. ס׳איז געווען דער גאַנג פון שרייַבן בריוולעך צו אַן אויסגעטחלומטער געליבטע...

און ס׳האָט זיך געשאַפן סטיל, פאַרעם, באַזונדערקייט. און צווישן די וואָס האָבן געוויזן דער וועלט אַן אייגנאַרטיק פּרצוף־פּנים איז געווען די דיכטערין ריקודה פּאָטאַש.

אירע לידער — ווי איר נאָמען — אַזעלכע ריקודיקע, טאַנצנדיקע, רמזימדיקע, וואָס הייסן דיך קוקן ווייַטער און העכער פון זייער ממשות־דיקער סובסטאַנץ. עס דערטראָגט זיך פון זיי באַלאַדישער ציטער, עס ליגט אויף זיי, אין גרעסטן טייל, די קדושה פון ירושלים עיר הקודש. און סיי דו האָסט דאָס בילד, וואָס זי שילדערט אין איר שיר, באַנומען מיט דייַנע חושים, סיי עס איז דיר געבליבן אין דרויסן פון דייַן באַנעמונג — תמיד איז ריקודהס ליד אַנדערש... און אָט די אַנדערשקייט ווינקט צו דיר, רעדט צו דייַן געמיט, זאָגט דיר צו.

*

נאָך אירע לידער „ווינט אויף קלאַווישן״, וואָס זענען דערשינען אין לאָדזש אין יאָר 1934, איז דאָס געזאַמל „פון קדרון טאָל״ (1952) אַ ברייטערער אויסשפּרייט פון איר דיכטעריש בלומען־פעלד. מ׳קאָן שוין איצט זען געצנוי איר פּנים און פאַרבינדן דאָס יידישע און דאָס טראַגישע פון איר אייגן פערזענלעך לעבן מיט דעם סימבאָליש־עטישן פונעם ירושלימער פּייזאַזש, וואָס „שלאָפט״... „אויף די קני פון טונקעלן אָוונט״ און מיטן געצעלט אירן וואָס זי האָט זיך געלאָזט שענקען פון דעם וואַלד־גזלן, דעם תנא ריש לקיש...

דאָס איז נישט נאָר ווייַבעריש־תחינההדיקס פון אַ מסורהדיק פרומער פרוי אין ירושלים, אָדער נאָסטאַלגיע נאָך די מקורות, נאָר עפּעס טיפערס און העכערס. איר סימבאָליק גייט ווייַט אַוועק פון די אויסגעלערנטע אָנגעצייכנטע ראַמען פון די סימבאָליסטן און פאַרמישט זיך מיט פאָלק־תמימות, מיט בענקשאַפט נאָך געוועזנס און מיט חזיונות וועגן דעם וואָס דאַרף זייַן. אין אַלץ וואָס זי שרייַבט פילט מען אַרויס ליבשאַפט, ליבע.

איז איר ליד אַ טיילכל, אַ טייל פון דער איר הייליקער און געליבטער ירושלים. די זאַמלונג טראָגט אין זיך דעם ריח פון דער שטאָט, פון די

קוואַרטאַלן אירע, פון די שטיינערנע מויערן, פון די הימלען און בערג וואָס האָבן אַזוי פיל וועגן זיך צו דערציילן. און די דיכטערין דערציילט, און דאָס ליד אירס ווערט באַלאַדעאַרטיק פאַרחלומט, באַצערט, און עס ווערט טייל מאָל אומהיימלעך אַפילו, שטייניק־האַרט, ווי ס'איז אַליין ירושלים. —

אויף די קני פון דעם טונקעלן אָוונט
שלאָפט ירושלים איַין
און שטיינער וואָס האָבן נאָך אָדמ'ן מיט
חוה'ן געטראָגן
האָרכן און שאָרכן אַ ליד —

לייגן די בערג אונטער זייערע הענט
און מאַכן אַ ווייך געלעגער
דער פאַרחלומטער שטאָט

און אין שאָטן פון קליינע הײַזער
גייען אַרויס צוויי שטערן
ווי קליינע קינדער פירן זיי זיך
פאַר די הענט —
קוקן זיך אַרום
סע גייען די שאָטנס פון בוימער
אויף די נעגל — —

שאַ שטיל —
שאַ שטיל —

(ז' 78)

און אָט אַזוי, שאַ־שטיל לייענען זיך ריקודהס לידער.

ריקודה וויל אויך זײַן „איך און איך", זי וויל אויך נישט פאַרגעסן „די גאָלדענע פאָווע" און „פונעם טאַטנ'ס חומשל", זעט זי ווי „די שטערן גייען מיט מיר שלאָפן" און אַז זי גייט שוין שלאָפן, ווען אַפילו מיט די שטערן, וועט זי זיך שוין דערמאָנען אין... „מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל ועל ראשי — שכינת אל" און עס וועט דערפון ווערן אַ ליד. ירושלים רופט און דערוועקט אין איר ייִדישקייט, דרייט זיך איר ליד אין אַ ריקוד אַרום דער דורך דורות געליבטער און געהייליקטער ירושלים.

1955

מיר וועלן דיך נישט פאַרגעסן

ריקודה,

ס'איז געווען אַ הייסער ירושלימער פרילינג־טאָג און מיר זענען גע־שטאַנען און געוויינט בײַ דײַן פרישן קבר.

ס'איז געווען ספירה־צײַט און דער קברן האָט מכריז געווען, אַז הײַנט טאָר מען נישט מספיד זײַן קיין מת.

ס'איז די ערשטע פרילינג־נאַכט.
די מאַנדלביימער שלאָפן מיט די קעפּלעך אײַנגעליולעט.
שאַאַאַ —

בין איך געשטאַנען און געשוויגן און אין מיר האָט געשריגן מיט קולי־קולות די פּײַן און דער ווייטיק: ווי אַזוי ביסטו אַוועק אַזוי פרי און אומ־געריכט, און געלאָזט דײַן אייביקע ירושלים אַליין, אָן אַ באַזינגערין? —

ווער וועט דערציילן וועגן ליאתן און אירע חברטעס — די תּימנער יידישע טעכטער פון די ירושלימער הייף און קוואַרטאַלן — און וועגן זייערע ליידן און פריידן?

ווער וועט באַשרײַבן סאַראַנעלן דעם פּײַפער, יוסופן דעם קרומען קאָפּ, דאָס הויז פון דאַנקבאַרקייט, די צוויי מאַמעס־קעץ מיט זייערע קעצישע משפּחות און זייערע פּײַן און לײַדן אויף אונדזער זינדיקער וועלט און וועגן די אײזלען און די אײזל־טרײַבערס וואָס די ירושלימער אָרעמקייט איז מיט זיי אַזוי רײַך?

געדענקסט? כ'האָב דיר אַ מאָל געשריבן — און דו האָסט דאָך אַזוי ליב געהאַט בריוו! — אַז די נאָגנדיקע ירושלימער גרויקייט, וואָס הימלט זיך אין הייליקייט, איז דער סימן פון דײַן שירה; ביסט פול דערמיט, ס'איז פול דערמיט דײַן ליד. איז ווּהין וועט גיין אָט־די גרויע הייליקייט, אַז דו וועסט זי מער נישט אויפנעמען, נישט אויפציִען מער אויף די דיכטונגס־פעדעם פון דײַן צער־פולן געמיט?

דו, וואָס ביסט אין דײַן ליד געגאַנגען אין אַזעלכע וווּנדערלעך־פליר־שענע באַבעשיך איבער דער שטייניקער ירושלים, ווי דו וואָלסט וועלן מזווג זײַן דײַן שיר מיטן שטייניקן אָרום; וואָס האָסט געזען אין איין פאַרבינדונג דאָס געוועזענע פאַרוואָרצלטע יידישע לעבן אינעם גרויסן, שעפערישן תּחום־המושב פון פאַר דער שוידערלעכער שחיטה מיט דעם מיסטישן צער־פולן קעניגרײַך פון דער אייביקער רעזידענץ אונדזע־

רער, — ווי ביסטו אין ספירה־צײַט אַוועק, זיך אײַנגעזאַמלט אינעם געזאַמל פון דײַן פֿאָלק און זיך אַנטשפּויזט מיט דער הייסער שטייניקער ערד פון הר המנוחות?

זאָל איך זאָגן, אַז דער טויט איז געווען אַזוי מאָדנע אײַנפֿאַלעריש ווי ס'איז געווען דײַן ליד? —

ריקודה,

אָט זע איך די „אסיפה פון די מילבן" וועלכע דײַן ליד האָט אַזוי אייגנ־אַרטיק־אײַנפֿאַלעריש אַרויפגעפירט „אין מיטן חודש שבט, אויף ר' מאירל דעם האַלב־בלינדנס אַ גמרא־בלאַט", נאָר דער חודש איז גאָר מײַ, הייסער ירושלימער פרילינג, און מיר שטייען בײַ דײַן אומגעריכטן קבר און שרײַען שווײַגנדיק:

ווײַ, ווײַ. נ̇י על דאבדין ולא משתכחין.

מיר וועלן דיך, ריקודה, קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

1965

א. קאַליר, אין פּרוכטבאַרן שאַפן

אליעזר קאַליר איז שוין לאַנג נישט קיין פּנים חדשות אין אונדזער ליטעראַטור. זײַנע פינף ביכער, וואָס זענען ביז איצט דערשינען, צווישן זיי — די רירנדיקע טיף־מענטשלעכע לידער־זאַמלונג „שטיל געוויין״, גע־ווידמעט דעם אומקום פון זײַן זון אין אונדזער באַפרײַונגס־קריג, האָבן אים מזכּה געווען מיט אַ חשוב אָרט אין די רייען פון די שעפער אין ישׂראל. און פון דעסטוועגן דערשײַנט ער פאַר אונדז תּמיד נײַ.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט א. קאַליר דעביוטירט מיט אַ בילדל אין די „שטאַמען״. צוואַנציק יאָר, און יעדעס בילדל זײַנס, יעדער סקיצע, יעדער שטייגער־דערציילונג, וואָס דערשײַנט פון אונטער זײַן פעדער, רופן זיך איבער מיט דער דאָזיקער ערשטער סקיצע און קומען אַרויס נײַ און פריש; סײַ עס איז דיר באַקאַנט און סײַ עס איז דיר נײַ. ווײַל אין יעדן פון זײַנע ביכער, וואָס זענען על פּי רוב זכרונות פון פאַרגאַנגענע צײַטן, אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז אַ נײַע גאַלעריע טיפּן, וואָס אַז איר ווילט, זענען זיי ענלעך איינער צום צווייטן ווי צווילינג־ברידער, און זענען אײַך במילא גוט־באַ־קאַנט פון אליעזר קאַלירס פריערדיקע טיפּן, און אַז איר ווילט — זענען דאָס נײַע, באַנײַטע (טייל מאָל, אַפילו איבערגעאַרבעטע) טיפּן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען ווירקלעכקייט און זענען געוואָרן אַנדערע, משלנודיקע.

ווײַל אליעזר קאַליר פאַרמאָגט אָט דעם גאָט־געבענטשטן פונק פון קאָנען אויפלעבן פון לאַנג שוין פאַרגאַנגענע געשטאַלטן, סימפּאַטישע און אַנטיפּאַטישע, אָפּשטויסנדיקע און ליבע־אַרויסרופנדיקע, און אַרײַננע־מענדיק זיי אין די ראַמען פון אַ בוך, ווערט פון זיי אַ מין צונויפנעם פון פאַרשיידענע געשטאַלטן און טיפּן, וואָס סײַ זיי פאַרהיטן זייער אייגנאַרט און סײַ זיי ווערן אַלע איין גאַנצס.

אַז איר לייענט א. קאַלירס ביכער האָט איר דעם אײַנדרוק, ווי דער מחבר וואָלט מיט ליבשאַפט און רחמים צוריקגעגאַנגען אַ האַלבן יאָר־הונדערט צו די רויִנעס פון דער אַלטער היים און אַרויסגעהויבן פון דאָרט אָט די אַלע ליבע, שוין באַלד אין גאַנצן פאַרשוווּנדן־געוואָרענע געשטאַלטן. פון דעם אַלטן פּאַטריאַרכישן רב. דורך „חיים סאַטסקי״, „סטודענט זאַס־

לאַווסקי״ ביז להבדיל, דעם „רבי פון די גנבים״, אָדער דעם „הייליקן״ געשמדטן, וואָס גייט אין שפּיץ פון די גויִישע לוויות און קלינגט בים־באָם, באָם־בים — און דורך זיי אַלע גייט־דורך איין רויטער פאָדעם פון פאָלקס־טימלעכקייט, פון אָרעמקייט און נויט, פון ייִדישער אחדות, פון ייִדישער גורלדיקייט. און וואָלט קאַליר בלויז דאָס געטאָן — בלויז אַרויפגעברענגט אויפן פּאַפּיר, צום אייביקן געדענקען, אָט די אַלע פון לאַנג שוין אַוועק־געגאַנגענע ייִדישע געשטאַלטן, וואָלט מען דרייסט געקאָנט זאָגן: דיינו. איז אָבער קאַליר געבענטשט מיט אַ גאַנץ־אַנזעעוודיקער דאָזע הומאָר — קריצן זיך זײַנע שאַפונגען אײַן אין זכרון, צי איר טראַכט יאָ וועגן זיי, צי ניין.

וואָס איז דאָמינירנדיק בײַ אליעזר קאַליר? וואָס איז אים צום מערסטן נוגע? — ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע איז גאָרנישט צו שווער: סאָציאַלע עוולות. די עוולות פון בין אדם לחברו, און די אומאויפהערלעכע שוידער־לעכע עוולות פון גוי צו ייִד.

אַז איר לייענט קאַלירס ערשטע סקיצע געשאַפן אין לאַנד (געדרוקט אין „נײַע שטאַמען״, מײַ 1938, תּל־אביב) אונטערן נאָמען „אַ נאַכט אין פּתח־תּקווה״, ווו דער מחבר ציטערט־אויף פונעם געוואָי פון שאַקאַלן, שטויסט איר זיך אָן אין אַזאַ עכטער שילדערונג:

„איך שלאָף אײַן... באַוויַיז נישט איבערצוכאַפּן דעם ערשטן דרעמל — אַ יאָמערײַ, אַ קלאַגערײַ, אַ מאַסן־היסטעריע, אַ יללה!..

איך שפּרינג־אַראָפּ נישט טויט און נישט לעבעדיק פונעם געלעגער:

— וואָס איז געשען, אַ שׂריפה? אַן אָנפאַל?!

— שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, באַרויִקט מיך די מאַמע, ס'איז גאָרנישט. דאָס וואָיען בלויז די שאַקאַלן אויף די פעלדער, אין די פּרדסים... מ'זאָגט — גיט צו די מאַמע — דאָס קלאָגן זיי אויפן חורבן בית המקדש.

אגב, וועגן די שאַקאַלן האָב איך גראָד געהערט נאָך בײַ טאָג. די מאַמע האָט אַלץ געדאגהט, זיי האָבן בײַ איר אויפן באַגינען די הינער פון שטײַג אויפגעגעסן.

— אַהאַ, זאָג איך, דאָס זענען עס די שאַקאַלן, וואָס שלעפּן בײַ דיר די הינער פון שטײַג!.. אַפּריִער קלאָגט מען אויפן חורבן בית המקדש — דערנאָך פאַרבײַסט מען מיט אַ געגנבעט הינדל. גאָר פרומע נשמות, כ'לעבן. זייער פײַן!...״

אויסטײַטשן אָט דאָס טרעפלעכע בילד איז לחלוטין איבעריק. דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון קאַלירס שאַפן. אין זײַנע שאַפונגען הערט איר אָט־די רייד וואָס קומען פון מויל פון כלערליי ייִדישע פאָלקס־טיפּן, סײַ פון

די, וואָס שטאַמען פון דער „נידער” און טענהן זיך אויס מיט גאָט אָדער מיט די „שיינע” יידן, די שטאָט־באַלעבאַטים, סיי פון די טײַערע, האַרציקע פאָלקס־ברידער, וואָס זענען צוליב דער יידישער ספּעציפישער אָדער עקאָ־נאָמיש־אַלגעמיינער לאַגע פאַראומערט, דערשלאָגן, פאַרביטערט. קאַליר פירט זיי, די שוין פון־לאַנג פאַרגעסענע, מיט אַ ליבער פאָטערלעכער האַנט, מיט אַ געפיל פון רחמנות און מיט אַ גוטווייליקן שלום־עליכמדיקן צו־שמייכל...

*

אָט איז דערשינען א. קאַלירס אַ נײַ בוך, דאָס 5טע, א. נ. „בשׂוֹא גלים” (בעת די כוואַליעס שטורעמען). זענען דער רוב סקיצן און דער־ציילונגען פון דעם דאָזיקן בוך אַ נאַטירלעכער המשך צו זײַנע פריערדיקע ביכער. אַלע העלדן זענען אַרויסגעבראַנגט פון דער אַמאָליקער שטעטלשערווירקלעכקייט. ווי אין זײַנע פריערדיקע ביכער אַזוי אויך אין דעם טרעפן מיר זיך פנים אל פנים מיט די יידן פונעם נאָענטן אַמאָל, מיט זייערע חלומות, פאַנטאַזיעס און מיט זייער אויסערגעוויינלעך־שטאַרקן דראַנג צו לעבן. און ווידער האָסטו דאָס געפיל, אַז אליעזר קאַליר איילט זיך זיי אַרויסצוראַטעווען פון פאַרגעסונג, זיי זאָלן נישט חלילה בלײַבן ערגעץ פאַרשיט מיטן שטויב און זאַמד פון דער צײַט. ווײַל, ווער וועט העלפן? אַז אַלץ איז אונטערגעגאַנגען, אַלץ איז געוואָרן חרוב ונחרב — ווער וועט ראַטעווען?! איילט זיך קאַליר און מיט אַ לײַכטער פעדער, — אין יידיש, און לאָזט זיי דערנאָך איבערזעצן אין העברעיִש — ברענגט ער אַרויף אָט די אַלע טראַגישע געשטאַלטן, וואָס זענען פול מיט יידישן חן, מיט אהבת ישראל, מיט אהבת החיים. ווײַל קאַליר האָט אַ גוטן זכּרון, און ווײַל עס דינען אים געטרײַ אויג און אויער, קאָן מען מיט הנאה לייענען זײַנע ווערק און דערבײַ דערזען אַ וועלט, אַ יידישע וועלט אין אָפּגאַנג... און עס טוט דיר וויי אויף דעם חורבן, אויף דעם פאַרגאַנג, און שמייכלסט האַרציק ווען קאַלירס הומאָר טרעפט אין פּינטל. און כאָטש דו האַלטסט נישט, אַז דאָס איז דער עיקר פון דער ליטעראַטור — פון דער יידישער אַפילו, מוזסטו אָבער צוגעבן, אַז א. קאַליר דערפילט אַ נאַציאָנאַלע שליחות מיטן פאַרצייכענען אָט די אַלע געוועזנע, שוין באַלד פאַרגעסענע ברידער.

1959

י. ח. בילעצקי

זײַנע „ייִדישע ווערטער״

פון זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג „אומרו״ (1937) ביז די איצטיקע — „ייִדישע ווערטער״ (1948) איז פאָלג מיך אַ גאַנג. אויך אין „אומרו״ איז געווען פּאָעטישע אַטמאָספּערע, ס׳איז געווען אַנזאָג, אַנדײַטונג. און — יאָרן האָבן אויך וואָס צו זאָגן, און צײַט־גײַסט — אויך. אָבער דיכטונג מעסט מען נישט מיט דער עלטער פונעם שעפער, און אַפילו נישט מיט דער צײַט, אין וועלכער ער שאַפט, נײַערט מיט איר וואָג, ווירקונג, מיט איר אייגענעם ווערט. איז טאָקע די איצטיקע זאַמלונג אַליין אַן עדות פאַר אַן אַנגעזעענעם שפּאַן אויף פאָרויס.

דאָ איז פאַראַן שטימונג, הגם עס איז דאָ פאַראַן אַן איבערוואָג פון מוח איבערן האַרץ. קאָן זײַן, אַז עס קאָן אַנדערש נישט זײַן. אונדזערע מוחות, די אויסגעשאַרפטע אין דער געראַנגל־עפּאָכע האָבן אין אונדז באַזיגט דעם האַרץ־פלייץ און אונדז געהייסן זען אַלץ מיט „אויגן״ פון לאָגיק, פון חשבון.

דערפאַר וועט דעם פײַנעם אויער פונעם שפּראַך־עסטעט נישט רייצן דאָס האַרבע וואָרט, אַ מאָל די נישט־געהובלטע שורה, ווי ס׳איז געווען דער פאַל ביי די פריערדיקע זאַמלונגען בילעצקיס. דאָ איז אין אַ גאַר־גרויסער מאָס די שלמות אַן אַנזעעוודיקע, אַן אויבנאויפיקע.

וואָס איז די טעמאַטיק פון די „ייִדישע ווערטער״?

ייִדישע ווערטער הײַנט קאָנען קײַן אַנדערע טעמאַטיק נישט האָבן: היים, בענקשאַפט, הספד, גלויבן. אָן דעם וואָלטן זיי נישט געווען ייִדיש. און י. ח. בילעצקי איז געטרײַ זײַן אינערלעכן רוף. שוין די נעמען פון די לידער זענען דערויף עדות: „ייִדישלאַנד״, „אַ בריק בין איך״, „געווען אַ לעבן״, „מײַן ים אין תּל־אביב״, „ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער גלויבן״. אַזעלכע נעמען גיבן אויס דעם סוד פון זייער אינהאַלט.

י. ח. בילעצקי, דער תּל־אָביבער, דער ארץ־ישׂראלדיקער דיכטער מאַכט

אַ חשבון מיט דעם וואָס געווען; האָט נישט מורא צו דערציילן, אַז ער בענקט:

אין אומעטיקע נעכט דערגאַנגען איז צו מיר אַ וואָרט:
היים!
דערבליקט האָב איך אין ווײַטן, דאָרט:
טאַטע־מאַמע־ברידער, — און אַ שטאָט.

ער זוכט דרייסט דאָס ליד,

וואָס זאָל דורך ווײַטע וועגן, שליאַכן
גיין צו קליינע קינדערס וויגן
און מיט טויזנט חנעוודיקע גראַמען
וואַכן —

ער קלעטערט אַרויף „אויפן ייִדישן לייטער" און זעט דאָרט:

פּלייצעס — און אויף זיי דער עול.

ער קומט צו זײַן ים אין תּל־אָביב („מײַן ים אין תּל־אָביב") און זינגט דאָרט שירה:

דאָס ליד פון מײַנע צוויי־און־צוואַנציק ייִדישע אותיות.

ווײַל —

גוט ביסטו צו מיר, מײַן ים,
ווי גוט ס'איז צו מיר מײַן ייִדישער אות.

ער זוכט דאָס ליכט אין די רויִנען און פרעגט:

צי וועלן מיר זיי זאָגן, אַז דער תּיו
דאָרט
איז ניט דער סוף,
נאָר אַ נײַער אָנהייב פון אַ וואָרט
דאָ — —

ביז ער קומט צום ליכטיקן אויספיר, אַז:

ס'איז נישטאָ קיין אַנדער גלויבן,
נאָר אין אַ וויגל פון אַ קינד.

ס'איז נישטאָ קיין אַנדער גלויבן,
נאָר אין אויפשפּראָץ פון די זאַנגען אויף די פעלדער.

אַזאַ איז זײַן גאַנג און אַזוי איז דאָס ליד.
וואָרעם, אַז —

געפּלאַצט דער לאָגל
און אויסגערונען איז פון אים
אַ לעבן
פון טאַטע־מאַמע.

שטײַגט דער דיכטער העכער, איבער פּײַן און וויי, און הערט דעם רוף פון זייערע גופים:

גלויב !

ער וועט שוין גיין אין די גלייביקע וועגן פון דער ייִדישער שירה און וועט אַרויסשעפּן פון דאָרט באַגײַסטערונג און דערמוטיקונג. זײַן טאַשן־ביכעלע מיט רײַפע לידער „ייִדישע ווערטער" און די צײַט אין וועלכער מיר לעבן — וועלן אים פירן און דערפירן.

1948

„מסות"* — עסייען וועגן ייִדישער יצירה

מיט אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צו ייִדישער ליטעראַטור און צו ייִדישע שרײַבער איז דער דיכטער י. ח. בילעצקי צוגעגאַנגען שרײַבן, און אויפזאַמלען, זײַנע עסייען וועגן ייִדישער ליטעראַטור־שאַפונג. מיט אַן אָפן האַרץ און מיט גרויסן דרך־ארץ צום ייִדישן געשריבענעם וואָרט האָט ער צוגעטראָגן דעם בעסערן העברעיִשן לייענער אַן אינטערעסאַנטן עסייען־רינג וועגן דער „אויסטערלישער" ליטעראַטור, וואָס לויט אַלע נבואות און אינטעליגענט־דאָקטוירישער פּאָרויסזאָגונג האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט דאָ בלײַבן בלויז איר זכר...

„אַן עסייִסט, וואָס איז נישט אָפנהאַרציק, וואָס פירט נישט זײַנע שמועסן מיט קלאָרן בליק און ליטעראַטור־מחשבה, האָט אויף זײַן שאַ־

---

* י. ח. בילצקי, מסות בשבילי ספרות יידיש. פאַרלאַג „גזית" תל־אביב. 1960, 352 זייטן.

פונג־וועג מיט דער עסיי זיך קיין מאָל נישט באַגעגנט" — זאָגט דער מחבר אין זײַן אַרײַנפיר. „אַן עסייִסט, וואָס איז נישט קיין דיכטער, — זאָגט י. ח. בילעצקי, — ווייסט נישט דעם סוד פון דעם עסיי". איז ווײַל ער גיט־אָפּ שוין אין אָנהייב אָט־אַזאַ „דעקלאַראַציע", ווערט אײַך קלאָר, הלמאַי אין טעג פון אָפּשפּאָט און פון צונישטמאַכן אַלע ווערטן — ובפרט נאָך: נישט אייגענע — שטעלט זיך אַוועק אַ מענטש בשער בת רבים און רעדט מיט אַזאַ פּאַטאָס, מיט אַזאַ ברען וועגן יידישער ליטעראַטור. איר דערפילט באַלד, אַז דאָ רעדט אַ נאָענטער, אַן אייגענער וועגן ענינים וואָס זענען אים נאָענט, ליב און אייגן. איז, דעריבער, שוין דאָס אַליין — די ליבשאַפט און דער יראת הכבוד — איינע פון די וויכטיקסטע מעלות פון י. ח. בילעצקיס עסייען.

די צווייטע וויכטיקע מעלה — וואָס איז, אייגנטלעך, די עיקר כוונה פונעם מחבר — איז דאָס עצם ברענגען פאַרן העברעיִשן לייענער אַזאַ רײַכן רעגיסטער פון פּאָעטן און דערציילער — אַריבער פערציק! — וואָס שאַפן אָדער האָבן געשאַפן אין לשון יידיש און אים זאָגן: „נאַ, זע, אויך יידיש איז נישט עפּעס אַ יתום־קטן, אַ נעבעכל... ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען".

זענען דאָס מעלות, וואָס נישט אַלע זאַמלונגען פון דעם מין פאַרמאָגן זיי. זענען דאָס מעלות, וואָס אַליין און פאַר זיך רופן זיי אַרויס אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג בײַ די, וואָס דאָס יידישע וואָרט איז זיי ליב און טײַער, און די־אָ מעלות דערהייבן דאָס בוך „מסות" צו דער מדרגה פון אַ וויכטיקן אויפטו.

*

און פון דעסטוועגן איז נישט לײַכט צו געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע: צי קאָן מען אָננעמען י. ח. בילעצקיס „מסות" ווי דאָס רעפּ־רעזענטאַטיווע בוך, ווי די וויזיט־קאַרטע פון דער יידישער ליטעראַטור בעת איר אַריבערטרעטן די שוועלן פון די העברעיִשע געצעלטן.

קודם־כל — דאָס אַדורכלאָזן וויכטיקע נעמען. עס פעלן דאָ עסייען וועגן שרײַבער, וואָס די יידישע ליטעראַטור מימי פרץ ועד הנה האָט זיך אויף זיי אָנגעשפּאַרט. און ווײַל דער פאַרשטעלער י. ח. בילעצקי האָט נישט פאָרגעשטעלט פאַרן העברעיִשן לייענער נעמען, וואָס סוביעקטיוו גענומען פעלן מ'ער אויס, זע איך עס ווי אַ בלויז.

אמת, בילעצקיס צוגאַנג איז אַן אינטימער, און דאָס גראָד העלפט אים שפּאַנען אינעם געדיכטן וואַלד פון דער יידישער שאַפונג. און ער האָט

זיך גראָד אויף וועמען סומך צו זײַן. אין זײַן אַרײַנפיר צו דער גרויסער לייוויק־מאָנאָגראַפיע שרײַבט שמואל ניגער צווישן אַנדערס: „דער קרי־טיקער, דער אידעאַלסטער אַפילו (אַלץ איינס צי ער ווייסט דערפון צי נישט) איז, סוף־כּל־סוף, נישט מער ווי אַ לייענער וואָס דערוועגט זיך צו ווערן אַ שרײַבער"... און ש. ניגער מאַכט דערפון די גוט־באַקאַנטע אויספירן, אַז דער לייענער וואָס ווערט אַ קריטיקער, קאָן דעם דיכטערס דערפאַרונג, די שאַפונג זײַנע נישט אויפנעמען און אַפילו נישט באַנעמען „סײַדן נאָר דורך דער פּריזמע פון זײַן אייגענער לעבנס־דערפאַרונג". וועט קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז דער דיכטער־עסייִסט י. ח. בילעצקי פאַרמאָגט אייגענע דערפאַרונג און עס איז אים נישט באַזונדערס שווער אַרײַנצו־דרינגען אין די לאַבירינטן פון דער ייִדישער יצירה, כּדי אַרויסצוברענגען פון דאָרט, אויף זײַן אופן, דאָס שיינע, דאָס וויטאַלע, דאָס שעפערישע גוטס פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זײַן שאַפונג איז קאָמפּלעט, אויב עס וועט ווער זוכן און נישט געפינען נעמען, וואָס זענען וויכטיק, וואָס האָבן זייער אָרט אין דער ליטעראַטור און פעלן אויס אין די „מסות".

אַ צווייטער פאַל פון נישט־שלמות געפינט זיך אינעם אופן, אין דער פאָרעם פון באַשרײַבן דעם שרײַבער.

אויך עסיי, אויב ער מיינט נישט בלויז און נאָר אַ שווים־טאָן, אָדער גאָר זיך אַראָפּלאָזן ווי אַ טויכער אינעם ים פון געדאַנק און אַבסטראַקציע, נאָר האָט פאַר זיך ממשותדיקן ציל, ווי אין אונדזער פאַל: באַקענען דעם העברעיִשן לייענער מיט די אָנערקענטע מיטשאַפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, — מעג זיך דערלויבן, ווי דאָס האָבן זיך „דערלויבט" די עסייען פון אַ ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, שלמה ביקל, מלך ראַוויטש, א.אַ. צו רעדן וועגן אַ שרײַבער ווי וועגן אַ לעבעדיקן מענטש; אַרויסהייבן אַן אינדי־ווידועלן שטריך, אַ כאַראַקטער־שטריך, אַ כאַראַקטער־צייכן, אַ חן־גריבעלע, וואָס זאָל ערגעץ ווו אַ לײַטער־טאָן עמעצנס געמיט־צושטאַנד; אַרויפ־ברענגען אַ דיכטעריש געשטאַלט מיט מענטשלעכע פּניות, וואָס זאָל מאַכן אויפּציטערן בײַ וועמען־ס'איז אַ פאַרבאָרגענע סטרונע... זאָגט דאָך טאַקע ביאַלאָסטאָצקי אין זײַן בוך עסייען „חלום אין וואָר": „און כאָטש איך זע פאַר זיך דאָס גרויסע בילד פון דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע... דאָך רעדט זיך דאָ מער פון אַלץ וועגן ייִדישע פּאָעטן אין צפון אַמעריקע". לייען אויפמערקזאַם: וועגן ייִדישע פּאָעטן! באַניצט זיך אָבער י. ח. בילעצקי מיט פּאַטאָס, מיט אַ סך פּאַטאָס, וואָס פאַר זיך אַליין האָט עס טיפע שיינ־קייט און ווײַטן ווערט, ס'איז אָבער פאַראַן אַ חשד, אַז דער לייענער פון

העברעיִשן בוך, וואָס ווייסט נישט וועגן י. ח. בילעצקיס גרויסער ליבע און נאָך גרעסערן פּחד פאַר דער פאַרנעפּלטער צוקונפט פון דער יִדישער ליטעראַטור, זאָל זען אין דעם דאָזיקן בוך אַן אויסדרוק פון פּשוטער אַפּאָלאָגעטיק.

און פון דאַנען צום אופן פון ציטירן.

אַוודאי קאָן דאָ קומען אַ ר׳ לוי־יצחק און זאָגן: רבונו של עולם, זעסט דײַן פאָלק ישׂראל? אַפילו רעדנדיק צו די העברעער אין זייער לשון, רעדט ער אויך (ציטירט ער) יִדיש. אָבער אין דער אמתן מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן: איז דאָס בוך געשאַפן געוואָרן בלויז פאַר סנאָבן, וואָס קענען נאָך אַ שטיקל יִדיש, נאָר מ׳דאַרף און מ׳מוז צו זיי קומען וועגן יִדישער יצירה אין העברעיִש — איז עס אַ ברכה לבטלה, איז אָבער אויסן דער מחבר צו דערציילן וועגן אַן עקסיסטענץ פון אַ גרויסער יִדישער ליטעראַטור דעם נאַטירלעכן העברעיִש־לייענער — דער יוגנט אין ישׂראל און די נישט־אשכּנזישע עדות, האָט ער געדאַרפט און געמוזט דאָס טאָן נאָר און בלויז אין עברית.

זענען דאָס בלויזן, וואָס בילעצקי וועט מוזן אויספּילן. ווער שמועסט נאָך, אַז דאָ און דאָרט לײַכט־אויף אַן עסיי, וואָס באַווײַזט אַז י. ח. בילעצקי ווייסט און קאָן שרײַבן, נישט בלויז מיט ליבע און פּאַטאָס, נאָר אויך מיט פאַרטיפונג, מיט פאַרשטענדעניש, מיט אַרײַנלעבן זיך — איז עס אים אַוודאי מחייב. איינע פון די ווערטפולסטע עסייען פון דעם מין איז די פֿײַנע, די געלונגענע עסיי וועגן דיכטער א. לעיעלעס. דאָ באַווײַזט זיך דער יִדישער דיכטער און העברעיִשער עסייִסט י. ח. בילעצקי ווי אַן ערנסטער, טיף־אַרײַנטראַכטנדיקער קריטיקער און פאַרשטייער פון יִדישער פּאָעזיע. דאָ באַווײַזט אונדז בילעצקי, אַז ער ווייסט דעם סוד, ווי אַזוי מ׳דאַרף פאַר־שטעלן אַ „פרעמד־שפּראַכיקן״ שאַפער־נאַוואַטאָר פאַרן לייענער פון העב־רעיִש; דאָ באַשטעטיקט בילעצקי אַליין די ריכטיקייט פון דער אַקסיאָמע, אַז נאָר אויף דעם וועג, אויפן וועג פון גרינטלעכן אויפנעמען און באַנעמען דעם שרײַבער, וועגן וועלכן מ׳שרײַבט און אים באַווײַזן „סײַדן נאָר דורך דער פּריזמע פון אייגענער לעבנס־דערפאַרונג״ קאָן מען צוקומען צו עסייִ־שער שלמות.

וועלן מיר פאַרלאַנגען פון בילעצקין דערגאַנצונגען. וועלן מיר נישט מוותר זײַן דעם יִדישן דיכטער י. ח. בילעצקי אויף מער אָנשטרענגונג בעתן פרעטענדירן פאַרצושטעלן די יִדישע ליטעראַטור און אירע שעפערס פאַר אַ כּמעט פרעמדער און אפשר — אין אַ געוויסער מאָס — פײַנטלעכער

וועלט. אָבער „מסות״ פאַרמאָגט אַזוי פיל פּאָזיטיווס, אַזוי פיל ליבשאַפט און מסירת נפש, אַזוי פיל גוטס און שיינס אַז עס וועגט איבער די אויסגע־רעכנטע פעלערן.

1960

„קאָצק״ אין ליכט פון פּאָעזיע

חסידות, ווי אַ טעמע איז שוין לאַנג אַן אָרגאַנישער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור. און נישט בלויז פאַר דער ליטעראַטור, נאָר אויך פאַר אַנדערע צווייַגן פון אונדזער קונסט, ווי מאָלעריי און ניגון — איז חסידות אַן אינספּירירנדיקער פאַקטאָר.

אַז מיר ווענדן צוריקגיין צו י. ל. פּרץ און פאַר אים, וועלן מיר זיך אָנשטויסן אָן אַ גאַנצער ריי יידישע יוצרים, סיי אין דער ליטעראַטור און סיי אין דער מאָלעריי און מוזיק, וועמען דער „אויב נישט נאָך העכער״ האָט באַווירקט און באַוויגן צו העכערן זען, צו טיפערן טראַכטן, צו ברייטערן באַנעמען, צו התלהבותדיקער ייד־ליבשאַפט וואָס קומען פון תּלמודישן זאָג רחמנא לבא בעי, און איז דער דעוויז פון יעדן חסיד ותּמים פון דעמאָלט ביז הייַנט, וואָס האַלט אַז דער רחמן וויל בלויז דאָס האַרץ, די האַרציקייט...

וועגן קאָצק איז אָבער דאָ נאָך עפּעס.

אָט הייבט אָן פּראָפ׳ אברהם יהושע העשל ז״ל זייַן בוך „קאָצק״ מיט אַזעלכע ווערטער: „אין מייַן גאַנץ לעבן האָבן געקאָכט אין מיר די ווערטער פון קאָצקער רבין. הגם נישט תּמיד מסכּים געווען, האָב איך אָבער אַלע מאָל געפילט זייער מעכטיקן שטויס״. הייסט דאָך דאָס, אַז ער האָט נישט תּמיד מיטן קאָצקער מסכּים געווען — איידל גערעדט — אָבער דאָך זענען די מעשׂים און די אַספּיראַציעס וואָס ר׳האָט פון דאָרט געשעפּט, געווען דער מעכטיקער שטויס אויף אָנצושרייַבן אין יידיש דאָס פולסטע און וואָגיקסטע בוך וועגן תּורת קאָצק.

איז געקומען דער יידיש־דיכטער ישׂראל־חיים בילעצקי שיבל״א, און אונדז דערלאַנגט אַ פּאָעמע פון אַ 120 זייַטן (זיבעציק לידער!) א. נ. „ביים קוואַל פון קאָצק״, אין וועלכער ער באַלייַכט אין שירה־שורות דאָס קאָצק שבלב, און דערציילט אין אָט דעם פּאָעטישן ווערק אַלץ, אָדער: כּמעט אַלץ, וואָס קאָצק האָט אין איר אויסטערלישקייט, געגעבן און גענומען. פאַרשטייט זיך, אַז דער דיכטער י. ח. בילעצקי איז אַ סך אַ ווייטערער קרוב

פון קאַצק ווי ס'איז געווען למשל דער שרײַבער פּראָפ' העשל ז"ל. בילעצקי אַליין איז זיך מודה אין זײַן פּראַכטיקן אַרײַנפיר־ליד, אַז דער קאָצקער איז אַרײַן צו אים בלויז אין אַלקער. און דאָס אַרײַנפיר־ליד שפּילט דאָך אין אָט דעם בוך די ערשטע פידל. לייענען מיר אין דעם פּאָעטיש־געזעל־שאַפטלעכן דערקלער זײַנעם, אַז... „מײַן היים איז געשטאַנען בײַם מתנג־דישן שליאַך. / דער פונדאַמענט, / דער דאַך, / די ווענט / און אַלע ציגל / האָבן געפּלאַטערט מיט חסידישע פליגל". אַ ביסעלע ווײַטער זאָגט ער דאָרט: „איך אַליין / אַ גלייביקער כּופר / אויסגעקנאָטן אין סתירות / אַ גייער און אַ לויפער / נישט קיין אַנטלויפער". און ווײַל ער איז נישט קיין אַנטלויפער קאָן ער זיך שוין ווענדן צום גרויסן מתבודד און אים דערציילן, אַז... „אין מײַן ווינקל / הער איך דײַן געברום / און זע דעם פינקל / פון דײַן גאָלד".

איז עס ווירקנדיק ווײַל עס רעדט אַרויס דערפון דער אמת.

גיט אונדז אָבער י. ח. בילעצקי באמת דאָס באַזונדערע, דאָס עכט־אייגנאַרטיקע בילד פון קאָצק אין אָט דער פּאָעמע? באַנײַט ער, צי גייט ער גאָר אין די פוס־טריט פון פּרץ׳יערדיקע? — ווער עס איז נישט באַהאַוונט אין דער קאָצק־פילאָסאָפיע און ווייסט נישט דעם דרך פון ר' מענדעלען און זײַנע נאָכקומער, וועט אָן שום ספק פון דאַנען זיך קאָנען אַ סך דער־וויסן, זיך מאַכן אַ בילד פון אָט דעם אויסנעמלעכן חסידים־הויף, זײַנע מידות און דרישות. ווײַל ווי אַ מאָנאָגראַפיע איז די פּאָעמע גלענצנדיק צונויפגעשטעלט, פול מיט וויסן און דרך־ארץ. און פון דאַנען — אַז דער געניטער קאָן געפינען בלויזן. עמעצן קאָן אַ מאָל „עפּעס" אויספעלן. אָן אַנדערער קאָן געפינען סתירות, אומפינקטלעכקייטן. אָבער אויב מיר וועלן צוגיין צו אָט דער פּאָעמע ווי צו אַ פּאָעטישער יצירה און דער עיקר — ווי צו י. ח. בילעצקיס אַנטוויקלונגס־גאַנג אין דער פּאָעזיע, וועלן מיר זען ווי עס פאַלט אָפּ די גאַנצע מאָנאָגראַפיע־קאָנצעפּציע און עס באַווײַזט זיך פאַר אונדז אַ נײַער פײַן־פּרוכטיקער בוים אין זײַן דיכטערישן סאָד.

וואָרעם י. ח. בילעצקי האָט מגלה געווען דער וועלט זײַן פּאָעטישע נטיה שוין מיט אַן 38 יאָר צוריק, דורכן געבן זיך אַליין דעם נאָמען ראַ־אַ מאַנאַ — אַן אינדישער אומרו־גייסט „וואָס לויפט דאָרט אַרום / און שרײַט / מיט זײַן ליד, געברום", בעת ער, דער יונגער דיכטער דעמאָלט, גלייבט אַז ער וועט קומען פון די וועגן „ביז אײַנגעזאַפּט / אין אים וועט זײַן / דער ווייטאָג פון דעם שטומען, / פון קרעציקן די פײַן... / פון אַלע אומ־גליקן... / ביז ער וועט אין זיך דערשטיקן / אַלע ליידן פון דער וועלט"...

ציט זיך, פון זײַן דעמאָלטיקער, ערשטיקער לידער־זאַמלונג „אומרו"

(תּל־אָבֿיבֿ, 1937) ביז דער איצטיקער, איין זיך־שלענגלדיקער וועג, וואָס אָט איז ער שמאָל, אַ סטעזשקע בלויז. און אָט איז ער ברייט, פֿאַרנעמיק — אַ שליאַך, אַ דרך המלך. איז קאָצק געוואָרן דער קאַטאַליזאַטאָר פֿאַרן דיכ־טערס ווייַ־ און פֿייַן־געפֿילן, כּדי צו געבן רוימען זייַן לויפֿנדיקן לאַנגאָניקן אומרו, כּדי צו געבן הימלען פֿאַר זייַנע תּפֿילות און בענקענישן, נאָך דעם ווי די „צוויי ייִדן, מאַרקס און טראָצקי האָבן מיך אַרויסגערופֿן אין גאַס / מיט אַ פֿאָן אין האַנט, / (געגלייבט האָב איך: אַ פֿאָן פֿון דור) / און אַזוי — / האָב איך מייַנע ניגונים געשריבן".

אַוודאי איז גערעכט געווען ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט בשעתו געשריבן וועגן געטער און רעליגיעס, אַז זיי גייען דורך פֿיר תּקופֿות: אַ גאָט, אַ טייַוול, אַ גאַרנישט, אַ ווידער־אויפֿלעב אין דער מענטשלעכער פּאָעזיע. און ישׂראל־חיים בילעצקי באַשטעטיקט דאָס מיט זייַן איצטיקער פּאָעמע. ער, דער ייִדישער סאָציאַליסט, וואָס ווייסט אַז זייַן „דער פֿונדאַ־מענט, דער דאַך, די ווענט און אַלע ציגל" האָבן שוין דעמאָלט „געפֿלאַ־טערט מיט חסידישע פֿליגל" האָט אָבער אין זייַן ערשטלינג „אומרו" גע־זוכט אָט דאָס געפֿלאַטער צו לייזן דורך „גייַסטער" פֿון אַנדערע וועלטן, פֿון אַנדערע קולטורן, דורך דעם אינדישן ראַיאַ־מאַנאַ אָדער דורך דעם דעמאָלט פֿירנדיקן סאָציאַליסטישן חלום. ווי זאָגט ער דאָס אויף זייַט פּ"ט פֿון „אומרו"? — „זיי וויסן: / אין יעדער צייַט, / איז דער געוויסן / פֿון דעם דיכטער / דער, / וואָס שרייַט / און רופֿט און וועקט, / און זוכט די רו, / און הענגט ער שטרעקט / דאָרט ווו נאָר ווו / אַ מענטש זיך שטיקט"... דעמאָלט איז קאָצק פֿאַר אים געווען גאָרנישט. און נישט נאָר פֿאַר אים. איצט, אַז ס'איז געקומען די צייַט פֿון אויפֿלעבן קאָצק אין דער מענטשלע־כער פּאָעזיע, קאָן שוין דער דיכטער זינגען וועגן קאָצק און זאָגן אין קאָצקערס נאָמען:

> נאָר מיט מסירת נפֿש קאָן מען איַינגעמען די וועלט.
> שטיינער בויערן.
> אויפֿרייַסן אַלע פֿאַרשלאָסענע טויערן.
> מיט שווערע אַרבעט קאָן מען איַינקויפֿן אַלע מעלות טובֿות.

און ווייַל בילעצקי האָט דאָ אָנגעשלאָגן אַן עכטן טאָן, געפֿינען מיר אין זייַן פּאָעמע די קאָצקער „איַינשטעלונג": דער רוף צו אַ ריינעם מענטש. דאָס רופֿט צו נאָכטראַכטונג, צו ווערגזוכונג און צו שטאַרקע אויפֿריכטיקע מוסר־השׂכּלען. דער נאַראַטיוו איז אַ קלאָרער, אַ פֿליסנדיקער. דאַרפֿסט

נישט צו אים קיין פּירושים. עס איז אַ מין קיצור שולחן־ערוך פונעם קאָצ־קער גאַנג פאָרמולירט אין פּאָעטיש לשון און פאָרעם:

דעם אמת דאַרף מען דערגראָבן, ווײַל ער ליגט טיף.
ער גייט פּאַמעלעך ווי אַ קעמל.
דער אמת איז נישט הפקר.
ער דאַרף אַ ראַם. אַ רעמל.
ער דאַרף ברענען אין דעם מידבר פון זײַן לעבן
ווי אַ סנה...

איך וואָלט צוגעגעבן: קום און זע!

י. מאַניק־לעדערמאַן

„טריט אין באַגינען"

א

י. מאַניק האָט זיך זײַן אייגענעם גאַנג. אויב מיר זאָלן זיך גוט אַרײַנ־טראַכטן אין דעם אויבנגעזאָגטן, וואָלט געוועזן גענוג אויף צו קאָנען דער־מיט קריינען זײַן דיכטונג און זאָגן: זי איז אייגן. אָבער דאָס וואָלט אויך געמיינט: אָפּקומען מיט אַ לײַכטן, ווען אַפילו אינהאַלטרײַכן זאָג. און נישט דאָס גראָד זענען מיר אויסן.

עס זענען אַרײַן אין דער מאָדע באַגריפן, וואָס טראָגן אין זיך סם, פּעסט, אונטערגאַנג פאַר אַלץ וואָס איז שעפעריש־ערנסט. מ׳וויל אונדז אײַנרעדן, אַז — ווײַל מיטן פאַרווירקלעכט ווערן פון אויסגעחלומטע אידעאַלן האָבן זיך באַוויזן די שלעכטסטע, די מיאוסטע אייגנשאַפטן פון מענטש — סײַ „דאָרטן" סײַ „דאָ" — איז לכן, דעריבער דאַרף מען זינגען צום... אונטער־גאַנג און צו דער תּאווה, דאַרף די נעגאַציע מיט דער פּאָרנאָגראַפיע זײַן געאָרעמט און געפּאָרט און פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער הײַנט־צײַטי־קער יצירה.

און ס׳איז דאָ נאָך אַ גאַנג, נאָך אַ שיטה, אַ מער־מענטשלעכע, אַ מער־ערנסטע, וואָס אויך איר ציל איז... גאָרנישט־זאָגנדיקע פאַרטיפונג, פון דער ווירקלעכקייט — אַנטפלעקנדיקע פאַרטראַכטונג און — מ׳דאַרף, הייסט עס, לאָזן די „וועלט" זי זאָל ברעכן האַלדז־און־נאַקן, אַרונטער אין תּהום, נישט „מישן" זיך אין דער וועלטס דאַגות און זינגען פון פרעמדס, פון ווײַטס, פון אויסגעטראַכטס...

רופן מיר נישט אָן די שיטות בײַ די נעמען און מיר שטעלן נישט אַנטקעגן, פאַרשטייט זיך, י. מאַניקס שאַפן ווי אַ באַזונדערע שיטה. מיר צייכענען בלויז אונטער מיט טיפער צופרידנקייט, וואָס עס זענען נאָך פאַראַן צווישן אונדז — און דאָ מיין איך: אָן אונטערשייד פון שפּראַך — שרײַבער, דיכטער, שעפער, ווען די וועלט איז נאָך נאָענט און אייגן, ווען עס זענען נאָך נאָענט און אייגן דער מענטש און זײַנע דאגות, און

די איבעראַנדערשונג, די רעוואָלוציע, וואָס קומט פאָר אין ייִדישן לעבן איז אַ טייל פון זייער לעבן, פון זייער שאַפן. און איינער פון צווישן זיי איז י. מאַניק.

ב

„טריט אין באַגינען" איז נישט די ערשטע זאַמלונג לידער וואָס י. מאַניק, אָדער ווי ר'איז פריִער באַקאַנט געווען: י. מ. לעדערמאַן, האָט אַרויסגעגעבן. זי איז אָנגעלאָדן מיט אידיייִשקייט און האָרכט זיך איַן — אַרכאַיִש, אַנטי־מאָדערן — צום געזאַנג פון דער געטלעכער יצירה:

מיַין קאָפּ שוועבט
איבער בוים, איבער פעלד, איבער זאַנג,
און ווו איך גיי קומט מיר אַנטקעגן
דיַין גאָלדן געזאַנג.

דער דיכטער זינגט צום „גאָלדענעם געזאַנג" פון אויפקומענדיקן לאַנד און גיסט זיך אַריַין אינעם בוי, אינעם קאַמף; איר טרעפט אים, און מיט אים זיַין ליד, אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. אָט איז חדרה, און אָט איז רמת־גן, און אָט — נתניה, רחובות, זכרון־יעקב, ירושלים, תּל־אָביב, חיפה און נאָך און נאָך. און הגם ער אַרבעט שווער און ווייסט טייל מאָל דעם טעם פון אַרבעטלאָזיקייט, פילט ער זיך דאָ ווי אַן אייגענער, ווי אַ באַלעבאָס: —

איך שטיי ביַים פענצטער פון דער באַן
און באַטראַכט מיט וואָג און מאָס
יעדן לויפנדיקן שפּאַן,
ווי אַן אַלטער באַלעבאָס...

און מ'דאַרף צוגעבן, אַז י. מאַניק פאַרמאָגט טאַקע וואָג און מאָס, אָבער מיר קאָנען זיך נישט אָפּריַיסן פון פאַרגליַיך, וואָס זיַינע לידער רופן אַרויס. אָפט מאָל מיינען מיר, אַז עפּעס־ענלעכס האָבן מיר שוין געלייענט ביַי פריִערדיקע, ביַי מיטציַיטלער, ביַי די וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן ייִדיש־ארץ־ישראלדיקן ליד...

איז גוט וואָס די דאָזיקע אַסאָציאַציעס לויפן־אָן פונקט דאָרט ווו זיַין ליד זינגט נישט נאָר „רעדט" מיט ציַיטונג־שפּראַך, מיט טאָג־טעגלעכער פּראָזע. דערפאַר אָבער דאָרט ווו עס דערשיַינט די דיכטונג, דאָס אמתע וואָרט פונעם משורר, ווערט ער אייגן, ווערט אונדז אייגן זיַין ליד.

ג

י. מאַניק שטעלט טריט אין אונדזער באַגינען. ער שטעלט פעסטע, זי־כערע טריט מיט וויסן וואָס ער וויל, מיט פאָדערונגען צו זיך און צו אונדז. ער שוועבט נישט אין די עולמות העליונים. ער האָט טענות. טענות פון איי־נעם, וואָס טרעט מיט געזאַנג אין באַגינען. ער לאַכט־אָפּ און חוזקט איבער דאָס שלעכטע, איבער דעם שלעכטן. —

ניט די וועלט איז פאַרשאָלטן, איז קראַנק,
נאָר פאַרלוירן האָט איר דעם געדאַנק.

און אין זײַנע טענות, וואָס פילן־אויס און פילן־אָן די זײַטלעך פון זײַן בוך, צייכנט ער מיט די שאַרפסטע קאָנטורן זײַן צוגעהעריקייט, זײַן שותפות צו אַלץ וואָס עס ווערט דאָ געשאַפן.

אַזוי אַרום וואַקסט אַרײַן זײַן בוך „טריט אין באַגינען" אינעם ביכער־שאַץ פון דער פּאָזיטיווער יידישער שאַפונג אין לאַנד.

ווײַל —

פון אַט דעם גאָרטן די דערזינגער
געוועזן זענען מײַנע פינגער...

1959

„ס'איז קיינער דײַן פרײַנד"...

1935. עס איז געווען אַ הייסער תמוז־טאָג. אַ שווינדלענדיקע ווײַס־קייט דורכגעוועבט מיט גאָלד־שטראַלן, האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך די פרײַכנדיקע אָפענע פענצטער און — די טיר האָט זיך געעפנט מיט גע־פּראַל. ס'איז אַרײַן דער נײַער עולה, דער נאַר־וואָס געקומענער יידיש־דיכטער יהושע מאַניק לעדערמאַן. ער קומט פון אַמעריקע, נאָר די זעט פון דער פעט־פעלדערדיקער בעסאַראַביע האָט אַרויסגעקוקט פון זײַן יעדן אבר.

ער ווייסט שוין אַלץ. מײַנע „אויפטוונגען" פאַר די נײַן יאָר פון מײַן זײַן אין לאַנד קאָנען אים נישט דערמוטיקן. אָבער „שטאָמען" דערשײַנען פון... יאָר צו יאָר — און דאָס איז שוין אויך עפּעס... איז —

„הערט מײַן ליד, וואָס כ'האָב פאַר דער קורצער צײַט באַוויזן אויסצו־ווייגען און באַקענט זיך מיט מײַן אַרט שרײַבן און מיט מײַן געמיט־צו־שטאַנד אין מײַן נײַער היים".

און נישט וואַרטנדיק אויף מײַן הסכמה האָט ער אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ צעקנייטשט בייגעלע פּאַפּיר און צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיטן רעכטן פוס, אָנגעהויבן לייענען: —

אין דער מידבר פון וועלט, פון דער היגער,
אין דער וועלט־וויסט, דער טרויעריק־שיינער,
דאָ פאַרמאָג איך איינאיינציקן חבר
און זײַן ליכטיקער נאָמען איז — ק י י נ ע ר.

אין מײַן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט־זעונג האָבן אָט די שורות מיר ממש פאַרוואָלקנט דעם לויטערן זומער־טאָג. כ'האָב געקוקט אויף אים און אויף זיך און געפּרוּווט אים אָפּהאַלטן פון ווײַטערדיקן לייענען. י. מ. לעדערמאַן האָט אָבער איגנאָרירט מײַן צערודערונג און ממשיך געווען דאָס לייענען, ביז ר'איז צוגעקומען צו דער לעצטער סטראָפע, די פינפטע אין דער ריי, און האָט אויפגעהויבן העכער און שטאַרקער זײַן געגנוג פעסטע און הייזעריקלעכע דאָרף־שטים, פאַרשטאַרקט דאָס אויסטופּען מיטן רעכטן פוס יעדן זילב און געלייענט:

פרעג איך: „קיינער, מײַן ליכטיקער קיינער,
זאָג, אַיאָ ביסט אַ חבר מיר הײַנט?"
און דער קיינער הייבט אויף זײַנע ברעמען
און פאַרטרויט מיר: „ס'איז קיינער דײַן פרײַנד"...

...שפּעטער, אין אַ צײַט אַרום, האָט ער באַשלאָסן, אַז... לעדערמאַן איז נישט קיין פּאַסיקער נאָמען פאַר אַ דיכטער, און זיך אַ נאָמען געגעבן י. מאַניק. מיט אָט דעם שם זײַנעם האָט ער, אָן שום ספק, דערגרייכט ווײַטערע שטאַפּלען אין זײַן פּאָעטישן שאַפן, געזוכט און געפונען נײַע וועגן פאַר זײַן ליד, געוואָרן נאָך מער קוהלתדיקער און געשניטן זײַן און אונדזער וועלט מיט סאַטירע און משל, און זוכה געווען אַרויסצוגעבן 5 לידער־זאַמלונגען: „„מעטאַלענע קווייטן" (1935), אַ מיניאַטורנע ביכעלע „איך" (1941), „טריט אין באַגינען" (1955), „אין טריט פון דײַן וואַנדער" (1964), און „אין מײַן גלעזערנעם טורעם", משל און סאַטירע (1968). איז דאָס געווען אַ געגנוג רײַכער אַראָפּנעם פון זײַן דיכטער־פעלד, וואָס איז געווען מער פאַראומערט און פאַרכמאַרעט ווי זוניק און דורכגעוואָרעמט... און הגם עס האָט זיך דאָ און דאָרט אַדורכגעריסן בײַ אים אויך אַ ליכטיקער שיר, אַ זוניקע סטראָפע, אַ מונטערע שורה, ווי:

„נאָך בלויט אין מיר דער פלאַם פון דײַן נגינה"

און אָט־אָט דערגרייכט ער דעם „זעניט" און עס דוכט זיך, אַז ער שרײַט־אָפּ דעם עלנט, דעם אומעט, ווײַל ער זאָגט:

דערגרייכט דעם זעניט פון מײַן רעגנבויגן־וועג
זילבערט שוין אַ האָר בײַ מײַנע שלייפן
און וועקט צום אויפגיין אַ טענה
פאַרוואָס איך האָב אָפּגעטינקלט מײַן לעבן
באַ די יורשים פון עלנט...

איך האָב מיט מײַן ליד באַגלייט זייער טראָט,
ווען זיי האָבן מיט טרערן זייערע פעלדער געזייט,
און מיט בלומען האָב איך
די אָרעמע טישן באַיאָנטעווט.

פירט ער אויס: —

איצט, ווען אויפגעשײַנט ס'האָט זייער שטערן,
ליגט מײַן קרוין פאַרווונדיקט.

און מיט אַ „פאַרווונדיקטער קרוין", בעת „דער ליכטיקער קיינער" אַפילו איז אויך נישט זײַן פרײַנד, איז ער אויסגעגאַנגען אַן עלנטער אין חודש סעפּטעמבער פון יאָר 1973.

*

י. מאַניק (י. מ. לעדערמאַן) איז געבוירן געוואָרן אין בעסאַראַביע, אין בענדער, און האָט אַ צײַט־לאַנג געוווינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין יאָר 1935 עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיך תּיכף פאַראייניקט מיט דער קליינער גרופּע יידיש־שרײַבערס וואָס האָבן דאַן געשאַפן אין לאַנד, אונטער דער גײַסטיקער פירונג פונעם דיכטער־פילאָסאָף דניאל לייבל (אַלכּסנדר).

שוין אין זײַנע ערשטע העפטן לידער „מעטאַלענע קווייטן" (1935) און „איך" (1941) און אין זײַנע לידער וואָס ר'האָט פאַרעפנטלעכט אין די „שטאַמען" און אין „נײַוועלט" האָט מען געזען אַ דיכטער מיט אַן אייגן פּנים און אַן אייגענעם וועג. אָבער די עלנט זײַנע און זײַן ווינען ווײַט פונעם ליטעראַרישן „צענטער" האָבן געלייגט זייער חותם אויף זײַן שאַפן. אויך זײַן קאָנסערוואַטיוו אָפּהיטן דעם באַזונדערן בעסאַראַבער דיאַלעקט, — אויך אין אויסלייג! — האָט נישט צוגעהאָלפן עפענען פאַר אים ברייטערע האָריזאָנטן, וואָס ער איז אָן ספק ווערט געווען ווי אַ דיכטער.

זײַנע משלים, כאָטש נישט באַווירקט פון קײן פּאָליטישער באַוועגונג און נישט באַצוווּנגען פון דרויסן, האָבן געוויזן אויף הײסער ליבע צום אָרעמען מענטש, צום אַרבעטער, צום שאַפער און בויער, און אָפענער פאַראַכט צו די רײַכגעוואָרענע, צו די אָנגעבלאָזענע, צו די „אינדיקעס״.

האָבן מיר געזען אין אים תּמיד דעם דיכטער־הומאַניסט וואָס זײַן אויג און האַרץ זענען אָפן פאַר יושר און גערעכטיקייט. אויך זײַן נײַע היים, אין ארץ־ישׂראל, איז אים געווען ליב און אײגן און ר׳האָט איר געווידמעט אַ גרויסן טײל פון זײַנע לידער, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ 50 צײַטשריפטן און אין דרײַ זאַמלונגען.

און טאַקע אין אײנעם פון זײַנע לידער „אין מײַן גלעזערנעם טורעם״ זאָגט י. מאַניק :

נישט די וועלט איז קראַנק.
פאַרלוירן האָט איר דעם געדאַנק.
דערפאַר איז די וועלט אײַך אַ שטײַג,
ווו אומגליק, סכנה באַלײטן.

ווי ס׳טוט זיך דער האַס אַ צעצווײַג
און מיט ווילדער רציחה
איר וואַרפט זיך באַלד אײנס אויפן צווײטן.
ווען איר מײנט, אַז אַ ביסן
וואַרפט דער שׂטן אײַך צו אין דער שטײַג.
דערנאָכדעם : צעביסן, צעריסן,
איר קוקט זיך אַרום און דערזעט —
אַ פײַג...

אַזוי האָט ער געזען אונדזער לעבן און אַזוי איז ער פון אונדז אַוועק.

1973

שלמה שנהוד און זײַנע לידער

שלמה שענהויט (שנהוד) איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל בלחש, באַשיידן און שטיל, מיט אַ שוואַכן באַגאַזש פון זיכער־קייט און וואַגונג. זײַן בוך „צווישן בלוי און ים", דערשינען אין תּל־אָביב אין יאָר 1939, האָט געהאַלטן 64 זײַטן און האָט דאָ און דאָרט דערציילט פון דיכטערישער שטרעבונג, פון ראַנגלען זיך מיט פאָרעם און מאָס, פון לאַנג־זאַמען און שווערזאַמען אָנשטרענג אַריבערצוטרעטן די שוועל פון פּאָעטישן מלכות.

אַ האַנט פון אַ רייזן וואָלט זיכער געפירט דעם דעמאָלט יונגן פּאָעט־צוזאָגער מיט פּאַטערלעכער ליבשאַפט, וואָלט געגלעט אין רגעס ווען פּחד באַפאַלט, ווען עס פאַרפעלט מוט און וואָלט אים, מסתּמא, געהאָלפן אַריבער־שפּאַנען די שוועל... אַ בייזע האַנט פון אַ קריטיקער־עקר, פון די וואָס שרײַבן־צו דעם יונגען שעפער נישט געמיינטס און אַפילו — נישט געשריבנס, וואָלט מיט איין פאַך צעטריבן די אומקלאָרע דיכטונג־וואָלקנס און ס׳וואָלט אַוודאי געוואָרן קלאָר און... אָפּגעווישט.

איז אָבער דאָס מזל פון שלמה שענהויט, אין 1939, געווען דאָס מזל פון אַ ייִדישן דיכטער אין ארץ־ישׂראל. איז דאָס בוך געבליבן פאַרשוויגן און פאַרליגן.

האָט דער יונגער דיכטער געזוכט שפּאַלטן און שפּאַרעס פון וואַנען זיך אַרויסצורײַסן און אַרויסצושפּאַרן און —

עס איז אַרויס אויף דער אַרענע דער ביז־דעמאָלט אומבאַקאַנטער העברעיִשער דיכטער שלמה שנהוד (שענהויט) און געוווּנען פאַר זיך אַן אָנגעזעען אָרט אין די פאָדערשטע רייען פון דער נײַער העברעיִשער פּאָעזיע.

ליד נאָך ליד, אין אַ לופטיקן הײַנטצײַטיקן העברעיִש, כּמעט פרײַ און אָפּגעהיט פון משׂכּילישער מליצה און פון גרייטע טראַפאַרעטע תּנ״ך־פּסוקים, האָט ער אַ זונג־געטאָן מיט געשאַל און מיט טרויער און אויסגעזונ־גען זיך אַ וועג, אַן אַרײַנגאַנג צו דער נײַ־שאַפונג אין ישׂראל.

„מיט אחריות פאַרן געשריבענעם וואָרט", — ווי עס האָבן דאַן באַ־צייכנט זײַן דערשײַנען די באַרופנסטע קריטיקער פון דער העברעיִשער

שירה, — מיט פולן באַוווסטזייַן, אַז ער טראָגט דאָ אַרייַן אַ נייַ, נאָך־נישט־געזאָגט וואָרט אין דער היגער פּאָעזיע, האָט ער געשליפן זייַנע לידער, קרישטאָלן אין שטראַלנדיקן טרויער, און זיי דערפירט צו די דינסטע, איידלסטע ניואַנסן, וואָס האָבן געווירקט ווי אַנטפּלעקונג. צער וואָס באַשייַנט, לויכטונג וואָס לייַטערט דעם פּייַן, האָבן אַ ווייע־געטאָן פון זייַנע עלעגישע לידער, אַזש דאָס גרויע און דאָס שוואַרצע פונעם טרויער האָבן זיך פאַרחברט און פאַרברידערט מיט דעם וויַס פון דערגרייכונג און מיט דער בלויער האָפענונג פון אַן אויפגעקומען ליכט.

דערנאָך איז געקומען דער ציקל „שירים מתוך השמשה" (לידער פון דער שויב אַרויס) און האָט פון דאָס נייַ אַ שימער געטאָן; האָט אַרויסגערופן באַוווּנדער. געווען קריטיקער וואָס האָבן זיך געחידושט, הלמאַי עס ווערט נישט קיין רויש און קיין רעש אַרום דער דאָזיקער דערשייַנונג. דערבייַ זענען געוואָרפן געוואָרן האַרבע רייד אויפן חשבון פון דער צייַט און פון אירע מאָדעס.

איז געווען יצירה און ס'איז געווען די פרייד פון ליב און באַוווּנדער און — ס'איז געוואָרן שטיל אַרום אים.

דאָס שטילשווייַגן האָט געדעקט דער טאַלאַנטירטער איבערזעצער שלמה שנהוד. ער האָט איבערגעגאָסן פון איין כּלי (ייִדיש) אין דער אַנדערער (עברית) וויכטיקע, שמעקעוודיקע ווערק (א. מ. פוקס, חיים גראַדע, יהואָש און יעקב גלאַטשטיין) און באַקומען זייַן לוין. און דאַן, אונטער דער ווירקונג פון די ייִדיש־ווערק, האָט ווידער דערוואַכט דער שטילער און באַשיידענער ייִדיש־דיכטער שלמה שענהויט און ס'איז דערשינען זייַן בוך — אַן איינזאַמלונג און אויפזאַמלונג פון זייַנע אָריגינעל־ייִדישע לידער און פון די וואָס ר'האָט אַליין איבערגעשמעלצט פון עברית — „מיט חלום איבער תּהום".

רופט דאָס דאָזיקע בוך אַרויס פאַרדינטן אינטערעס.

שלמה שנהודס איינגעזאַמלטע לידער אין ייִדיש זענען אייגנאַרטיק אין זייער אינהאַלט און שלאָגן זיך דורך אַ וועג צו אייגענער פאָרעם.

נישט אַלע. פאַראַן לידער וואָס אַ נישט־פאַרזיכטיק וואָרט, אַ נישט־קאָנטראָלירטער זאָג פירט זיי אַרויס פונעם חשבון. נאָר אַז איר שפּאַצירט מיט שנהודס לידער פון זייַטל צו זייַטל, פילט איר, אַז דער דיכטער פירט אייַך פון ליד צו ליד מיט ציטער און דרך־ארץ און וויל איר זאָלט באַווירקט ווערן פון זייַן ערנסט וואָרט, פון זייַן מיסטישן ניגון, אַ ניגון וואָס שטאַמט אַוודאי פון אַ פרייַטיקצונאַכטיקן „שלום עליכם, מלאכי השלום",

צי פון אַ „בני היכלא דכסיפין״, וואָס דער טאַטע, צי דער זיידע האָט מיט אים אָנגעהויכט און באַהויכט אַלע שויבן פונעם שבתדיקן אַלקער...

פרעגן מיר נישט אָפּ די רעכט פון מיסטיק און קבלה אינעם ליד, און מיר לאָזן זיך נישט אַרײַן אין טעאָריעס. טעאָריעס זענען געווען, זענען אַוועק און עס קומען נײַע. אָבער דאָס ליד איז געבליבן.

און ליד, ווי באַוווסט, איז די פלאַמיקע, ערדישע ליבע־סימפאָניע אין ליד פון די לידער, פונקט ווי ליד איז די שווידערלעך־פּײַנפולע קינה אויפן חורבן הבית.

ליד האָט באַגלייט דעם טויטן צו זײַן אייביקער רו און ליד האָט באַגלייט די לעבעדיקע ווען זיי זענען אַרויס טייטן.

אָבער נישט אַלע לידער זענען גלײַך אין זייער פאָרעם און נישט אַלע — אין זייער אויסדרוק און אין זייער ווירקונג, געשעט דאָס זעלבע בײַ שלמה שנהודן אין זײַן בוך „מיט חלום איבער תהום״:

„דער ים —
אויסער אים, בלויז די גרויסע זאַכן.
און איבער אים — הימל מיט גאַלאַקסישע הייכן.
און דער שיפער —
ווי וועט ער צו גרויסקייטן גרייכן,
אַז נישטיקייט לויערט אין וועג און וויל זען
ס׳זאָל קיינמאָל זײַן גאַרונג
צום ציל נישט דערגיין...״

(זײַט 5, פון ליד „אויסדויער״)

מיט די־אָ שורות הייבט־אָן שלמה שנהוד זײַן בוך ייִדיש־פּאָעזיע. רופט עס שוין אַרויס אומצוטרוי: וועט וויל „גרויסקייטן גרייכן״ און וועט — לאָזט נישט?!

נאָר אָט גיט ער אַ זאָג אין לעילאַדיקער שטײַגונג:

וואָס טויג אײַך צו הייבן דעם קאָפּ,
אים פאַררײַסן צום הימל. אַ מער
נייגט אים צו שויב דאָ אַראָפּ
און בענטשט איר פאַרחלומטע וואָר,
וואָס קאָן אַזוי שפּאָר
אונדז געבן דעם הימל אויף דר׳ערד.

(זײַט 25)

איז עס אַ שפּרונג, אַ קעגנאיבערדיקער, פון גדלות און תּרעומות ביז צו עניוות, חסידות, ייִדישע מאָראַלישע הטפה אין געזאַנגיקן ייִדישן לשון. און אַזוי אויך אין אַנדערע זײַטן פון זײַן בוך.

איז עס דינע און שטילע שילדערונג פון אַן איינזאַמען־טרויעריקן מחבר אינעם דרײַ־עק פון זײַנע שויבן. די ווירקונג איז דאָ אי טיף אי אויבנאויפיק־שפּילעוודיק.

אַוודאי איז דאָ ניואַנסירונג בײַ יעדן קינסטלער, דעם פּאַסטעכס געפּײַף אויפן אָפּהאַנג פון אַ באַרג צעגייט זיך אין אָפּהילך, אין אַן עכאָ־צעשיט, און צעקײַקלט זיך ווי דאָס דינע געפּויק פון סקויטישע פּײַקלעך; דאָס ענלעכע געפּײַף אָבער פון אַ פּאַסטעך, צי פון אַ פאַרליבט ייִנגל, אויף אַ לאָנקע, שלאָגט זיך אָן אין די געלע אָדער ווײַסע פעלד־בלימלעך און בלײַבט שטעקן ערגעץ ווו בײַ אַן אָפּגעדעקטער סאַזשלקע...

נאָר ליד אין אויסדרוק איז אַ סוביעקטיווע דערשײַנונג, וואָס ווערט אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר, ווען עס שלאָגט זיך אָן אין דעם האַרץ און אויער פון דעם וואָס איז בכוח — עמאָציאָנעל און סיטואַציעל — עס אויפצונעמען. אויב עס רעדט צו דיר, אויב עס דרינגט אַרײַן אין דײַן האַרץ און מוח, אויב דו דערפילסט דעם אינעווייניק דערפון, דעם חלום, דעם סוד, דעמאָלט האָט עס דערצילט און דערגרייכט.

ר׳ משה אבן עזרא האָט געזאָגט: אַ גרויסער דיכטער איז דער וועמענס טרויער עס איז וווּנדערלעך און וועמענס הומאָר עס איז פאַרווײַלנדיק.

זענען דאָס בײַ שנהודן די „לידער פון שטראַלנדיקן טרויער". דאָ דערגייט דער דיכטער צו אומפאַרגלײַכלעכע ווירקונג־מאָסן, וואָס מאַכן אויפציטערן דאָס פאַרשטײַנערטסטע האַרץ, דאָס דערשלאָגנדיקסטע געמיט. אויך אין די לידער „פון דער שויב אַרויס" איז דאָ שלײַפונג, איז דאָ דערגרייכונג, איז דאָ עכטקייט, אָבער זיי קומען נישט צו דער שלמות פון יענעם געשלײַף אין וועלכער עס זענען אויסגעפײַנט די לידער פון שטראַלנדיקן טרויער.

(און מעגלעך, אַז דעם מחבר האָט זיך דאָ נישט אײַנגעגעבן איבער־צוגיסן זיי אַזוי, זיי זאָלן זיך באַוועגן פרײַ, אייגן און... ייִדיש.)

נאָר שנהוד פאַרמאָגט שפּראַך אין זײַן צוויי־שפּראַכיקייט, שנהוד פאַרמאָגט געפיל פאַר איידלקייט און דינקייט פון וואָרט. אָבער אויך אַ שטאַרקע נייגונג צו סימבאָליק פון זוהר און קבלה און אָט די סימבאָליק, קאָן זײַן, אַז זי פּאַסט זיך בעסער אַרײַן אין דער העברעיִשער ספערע, ווי אין זײַן ייִדישער;

ווי מיר געפינען דאָס אין זײַן שפּעטערדיקן העברעיִשן לידער־בוך וואָס טראָגט דעם קבלה־נאָמען „שירי חקל תפוחין" טײַטש: לידער פון (הייליקן) עפּלפעלד, אין וועלכן ער ברענגט אַרויס קבלה־ און זוהר־מאָטיוון און דערגייט צו מדרגות.

דאָס מיינט נישט און דאַרף נישט אויסגעטײַטשט ווערן, אַז אין יידיש פאַרלירן די זעלבע לידער זייער דיכטערישן ווערט און ניוואָ, אָבער — אינה דומה זייער העברעיִשער לבוש אין וועלכן דאָס לשון, די טערמינאָלאָגיע איז אַ היימישע, אַן אייגענע און פליסט און גיסט זיך אַזוי נאַטירלעך צוזאַמען מיטן לשון פון האר"י, פון ר' יוסף קאַרו, אַ ר' משה קורדובײַרו, ר' שלמה אלקביץ, פון די בני היכלא דכסיפין, — צו דער יידישער אַליין־איבערגיסונג. נישט מער, וואָס אויך איבערזעצונג — איבערדיכטונג, אויב זי דערגייט צו אַזעלכע מעלות ווי, למשל, אינעם ליד „התעלות אין בלאָ" (און דאָ ברענגען מיר בלויז דעם אַרײַנפיר), לעבט זי אין אייגענעם זכות:

לאָמיר אָפּשטויבן די שיך
די וועגן זענען הייליק דאָ
הייליק בלויז פאַר ריינעם טראָט

זע, פון אויבן־ערגעץ־ווו
זאַמלען זיך די בני־היכלא דאָ
מיט געזאַנג אין עפּל־סאָד

שאַ! אָט גייט אַ צאַפּלען אויף
דעם בלענדשײַן פון זעיר אַנפּין דאָ
דערבליקן און דערגרייכן

לאָמיר אָפּשטויבן די שיך
און פאַרכטיק זיך פאַרסודן דאָ
מיט רזינדיקע הייכן

און — אינטערעסאַנט. ש. שנהוד אַנטלויפט נישט דאָ צו דער קבלה, צו איר וועלט, צו איר פאַרגאַנגענהייט, נײַערט ער נעמט גאָר אַן די קבלה, דעם זוהר פאַר די האָר און „שלעפּט" זיי אַרײַן אין אונדזער ווײ־און־ווינדיקער ווירקלעכקייט, און בעת ער שטעלט „אַ דענקמאָל דער מטרוניתא", הילכן ממש זײַנע שטילע רייד: —

איצט בין איך אַליין און קיינער איז נישטאָ מער, נישטאָ מער.
נישט דער טאַטע, נישט זײַן בעכער, נישט
דער ראָזשינקע־ווײַן — —
אויך דער סאָד איז נישטאָ מער...

און ענדיקט אָט דאָס ליד:

אוי, סאַראַ ליידיקייט, מײַן דור, סאַראַ גײַסטיקע מדבר
אַ וויסטע...

איז עס אַ צוריק אָנבינדן זיך אין זײַן ערדישן שפּאַן. וואָרעם בעת ער „בייגט־צו זײַן קאָפּ צו דער שויב און בענטשט איר פאַרחלומטע וואָר" גיט אים די שויב „שפּאָר, דעם הימל אויף דער ערד". און דאָס איז אַ גרויסע מדרגה. בעת זײַן נישט־אויסגעטראַכט לעבן גייט נישט איבער תּהומען, נײַערט איבער פעסטן באָדן.

וואָר פון חלומות
געשפּינט האָבן דורות
גליט איצט אין טרויער פון פרייד דאָ און גיסט
אַ גיסונג פון בלוי, —

צו די איינציק־געציילטע יידן־דיכטער, וואָס זינגען — אין געבענטשטן סינטעז — אין אונדזערע ביידע לשונות, איז געקומען שלמה שנהוד און פאַרנומען זײַן בכּבֿודיק פאַרדינט אָרט.

אַברהם ליס

(זײַנע ביכער וועגן שרײַבער און ווערק)

...ער איז געקומען צו אונדז אין יאָר 1936, בעת די קלײנע ייִדישע שרײַבער־משפּחה, אָרגאַניזירט און קאָנצענטרירט אין דעם „ייִדישן ליטע־ראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל" האָט שוין געשפּאַנט, אָדער, לכל הפּחות, שוין געשטאַנען אויף אײגענע פיס, און געזוכט אַ וועג צו דער ייִדישער שרײַבער־וועלט. די ייִדן אין אײראָפּע און דער ייִדישער ישוב אין לאַנד זענען שוין דעמאָלט געשטאַנען אונטערן צײכן פונעם ברוינעם משחית און פון דעם ירושלימער מופתי, מיט די ענגלישע „ווײַסע" ביכער. קײן דאגות האָבן שוין נישט געפעלט. אָבער — און אפשר גראָד דערפאַר — אויפן געביט פון ייִדיש שאַפן איז דאָ געווען פונקט ווי אויפן געביט פון עליה — יעדער אײנציקער ייִד וואָס איז אַרײַנגעקומען אין לאַנד אַרײַן ווי אַן עולה, און אין אונדזער פאַל — אַ ייִדיש־שרײַבער, איז געצײלט געוואָרן, פאַררעכנט געוואָרן און האָט צוגעגעבן כּוח.

ווי אַ פּען־מענטש פון דער הײם — אַברהם ליס האָט שוין געהאַט מיטגעאַרבעט אין דער פּרעסע פון זײַן הײם (אין ביאַליסטאָקער „אונדזער לעבן" א.א. און איז געווען פאַרוואַלטער פון ייִדישן ליטעראַרישן קרײַז אין ביאַליסטאָק) — האָט ער באַלד פאַרנומען אַ חשוב אָרט אינעם „קלוב", אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין די היגע ייִדיש־פּובליקאַציעס און ביסלעכ־ווײַז געוואָרן אַלײן אַן „אינסטיטוציע", אַ „קלוב" — אַן אַדרעס פאַר ייִדיש־שרײַבערס אין תּל־אָביב.

אין זײַן אויסערלעכן אויסזען און לבוש, און אין זײַן אָרט רעדן איז א. ליס נישט געווען ענלעך צו די „זעכצן, צי אַכצן ייִדישע שרײַבער" וועמען ער האָט „געטראָפן" אין ארץ־ישׂראל, ווי ער דערצײלט אין זײַן בוך „אין זכות פון וואָרט" (ז. 316). אָט די ראשונים, ווי עס רעכנט זײ אויס דניאל לייבל אין „צוויי" (צווייטער אויסגאַב פון ייִדישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל, יולי 1929), זענען אין זײער אויסזען, אין זײער פירונג געווען פּראָלעטאַריש, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן. ווי ד. ל. דערצײלט דאָרט זענען דאָס געווען: 1 פער־

מאַנעטער אַרבעטסלאָזער, 1 שוואַרצער אַרבעטער, 1 טריקאָטאַזש־אַרבע־טער, 1 צוקערבעקער־אַרבעטער, 1 טאַפּעצירער־אַרבעטער, 1 קאָרעקטאָר, 1 לאַנדווירט, 1 אַדוואָקאַט וואָס גרייט זיך צו פּראַקטיק און 1 זשורנאַליסט... אַזעלכע זענען דאָס געווען די מיטבאַטייליקטע אין „איינס" און נישט אַנדערש אויך די, וואָס זענען אין פאַרלויף פון די קומענדיקע 7—8 יאָר צוגעקומען. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט מען זאָל זיך פרייען מיט זײַן קומען צו אונדז. פאַרקערט, מען האָט אים מקרב געווען און אים צוגעצויגן צו יעדער מעגלעכער ליטעראַרישער טעטיקייט און אים אויך משתּף געווען צו רע־דאַקציאָנעלע אַרבעט, ווי, אַ שטייגער, בײַם רעדאַגירן די „בלעטער פאַר ליטעראַטור" בײַ דער „נײַ־וועלט", בײַ די זאַמלונגען „אונדזערס" א. א. שפּעטער, אין פאַרברייטערטן „קלוב", וואָס איז מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פאַראיין", האָט אברהם ליס פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין די פאַרוואַלטונגען און זיך באַקענט געמאַכט ווי אַ רעדנער וועגן שרײַבער, ביכער און ליטעראַרישע פּראָבלעמען. מיטן אויפקום פון דער ייִדיש־שעה אינעם ישׂראלדיקן מלוכה־ראַדיאָ (1949)), איז ליס געוואָרן איינער פון אירע דיקטאָרס און פאַרוואַלטערס, און דער עיקר האָט זײַן וואָרט געזונגען און געקלונגען בעת ער האָט גערעדט וועגן שרײַבערס און זייערע ווערק.

האָט אברהם ליס צונויפגענומען זײַנע צענדליקער רעדעס און מאמרים און זיי אַרויסגעגעבן אין צוויי ביכער: „היים און דויער" (1960) און „אין זכות פון וואָרט" (1969).

איז בפּירוש נישט גלײַך דאָס הערן צום לייענען. ואינו דומה דאָס לייענען מאמרים אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן ווי דאָס לייענען זיי אין ביכער, בעת זיי זענען אויסגעסדרט און אָפּגעקליבן. דאָ זעט מען דעם מחבר גאַנץ און קאָנצענטרירט. אויך די וואָס קענען נישט דעם שרײַבער פון זינט 1936, באַקענען זיך דאָ מיט אַן ערנסטן מחבר, מיט אַ מענטש פון פּראַקטיק און וויסן, און ווילן וויסן דעם טעם פון אָט די ווערק.

*

אברהם ליס איז באַהאַוונט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און קען אירע שטעגן און וועגן. ער געהערט נישט צו דעם מין שרײַבערס וואָס זענען געקומען צו דער קריטיק, צום מאמר, צוליב זייער נישט דערגיין אין דער דיכטונג אָדער אין דער פּראָזע. ער פאַרמאָגט זײַן אייגענעם אופן פון באַהאַנדלען אַ שרײַבער, אַ ווערק. ער טוט דאָס — אין מערסטן טייל פאַלן — אין שמועס־פאָרעם. מיט אַנדערע ווערטער: אברהם ליס איז אַ קרי־טיקער, וואָס שמועסט אויס זײַן קריטיק און אינפאָרמירט אונדז זײַן שטע־

לונג צו דעם אָדער יענעם ווערק, צו דעם אָדער יענעם שרײַבער, און צווישן די ייִנגערע קריטיקערס פֿון דער פּאָסט־קלאַסיק איז זיכער און פֿאַרזיכערט זײַן אָרט.

א. ליס פֿאַרצייכנט זײַנע חיבורים ווי עסייען.

אויב מיר זאָלן לערנען פֿון דעם, ווי עס ווערט היינט בײַ אונדז פֿאַר־שטאַנען דער ענין עסיי, וועט אונדז נישט אָנקומען לײַכט מסכּים צו זײַן מיט זײַן דעפֿיניציע.

אָט, אַ שטייגער, שרײַבט אברהם שאנן אין זײַן „מלון הספרות החדשה" (הוצ׳ יבנה, 1959) וועגן עסיי און זאָגט דאָרט: „עסיי מיינט אויספּרווו, נסיון. אַ פּרווו אָפּצושאַצן אַ שאַפֿונג, אַ דערשײַנונג, דורך אַ ריין פּער־זענלעכן סוביעקטיוון צוגאַנג". און עזריאל אוכמני, אין זײַן אוצר פֿון ליטע־ראַרישע ווערטן „תכנים וצורות" (הוצ׳ ספרית פועלים, 1957) שרײַבט:

„דער עסיי איז געסטעמפּלט מיטן סטעמפּל פֿון סוביעקטיוויזם. מער ווי מיר לערנען וועגן דעם ענין וואָס דער עסיי באַהאַנדלט, לערנען מיר וועגן דעם בעל העסיי... תּמיד זעט זיך אין דעם עסיי אַרויס דער פּערזענ־לעכער צוגאַנג פֿונעם עסיי־שרײַבער, זײַן פּערזענלעכער סטיל. דעם עסיי צייכענען אויס גײַסט־רײַכקייט, חן, די קונסט פֿון שמועס און דער פּער־זענלעכער געשליפֿענער סטיל".

האָבן פֿאַר די לעצטע 25 יאָר אין אונדזער ליטעראַטור, אויף דעם וווּנדערלעך געענטפֿערט — קודם כּל און ראשית כּל — יעקב גלאַטשטיין, שלמה ביקל און משה גראָס־צימערמאַן. זייער גײַסט־רײַכקייט, חן און אייגנאַרטיקייט, און זייערע פּערזענלעכע סטילן זענען נישט נאָר די באַ־שײַנונג פֿון אונדזער ליטעראַטור פֿאַר אָט דער תּקופֿה, נײַערט אויך דער מזל־ברכהדיקער פֿאַקט, וואָס פֿון זיי האָבן זיך געענערט און געגנאָסן, און פֿון זיי האָבן געלערנט ווער ס'האָט נאָר געפּרווט שרײַבן וועגן שרײַבערס און וועגן ווערק מיט אייגענעם צוגאַנג, מיט באַזונדערן סטיל און מיט עספּרי. און אברהם ליס אַליין זאָגט דאָס (אויף זײַט 260 פֿון זײַן בוך „אין זכות פֿון וואָרט"), בעת עס גייט בײַ אים אַ רייד וועגן משה גראָס־צימערמאַן:

„אַוודאי איז שוין נישט ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן די דיכטער און פּראָזאַיִקער (ער רעכנט דאָ אויס וויכטיקע נעמען), און אַנדערע פֿאַר־מירער און מײַסטער פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, אָבער גראָס־צימערמאַנס אָפּהאַנדלונגען ברענגען עפּעס נײַס. בעיקר ברענגען זיי אייגענע שטימונגען, באַטראַכטונגען, געדאַנקען — די באַהאַנדלטע שאַפֿער און שאַפֿונגען דינען אים נאָר ווי אַ מעדיום, פֿונאַנדערצואַרבעטן און באַ־לײַכטן זײַנע עסייִסטישע מחשבֿות".

זענען דאָס דברי אלוהים חיים, און דער אָפּשאַצער־פּאַכמאַן פון א. ליס׳ יצירות וועט אין זיי געפינען אָנשפּאַר און באַוויַיז אויף דער ערנסטער באַציִונג און בנאמנותדיקער באַטראַכטונג פון דעם קריטיקער אברהם ליס, ווי דאָס ווערט קלאַסיש פאַרשטאַנען. איז דאָס גאָרנישט קיין קלייניקייט. ערנסטע, קאָנסטרוקטיווע קריטיק פאַרמאָגט וויכטיקייט און באַדיַיטונג. ובפרט, ווען מען גיט נאָך צו דעם צו דעם ספּעציפישן ארץ ישׂראל־מאָמענט.

נאָר איינער פון די גרעסטע פאַרדינסטן פונעם שריַיבער א. ליס און אונדזער גרויס געווינס איז געווען און איז: — זיַין צולייגן אַ האַנט און אַן אַקסל, זיַין שטאַרקער ווילן און עקשנות אַ שטופּ צו טאָן דעם וואָגן פון די דעמאָלט פאַראייניזאַמטע און געדרודפּטע יונגע ייִדיש־יוצרים אין ארץ־ישׂראל — פאָרויס, פאָרויס און רק פאָרויס. און נאָך עפּעס דאַרף פאַר־צייכנט ווערן: מיט זיַין קומען אין לאַנד אַריַין, ערב דעם אַריַינקום פון נייַע באַדיַיטנדיקע ייִדיש־שריַיבערס, איז אברהם ליס געוואָרן דער לעצטער פון די ערשטע און איינער פון די וואָס האָבן געהאָלפן אויפנעמען צענד־ליקער ייִדישע שריַיבערס און טעאַטער־מענטשן, ווען ס׳איז געלונגען אַריַינצוקומען אין לאַנד אַריַין אויף פאַרשיידענע וועגן־אומוועגן.

אין אָט די צוויי ביכער זיַינע דערמאָנט ער טאַקע אַ סך פון זיי און טיַיטשט אויס זייערע ווערק מיט אחריות און מיט וואַרעמער באַציִונג.

1969



יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישׂראל, 1929

פון רעכטס:

ערשטע ריי — מרדכי קאַסאָווער, מאָטל וועקסלער

צווייטע ריי — ש. איזבאַן, א. בליי־ציפּורי, ד. לייבל (אלכסנדר),

ד״ר נ. י. ראַפּאַלקעס, ש. פּיעטרושקע, נ. ח. פינקלשטיין

דריטע ריי — י. צ. שאַרגעל, מנשה אונגער, א. ריוועס, א. קאָווע, מ. סטעמפּל.

ב

דב סדן
משה גראָס־צימערמאַן
אברהם סוצקעווער
ישעיהו שפּיגל
נחמן מייזיל
איציק מאַנגער
משה יונגמאַן
שלמה וואָרזאָגער
נחמן ראַפּפּ
לייב אָליצקי
פריד ווייַנינגער
דוד ספאַרד
פייַוול זיגעלבוים
יונה בערקמאַן
רבקה באַסמאַן
דאָרע טייטלבוים
אַסיאַ
טאָני סאָלאָמאָן־מערבי
רחל בוימוואָל —
זיאַמאַ טעלעסין
הירש אָשעראָוויטש
חיים זעלצער

בערל שטאָק — פּראָפ׳ דב סדן

צו זײַן ווערן אַ זעכציקער

וועגן פּראָפעסאָר פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס איז באַרימט און באַליבט מיט זײַן העבּ־רעיִשן נאָמען דב סדן קאָן מען בשום אופן נישט זאָגן, אַז מיטן בײַטן זײַן נאָמען פון יידיש — בערל שטאָק — אויף העברעיִש איז ער אַוועק פון זײַן שטאַם, פון זײַן גאַס, ווי עס פלעג זײַן דער פאַל בעת פון בערל איז געוואָרן... בערנאַרד, בערטראַנד צי באָריס. און דאָס, נישט דערפאַר וואָס פון בערל ביז דב איז נישט קיין אַנטלויפן, נאָר גיכער אַ גאַנג צו יום־טובֿ־דיקייט, צו שבתדיקייט, ווי בײַם אויפרופן צו דער תורה, נאָר — און אין דעם אייגנטלעך קאָן מען אויסדריקן די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פון אָט דעם פּענאָמען — ווײַל בערל־דב איז נישט אַוועק פון זײַן גאַס. די גאַס פון ציוניזם אין דער יידישער גאַליציע, די גאַס פון יידיש און העברעיִש. ער איז נישט אַוועק פון זײַן שטאַם, איז נישט אַוועק פון זײַן אָפּשטאַם. ער איז געבליבן געטרײַ זײַן עדה, זײַן סביבה — די נישט־געקעכלטע און נישט־באַרימטע — און טוט עד היום אַלץ, אַז די דאָזיקע אייגענע זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן, זאָלן נישט פאַרלייקנט ווערן.

און ער טוט דאָס אָן אַ וועלכן ס׳איז „פּאַרפליכטנדיקן" איזם. ווי אַ פאָר־שער און קאָמענטאַטאָר פון ליטעראַטור און שפּראַך און ממילא אויך היס־טאָריקער איז ער געבונדן און געקייטלט מיט אַלץ וואָס קאָן באַלײַכטן און קלאָר מאַכן די תקופה וועגן וועלכער ער רעדט אָדער שרײַבט. און דאָ מוזן די גרענעצן פאַרווישט ווערן. בערל און דב זענען דאָ די זעלבע מיוח־סים. אין „מחוז הילדות" אין גאַליציע, אין די יאָרן פון פאַר דעם עהשטן וועלטקריג, איז אַזאַ פונאַנדערטיילונג: אין דער וואָכן בערל און צו דער תורה דב געוועזן נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. איז בערל שטאָק געוואַקסן און געוואָקסן אין זײַן שאַפן, אין זײַן תורה ביז ער איז געוואָרן דער שטענ־דיק־אויפגערופענער דב.

דב סדן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אָנהייב 1902 און איז די טעג געוואָרן אַ בן ששים איז, אַחוץ פּראָפעסאָר פון יידישער שפּראַך און פון העברעישער און יידישער ליטעראַטור, אַ דערציילער, אַ קריטיקער און זאַמלער און אַפילו אַ דיכטער, און אַוודאי — אַן איבערזעצער.

און ווידער קומט ביי אים פאָר דער וווּנדערלעכער סינטעז, ווי מיט זיין נאָמען. שווער צו זאָגן צי דער זאַמלער און מאָנאָגראַף אין אים מוז אויך זיין שרייבער, צי דער שרייבער פון זיין אַרט און שטייגער מוז אויך זיין אַ זאַמלער. עס איז פּשוט אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן. דאָ לעבט דער דערציילער, דער קריטיקער און מאָנאָגראַף בצוותא חדא מיטן פאָלקלאָריסט און פאָרשער — באַחנט און באַווירצט מיט וויסן, מיט פאַרטיפונג, מיט היסטאָרישן פּערספּעקטיוו. דאָ הערשט אמתער שלום בית. פּונקט ווי עס הערשט ביי אים, נאַטירלעכער שלום־בית צווישן יידיש און העברעיש. און דאָ וואָלט געגוג געווען צו דערציילן בלויז דאָס אַז — ווי מ׳גיט איבער — ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ חודש־שריפט אין העברעיש וואָס זאָל הייסן „יידיש", און די דאָזיקע שריפט זאָל באַשטיין פון העברעישע איבערזעצונגען פון דער יידיש־יצירה און פון אָפּהאַנדלונגען איבער יידישע שרייבערס. די חודש־שריפט זאָל פאַרשפּרייט ווערן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אין ישראל, כּדי דורך איר אַרויסרופן אינטערעס פאַר יידיש און פאַר דער יידישער ליטעראַטור. און דאָס עצם באַהאַוונט זיין אין ביידע ליטעראַטורן, זיי לערנען (אַליין שטודירן) און לערנען (יענעם); דאָס אַרויסווייזן אַזאַ טיפע בקיאות אין יעדן ווערטל אָדער וויץ, די ממש וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן איבער אַ וואָרט אָדער ווערטל, ווי למשל, זיין אומפאַרגלייכלעכע אַרבעט וועגן „סקאָצל קומט" אין „זאַמלבוך", וואָס איז דאָ נישט לאַנג דערשינען אין בוענאָס־איירעס אונטער דער רעדאַקציע פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו — דאָס אַלץ באַווייזט, אַז דער בראָדער בערל פאַרשעמט נישט דעם ירושלימער דב און דאָס זעלבע אומגעקערט. און ס׳איז פּשוט נישט אָפּצוטיילן, ווי ס׳איז נישט אָפּצוטיילן זיינע וויסנשאַפטלעכע קענטענישן פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט.

איז עס איינע פון די פענאָמענאַלסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער תקופה. געבוירן אין אָנהייב פונעם הייַנטיקן יאָרהונדערט אין דער יידישער גאַליציע, אָנגעהויבן מיט יידישער טראַדיציאָנעלער דערציונג און גייט איבער שפּעטער צו העכערע בילדונג אין דייטש, פאַרלאָזט אייראָפּע אין די אָנהייב צוואַנציקער, — אַליין שוין אַ ציוניסטישער טוער, האַלט ער אַז זיין פּראָפּאַגאַנדע איז חל קודם־כּל אויף אים אַליין — און קומט אינעם קליינעם יישוב פון סוף דריטער עליה; הייבט אָן ביי לידער (אין 1921)

און דערגייט אין זײַנע עליות צו זכרונות, דערציילונגען, עסייען, פֿאָרש־אַרבעטן און פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען פֿון אַ העכערער מדרגה, אין זינען האָבנ־דיק ביידע שפּראַכן און ביידע ליטעראַטורן, ציט ער די גאָלדענע קייט פֿון ייִדישער יצירה, דורך דורות און תּקופֿות.

און זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אויך זײַנע איבערזעצונגען, וואָס האָבן באַרײַכערט די העברעיִשע ליטעראַטור און דעם ביכער־פֿאָנד: פֿון עמיל לודוויג און מאַקס נאָרדוי, פֿון הערצל און באָראָכאָוו, פֿון מאַקס בראָד און יוסף אָפּאַטאָשו א.א. און עס בלײַבט אונדז איבער אים צו ווינטשן: עד מאה ועשרים!

1962

צו דב סדן, דעם בעל החכמות

(צום אָפּשלײַפֿן אין „ישׂראל שטימע" „די חכמה פֿון חכמות")

מורי ורבי, פּראָפֿ׳ דב סדן,

מיטן הײַנטיקן קאַפּיטל „די חכמה פֿון חכמות" שליסטו אָפּ אַ קאַפּיטל אין אונדזער צײַטונג, אַ קאַפּיטל פֿון קלוגן, וויסנרײַכן, אַנאַליטישן באַהאַנדל די חכמות פֿונעם פֿאָלקס מויל, געכּפֿלט אויף פּופּציק. פּופּציק פּרשיות, וואָך־אײַן וואָך־אויס, האָסטו געבראַכט פֿאַר די לייענער פֿון דער „ישׂראל שטימע" און האָסט דערבײַ געלערנט די לייענער ווי די שרײַבערס (די רע־דאַקטאָרן — אַרײַנגערעכנט...) און זיי באַוויזן, ווי אַזוי מ׳קאָן דורך ליבע און ווילן — בעת דער זכרון איז אומפֿאַרגלײַכלעך און דאָס וויסן אומבאַ־גרענעצט — אַרויסשעפּן פֿון די טיפֿענישן פֿון דער ייִדישער שפּראַך, פֿון דער לעבעדיקער ווי פֿון איר גניזה, פֿולע עמערס גאָלד און איידלגעשטיין, אײַזנפֿעסטע וואָרטשאַפֿונגען און מעטאַרמאָפֿאָזעס פֿון ווערטער און ווערט־לעך, אייגענע און אויסגעליִענע, היימיש־שטוביקע און דעראָבערטע בײַ שכנים אין נויט און אין פֿרייד, דורך דורות געייִדישטע מיט חכמה און תּבונה.

עס איז דאָך, אייגנטלעך, אַ שטיק געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. און פּונקט ווי די אַלגעמיינע געשיכטע אונדזערע איז איין קייט פֿון פּײַן, פֿון לײַדן, פֿון גלות, — געפֿלאָכטן, געמישט און אַנטקעגנגעשטעלט מיט דער לויב־רײַכער גאָלדענער קייט פֿון היים און יצירה, פֿון טיפֿער אמונה

און הויכער מאָראַל, אַזוי אויך די שפּראַך. גאָט אין הימל, — וויפל רײַכקייט, וויפל שיינקייט, וויפל עלנט און וויפל פּײַן אין איר עצם זײַן!

לייענען מיר אָט די 50 קאַפּיטלען דײַנע, און ווער שמועסט נאָך, אַז מ׳איז צו זיי מצרף די ווערק דײַנע, פון דעם זעלבן מין און ענלעכע, אַריבער זעכציק (60!) ביכער, צווישן זיי אָריגינעלע קאַרגע דרײַסיק, איבער־זעצטע — איבער דרײַסיק, און מ׳גיט נאָך אַ רוף־אָן בײַ זייערע נעמען וויי־ניקסטנס די פון די לעצטע פּאָר יאָר: „ש״י עגנון, מסה עיון וחקר״; „אבני בדק״ (איבער פּראָבלעמען פון ליטעראַטור, אויך איבער ייִדיש); „אבני מפתן״ (ערשטער באַנד — איבער ייִדיש־שרײַבערס); — דאָס פון די אָריגינעלע; און פון די איבערזעצטע: „מאה סיפור וסיפור״ (הונדערט און איין נאָוועלע) פון יוסף אָפּאַטאָשו, און „הנזיר והגדיה״ (דערציילונגען) פון דער נסתּר. און גיב צו די דרײַ ביכער וואָס דאַרפן דערשײַנען אין גיכן: 1) „אבני גבול״ (איבער שרײַבערס, אידעאָלאָגן און פּובליציסטן); 2) „גלגל מועדים״ (דער אָפּשפּיגל פון שבת און שלוש רגלים: פּסח, שבועות, סוכות אין דיכטונג, דערציילונג און וויץ) און 3) „יריד השעשועים״ (איבער ייִדיש־ווערטלעך, זייער געניצע און באַטײַט) ווען מיר קומען צום אָנגע־נעמען מיוחסדיקן אויספיר: לא אלמן ישראל! מיר זענען שוין גאָרנישט אַזוי עלנט געווען דאָ, בעת מיר האָבן זיך געשאַפן אַ ווערק, אַ כּלי־זיין, אַ לעבעדיקע שפּראַך אַרומצוגיין מיט איר אין די שווערע, פינצטערע גלות־נעכט און געטאָ־טעג.

דערמאָנסט זיך אַוודאי ווי ייִדן האָבן געזונגען, אַז אויב דער פײַנד־לעכער אַרום טוט אונדז אָן כּל הבייזס און —

מוטשעט אונדז פּאַמעלעך,
לאַך איך מיך פון מײַנע שׂונאים אויס
און זינג מיר גאָר אַ פ ר י י ל ע כ ס.

האָבן מיר דאָס כּלי־זיין געשלײַפט און געריייניקט תּקופה־אײַן און תּקופה־אויס, זיך געהילט און געפּאַנצערט אין דעם קעגן פּאַרלענד און אונטערגאַנג, און געזונגען טרויעריקס און פריילעכס, ווי עס זאָגט עדות די שפּראַך גופא, און די גרויסע ליטעראַטור אירע, און ווי עס זאָגן עדות דײַנע וויסנשאַפטלעך אַנאַליטישע פאָרשונגען, וואָס זענען באַהויכט מיט חכמה, מיט וויסן, מיט ליבע.

דו האָסט געהאַלטן וואָרט. און פּונקט ווי דו האָסט צוגעזאָגט אין דײַן אַרײַנפיר צו דעם ערשטן קאַפּיטל, האָסטו געניטשערט און געזוכט, — און קודם־כּל: אין דײַן אייגענעם פענאָמענאַלן זכרון — און אַרויסגעברענגט

ביאָגראַפיעס און יחוס־בריוו פון פאַרשיידענע ווערטער און ווערטלעך, וואָס וועלן זײַן אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער געשיכטע פון ייִדיש, די שפּראַך, און צו דעם ווי אַזוי דאָס ייִדישע לעבן, די ייִדישע מאָראַלישע עיקרים, האָבן אָט דאָס לשון געייִדישט.

— וואָס זשע זאָלן מיר דיר ווינטשן?

זאָלסט זײַן פּרוכטבאַר, דײַנע פּירות זאָלן זײַן זיס? דו ביסט דאָס במילא און אַזוי זענען דײַנע פּירות. בלײַבט אונדז איבער דיר צו ווינטשן: זײַ ממשיך כּדרכּך בקודש נאָך אַ סך אַ סך יאָרן און דאָס פֿאָלק וועט זיך מיט דיר פרייען און זיך מיט דיר גרייסן.

1964

דעם פּראָפ׳ דב סדן, צו זײַן ווערן אַ בן שבעים

— כ׳וויל נישט זײַן לגבי דיר „מלכותדיק״ — ווי דו באַשולדיקסט מיך דורך דער הערלעכער פּען פון יעקב רבי אין „על המשמר״, אַז איך בין דאָס אַזוי געוועזן צו דײַן ווערן אַ זעכציקער — מחמת אַ מלך האָט, בטבע, אָנגעריבטע פאָלקס־גיטער און אַז עס קומט אַ „סאָציאַלע רעוואָלוציע״ ווערן זיי בײַ אים סטאַליניסטיש „אָפּגענומען״ און „אומגעקערט דעם פאָלק״, בעת דײַן רײַכקייט איז טאַקע די רײַכקייט פונעם פאָלק, אָבער — דורכגעלײַטערט דורך דײַן טאַלאַנט און וויזיע און צוריקגעגעבן דעם פאָלק מיט פולע הערלעכע זשמעניעס. כ׳וויל אויך נישט זײַן קיין טענדלער און זיך אַרויפשטעלן אויף אַ שטײ־בענקעלע אין מיטן מאַרק און אויסרעכענען דײַנע אַלע מעלות טובות, דײַנע קענטעניש און פעיִקייטן, כּדי דער וואָס וויל כאַפּן אַ מציאה זאָל צופאַלן און... כאַפּן; און אַוודאי וויל איך נישט און קאָן שוין נישט זײַן קיין חדר־ייִנגל, וואָס רעכנט אויס אויף די פינגער, מיט טראָפּ און ניגון, וואָס אַזוינס עס פאַרמאָגט אין זיך דאָס ספר „ויקרא״, בשעת ער הייבט אָן צו לערנען חומש — ווײַל דײַן פאַרמעגן איז נישט צו ציילן. עס נעמט אין זיך אַרײַן צענדליקער ווערק אין עברית, טאַקע פון „מחוז הילדות״ ביז שיבה און אין ייִדיש, וואָס בײַ אַ טייל פון זיי, ווי „די חכמות״, „צווישן וואָרט און ווערט״ און אַנדערע האָב איך געהאַט די זכיה צו זײַן זייער „הייבאַם״, ברענגענדיק זיי אויף די ליטעראַטור־זײַטן פון דער „ישראל שטימע״, גוט גוט אַכטונג געבנדיק עס זאָלן חלילה נישט... פעלן קיין גרײַזן.

אָבער דער פאַקט וואָס „פון יאָרן אַליין ווערט מען עלטער״ און אַז

שוין צען יאָר „דינסטו געטריַי״ אונדזער „שטימע״, אָט דער פאַקט באַוועגט מיך, אויב נישט זיך צו פאַרכליניען אין דברי שבח צו דיר, ווי ביַי אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, איז, לפּחות, אַנטקעגן טראָגן דיר די ברכה פונעם בעל התּהילים „עוד ינובון בשׂיבה״. און ווי פאַרטיַיטשט עס יהואש? — זיי וועלן נאָך שפּראָצן אין גראָער עלטער.

— אין גראָער עלטער שפּראָצן?

נאָך ווי אַזוי.

אָט האָסטו מיר אַנומלט דערציילט, שפּאַצירנדיק צוזאַמען אין אַזאַ וווּנדערלעכן ווינטער־אָוונט איבער די גאַסן פון דער אייביקער ירושלים, אַז דו גרייטסט דיר אַליין צו אַ געבוירנטאָג־מתּנה צו דיַינע זיבעציק — אַ צענדליק ביכער צום אַרויסגעבן. קאָן דאָס אַן אָפּגעלעבטער, אָפּגעדאַרטער בוים באַוויַיזן? ניין, און זיבן מאָל ניין! אלא נאָר די וועמען דעם תּהלימס ברכה דערגרייכט, המה יעלו בהר. זיי וועלן דאָס אַרויפגיין אויף דער באַרג־הייך פון שאַפן. און דו ביסט איינער פון זיי. און אין אונדזערע טעג — דער איין־און־איינציקער.

— דערפאַר

דשנים ורעננים יהיו — פעט און זאַפטיק וועלן זיי זיַין — דו און דיַינע ווערק.

און דו זאָגסט דאָך אַליין אין דיַינע הערות צו דיַין בוך „די חכמה פון חכמות״ (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1967), אַז כּמעט פון קינדוויַיז אָן האָט דיך געצויגן צום חן און צום סוד פונעם יידישן וואָרט, ווערטל און גליַיכוווערטל. האָסט געוואָלט וויסן זייער אָפּשטאַם, גענעזע, באַטיַיט „וואָס פאַר אַ גילגולים זענען זיי אויסגעשטאַנען, וואַנדערנדיק איבער לענדער און ציַיטן; וואָס פאַר אַ קרן האָבן זיי געבראַכט מיט זיך און וואָס האָבן זיי גענאַשט אויפן לאַנגן וועג, ביַי די שכנים; וואָס איז זיי אויף זייער וואָגל און וואַנדער צוגעקומען און וואָס איז זיי אָפּגעקומען״... און דו האָסט מיט התמדה און באַזאָרגטקייט געזוכט און גענישטערט, געפאָרשט און געלערנט, פאַרגליַיכט און אויסגעגליַיכט, ביז עס האָבן זיך באַקומען וווּנדערלעכע „שיסלען״ — „קערת צימוקים״, „קערת אגוזים״ א. א. אין עברית און אין יידיש מיט פּראַכטיקע מאכלדיקע מאכלים.

און האָסטו דען נישט מיט דער זעלבער התמדה און ליבע געטעסעט און געקריצט דיַינע „שטיינער״ („אבני שפה״, „אבני מפתן״, „אבני בדק״ א. א.), דורך וועלכע דו האָסט אויף דיַין אייגנעם אופן און וועג, מיט דיַין אייגנאַרטיקן סדנישן סטיל, אַרויסגעבריענגט די שענסטע און בעסטע פיגורן פון אונדזערע ליטעראַטורן, און פאַרוואַנדלט דיַינע „שטיינער״ אין דורות־

דיקע מײַל־שטײנער, און דאָס — נישט ווי א „געשווירענער" קריטיקער, וואָס האָט איין מאָס און איין וואָג פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, נײַערט אײַנגע־וואָרצלטסטע אײגנשאַפטן! — אויפגעבויט נעסטן און אויפגעשטעלט מאָ־נומענטן פאַר ייִדן־יוצרים, מאָנומענטן וואָס דינען שוין און וועלן דינען ווי אייביקע מצבות פאַר די וואָס האָבן מיט זייער גײַסט און פען געמאָלט און · געפּורעמט דאָס ייִדישע לעבן אין פאַרלויף פון דורות.

צענדליקער ביכער, טויזנטער מאַמרים און רעדעס; אָן אַ שיִעור אונ־טערפּירעכטס־עסייען, וואָס האָבן אונטערגעפּירט „גרויס" און „קליין" אונ־טער דער ליטעראַטור־חופּה, און אַ טייל פון זיי אַוודאי אַרײַנגעפירט אינעם פּני און פּנים פון אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור; זכרונות און וויסנ־שאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, ביאָגראַפיעס פון ווערטער און ווערטלעך, דער־ציילונגען און לידער אַפילו — וואָס נאָך דאַרף דאָס איין מענטש באַווײַזן כּדי דאָס פאָלק זאָל אים ליבן און לויבן?

נאָר ווער בין איך כ׳זאָל דערויף געבן אַן ענטפער. איך ווייס נאָר איינס:

האָסט מיך אָנגעטרונקען מיט ליבשאַפט צו דיר, אַ ליבשאַפט וואָס קומט פון דײַן גוטסקייט, פון דײַן רײַכער רחבותדיקייט, פון דײַן ליב האָבן גאָט און מענטש, פון דײַן ליב האָבן אונדזער פאָלק און די קולטור זײַנע איבער דורות און שפּראַכן. דערפאַר זײַ געבענטשט אין דײַן ווערן עלטער, דו און דײַן ליבע פרוי גוסטאַ און אײַערע קינדער און קינדס קינדער, און זײַ אונדז שעפעריש נאָך אַ סך אַ סך יאָרן.

1972

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

(לייענענדיק „דער זיידע" פון משה גראָס־צימערמאַן)

כ׳וואָלט אָנגעהויבן מיט אַ התנצלות, האָב איך אָבער מורא פאַר מ. גראָס־צימערמאַן, דעם מחבר פון בוך „אינטימער ווידעראַנאַנד" (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1964) א. א. ער וועט מיר זיכער אַ וויַיז־טאָן מיטן וויַיזפינגער פון זיַין רבישער האַנט אויפן זיַיטל 7 פון אָט־דעם בוך, ווו ער הייבט־אָן זיַין קאַפּיטל „אימתא דדיבורא": „פּאַרציַיטנס פלעגט אַ מחבר אָנהייבן מיט אַ ,התנצלות׳"... אָבער פּטור בלא כלום קאָן מען דאָך אויך נישט, ווען איך אָנהייבן דערמיט: די אַנטאָלאָגיע „וואָרצלען", וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען (פאַרלאַג „ישׂראל־בוך" תל־אביב, 1966), האָט מיך צוליב דעם רירנדיקן בילד „דער זיידע" פון משה גראָס־צימערמאַן, צוריק־געשיקט צו זיַינע „אינטימע ווידעראַנאַנדן" שבכתב ובעל־פּה און מיר אויס־געדעדט די שרעק פאַרן ווילקענעוודיקן אַריַינזאָגער און אַרויסזאָגער...

ווײַל — את חטאי אני מזכיר: כ׳האָב פאַר גראָס־צימערמאַן אַ ווײַטן דרך־ארץ. אַ דרך־ארץ, וואָלט איך זאָגן, וואָס האָלט מיך פון אָט דעם אָריגינעלן שריַיבער און רעדנער אַ היבש ביסל פון וויַיטן. ער דערמאָנט מיך אָפּט מיַין זיידן ר׳ יצחק־משה, עליו השלום, וואָס איז געווען קנעפּל בקנעפּל מיטן קאָזמערער זצ״ל, אַן אָנגעפּראָפּטער און אָנגעשטאָפּטער מיט יהדות און יהנדות, וואָס פלעגט מיך אין מיַינע קינדער־יאָרן כמעט אַלע יום־טוב פאַרהערן אַ בלאַט גמרא, אַ סוגיה, אַ פשטל א.ד.גל. און מיך ליב געהאַט ווי נאָר אַ זיידע קאָן ליב האָבן. איז ער איין מאָל אַ סוכות־ביַינאַכט געשטאַנען איבער מיר אין זיַין גאַנצער שטראַלנדיקער גרייס, אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיטן וויַיסן אַרויסזעעכץ און געהייסן מיך איבער־זאָגן דאָס פּשטל, ווו אַן אַפּיקורס פרעגט ר׳ אבויהן: אלהיכם כהן, איַיער גאָט איז דאָך אַ כהן, אַז ער האָט באַגראָבן משהן — אין וואָס האָט ער זיך טובל געווען? ... יונג, און מיד פון ערב יום־טוב, און די יום־טוב־לופט שלעפערט, האָט זיך ביַי מיר אַרויסגעריסן אַ... געגעץ. האָט דעם זיידנס צאַרטע חסיד־האַנט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיַין קינדערישן פּנימל מיט אַזאַ

פלאָם, אַז איך געדענק אים נאָך עד היום (זאָל אים די ערד גרינג זײַן): —
שייגאָץ, אַז מ׳לערנט, גענעצט מען?!...

האָב איך מהאַי טעמא זיך געשראָקן און זיך צוריקגעהאַלטן פון לער־נען גראָס־צימערמאַנס חיבור, דעם אַרײַנפיר צום דערמאָנטן בוך: —

„פאַרצײַטנס פלעגט אַ מחבר אָנהייבן מיט אַ ,התנצלות׳. דאָס איז גע־ווען זײַן אימתא דדיבורא, מורא פאַר אַ מין עקסהיביציאָניזם פון וואָרט, וואָס גיט זיך אַ שטעל אַוועק בפרהסיה און פראַוועט עניוות מיט חשיבות. אַוודאי איז גוט, אַז מען נוצט צום בלאָנדזשען אַ פעסטן אָריענטיר־פּלאַן: „אַרײַנפיר" אין די שטרויכלונגען. אַ מאָל זאָגט דיר עפּעס אונטער: שווער, אָנצוהייבן, אַז מ׳רופט גאָר: ענדיקן — ווער רופט? ווו נעמט מען די חכמה דערצו? די איינזאַמקייט פון ייִדישן וואָרט וויל זיך אַלץ אַרויס־זאָגן — כאָטש דאָס געפיל האָבן מיר: ס׳אַ מאָנאָלאָג אויף פאַרטונקלטער סצענע און די העלדן זענען שוין כמעט אַלע אַראָפּ. און אפשר איז מאָנאָ־לאָג אַ דיאַלאָג מיט דעם שווײַגן, וואָס אומרוט אין אונדז. די נאַטור, וואָס שווײַגט, איז אַזוי ווי נאַטור, וואָס „אַרבעט נישט" — רוט זי דען?"

נו, האָט עס מיך געשראָקן, מיך געהאַלטן פון ווײַטנס און מיך געמאַכט שווײַגן. איז ווי זאָגט דער מחבר דערפון: אַ וואָרט וואָס שווײַגט, רוט דען?

— און נישט בלויז דאָס. אָט זאָגט דאָך טאַקע מ. גראָס־צימערמאַן אין זײַן עסיי „י. ל. פּרץ און דער צײַטגײַסט" (אויף זײַט 77): „איך אַליין האָב זיך געגרייט צו אַ טיפן שמועס מיט פּרצן וועגן דער „שליחות פון דער תקופה׳ — ווי אַ חסיד איז זיך מכין צו שטיין פאַרן רבין" זעט איר? —
הודעת בעל־דין כמאה עדים דמי! און ווילט איר נאָך? שוין די „קעפּלעך" פון זײַנע עסייען אינעם דערמאָנטן בוך זענען דאָך די בעסטע עדות, אַז דאָ שטייט פאַר אונדז אַ קלוגער, ווילקענער ר׳ משה, וואָס רופט אַרויס צו זיך דרך־ארץ, כּבוד און דיסטאַנץ: „דער תכשיט משה לייב", „די שטילע נגידית־טע", „שפע און צמצום", „איינעמס לידער און מידות, „דער מנגן", „תּפילה" פון אַ קריטיקער" — הכּלל, פאַרמאַכסט די אויגן און דו „זעסט" פאַר זיך דײַנס אַ ווײַטן, הדרת־פּנימדיקן פעטער, פון דער מאַמעס צד, וועמען דער קײַזער פראַנק יאָזעף ירום הודו האָט געשענקט אַ גאָלדן שווערדל... און האָט איין־איינציק מאָל אונדז באַזוכט.

איז געקומען „דער זיידע" און האָט אַ באַלײַכט־געטאָן מיט בליץ־לאָמפּן פון די סאַלעס און מיט הויכע, לאַנגע יום־כּיפּור־לעכט דעם ייִד מיטן גרויסן ייִדיש־מענטשלעכן האַרץ, מיט זײַן וווּנדערלעכער אומפאַרגלײַכלע־כער, און כ׳האָב מורא צו זאָגן: פאַרגייענדיקער ייִדישער מסורהדיקער

חכמה און מיט זײַן ליבשאַפֿט און מיטלײַד צום עלנטן און לײַדנדיקן. איז צוזאַמען מיט דער פֿרייד, וואָס דו האָסט פּלוצים דערזען דײַנעם אַ מיט־צײַטלער אין אמתן ליכט, האָט עס בײַ דיר אַרויסגערופֿן פֿאַרדראָס פֿאַר דײַן ביז־איצטיקן נישט־דערזען.

ווײַל, ווי זאָגט דאָרטן משה גראָס־צימערמאַן אין זײַן „דער זיידע״? („וואָרצלען״, זײַט 154) — „זיידעס, האַלט איך, וואָלט מען אין דעם הײַנ־טיקן לעבנס־מאַנגל, פֿון וועלכן מיר האָבן אַזאַ שפֿע, געמעגט ניצן אַ ביסל „עקאָנאָמישער״. מ׳האָט עפּעס אָנגעגרייט זיידעס פֿאַר יעדן באַזונדער?״ — ריכטיק, ווי גאָלד.

לייענט איר „דער זיידע״״ און איר ווייסט נישט פֿון וואָס פֿריִער צו זײַן באַאײַנדרוקט. אַ ייִד־מענטש אין ברייטן פֿאַרנעם, וואָס קאָן פֿאַרטיילן שׂכל הישר נישט נאָר צו איין ייִד. געוועזן פֿאַרבונדן מיט שטעט און מיט לענדער, מיט נכסים און מיט דאגות, און אַז די שיפֿן זענען אים בפּועל ממש אונטערגעגאַנגען, איז ער אַליין געקומען צוריק צום אָרט פֿון וואַנען ער שטאַמט — ארץ־ישׂראל — און געוואָרן אַ היטער פֿון מויערן — שומר החומות. איז דאָס סימבאָל? — יאָ און ניין, ס׳איז אָבער גיכער פֿון אַלץ — צוריקקומענדיקע ווירקלעכקייט. און דער „חיבור״? — וויפֿל חכמה, וויפֿל צערפֿולער שאַרפֿזין, וויפֿל ייִדיש־ווערטלדיקייט אין דעם שילדערן און אין דעם לשון! וויפֿל חן און חסד (חן פֿון וואָרט און ווערטל, און חסד פֿון האַרץ און מוח). ס׳איז אייניציק און אייגנאַרטיק.

— איז לאָמיר היטן אָט־דעם זיידן אונדזערן, ר׳ משה גראָס־צימער־מאַן, וואָס „האַלט איצט פּונקט אין מיטן מאריך־ימים זײַן״ כּלשונו, ווען מ׳וועט אין גיכן פֿראַווען דעם יובל ה־75, און לאָמיר אים ווי אויף אַן אַדרויף ווינטשן נאָך אַ סך שעפֿערישע יאָרן, אין וועלכע יצירה און חכמה זאָלן זיך פֿון אים נישט אָפּטאָן.

1966

אַברהם סוצקעווער

פון „וואַלדיקס" ביז „ייִדישע גאַס"

דאָס אַלץ־אַרומנעמענדיקע, דאָס אוניווערסאַל־אַלמענטשלעכע וואָס עס פּאַרמאָגט דער אמתער עכטער קינסטלער, האָט זיך געלאָזט מערקן בײַ דעם יונגן אַברהם — אָדער אַבראַשאַ, ווי די „יונג־ווילנער" האָבן אים דעמאָלט גערופן — באַלד בײַם שטעלן זײַנע ערשטע טריט. דאָס עשירות אין בילד און אין שווּנג, דאָס אומגעוויינלעכע בויען און בינדן זאַצן, די נײַע באַ־חנטע וואָרט־שאַפונגען האָבן שוין באַלד אין אָנהייב געפירט זײַן ליד צו דער מדרגה פון ווירטואָזישקייט. אַוודאי האָט זיך געפילט אַ קאַלטקייט אין די שורות, און נאָך מער — צווישן זיי. עס האָט געווייעט פון זיי, ווו נישט ווו, מיט נישט קיין היגער לופט. דאָס ליכט, וואָס האָט אָפט בײַ אים אַ שנײַד געטאָן ווי אַ מעטעאָר אויף אַ שטערנלאָזן הימל האָט אויסגעזען כּישופדיק, גן־עדנדיק — אָבער נישט ערדיש, נישט דאָיִק... נאָר דאָס אָריגי־נעלע, דאָס באַזונדערע, דאָס נישט־געוויינלעכע, וואָס האָט גערופן צו זיך און גערייצט, האָט פאַרבלאָסט, האָט פאַרשטעלט די טענות.

— „א. סוצקעווער איז אָן אַ ספק אַ דיכטער מיט טאַלאַנט, עס איז אָבער נישטאָ קיין קלאָרער פּנים אין זײַנע לידער, כאָטש אָריגינעלישקייט איז שוין גאָר קענטיק". — אַזוי שרײַבט אין 1937 דר. א. מוקדוני וועגן סוצקעווערס ערשטע לידער, וואָס זענען געדרוקט אין די לייוויק־אָפּאַטאָשו „זאַמלביכער" נומער 2. („מאָרגן זשורנאַל", 17־טן מערץ, 1937). ענלעכע באַמערקונגען קאָן מען טרעפן אין יענער צײַט אויך אין אַנדערע ערנסטע זשורנאַלן, וואָס באַהאַנדלען דעם אויפקום פון דעם יונגן אָריגינעלן קינסט־לער. מ'וויל זען אַ קלאָר פּנים.

אין זײַנע ווײַטערדיקע עטאַפּן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין זײַן באַרימטער לידער־זאַמלונג „וואַלדיקס" (ווילנע 1940), ווו דאָס וואָרט זײַנס ווערט מענלעכער, מוסקולירטער און אַדורכגעטראַכט מיט לעבנס־חכמה, בלײַבט די לופט — נאָך מער ווי פריער — „ווײַט, ווײַט פון דאַנען". דאָס ליכט ווערט רייצנדיקער, רײַכער — אַלע פאַרבן פון רעגן־בויגן

צעשפיגלט אין קרישטאָלן — עס איז אָבער נישטאָ קיין בײַטאָגיקס, אפילו נישט קיין בײַנאַכטיקס. ס׳איז צויבער־וואָרט, לעגענדע־שפּיל, אין יענער זײַט פון אונדזערווירקלעכקייט.

דער דור, וואָס איז אַרײַן אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געוואָלט אַ וואָרט פון טרייסט, אַ וואָרט וואָס זאָל באַהויכן מיט גלויבן, עס זאָל געבן כּוח אויף אויסדויער. און עס זענען געווען אַ סך שעפערס בײַ ייִדן, וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם עול, און האָבן, ווער מיט מער טאַלאַנט, ווער מיט ווייניקער, דאָס געטאָן. שוין אַליין די גרופּע „יונג־ווילנע״ האָט געוווּסט צו שפּרייטן גלויבן און צו הייבן דעם מוט בײַם ייִדישן לייענער. און זאָל „יאָ״ — די באַרימטע לידער־זאַמלונג פון חיים גראַדע זײַן דער עדות. נאָר דער ייִנגסטער און אָריגינעלסטער פון זיי — אברהם סוצקעווער — האָט געוועבט אין אַ גאָלדענער שפּראַך־ראָם די לעגענדע פון ליליעס און טאָפּאָלן, פון קרישטאָל־וואַזעס און אָזע־רעס, פון וועלדער און פון געטער, פון אויסגעטראַכטע זומערס און אויס־געקלערטע ווינטערס —

לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ יונג־באַרוישטן פרילינג,
לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ מילכוועג־נאַכט אין זומער,
לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ האַרבסט אַ בלי־צעבליטן,
לאָמיר וועבן די לעגענדע פון אַ ווינטער. —

מיט די־אָ שורות הייבט אָן סוצקעווער (אין יאָר 1937) פיר קאַפּיטלעך פון אַ ליד „לאָמיר וועבן די לעגענדע״. און זע, ווי קאָנקרעט: די לעגענדע. נישט עפּעס סתם אַ לעגענדע, וואָס אַ וועלכער ס׳איז ייִנגל, אַ שטיפער, אַ פאַנטאַזיאָר וועבט זיך. ניין. דאָ גייט אַ דיכטער צו צום ענין באַוווּסטזיניק און מיט דער גאַנצער שיינקייט וואָס דאָס וואָרט פאַרמאָגט; ער וועבט אַ פעסט־געבויטע, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, לעגענדע וועגן אַ ווינטער, ווו „אונטער וואָיענדיקן שיכט פרירט אָן ערגעצדיקע יונגשאַפט״. און אַז ער גייט פרעגן: „ווער האָט עס געהיים באַשווירן דו זאָלסט ווערן מיר דער ברענפּונקט פון די אָפּגעשטראַלטע יאָרן?״ איז ער פריִער מודה ברבים:

און איך קני דאָ אין ירידה
זינג און שמייכל אין מײַן ווידוי...

נאָר דער אמתער דיכטער, וואָס אין אים איז די אחריות פאַר דער שעה און פאַר דעם אַרום, קאָן אויספירן:

נאָר ביז וואַנען איך און דו
וועלן גאָר די לעבנס אוצרות וויליק אויסבײַטן אויף רו —
לאָמיר וועבן די לעגענדע, לאָמיר וועבן, ווײַטער.

אַזוי אַרום ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז די „לעגענדע" פון לעבן, פון ווײַטער, פון המשך. דער דיכטער זעט, אַז „קניִען אין ירידה", ווען אַפילו אין אַזאַ מלכותדיקן לבוש ווי זײַן פּערז פּאַרמאָגט, איז נישט דער וועג אויף וועלכן עס איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן צו גיין. ער ווענדט זײַן בליק צו די ליידן פון זײַן פאָלק, פון זײַן דור, פון זײַן שטאָט, פון זײַן שפּראַך און ער, דער איידעלער, נישט־ערדישער לעגענדן־וועבער, הייבט אָן וועבן די לעגענדע פון אַ לעבן אין דער פינצטערסטער עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע, ווען היטלערס מלאכי־המוות פירן ווילנע צו דער שחיטה. און עס קומט פאָר אַ ליכטיקע מעטאַמאָרפאָזע: דער ברילאַנטן־שלײַפער פון ייִדישן וואָרט, וואָס לעבט „נעכט מיט שפּינאָזען", וואָס לעבט אַרײַן אין דער ייִדי־שער שירה דאָס איידעלע געשטאַלט פון ציפּריאַן נאָרוויד, פירט אַרײַן אַ מנין ייִדן אין די אָפּגוס־קאַנאַלן פון דער צעשאָכטענער ווילנע און וועבט־אויס אַ לעגענדע פון צען, וואָס לעבן איבער אַלע גרויליקייטן פון אונטער־ערדישן גיהנום און קומען־אויף צום נײַעם לעבן געלײַטערטע אין די רינשטאָקן.

*

דעם אומגעהײַערן מבול־גאָס פון ייִדיש בלוט האָט נאַטירלעכערווײַז באַגלייט טרויעריק געזאַנג פון ייִדישע איכהס. ייִדן האָבן באַשריבן און באַזונגען זייער בראָך, אַפילו אין די לעצטע רגעס פון אונטערגאַנג. די געטאָס און די לאַגערס האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך נײַע, ביז דאַן נישט געהערטע און נישט געזעענע פּאָעטן, פאָלק־זינגער און פאַרשרײַבער. נאָך דער באַפרײַונג זענען אַרויס אויף דער אַרענע די לעבנגעבליבענע ייִדישע שרײַבערס, און עס האָט אַ פלייץ געטאָן פון זיי מיט אימהדיק געשילדער פון דעם איבערגעלעבטן, מיט בלוטיק געוויין איבער די אָנגעווווירענע איי־גענע און נאָענטע, מיט אַ קללות־שטראָם צו דער וועלט „דער מרשעת" און מיט הייסע ליבע־דערקלערונגען צום ייִדישן פאָלק, צו זײַן גורל, זײַן מיסיע, זײַן לאַנד. די לאַגער־פּרעסע אין אירע אָן־צאָליקע עקזעמפּלאַרן איז פול דערמיט.

ז. סעגאַלאָוויטשעס „דאָרטן" און „אַ בוים אין פוילן", וואָס ער האָט געשריבן אין תּל־אביב, האָט געדאַרפט אויפרודערן די פאַרשטיינערטסטע הערצער. „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק", וואָס איז געבליבן

בירושה פון קאַצענעלסאָנען, האָט געדאַרפט אויפשוידערן אַלט און יונג מיט דער חלפדיק־פּשוטער שילדערונג פון ייִדישן אונטערגאַנג. דאָס איז געוואָרן, און וועט בלײַבן, אַ ליטעראַטור פון קינות, פון נאַציאָנאַלע קלאָג־לידער נאָך אַ זעקס מיליאָניקן פאָלק, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן, געליטן און געגלייבט און געוואָרן אַכזריותדיק אויסגעשאָכטן.

איז „געהיימשטאָט" אַ המשך דערפון, אַ טייל פון דער ליטעראַטור?

מ׳דאַרף ענטפערן מיטן פולן מויל: ניין.

אברהם סוצקעווערס געהיימשטאָט איז אַ גרויליקע סימפאָניע, ווי גורל, שרעק, פּײַן, ווילן און גלויבן פאַרקניפּן און פאַרבינדן זיך, וועבן און פאַר־וועבן זיך און פירן צו איין לאָגישן אויספיר: המשך. דאָס איז אַ ממעמקים־דיקער אויסזונג פון דעם אַלטן ייִדישן אני־מאמין באמונה שלמה בקיום האומה — געשטאַרקט און געשטיצט מיט גלויבן אין מענטש. און אויב דאָ אָדער דאָרט זענען פאַראַן אָפּווייכונגען, בילדערישע אָדער שפּראַכלעכע, און אויב סוצקעווער פירט אַרײַן אין די קאַנאַלן אויך דעם פּרוש און לייגט אים אַרײַן אין מויל אַזעלכע שורות:

בײַ אײַער באַפרײַונג וועט קיינער ניט שאַלן
אין רויטן טרומייט עלעהיי אויף אַ סעודה.
עס וועלן אײַך ציִען צוריק די קאַנאַלן
אַזוי ווי דעם הונט זײַן פאַרשאָלטענע בודע.

און —

בלויז דורך די לעכער פון שולן און קלויזן
וועט גאָט זיך פאַר אײַך אין די הימלען אַנטבלויזן.

איז עס נישט דערפאַר, ווײַל אַזוי מיינט אויך סוצקעווער. זײַן סימפּאַטיע איז שוין ווײַט נישט אויפן פּרוש. און אויך נישט דערפאַר, ווײַל כּדי אַרויס־הייבן די אַנדערע העלדן, די פּאָזיטיווע, די קעמפערישע, מוז דער קינסטלער ברענגען שאַרפע קאָנטראַסטן, דאָס איז גיכער דערפאַר, ווײַל סוצקעווער איז געפאַנגען אין די וווּנדערקייטן פון זײַן שפּראַך־געפלאַטער, ווי זײַנע שטערן — „געפאַנגען אין שנייִקן שפּיגל". און מ׳דאַרף זיך אויך נישט שרעקן אויב דער דיכטער ווענדט זיך צו אונדז, צו די לייענער, און באַ־טיטלט זײַן ווערק „ווילדע פּאָעמע", — זי איז שוין גאָר נישט ווילד, אָט די דאָזיקע גרויליקע פּאָעמע, וואָס דערציילט פון אַזוי פיל אויסטערלישע ווילדקייטן — ווילד איז די וועלט וואָס האָט צו דעם דערלאָזט, ווילד זענען די, וואָס האָבן דערצו דערפירט.

זאָלן מיר דאָ רעדן וועגן די דעטאַלן פון דעם ווערק, וועגן די העלדן?

ניין, די אָרעמסטע פאַנטאַזיע וועט נישט בלײַבן הינטערשטעליק מיט־צוגיין מיט די צען אין זייערע פּאַרעיפּושטע קאַנאַלן, צווישן מײַז, שמוץ און געשטאַנק, כּדי אויסצובאַהאַלטן דאָס הייליקסטע, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט — דאָס לעבן:

צי האָסטו געקענט דען אַמאָל זיך פאַרקלערן,
אַז דאָ ווו עס פליוכעט דאָס ברודיקע וואַסער
דער איינציקער אונדז מקום־מקלט זאָל ווערן?

ניין. דערצו האָט זיך נאָך קיינער נישט געקאָנט דערקלערן.

און ווער איז דען נישטאָ אין דעם וווּנדערלעכן מנין?

דאָ איז דאָ דבורהל, וואָס געדענקט אין אירע שווערסטע מינוטן אָן איר שוועסטער פון חיפה און זי בעט בײַ אַלעמען מ׳זאָל אָפּשיקן קיין חיפה אירע גרוסן. דאָ איז דאָ ליפּמאַן דער דאָקטער, וואָס תּיכּף נאָך דער באַפרײַונג לויפט צו זיך אַהיים —

אַזוי ווי דער נעכטן וואָלט זײַן בלויז אַ פילם
געלאָפן איז ליפּמאַן צו זיך אין דער דירה,
ניט בענטשן קיין גומל, ניט זאָגן קיין תּהילים,
נאָר אויפגראָבן כּלים אין גרונטפעסטן אירע.

(צו מאָרגנס איז שוין געהאַנגען בײַ אים אַ שילדל, אַז ער איז גרייט אויפצונעמען פּאַציענטן...). דאָ איז דאָ פּאָליע, דער לעבעדיקסטער נערוו פון דעם מנין, וואָס ווייסט צו קעמפן, צו באַזאָרגן שפּײַז, זיך צו פאַרליבן און צו ברענגען אויפרײַס־מאַטעריאַל, כּדי שפּעטער זאָל ער צוזאַמען מיט דבורהלען, וועמען ער ליבט אינעם רינשטאָק, דאָס אונטערלייגן אונטער די באַן־שינעס און אויפרײַסן „די נײַע אייראָפּע". דאָ געפינט זיך דער אַסימילירטער יעקע, דער פליט פון האַמבורג, וועמען דער ייִדישער גורל האָט פאַרשלעפּט אַהער צו די „אָסט־יודען" און וואָס אַנטלויפט בײַ דער ערשטער געלעגנהייט... דאָ איז דאָ די שוואַנגערדיקע קרײַנע, וואָס געבוירט דאָ איר קינד אין קאַנאַל — אָדמל — און וואָס דערציילט אַלעמען, אַז זי קען נישט איר מאַן און האָט אים קיין מאָל נישט געזען —; זי האָט —

— — — מיט פאַרמשפּטע ייִדן אַ קופּע
געוואַרט, אַז דער טויט זאָל אונדז שפּרייטן זײַן חופּה.

און פּאָר טאָג, ווען מ׳האָט די צעשאָסענע געשלעפּט אין גראָבן אַרײַן, און

זי האָט געוואָרט אויף איר רײ, האָט אַ ליבשאַפט־באַגער זי באַפאַלן און געמאָנט זײַן דערפילונג —

> און איך האָב אַן זינען געמאָנט און גערופן,
> אַ מאַן אַ געליבטן צעווישן די גופן.

און זי האָט איינעם געפונען, און האָט אים דערציילט, אַז זי וויל קומען אין קבר אַרײַן אַ זאַטע. און ער האָט זי געקושט און „אין לײַב מיר פאַר־שמאָלצן אַ געטלעכן זאָמען", און אַז די הינט האָבן זיי געשלעפט אין די גריבער אַרײַן, האָט ער, וואָס איז „געבליבן פאַרהוילן זײַן נאָמען" מיט זײַן צעשאָסענעם גוף זי באַרעגנט —

> נאָר קענטיק דער טויט אין דער שטאָלענער שחיטה
> האָט מער אויף מײַן גוף ניט געהאַט שוין קיין שליטה.

און — אַ שוואַנגערדיקע זיך דערקײַקלט אַהער.

דאָ איז דאָ גדליה דער לערער, וואָס ווערט אין די קאַנאַלן אַ כראָניק־שרײַבער, כדי ס׳זאָל גאָרנישט ניט גיין פאַרלוירן פון יענעם „לעבן" און פון יענער צײַט, נאָר צוליב דעם וואָס ער שעכט די ציג כדי דבורהלע זאָל האָבן וואָס צו עסן — ווידער ליבע — גייט ער אַוועק און הענגט זיך. דאָ איז דאָ איינער, וואָס איז בלינד געוואָרן בעת מ׳האָט אים חרוב געמאַכט זײַן היים, זײַן בני־בית; מיט זײַנע הענט — ער האָט צעטיילט ציאָן־קאַלי זיך, זײַן ווײַב און זײַן טאָכטער רייזל, זענען זיי פאַרסמט געוואָרן און ער נישט... און ער ווערט זעעוודיק מיט דער באַפרײַונג:

> נאָך קיינמאָל זײַן תהום ניט געזען אַזוי דײַטלעך
> ווי איצטער — — —

און דאָ איז דער דיכטער וואָס יאָמערט אַרויס פון זיך די „קאַנאַ־ליאַדע".

און די צען זענען תמיד דאָ. שטאַרבט איינער געפינט זיך אָפּ אַ צווייטער, אַנטלויפט דער דײַטשישער ייִד קומט אַן אַנדערער. און דאָ באַווײַזן זיך די איינצלנע געציילטע חסידי אומות העולם, וואָס ווי קליין זייער הילף איז, — דערוואַקסט זי צום העכסטן באַגריף פון מענטשן־ליבע: מאַ־טייקע, וועמען זײַנע „ברידער"־קריסטן הענגען פאַר געבן הילף ייִדן און פאַרטיזאַנער, אַדאַמיק זײַן זון, מאַריאַ פּעדעצקאַ, וואָס האַלט אויף בײַ זיך אין געהיים און היילט די קראַנקע דבורהלען און אַנדערע, פּעטראַ, דער לעצטער ציגײַנער. זיי ברענגען עסן, געווער און — טרייסט.

דאָ זענען אויך דאָ אַפילו אידיייִשע באַזונדערקייטן: מ׳פּראַוועט פּסח, מען דערמאָנט די געטאָ־אויפשטענדלער און — מ׳פּיַערט דעם 1טן מיַי. פּאַליע, דער אויסדרוק פון דער ייִדיש־קעמפערישער יוגנט, וואָס לויפט אַוועק פון „דאָרטן" כּדי צו קומען קיין ארץ־ישׂראל, מיט דבורהלעס גרוס קיין חיפה זאָגט אויף דער מיַי־פיַערונג אין רינשטאָק:

פאַרגעסן? — זאָגט פּאַליע, זאָל ווערן ביַי יענעם
פאַרגעסן דער נאָמען ווער ס׳וועט ניט געדענקען
דעם תּלין און רויזן פאַרזייען אין גיהנום.
נאָר מער ווי געדענקען — זאָל יעדערער בענקען
צו ווערן אַ ייִדישער ציגל אין גרונטפעסט
פון אייגענער היים.

נאָר ליפּמאַן שטעלט זיך אַנטקעגן פּאַליעס ציוניזם און פרעגט:

און פאַרוואָס ניט אַ ציגל
אין אייגענער וועלט, און ניט שליסן קיין בונד פעסט
מיט אַנדערע? — — — —
בין זיכער, וועט זיַין אויף דער וועלט סאָציאַליזם
וועט אויכעט פאַרשווינדן דער אַנטי־ייִדיזם...

דאָס אַלץ איז דאָ אין דער גרויליקער „געהיימשטאָט". אַזוי האָט אברהם סוצקעווער געזען דעם גורל פון דעם לעצטן רעשטל ייִדן. מיט אַזעלכע אויפגאָבן, מיט אַזעלכע אידעאַלן באַוויַיזט ער זיי פאַר אונדז. און הגם ער שטעלט כּלומרשט זיך אַליין אַוועק אָן אַ זיַיט, כּאילו ער וואָלט דאָס זיַין בלויז דער כראָניקער און נישט דער מיַיסטער, דער אַרכיטעקט און אויפבויער פון אָט דער „שטאָט", פרעגט ער, מוז ער פרעגן זיך אַליין אין זיַין „נאָכליד":

געענדיקט? איז בכלל פאַראַן אַן ענד?

און מיר דערפילן און דערזעען, אַז דער דיכטער האָלט דאָס נישט פאַר זיַין לעצטן וואָרט. ער גייט איבער צו אַ וויַיטערן, העכערן שטאַפּל אין באַזינגען און באַוויינען זיַין שטאָט, זיַין שטאָם, וואָס איז דאָך אונדזער אַלעמענס שטאָט, אַלעמענס שטאָם. מיט אויפגעבערויזטן געמיט, מיט אַ געלייַטערטער שפּראַך, און מיט געשטיַיגערטער ליבשאַפט גייט אברהם סוצקעווער באַוויַיזן די „ייִדישע גאַס" פון ירושלים דליטא.

*

„ייִדישע גאַס" איז אברהם סוצקעווערס אַכטע בוך. „ייִדישע גאַס" איז דערשינען אין ניו־יאָרק, אין דער זעלבער צײַט וואָס „געהיימשטאָט" אין תּל־אביב. אין „ייִדישע גאַס" זענען פֿאַראַן פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן און זשאַנערן. נאָר „ייִדישע גאַס" איז קינסטלעריש אַ ווײַטערער שטאַפּל פֿון סוצקעווערס געטאָ־לידער. דאָ איז דער הויפּט־טאָן בײַשט דאָס שילדערן און דערציילן — די פּאָעמאַטישע פֿאָרעם, — נײַערט דאָס באַלאַדע־אַרטיקע, מיטרײַסנדיקע ליבע־געזאַנג וועגן זײַן שטאָט ווילנע, וועגן זײַן ייִדיש „דעם צאַנקנדיקן נר־תּמיד" און וועגן אַ סך אַ סך אינטימע ליבשאַפֿט־פּעדעם, וועגן וועלכע עס קומען אויף בײַם דיכטער אַזעלכע ווונדערלעכע אייגנאַר־טיקע לידער, ביז אים פֿון קיינעם נישט געשריבענע אין אַזאַ פֿאָרעם, אין אַזאַ שפּראַך און — מיט אַזאַ כּוח.

דאָ זענען דאָ לידער וועגן דיכטער, זײַן חבֿר, וועגן מוזיק־לערער גערשטיין; צום קינד, צו די לעצטע, די יונגע מאַמע, דער נביא (וועגן ז. קאַלמאַנאָוויטש); סובאָטש־גאַס צוואַנציק (וועגן דרײַ מאַרטירער פֿון ווילנער געטאָ), דאָס מיידל פֿון וואַלד, צו לייזער וואָלף, ביז דער „געזע־געניש" ווי ער דעקלאַרירט, אַז ווילנע איז געוועזן זײַן ערשטע ליבע.

דאָ זענען דאָ די טרויעריק־קאָנקרעטע „עפּיטאַפֿן", די אויפֿשריפֿטן אויף די מצבֿות פֿון די אומגעקומענע, דאָ געפֿינט זיך זײַן אַרויסרופֿערישע, אָנקלאָגנדיקע ווענדונג „צו פּוילן" ביז „אַ פֿלאַש מיט נעמען", ווו דער מחבר מאַכט זיך פּסיכאָלאָגיש און דיכטעריש גרייט אַרײַנצוקומען אין דער נײַסטער פֿאָרעם פֿון זײַן פּערזענלעך און פּאָעטיש לעבן.

נאָר ווי אַ „וווּנדיקע סתּירה" און ווי אַ שרײַענדיקער דיסאָנאַנס זענען שוין דאָ די לידער פֿון דעם דיכטערס „וואַלדיקס"־עפּאָכע: „פֿון אַנטלאָף־פֿענעם אינדזל". די שיינקייט פֿון וואָרט, די צאַרטקייט פֿון פֿערז, די גע־צערטלטקייט פֿון דער סטראָפֿע זענען אָן איבעריקער באַווײַז, אַז דער קאָפּ־ריזנער פּאָעט, וואָס קאָן זיך מיט זײַן רײַכקייט אַזש קיין עצה נישט געבן, איז דאָ עובֿר די עבֿירה פֿון „ושר בשירים על לב רע" (משלי, כ"ה, כ.). דאָ דערשײַנט ווידער דער וועבער פֿון לעגענדעס אין זײַן גאַנצער קאַלטקייט; דאָ קומט ווידער וואָרט־קונסט און שטעלט זיך אַנטקעגן דעם לעבעדיקן לעבן. און דאָס קילט נישט אָפּ פֿון די ווונדיקע געזאַנגען, און עס גליט נישט אויפֿן בלוטיקן האַרץ. פֿאַרקערט: עס רייצט דאָס אויער און דאָס האַרץ אָט־אָ־די דאָזיקע פֿאַרשווענדערישע רײַכקייט. נאָר אברהם סוצקע־ווער ווייסט דערפֿון, ער וויל זײַן „נייטראַל" און קאָן נישט; ער וויל זײַן אַ „פֿרײַער" דיכטער און אינעם אַזוי אומשולדיקן ליד „דאָס ליד פֿון רעגנ־בויגן", ווו ער דערציילט אַ מעשׂה, אַז

איך, דער רעגן־בויגן,
קריך אַרויס פון אַלטן, קאַלטן ברונעם.

קומט ער ווידער אַרויס מיט אַ קלאָרן דיכטערישן אני־מאמין:

איך דאַרף באַווייַזן אייביקע באַווייַזן,
איך דאַרף באַלעבן טויטן מיט מייַן שפּרייַזן,
איך דאַרף באַקרייַזן ניט־באַרירטע מייַלן,
איך דאַרף זיך אייַלן צו באַרויזן סטעפּעס.
איך דאַרף צו זיך דערהייבן יעדער קליינקייט.
איך דאַרף באַשפּייַזן דערנער מיט מייַן שיינקייט.

פאַר אַזאַ איך **דאַרף האָבן דרך־ארץ דאָס ערנסטסטע קאָנקרעטסטע** ליד. **אברהם סוצקעווער אַליין דאַרף זיך צוהערן צו די אינערלעכע געבאָטן פון** דעם **ליד און באַווייַזן אייביקע באַווייַזן. און ער הערט זיך טאַקע צו און ער הייבט אָן גיין אויף אָט דעם וועג.**

ווי אַזוי שילדערט אברהם סוצקעווער די „ייִדישע גאַס" פון ווילנע, וואָס איז באַרימט און בלייַבט אין דער ייִדישער וועלט? לאָמיר ברענגען בלויז אַ טייל פונעם ליד און זאָל עס רעדן פאַר זיך:

ביסט ניט פאַרגאַנגען. דייַן פּוסטקייט איז פול.
פול מיט פאָלק ווי מייַן אויג מיט דער מאַמען.
ערגעץ נאָך פלאַטערט אַ שיימע, אַ שול,
ס'האָבן אויף זיי ניט קיין שליטה די פלאַמען.
איך וואָלט נעשווירן: אומערדיש דייַן גבול,
טיף איז געווען און וועט־זייַן — דייַנע שטאַמען.
אָט איז די באָרד אויפן בלוילעכן ש"ס,
אָט איז דאָס הייליקע קרעמל מיט קוואַס.
ייִדישע גאַס.

דו ביסט דער ניגון, וואָס דורות צוריק
האָבן אַרויסגעשפּילט מייַנסטער כּלי־זמרים.
ס'האָט זיך פאַרשטעלט אין אַ גאַס די מוזיק,
בלויז פאַרן אָרעמען דאַכט זיך: ביסט אָרעם.
ווען ס'איז אָבער געשאָנקען דאָס גליק
זאַמלט דייַן פּראַכט מיט אַן אָפענעם אָרעם.

אַט איז די פאַנע פון בלוטרעגן נאַס,
אַט איז די לערערין מירע אין קלאַס.
ייִדישע גאַס.

און אברהם סוצקעווער באַווײַזט אייביקע באַווײַזן אויך מיט זײַן ליד „געזעגעניש" —

אָ, ניט באַוויינען וויל איך דיך, דו שטאָט פון מײַן געזאַנג.
(ערשטע שורה פון קאַפּיטל א')

דו ביסט מײַן ערשטע ליבע און אַזאַ וועסטו פאַרבלײַבן.
(ערשטע שורה פון קאַפּיטל ב')

...און טײַער ווי נאָך קיינמאָל ניט איז מיר דער ייִדיש דײַנער.
(ערשטע שורה פון קאַפּיטל ג')

ביז דעם שטראָפּערישן אויספּיר:

און אויב עס וועלן מער ניט בלײַבן אין מײַן שטאָט קיין ייִדן —
איז וועלן זייערע נשמות וווינען אין די געסלעך.
און ווער ס'וועט מיינען, אַז אַ הויז איז פּוסט
און וועט אַרײַנגיין,
און אויפשטעלן אַ געץ, אַ טיש, און גרייטן אַ געלעגער,
און אָנטאָן אַ געפונען העמד,
אַ קלייד
צי אַ פאַטשיילע, —
וועט ער בײַ נאַכט דערהערן אַ געוויין פון קליינע קינדער
און ס'העמד וועט ווי אַ ריבאײַזן צעראַצן אים דאָס לײַב.
ביז לויפן וועט ער דול אַרויס דער שטוב
ווי זײַן געוויסן
פאַרוואַנדלט אין אַ ראָב
וואָלט קריק אַרײַן אין די געהירן.
און לויפן וועט ער — אַז דער שאָטן וועט אים ניט דעריאָגן.

*

ווּהין צילט אברהם סוצקעווער, וואָס איז הײַנט זײַן פּרצוף־פּנים?

דער וועבער פון לעגענדעס, דער קאַפּריזנער שפּילער מיט דער גרויסער ייִדישער שפּראַך־עשירות, האָט אָן אויסגעשפּראָכענעם קלאָרן וועג, צו

ער וויל דאָס צי ניין; עס דיקטירט אים דער יידישער מיליאָנען־טויט, פונקט ווי דאָס יידישע לעבן ובפרט אין ליכט פון דער אויפגעקומענער זעלבשטענדיקייט, צו גיין באַוויַזן אייביקע באַוויַזן. און אייביק ווי דאָס לעבן איז דער ווילן צו לעבן און אומאָפּפרעגלעך איז ביַי יעדן ייד דער נצח ישראל און ווער עס טרעט אויף דעם שליאַך באַגלייט מיט קונסט, מיט יידישקייט — וועט שוין מער נישט בלאָנדזשען. וויַל אברהם סוצקעווערס ליד איז אַזוי עכט־קינסטלעריש און טיף־יידיש, נעמען מיר אויף זיַן וואָרט מיט ליבשאַפט און כּבוד.

1949

גלוסטיקע געמעלן

(„פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים", 1968)

א

פּירקאַנטיקער טויער:
פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים.
פּירקאַנטיקע שטיינער —
געשפּאָלטן איַיך האָט ניט קיין איַיזן, עס האָבן איַיך
ליפּן געטעסעט.
(ז' 139)

כ'בין אַריַין דורכן פּירקאַנטיקן טויער פון אברהם סוצקעווערס נייַע לידער, און דערזען די זונען, וואָס באַשיַינען און באַליַיכטן די טעג; אויף די פליגל פון זיַין וואָרט, כ'בין אַוועק פון דער אַלטאָגיקער גרויקייט און גרוילעכקייט און זיך געלאָזט איבער העלפאַנטבייניקע פּאַרקעטן, אויסגע־פלאַסטערטע אין שיינקייט־פּאַלאַצן, וואָס דאָס פאַנטאַסטישע וואָרט, ווענען ליפּן האָבן געטעסעט, האָט אויפגעבויט מיטן כּוח פון פּאָעטישער מיַיסטער־שאַפט. פּירקאַנטיקע אותיות פונעם אומבאַצווונגענעם יידישן זאַץ, האָבן באַשאַפן מופתים — וווּנדער פון כּישוף־ליכטער אין טעג פון אימה און אומקלאָרקייט. און הגם דאָס איז דער זעלבער בוימיַיסטער, וואָס האָט אונדז געשאָנקען זיַינע „וואַלדיקס"־לידער און די פאַנטאַסטיש־רעאַלע שניי־געמעלן פון „סיביר" און אונדז דורכגעפירט דורך דער טויטער־גרויליקער־בשורה־ברענגענדיקער „געהיימשטאָט" ביז צו די לירישסטע הייכן פון דער „אָדע צו דער טויב" און נאָך וויַיטער, — איז די איבעררעשונג פריש און אָפּפרישנדיק, ווי זילבערנער מאָרגנטוי אין אַ חמסיניקער סוף־נאַכט.

און לויט אַלע אינעווייניקסטע טראַדיציאָנעלע חוקים האָב איך אין ברכה אויסגערופן: —

גטבענטש זײַ, באַשעפער פון שיינקייט!

ב

פון פיר פיגמענטן שטעלט סוצקעווער צונויף די פאַרבנפּאַליטרע פאַר זײַנע גלוסטיקע געמעלן: פון געזאַנג, גערייד, געבילד און פון טיפער געדאַנקלעכקייט.

באַוויַזן? — לייען און איבערצײַג זיך.

די זון הינטער בערג איז פון ריף פון דער נאַכט שוין געקנאָטן,
די שטויביקע פנימער זענען מיט איר דורכן טויער אַצינד
עולה־רגל.
פון זעלביקן ליכט איז געבוירן די זון און דער שאָטן,
אַ שטויב נאָך אַ שטויב זינגט אַ לויב צו זײַן שבט און דגל.
(כנ"ל)

אָט אַזוי זעט סוצקעווער, דער אין ארץ־ישׂראל באַפרײַטער, גיין זײַנע ברידער צו דער באַפרײַטער כּותל.

נאָר וויסן זאָל מען וויסן, אַז דאָס נאָר־וואָס דערשיִנענע בוך זײַנס „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים" איז דער ווייפּלטסטער באַווײַז, אַז סוצקעווערס ליד האָט געפירט און פירט צו גאָרער שיינקייט. נישט איין מאָל פאַרשווינדט אָדער צעגייט דער וואָס און דער פאַרוואָס אין זײַן ליד און נאָך איידער דו קוקסט זיך אום דערפילסטו, אַז שיינס און דערהויבנס האָט דיך דערוואָרעמט און דערפרייט. אויך דאָן בעת מיר האָבן געגלייבט באמונה שלמה אין דער באַפרײַערישער שליחות פון דער קונסט און מיט אונדזערע אַלע רמ"ח און שס"ה זיך אײַנגעשטעלט פאַר דער אידיישער באַהויכונג פון דער יצירה, זענען מיר פאַרכאַפּט געוואָרן — מיט אונדזער גאַנצער קעגנערשאַפט צו אַזאַ לוקסוס, צו אַזאַ רײַכקייט פון שיינקייט — פון דעם מײַסטעריש אויסגעפורעמטן סוצקעווער־ליד, אַז עס קלינגען אין אונדז, ביז הײַנטיקן טאָג, פערזן, סטראָפן, לידער גאַנצע פון אָט דער וווּנדערלעכער פּאָעטישער אַנטפּלעקונג.

איצט, אין גאַנצן צוויי יאָר נאָך דער יובילײ־אײַנזאַמלונג פון זײַן שירה אין צוויי בכּבודיקע דיקע בענד, קומט דאָס דאָזיקע בוך נאָך אַ מאָל באַווײַזן, אַז דער ייִדישער פּאָעט אברהם סוצקעווער ברענגט אונדז — פון ווילנע ביז תּל־אביב — צום אויער, צום מוח און צום האַרץ מכּל שׂכיות

החמדה (ישעיה ב׳ ט״ז) — פון אַלע גלוסטיקע געמעלן (לויט יהואשס איבערזעצונג), וואָס די גאָרע שיינקייט פאַרמאָגט.

ג

די מיט צוויי יאָר צוריק איינגעזאַמלטע לידער סוצקעווערס זענען — אין יידיש — די וווּנדערלעכסטע לידער וועגן מוזיק און ליבשאַפט, פײַן און אויפלעב, וועגן שווידערלעכסטע שחיטה־נעכט און תחית־המתימדיקע באַגינענס, צעטרעטנקייט פון מענטש און זײַן לעגענדאַרער אויפשטיי, בלענדנדיקע שיינקייט און פײַנלעכסטע רגעס, וואַכיקע גבורה און דער־דריקנדיקער חלום, פאַנטאַסטישע נאַטור־געמעלן אַנטקעגן מאַקאַברישע פאַרלויפן — און דאָס אַלץ האָט סוצקעווער צוגעבערענגט, צעטובלט אין בלוט און אין טרוים, צום אייביקן ירדן, כּדי אין דעם לשון פון גלות, וואָס ווערט שוין ווידער פאַרשפּיגן, לאָזן הערן די אומפאַרגלײַכלעכע מיזרח־סימפאָניע: —

גלעקלעך פון קעמלען
קלינגען אין דרעמלען:
רו.
שטערן מיליאַרדן
דעקן דעם ירדן
צו.

און אויב דער וואָס ציילט די טעג פון אָט־דעם לשון האָט אַוודאי געמיינט, אַז דערמיט האָט דער יונגער ווילנער בליאַסקענדיקער שטערן — כאָטש אין גאַנצן אַ בן פופציק — פאַרשלאָסן זײַנע שעפערישע קוואַלן, און דער גרויסער בעל־פאַרמעגן, וואָס איז אַזוי רײַך אין פּאָעטישע גיטער און פאָסעסיעס, וואָס נעמען אין זיך אַרײַן פעלדער, וועלדער, קאַנאַלן, טײַכן און ימען פון אַ יידנפאָלק, וועמען דער שעכטער האָט געשאָכטן און דער חלום פון די אָבות האָט צוריק לעבעדיק געמאַכט, — וועט שוין לעבן פון גרייטן עד אחרית הימים, איז געקומען דאָס איצטיקע בוך, וואָס שוין דער נאָמען איז אַ שפּיל און אַ בײַשפּיל פון דער שפּילעוודיקייט פונעם יידישן וואָרט און ווערטל: אותיות און מופתים, שטאָט אותות און מופתים, און געוויזן ווי רײַך און ווי שפּרודלדיק עס איז זײַן קוואַל און ווי לעבנס־פעיִק און מזל־ברכהדיק עס איז דאָס לשון אין די מאָלעריש־פּאָעטישע הענט פון דעם מײַסטער סוצקעווער.

איז

גוט וואָס דעם ניגון באַפֿאַלט נישט קיין זשאַוווער
(ז׳ 47)

און ער ציט זיך, דער ניגון, פון „אָז ישיר״ דורך די לויים ביז יהודה הלוי, דורך דעם ניגון פון ריזשינער און בעלזער ביז דעם פּרץ־ און לייוויק־ניגון, ביז ער דערגרייכט אַ ריינער נישט־פאַרזשאַווערטער צום ניגון פון אברהם סוצקעווער און עס מישן זיך אויס אַלע די ניגונים פון ווײַטן נעכטן, פון גורלדיקן הײַנט ביז דעם באַפרײַערישן געזאַנג פון דעם נאָך־פאַרנעפּלטן מאָרגן.

ד

אויב אין אַ טראָפּן קאָן מען זען דעם ים, קאָן מען אין אָט־דער לידער־זאַמלונג פון בלויז 140 זײַטן זען די גאַנצע וווּנדערדײַכע פאַרבן־גאַמע פונעם דיכטער. ווידער קומט אַרײַן די מוזיק און די מאָלערײַ, „דער שמייכל פון מײַדאַנעק״ און „שײַכותדיקייט״, וועלט און ייִדנוועלט, „זכר לגעטאָ״ און „אַלט־יפו אין רעגן״, נעכטן און הײַנט, איידער און דערנאָך, דער גאַנצער קאַלייִדאָסקאָפּ פון דער ייִדישער גורלדיקער הײַנטצײַטיקייט, וועל־כער שפּיגלט זיך אָפּ אין סוצקעווערס שאַפן.

געזאַנג און גערייד, געמעל און געדאַנק וואָס גייען געברודערט און געשוועסטערט אין סוצקעווערס דיכטונג, קאָן מען טרעפן אין גרעסטן טייל פון זײַן איצטיקן בוך. נאָר באַזונדער בולט קומען זיי צום אויסדרוק אין ליד

געשווינדער פונעם ליכטלויף

געשווינדער פונעם ליכטלויף — צו אַ נײַעם קיום שטײַג איך.
אָ, ווער האָט מיך אַ צי געטאָן פון ערדקויל, און וווהין ?
פלאַנעטן מיט געפּלאַצטע הערצער גוססן פאַרבײַ גיך.
אַ מלאך הענגט אין הימל אויף אַ זילבערן געשפּין.

אַ שטערן־בעזעם קערט דאָ אויס די צײַט און אירע צײַטלעך,
דער סיריוס דאַרף קיין זייגער ניט צו וויסן ווו ער האַלט.
איז נאַכט ? איז טאָג ? איז גאָרנישט ? יאָ, דער גאָרנישט
איז דאָ דײַטלעך,
ווי אומשולדיק פּאַפּיר וואָס בענקט נאָך פאָרעם און געשטאַלט.

געשווינדער פונעם ליכטלויף — דאַרף דאָך מיינען:
איך בין ווײַטער
פון בלאָטערדיקער ערד מיט יעדן אָטעמצי. הלמאַי
דערזע איך פּלוצעם זיך אַליין געשליידערט אויף אַ שײַטער,
און מײַנע ווונדן שמעלצן זיך אין אים ווי רויטער בלײַ?

גערוים איז רוים. און מלכותדיק. און ווײַט. און בלוי־געצעלטיק.
נאָר ס׳יאָגט מיך אָן ס׳געוועזענע: איך בין געווען און בין — —
באַשערט איז מיר צו לעבן און צו שטאַרבן טאָפּל־וועלטיק,
באַשערט איז מיר זיך אָפּרײַסן פון ערדקויל, נאָר וווּהין?
(ז׳ 75)

זענען דאָס אָרקעסטרירטע שײַנענדיקע וואַריאַנטן פונעם אייביק פאַר־באָרגענעם ליכט, וואָס לויפן געשווינדער פונעם ליכטלויף צו אַ נײַעם קיום.

איז ווייל דעם דור וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע זינגער, און ווויל איז דעם לשון אין וועלכן אַזעלכע זינגער קאָנען אַזוי זיך אויסזינגען.

1968

מיט קוואַלן אין געלויף

(„צײַטיקע פּנימער״)

אין דער הויכגעליבטער „אָדע צו דער טויב״ (ז׳ 13) שרײַבט דער פּאָעט אברהם סוצקעווער: —

וועלט. וואָס איז וועלט? בלויז איר ניגון איז כוואַליק און
וואַלדיק און וועלטיק,
יאָמערט איר געטלעכער ניגון אין אָדערן מײַנע: געוועלטיק!

אין זײַנעם אַ קאַרטל פון פּאַריז שרײַבט ער: „עס איז נאָך, דוכט זיך, דאָ אַ וועלט, און מענטשלעכע וואַרעמקייט אויך, און פּאָעזיע איז נאָך אַלץ דער שענסטער חן־פינטל סײַ דאָ, סײַ בײַ אונדז. אָבער כּדי אים צו דערזען און הנאה האָבן מוז מען שטענדיק יונג זײַן״.

אַז מיר וועלן נעמען אָט די ביידע ציטאַטן און זיי צונויפפּאָרן, ווי עס טוט דער דיכטער, פירנדיק צונויף ליריק מיט עפּיק אין איינעם, וועט זיך

אַנטפּלעקן פאַר אונדז דער ווונדער און נס פון דער הײַנטצײַטיקער פּאָעזיע אין ייִדיש. מיר וועלן שטיין פאַרן בילד פון דער גרויסער זעונג און פסקנען: אויב וועלט איז „כוואַליק און וואַלדיק און וועלטיק" און איר ניגון, די פּאָעזיע, — „דער שענסטער חן־פינטל" — „יאָמערט געטלעך" אין זײַנע אָדערן און באַפעלט אים: געוועלטיק! איז שוין נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס אָט דער מײַסטער קאָמפּאָזירט בוך נאָך בוך אָנגעהויפט מיטן געטלעכן ניגון, — די פּאָעזיע, — וואָס איז נאָך אַלץ, סײַ דאָ און סײַ דאָרט, דאָס שענסטע פונעם שענסטן, און ער געוועלטיקט איבער איר און איבער אונדז.

*

בשעת כ'האָב געלייענט די „צײַטיקע פּנימער", דאָס בוך אין וועלכן „דער שענסטער חן־פינטל" געוועלטיקט פון א' ביז ת', ווײַל ס'איז געבענטשט, ווי ס'רוב ווערק זײַנע, מיט דער „ברכה פון שיינקייט", האָט זיך מיר פאַרוועלט אויסגעפינען אַ פאַרגלײַך־וואָרט, אַן עקוויוואַלענט פאַר דער עצם דערשײַנונג: געזאַלבטע דיכטערישע פּרוכפּערקייט! ס'איז אַ טבע אַזאַ שוין בײַ אונדז, אַז ווען מיר דערבליקן עפּעס, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַרויסרופערישס שיינס, גרויס', ווירטואָזישס, ווילט זיך אונדז אויסגעפינען פאַר דעם אַ פּאַסיקן פאַרגלײַך. דאָס פינקטלעכע וואָרט, כּדי אויסצוטײַטשן כאָטש בלויז פאַר זיך אַליין אָט די דערהייבנדיקע דערשײַנונג.

האָב איך געטראַכט: מיט וואָס אים פאַרגלײַכן — כמעין המתגבר? ווי אָבות ב' ח' ברענגט וועגן רבי אלעזר בן ערך?

איז דאָס טאַקע דער מיין, דער מהות אפשר, פאַר אַזאַ דערשײַנונג, אַז דו וועסט אָבער אָט דעם טראַפּאַרעטן זאָג, וואָס פאַרמאָגט אין זיך שווונג, פאַנטאַזיע, חן אַפילו, ווערטלעך איבערטײַטשן, וועט ער לפי עניות דעתי, נישט אויסדריקן דעם געוועלטנדיקן פאַרנעם פון אַזאַ שעפערישקייט. און דאָ מיין איך דער עיקר די איכות. מחמת אויב איך מאַך נישט קיין טעות, וועט „ווי אַ קוואַל וואָס שטאַרקט זיך", אָדער אַפילו וואָס „איבער־שטאַרקט זיך" מינימיזירן דאָס פאַרגליכענע. וואָרעם ווערטלעך קאָן דאָך „זיך מתגבר זײַן" מיינען: זיך שטאַרקן איבער געוויסע שוואַכקייטן, בעת מיר, אין אונדזער פאַל, האָבן פאַר זיך אַ דערשײַנונג פון אַ פּאָעט אַ געוועלטיקער און אַ פּאָעזיע וואָס פאַרכאַפּט אונדז און באַהערשט. וועלן מיר נישט זוכן קיין פאַרגלײַכן, נאָר פּשוט אויסדריקן באַוווּנדערונג פאַר די אוצרות חן און וועלטן שײַן וואָס שפּאַרן אַרויס פון „דעם זיידנס פעדער" און „דעם טאַטנס פידל", פאַר דעם ליכט, וואָס לײַכט אַרויס פון די „צײַטיקע פּנימער" און גאָר באַזונדער — פאַר דער עצם שיינקייט פון דעם לעבעדיקן ייִדישן וואָרט,

וואָס קומט „שטענדיק יונג" און וויטאַל צו אברהם סוצקעווערן, מיט חסד און מיט חן, מיט עלאַסטישקייט און גראַציע, לייגט זיך אים אונטער מיט אומפאַרגלײַכלעכער ליבשאַפט און צוטרוי, און לאָזט זיך פון אים קנעטן און פורעמען, ביז עס קומען פון דעם אַרויס פאַרכאַפנדיקע פראַכט־בילדער אין ליד, אין פאָעם, אין מישלידיקן אַפאָריזם. און דאָס אַלץ — אין איבער־ראַשנדיקער פּערפעקציע, אין אומגלייבלעכער פרעציזקייט.

ביסט געשטאַנען אַ מאָל פאַר אַזאַ דערהויבענער נאַטור־דערשײַנונג ווי פאַר אַ ריזיקן אומגעהײַערן וואַסער־פאַל, ווי למשל, ניאַגאַראַ? אויב יאָ, האָסטו זיכער דערהערט דעם סימפאָנישן בעטהאָווענישן רויש אינעם לויף פון דעם מים־חיים און אוודאי דערזען אַלע, אַלע פאַרבן פונעם רעגן־בויגן זיך מיניען אין דער בלענדנדיקער ווײַסקייט פון די פאַלנדיקע מיליאַרדן־טראָפּנס. אָט אַזאַ געפיל — אָן פאַרגלײַכעניש — האָסטו בעת דו לייענסט סוצקעווערס אַלע מאָל נײַערע פּאָעטישע יצירות. דערזעסט תמיד זײַנע „וואַלדיקס"־לידער אין העכערע דימענסיעס. דו געפינסט אין זיי הערלעכע מוזיק, יונגע לעבעדיקע שפּראַך־ניואַנסן, פאַנטאַסטישע בילדער, וואָס פליסן צו דיר אַראָפּ פון שווינדלענדיקע הייכן, בילדער — אויסגעמײַסטערטע אין חלום־פאַרבן פון זעונג און זכרון, זיי קומען צו דיר, צו דײַן גרויער טאָג־טאָגיקייט און זאָגן: צווייפלער, זע וואָס פאַר אַ וואונדער מיר זענען נאָך בכוח צו שאַפן.

נאָר אָט קומט ער, ער אַליין, אברהם סוצקעווער, מיט זײַן אומבאַגרע־נעצטער עשירות פון וואָרט און וויזיע און גיט דײַן צווייפלען צו גערעכט, אויסרופנדיק אויף זײַן אייגנאַרטיקן פאַרכאַפנדיקן אופן: פאַרשפּעטיקט!

אין אויסגעלאַשנקייט פון מידבר
לעשן זיך די חושים.
ס'געגענט צו מיר אַ מידבריש געוויין.
איך פרעג:
— ווער ביסטו?
אויב דו, געוויין, ביסט דאָרשטיק
איז מײַן לאָגל אָן אַ טראָפּן.

און ס'ענטפערט מיר ס'געוויין
קול־דממה־דקיש:
— בן־אָדם, כ'בין דער אות דער דרײַ און צוואַנציקסטער
פון אַלף־בית,

דער אות דער ניט־געבוירענער וואָס וויל געבוירן ווערן.
איך וואָגל דאָ אין מידבר, זינט עס האָט אין זעלבן מידבר
באַשאַפן מײַנע ברידער צוויי און צוואַנציק
דער אַלמאַכטיקער.
בן־אָדם, ס׳פעלט מיר אַ נשמה:
שענק מיר דײַנע.
דײַנע,
און כ׳וועל געבוירן ווערן און וועל אייביק דיר געטרײַ זײַן.

אַלמאַי האָב איך געטראַכט אַ האַלבע רגע און —
פּאַרשפּעטיקט?

(ז׳ 93)

— פּאַרשפּעטיקט?

ווער ווייסט. אַוודאי קאָן אַן ערד־ציטערניש אָפּווישן דעם הער־לעכסטן, שענסטן באַרג מיט דער וווּנדערלעכסטער לאַנדשאַפט זײַנער. אָבער ווער טראַכט דען וועגן דעם אין רגעס פון געגוס?

און מעגלעך, אַז דאָס דרײַ און צוואַנציקסטע אות וועט שוין צו דער ייִדיש־ליטעראַטור נישט קומען. גאַנץ מעגלעך. ווײַל וואָס קאָן זײַן שע־נערס, העכערס און דערהויבענערס ווי די סוצקעווער־פּאָעזיע — און אירס גלײַכן — אין אָט דעם לשון אין וועלכן זי איז געשאַפן געוואָרן און ווערט געשאַפן אין די פּאַראַנענע צוויי און צוואַנציק „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״? אלא. תּמיד וועט דו שטייסט פאַר אָט דער אומגלייבלעכער דערשײַנונג שווימט אויף פאַר די אויגן די מערדער־שווערד וואָס האָט פאַרשניטן די ייִדישע לייענער־וועלט, און ס׳ווערט דיר באַנג, און ווײ, און ייִאושדיק: — עס קאָן דאָך חלילה געמאָלט זײַן, אַז מיר האָבן שוין פאַרשפּעטיקט?...

זענען דאָס די געפילן וואָס מיר פילן בעתן לייענען די ווערק, די הײַנט־צײַטיקע פון אברהם סוצקעווער. מיר לייענען און גאַפן, מיר לייענען און לאָזן זיך יאָגן פון אים פאַרכישופטע צו די אין־סופן; מיר אײַלן אין די פוסטריט פון זײַנע שטראָמיקע קוואַלן צו די ערגעצן וואָס זענען פאַראַן און נישט פאַראַן. מיר בלײַבן נישט געזעטיקטע, כאָטש מיר געניסן פון אַזוי פיל שיינקייט, ווײַל —

דער עץ החיים וויל ניט מען זאָל אָפּשאָקלען זײַן פרוכט.
(ז׳ 114)

אָבער מיר האָבן נישט קיין מורא צו זאָגן: מה נאה אילן זה! — און מיר מאַכן איבער אים אַ ברכה.

1970

אויסטערלישע שיינקייט

(„די פידלרויז״)

א

דער וואָס איז באַקאַנט מיט אברהם סוצקעווערס ווערק ווייסט, אַז שיינקייט וועלכע ער קנעט, פורעמט און כּישופט אויס פונעם ייִדישן וואָרט, איז דער אַפּאָטעאָז פון זײַן שאַפונג. עס האָבן שוין אויסגערופענע קריטיקערס און עסייִיסטן, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר אָט דעם כּישוף, ער זאָל נישט, חלילה, אין זײַן פאַרוואַנדלונג פאַרגילדן אויך דאָס וואַסער, דאָס ברויט, די פּירות, אויסגעפונען, אַז אָט די פאַרכאַפּנדיקע וואָרט־שיינקייט טראָגט אין זיך חיות, פאַרמאָגט אין זיך אַלע לעבנס־זאַפטן אין וועלכע די מענטשלעכע נשמה נייטיקט זיך. און פון דעסטוועגן בלײַבסטו יעדעס מאָל שטיין פאַרגאַפט און אַפילו נישט פרײַ פון אַ שמץ פחד: ווער ווייסט ווּהין אָט די שיינקייט קאָן פאַרפירן?

און טאַקע, אַז מיר גייען אַרײַן אין דעם נײַעם סוצקעווער־היכל פון שיינקייט — אין דער זאַמלונג „די פידלרויז״ — און מיר באַגעגענען זיך, אויף זײַט 12, מיט אַ ליד וואָס טראָגט דעם טיטל „אויסטערלישע ווערטער״, באַפאַלט אונדז בפירוש אַ פּחד און מיר פרעגן זיך: „אויסטערלישע ווערטער״? ווער קאָן וויסן פון וואָס פאַר אַ קאַלטן, אויסגעקילטן מירמל האָט דער קינסטלער די דאָזיקע „ווערטער״ אויסגעהאַקט? אמת, לויט אַריסטאָטעלעס הייבט די קונסט אָן דאָרט וווּ די נאַטור האָט געענדיקט. זי, די קונסט, זעצט פאָר דער נאַטורס מעשׂים און ברענגט זיי צו זייער שלמות. כּישוף און חן — דאָס ברענגט די פּאָעזיע פאַר דער מענטשהייט. זענען אָבער אויסטערלישע ווערטער דער פּאַסיקער עקוויוואַלענט דערצו?

נאָר, דאָס אַלץ האַלט אָן ביז מיר לייענען דורך דאָס ליד. לייענען מיר דאָס אָבער דורך מיט אַן אָפן האַרץ און מיט אָפענע אויגן, ווערט אונדז נישט נאָר לײַכטער אויפן געמיט, נאָר מיר דערפרייען זיך וואָס אַזעלכע ווערטער זענען בנימצא. ובפרט אַז מיר דערוויסן זיך, אַז אָט דער פּזרן פון „כּישוף און חן״ האָט „געבויט געזעצן און געצווונגען / די אויסטערלישע ווערטער (זאָלן) ווערן גאַנצער״, בעת — „ליכטיק איז געוואָרן מיר נתגלה / אַז איך, אברהם, אַנדערש בין ווי אַלע״....

און —

אברהם סוצקעווער איז אַנדערש ווי אַלע!

ער איז אַנדערש פון אַלע מיט זײַן וואָרט־עשירות, מיט דער רײַכקייט פון דער פאַרבנוויבערירונג אין זײַן וואָרט; ער איז אַנדערש פון אַלע, אין זײַן דור, מיט זײַן זוכן, נישטערן און אויסגעפינען אַסטראַלע און ערדישע שיינקייטן אויף צו באַלײַכטן מיט זיי — ווי ער וואָלט זײַן אַנגאַזשירט! — דאָס צערדיקע, תחינהדיקע, פאַרשריגענע לשון אונדזערס און עס דערהייבן צו נאָרמאַטיווע הייכן פון גרויס־פאָלקישע שפּראַכן.

און ווײַל איך האָב ליב אַלץ וואָס איז שיין און לאָז זיך פון שיינקייט באַווירקן, און שיין אין איצטיקן פאַל וויל געמיינט ווערן, לויט דער פאַר־מולירונג פון די עלטסטע עסטעטיקער: „אַן איינס אינעם אַ סך, וואָס פאַר־מאָגט מאַקסימום רײַכקייט פון ניואַנסירונג און צעשטראַלונג", און ווײַל איך גלייב אַז די שיינקייט, ווען אַפילו זי איז טייל מאָל קאַלט און אכזריות־דיק, קאָן און איז מסוגל אין צײַטן פון היסטאָרישן אויפברויז, ווי אין צײַטן פון עפּאָקאַליפּטישע סופן, באַלײַכטן די פאַרטונקלטע וועגן צום מענטש, אים אַרויסהייבן פון גײַסטיקע תהומען, אַרויספירן פון לאַבירינטן און אים ווײַזן דעם געטלעכן כּי טוב — איז פאַר מיר תּמיד אַ יום־טוב דאָס טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט שיינקייט — נאַטור, קונסט, מענטש.

און סוצקעווערס מערסטע לידער זענען אַן אומאָפּטיילעוודיקער חלק פון דעם אַלעם.

ב

און כ'וועל ברענגען אַ ראיה צו אָט די רייד מײַנע, די נישט־אויסטער־לישע, טאָקע פון דעם ליד וואָס טראָגט דעם נאָמען „אויסטערלישע ווערטער".

אין דעם דאָזיקן ליד, אַן אײַנגעטיילטס אין זעקס אַכט־שורהדיקע סטראָפן (בלויז די לעצטע פאַרמאָגט צען), לייענען מיר:

און מײַנע ווערטער האָבן זיך געשליפן
אויף טרערן, ביז צו זייער גרונט און סיבה,
אַ בינען־מלכּה האָט אין זיסע טיפן
געשאָנקען זיי די נאָדלען פון איר ליבע.
בײַ קאַרשנביימער האָבן זיי געגנבעט
ס'געהיימעניש: פאַרוואַנדלען ערד אין קאַרשן.
און מײַנע טעג־און־נעכט אין זיך פאַרקאַנוועט
און צו דער אייביקייט געזונגען: י ר ש ן!

(סטראָפע נר' 3)

און ווײַטער ווערט דערציילט אין אָט דעם ליד, אַז זײַנע ווערטער האָבן זיך דערקליבן צו אַ שלײַען און אים באַפוילן שרײַען, זיי האָבן אַ כאַפּ־געטאָן אַ דונער צווישן צווײַגן און אים באַפוילן שווײַגן. און אַז דער רעגן האָט שוין אויך באַוויליקט — ס'איז שוין, הייסט עס, געקומען די צײַט — און ער האָט „פון וואָלקנס ווי פון היילן / דערלאַנגט אין מיטן טאָג אַזאַ מין פליוכע" איז דאָרטן „געבליבן בלויז איינער", וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו באַ־שפּריצן די בייטן אינעם גאָרטן, ביז דער מחבר האָט זיך שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט „אויף הויכן קול" געמוזט אים פרעגן:

— צעקניפּל מיר דעם שׂכל פון דײַן שפּריצן,
עס מבולט דאָך געווג, ביסט וואָס ממלא?
און יענער האָט געלאַכט מיט גרינע בליצן:
— דו ווייסט נישט? איך בין אַנדערש דאָך ווי אַלע.

אָט דאָס ליד, וואָס איז באַקרײנט מיט אַזאַ מאַגישער פאַרבליפנדיקער רײַכקייט פון גראַמען און אימאַזשן, ווועמענס יעדער וואָרט, אַפילו דאָס פּשוטסטע — און עס זענען דאָ אין דעם אַ סך פּשוטע, פּראָזאַישע ווערטער! — איז „געשליפן אויף טרערן" און זינגט צו דער אייביקייט: ירשון!, איז בכּוח און איז ראוי צו דינען ווי אַ ראיה פאַר מײַנע רייד.

ג

באַנײַט עפּעס סוצקעווער אין אָט דער זאַמלונג? ווײַזט ער אונדז אין דער „פידלרויז" אַן אַנדערן סוצקעווער, אַ ביז־איצט־נישט־געוועזענעם? — ניין און יאָ!

ניין, — ווײַל אַזאַ איז אברהם סוצקעווער פון זײַנע ערשטע לידער אָן, ובפרט פון זינט זײַן „וואַלדיקס".

אָט דעם „וואַלדיקס" טאָקע — די זאַמלונג לידער וואָס איז דערשינען אין יאָר 1940, אין דער שוין ליטווישער ווילנע, — הייבט סוצקעווער אָן מיט אַזאַ „פּראָגראַמאַטיש" ליד:

אַלץ איז ווערדיק פאַר מײַן אויגס געוואָגל,
אַלץ איז חשוב, טײַער פאַר מײַן סטראָף:

און ער פאַרענדיקט אָט דאָס ליד אַזוי:

אַלץ, וואָס ווערט פון מיר דערפילט איז מײַניק.
ווו נאָר ס'גרייכט מײַן וואָרט, בין איך פאַראַן.
און אין אַלץ, אין אַלץ איז דאָ דער סימן
פון מײַן שפּאַן.

איז דאָס, פֿון דעמאָלט אָן שוין, אברהם סוצקעווער, און אַזוי האָבן מיר אים געזען אין, כּמעט, אַלע ווערק זײַנע, אַרײַנגערעכנט אויך דאָס איצטיקע — „די פֿידלרויז". וואָרעם אין אַלע זײַנע לידער איז דאָ דער סימן פֿון זײַן שפּאַן. און אין יעדער וויכטיקער שאַפֿונג זײַנער — דער פֿישופּדיקער שיר־השירים־לויב צום ייִדישן וואָרט וואָס קאָן און דאַרף זײַן שיין. ער איז אָבער אַנדערש דערמיט, וואָס עס איז אים באַוווּסט געוואָרן אַז ר'האָט אַריבער־געשפּאַנט די זעכציק... ער „ווייסט" שוין, אַז... „די האַק פֿון העקער / וועט אויסהאַקן דעם בוים פֿון לעבן", ער ווייסט שוין, אַז... „די צײַט איז בלענד און שקר", ער זעט שוין בלאַנדזשען פּנימער, וועלכע ער דערקענט שוין אַליין נישט: „פּלאַמהאַריקע, שנייאויגיקע און קאַרביקע, / צעשויבערטע ווי ווילדע געגנדז און שטאַרביקע", עס דערבאַרעמט זיך שוין איבער אים אַ מיידל און טרעט אים אָפּ איר אָרט אין אויטאָבוס, אָדער — „ברידער העגט און ברידער פּיס, געענדיקט איז די שלאַכט", דאָ שטאַרט שוין אַרויס לעבנס־חכמה מיט אויסגערײַפּטער רוטין. און אין אָט דער פֿולער רײַפֿקייט שטײַגן זײַנע לידער און דערגרייכן העכסטע הייכן.

וואָרעם אויב „דאַרנביימלעך טרינקען זון ווי פֿייגל טרינקען טל" און זיי, אָט די דאַרנביימלעך, זענען אין זייער אומפֿאַרגלײַכלעכן מײַסטערישן געבוי נישט די איינציקע אין אָט דער זאַמלונג, בעת זיי קאָנען געזען ווערן ווי איינציקע אין אונדזער פּאָעזיע, איז עס אַ בפֿירוש ווײַטערער שירה־פּאַר־מעסט מיט דער אויסטערלישסטער שיינקייט.

און כאָטש מיר האָבן אין געלויף מיט דער מאָדע פֿאַרוואָרפֿן דעם געדראַנג נאָך ציל־באַוווּסטקייט אין דער קונסט, אָבער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט מוותּר זײַן אויפֿן רעיון — קאָנען מיר איצט מיט באַפֿרידיקונג זאָגן און זינגען אין איינעם מיטן מחבר אָט די שורות זײַנע אין די „דאַרנ־ביימלעך" (אויף זײַט 107):

> דאָ איז מיר באַשערט צו זען די שטילקייט דורך אַ טרער,
> בליִען זאָל זי קאָנען פֿון דער פּײַכטקייט און געדײַען.
> אויג אויף אויג מיט שטילקייט און געהער צו איר געהער —
> אָטעמען איז מיר באַשערט איר גליִענדיקן רעיון.

דער גליִענדיקער רעיון צוזאַמען מיט דער אויסטערלישער שיינקייט פֿון זײַן וואָרט און פֿערז — אָט די צווײ־איינקייט — שאַפֿן דאָס די רחבֿותדיקע דימענסיעס פֿון אברהם סוצקעווערס יצירה־וועלט, וואָס לײַכט אַזוי וווּנדער־לעך אַרויס פֿון דער „פֿידלרויז".

1974

ישעיהו שפּיגל

„די בריק"

א

ישעיהו שפּיגל האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַנע דערציילונגען און לידער וועגן דאָרט. זײַן „מלכות געטאָ" וואָס האָט אויך זוכה געווען צו אַ העברעיִשער איבערזעצונג (דערשינען אין עטלעכע יאָר אַרום נאָכן דערשײַנען פֿונעם אָריגינאַל און פֿאַרזען מיט אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט פֿון דב סדן) האָט באַוויזן פֿאַר אונדז אַ קינסטלער, וואָס כאָטש ער האָט געזען און מיטגעלעבט דאָס זעלבע וואָס אַ סך פֿון זײַנע ברידער און שוועסטער, האָט זײַן באַזונדערער, אייגנאַרטיקער גרויסער טאַלאַנט, און זײַן אומגעהײַערער ווילן אַרויסצופֿירן סײַ זיך, סײַ זײַנע העלדן מחושך לאור, אים געגעבן אַן אָנגעזען אָרט אינעם אויבנאָן פֿון די דערציילער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס באַזונדערע וואָס אין אים, — זײַן אויג, אויער, מוח און האַרץ וועלכע בילאַנסירן צווישן זיך אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן, — האָט געשטאַלטיקט און געפּאַרעמט דאָס איבערגעלעבטע, ווי דאָס געזעענע און געהערטע, און דאָס איבערגעלעבטע און גוט־געזעענע האָט שאַרפֿער געמאַכט זײַן אויג, האָט הייסער געמאַכט זײַן האַרץ, האָט רײַפֿער געמאַכט זײַן וויזיע—ציט זיך אַ רויטער פּאַדעם, אַן אָנגעזעטיקטער מיט צער, פּײַן און קאָשמאַר און אַדורכגעלויכטן מיטן גרינעם ליכט פֿון המשך, איבער אַלע זײַנע ווערק און דערגרייכט, מיט מער רײַפֿקייט נאָך, צו זײַן אַכטן בוך — „די בריק".

ב

...וואָס, אייגנטלעך, ווילן מיר; וואָס קאָנען מיר וועלן הײַנט, אין די־אָטעג אונדזערע, פֿון אַ בוך און פֿונעם מחבר? וואָס קאָן אַ שרײַבער פֿון אונדזער דור דערציילן מער ווי מיר האָבן איבערגעלעבט, מער ווי אונדזער דור האָט מיטגעמאַכט? קאָן זײַן אַ גרעסערע „פֿאַנטאַזיע" ווי היטלער־געטאָ און באַבי־יאַר? קאָן זײַן אַ גרעסערע „אויסטראַכטעניש" ווי אַ זעקס־מיליאַנען־שחיטה און אַ קליינער ייִשוב פֿון אַ 600 טויזנט, וואָס ברענגט גאולה

פאַר אַן אויסגעשאָכטן פאָלק? און אין דער ברייטער אַלגעמיינער וועלט — קאָן געמאָלט זײַן אַ זשול־ווערניש־טיפער, ברייטער און העכער אויסטראַכ־טעניש ווי די וואַסער־שטאָף באָמבעס, ווי דאָס פליִען צו דער לבנה, ווי דאָס אַרומקרײַזן „מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן" צענדליקער מאָל אונדזער ערד־קײַלעך? וואָס קאָן דער הײַנטצײַטיקער קינסטלער אויסטראַכטן, אויספאַנ־טאַזירן אַזוינס וואָס איז נאָך נישט אויסגעטראַכט געוואָרן? — בלײַבט, לכן, דער ווי אַזוי, וואָס גיט תּיקון דער עכטער קינסטלערישער יצירה.

— און ווערק וועגן און פון געטאָ זענען שוין געשאַפן געוואָרן אין די הונדערטער. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס אויב זיי וועלן איבערגעזעצט ווערן אויף די שפּראַכן פון פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט ווײַט פון אָט דעם לעגענדאַרן „פּלאַנעט", וועלן זיי זײַן אַ שוידערלעכע אַנטדעקונג פון אַ „פאַנטאַזיע" וואָס די מערבֿ־קולטור האָט געקאָנט פון זיך אַרויסגעבן. זיי וועלן דאַן דערזען ווי אַזוי דאָס געטהע־פאָלק האָט געשאַפן אַ געטאָ־לאַנד מיט „סצענעס" און „אַקטן" וועלכע קיין שום קינסטלער קאָן דאָס נישט אויסמאָלן. אויך די הי־געבוירענע, אַז אָט־די ווערק וועלן זיך באַווײַזן אין עברית (און זיי באַווײַזן זיך!) וועלן קאָנען „עפּעס" זיך דערוויסן וועגן די, וועמענס מיליאָנען־בלוט עס האָט פון ווײַטנס באַפּרוכפּערט די היגע פעלדער און די פעלדזיקע וועגן און זיי רײַף־געמאַכט צו דער אויסגעגאַרטער זעלבּ־שטענדיקייט. אָבער דער ייִדיש־לייענער?! —

אויך וועגן ארץ־ישראל און וועגן מדינת ישראל איז אין ייִדיש גע־שאַפן געוואָרן דערציילונגען און לידער. פאַראַן צווישן זיי קינסטלעריש רײַפע ווערק און פאַראַן שוואַכע. זייער אינהאַלט אָבער איז איינער: עליה און יסורים, עליה און וויזיע, עליה און... באַלעבאַטישער סך־הכּל. קאָן זײַן עפּעס אַנדערש? — מעגלעך אַז יאָ. דערווײַל, אָבער, זענען דאָס די טעמעס. קומען מיר צוריק צום פריִער געזאָגטן: ווײַל דער וואָס איז אומבאַדינגט, קומט דער ווי אַזוי און גיט יעדן ווערק באַזונדער זײַן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

ג

לייענסט די נאָוועלן אין בוך „די בריק" און טראַכסט: שוין אַזוי פיל ענלעכס געלייענט. דאָס אַוועקגיין פון דאָרט, די שינאה, די איבערלעבונ־גען; עלטערן וואָס קומען צו קינדער און ווערן פון די זעלבע קינדער אַרויסגעשטויסן, פאַרשטויסן; גויעס וואָס זענען געקומען מיט זייערע ייִדישע מענער, וועמען זיי האָבן געראַטעוועט פונעם היטלער־טויט, און דאָ אין ייִדישן לאַנד דערשפּירט אויף זייער לײַב דעם טעם פון זײַן פרעמדע,

אדג״ל. שוין דאָס אַלץ געלייענט. און נישט איין מאָל. נאָר ווי אַנדערש, ווי פאַרכאַפּנדיקער, ווי ווירקנדיקער, ווי הייסער זענען אָט די זעלבע טע־מעס אַרויסגעקומען פון אונטער ישעיהו שפּיגלס פּעדער. און ווען נישט דער געוויינלעכער דיאַלאָג אין שפּיגלס נאָוועלן, וואָלטן מיר פרײַנדלעך אויסגעשריִען: זײַ באַגריסט בערגעלסאָנישער הייסער אָטעם.

„דער פליִענדיקער הירש״ — אַ דערציילונג מיט וועלכער י. שפּיגל עפנט דאָס בוך — ווערט דורך איר מחבר אַרויסגעהויבן פון איר רעאַליס־טישן טרויער, פּײַן און כּעס און דערפירט צו וויזיאָנעלער סימבאָליק: לעצ־טער רעטונג־גאַרטל־מאַמע, היימלאַנד־מאַמע.

די אַלטע טאַטע־מאַמע אין דער דערציילונג „מוראַשקעס״, כאָטש איר ווייסט פון פאָרויס וואָס מיט זיי וועט געשען, כאָטש די טעמע פאַר זיך אַליין איז שוין אַזוי אַלט און געניצט, ווערן, — אין דער שפּיגלישער שפּיל פון רעאַליזם מיט סימבאָליק, — אַרײַנגעוואָקסן אין אָט דער מוראַשקעס־וועלט, אַז עס איז שוין כּמעט אוממעגלעך אָפּצוטיילן די פון די אַנדערע.

די „פרעמדע״ ווערט אַזוי וווּנדערלעך דערהויבן אין איר פרעמדקייט, אַדאַנק דער גוטסקייט פון דער תּימנערין, וואָס שפּיגל מאַכט זי מיט איין שטריך ליב און אייגן. אויף אַ רגע ציטערט איר אויף פון אָט דער ייִדישער, מענטשלעכער גוטסקייט, וואָס די תּימנער פרוי אונדזערע ווײַזט אַרויס דער ווילד־פרעמדער, אַז עס ווילט זיך אײַך אויסשרײַען: „אויב נישט נאָך העכער״! ציילט איר אָפּ אין אָט דער קליינער דערציילונג צענדליקער מאָל דאָס וואָרט „פרעמדע״ און דערבײַ, און דערמיט אַזאַ אומפאַרגלײַכלעכע ליכטיקייט: „דאָ לײַכט לאַנג אַרויס פונעם צעגאָסענעם וואַסער דער דיל־שטיין מיט אַ גרינלעכער באַהאַלטענער ליכטיקייט״.

„ליכט אין טאָל״. אָט זעט איר: „היימלאָזע מאָגערע הינט און שווער־לײַביקע, טרויעריקע, מעובּרתדיקע קעץ האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער די אײַנגעפאַלענע טויטע פּרדס־ביימלעך״. נאָר ווי אַ קאָנטראַסט פון סביבה און סביבה פון נײַ (געקומענע) און אַלט (געזעסענע), פון אײַנגעאָרדנטע און אַרבעט־דערוואַרטנדיקע, קומט דער מײַסטער פון קאָנטראַסטן אין דער דערציילונג, ישעיהו שפּיגל, און דערציילט אַ ביסעלע ווײַטער וועגן — „הויכע געפאַקטע ראָסן־הינט, ס׳רוב בולדאָגס און וועלף־הינט, האָבן פוילע געדרימלט אין די שטיינערנע בודעס מיט די שיפּע דעכלעך, אָדער באַלעבאַטיש אַרומשפּאַצירט איבער די קיזלשטיין־סטעזשקעס, וואָרפנדיק זייער הינטישן חשד צו יעדן פרעמדן דורכגייענדיקן מענטשן־שאָטן״.

דאָ טרעפט איר זיך אָן אויף דער האַרבער פּראָבלעם פון אײַנלעבן זיך.

פון דערנענטערן מענטש צו מענטש, עדה צו עדה וואָס דאַרף און מוז קומען. דערציילט אײַך דאָ דער דערציילער, אַז גראָד בולגאַרישע ייִדן קומען דער עלנטער משפּחה צו הילף, בעת די „אייגענע", די פּוילישע און רומענישע זעט מען נאָר פון דער ווײַטן...

דאָ, אין דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס טראָגט אַזאַ ליכטיקן נאָמען, טרעפט איר זיך פּנים אל פּנים מיטן טויט פון אַן איינאונאיינציק קינד. אָבער ווידער געלינגט דעם מחבר אויסצושפּילן זײַן באַליבטע צוויי־אייני־קייט, דעם רעאַליזם און סימבאָליזם. ווײַל ישעיהו שפּיגל איז קודם כּל אַ ליריקער (נישט אומזיסט שרײַבט ער אויך שירה).

דאָס ליכט וואָס רייצט מרימען, צוריק־גייענדיק אַן אַנטוישטע פון איר מאַמעס ברודער, און העלפט איר זיך צו באַפרײַען פון די שטיקנדיקע, אויסלייזנדיקע טרערן, ביז צום ליכט — דאָס הײַנט־אַרײַנגעפירטע אין זייער שכונה, וואָס מאַכט איר גובר־זײַן דעם שוידערלעכן צער און שאָק פון געפינען דאָס איינציקע קינד אירס אַ טויטס, אַ פאַרברענטס פונעם הויכן פיבער, — דאָס דאָזיקע ליכט איז שפּיגלס געווער, אין קאַמף פאַר זײַן נײַער דערציילונג.

די נאָוועלע „אַלטע זאַכן" פירט אונדז אַרײַן אין אַ וועלט אַ פרעמדע, אַן אויסטערלישע און אַזאַ נאָענטע. עס איז שווער צו באַנעמען וואָס ווירקט אויף אונדז שטאַרקער — דאָס שילדערן די טרויעריק־באַדויערנ־דיקע סצענעס וואָס נישט־ווילנדיק רײַסט זיך בײַ אײַך אַרויס אַ האַרציקער שמייכל, צי דער גראָטעסק פון דעם טויטן־געשפּרעך, וואָס פירט צום... לעבן. אָט ווי עס פאָרמולירט דאָס אויף זײַן קינסטלערישן אופן דער מחבר אַליין: „איזידאָר פאַלקנשטיין (האָט) נישט־ווילנדיק פאַרצויגן אויף זײַן געל, גערונצלט פּנים אַ פרעמדן, קאַלטן גרימאַס, וואָס האָט געקענט אויך זײַן דער שפּראָץ פון אַ קינדערישן שמייכל". און י. שפּיגל טײַטשט עס אויס פאַרן לייענער: „ס'זענען פאַראַן אַזעלכע תּנועות אויף אַן אַלט, מענטש־שלעך פּנים, וואָס גרענעצן צווישן ראָזיקער, קינדערישער הײַטערקייט און ביטערן געוויין". ישעיהו שפּיגל פירט שטענדיק אַרויס פון די שוואַרצסטע לאַבירינטן צו ליכטיקער שײַן.

גייט איר פון בלאַט צו בלאַט, פון דערציילונג צו דערציילונג און אײַער שטוינונג וואַקסט.

און אָט לייענען מיר די דערציילונג „די קוקאַווקע", און מיר מיינען, אַז אָט־די דערציילונג איז נישט נאָר אין כּמות, אין איר גרייס, נאָר אויך אין איכות דער קווינטעסענץ פון דעם דאָזיקן בוך דערציילונגען.

דאָס איז אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס בײַסט זיך אַרײַן אין דער קעגנוואַרט

און וויל ווערן צוקונפט. אָט איז גלות, אָט איז ישׂראל און אָט דער איבער־בלײַב פון אַראַבישן זײַן דאָ; אָט נעמען צוויי געזונטע יונגע מענטשן, וואָס איינער פון זיי פלעגט זינגען ווי אַ קוקאַווקע, און ברענגען זיך פרײַוויליק אויף דער עקדה — גייען־אויס אין טרויער און עלנט צוליב דער פאַרשניי־טענער אַלטער היים. אָט איז אונטערגאַנג, טויט און אָט — נײַ־לעבן. אַ שלל מיט נאָסטאַלגיע. אַ שלל מיט סימבאָליק. רעאַליסטישער געשילדער פון נישט־ווערן מיט פאַנטאַסטיש־חזיונישן געמעל פון צוריק־אויפקום, פון ליבע.

ד

איז ווער ס׳האָט אויגן דער זעט די ליכטיקייט וואָס שײַנט אַרויס פון אָט די אָנגעהויפטע גרויל־ און פײַן־סצענעס, וואָס פולן־אויס שפּיגלס דער־ציילונגען.

איר לייענט דאָס בוך „די בריק" און איר דערפילט די וואַרעמע אינ־טימקייט פון מחבר מיט זײַנע העלדן און געשעענישן, איר זעט, אַז ער שטייט נישט פון דער זײַט. פון ווײַטנס, ער און די געשילדערטע זענען איינס. איינס אין זייער פּײַן, איינס אין זייער אויפלויכט און איינס אין זייער קינסטלע־רישער שיינקייט.

1963

די מיסטעריע פון שאַפן

(י. שפּיגל — אַ בן ששים)

...גרויס חסד איז געטאָן געוואָרן צו אונדזער פאָלק, דעם שווער גע־פּרוווטן, און גאָר באַזונדער — דעם חשכותדיקן מלכות געטאָ, וואָס עס איז געבליבן אין שארית דער פענאָמענאַלער טאַלאַנט ישעיהו שפּיגל, וועמענס פעדער עס פאַרמאָגט אויג, אויער, האַרץ און מוח, כדי צו פאַראייביקן אין הויכע קינסטלערישע פאָרמען אַ לעבן פון אַ פאָלק — זײַן יום־טוב און זײַן אינדערוואָכן, וואָס זענען אויסגעברענט געוואָרן מיטן שוידערלעכסטן גיהנום־פײַער, און דעם טייל פון פאָלק, וואָס איז אַראָפּ אין דער תהומדיקער פאַר־גאַנגענהייט דורך טויזנטער ארבע־מיתות...

און דעם דאָזיקן חסד האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר זענען זוכה צו פײַערן הײַיאָר דעם האַלב־וועג פון די געוווּנטשענע 120, וועלכן עס האָט דערגרייכט דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער דערציילער אונדזערער ישעיהו שפּיגל.

דאָס איז אַ דאַטע פון גרויס באַטײַט און פון אַ סך אָנגעהויפּטער שאַ־פונגס־פרייד.

נאָר אָט טוט איר זיך אַ פרעג: — שאַפונג־פרייד?! — ווו איז דער זין און אין וואָס איז דער באַשייד פון אָט דער מיסטעריע פון שאַפן און פון דער פרייד וואָס זי ברענגט אין אירע פליגל?

אַמיין, זינט עמלק, דורך פרעה, טיטוס, טאָרקוועמאַדאַ, כמיעלניצקי, פּעטליורע, ביז דעם לעצטן פון זיי — ימח שמו וזכרו! — ליגט די יידישע מאַמע אַ געשאָכטענע, אַ צעפּערטלטע און דאָס ולד וואָס שפּאַרט־אַרויס פון איר אינגעווייד, זינגט דאָס געזאַנג פון אומקום און ווייַנט דאָס געוויין פון נײַגעבוירן. פון וואַנען זשע בײַ אונדז שאַפונג־פרייד? — האָבן דען נישט די בעלי המדרש געפרעגט, אין נאָמען פון דעם הימלישן שעפער — „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?"... און דאָס איז דאָך געזאָגט געוואָרן וועגן די אונטערגייער פון אַן אַנדער פאָלק, פון אַ פאָלק וואָס האָט אונדזער פאָלק שוידערלעך פאַרשקלאַפּט און אונדזערע זכרים געוואָרפן לעבעדיקער־הייט אין נילוס!... און דאָ, אויף דער פאַרשרפעטער ערד פון דעם מיט פאַר־לענד געקרייַנטן געטאָ, גייט־אַרום אַ מענטש, אַ פאַרפײַניקטער און דער־שלאָגענער, אַן אָבלדיקער און מיליאָנען מאָל פאַרייאושטער, און זינגט־אַרויס פון זיך דאָס געזאַנג פון פייגל, וואָס זעען אים אויס ווי מלאכים, דאָס גע־זאַנג און געוואָי פון ווינט און זאַווערוכעס. ווער שטויסט אים דאָס צו טאָן? וועלכער אויסערוועלטישער כוח באַוועגט אים און באַצווינגט אים צו שאַפן?

איוב אין זײַנע צוווייטיקסטע מינוטן, האָט אויסגעשריִען: החרישו ממני ואדברה אני, ויעבור עלי מה (לאָזט מיך אָפּ און איך וועל רעדן / זאָל קומען אויף מיר וואָס עס וויל). ער האָט דערבײַ געמיינט: אַז ער וועט לעס־טערן גאָט, וועט קומען אויף אים דער טויט, וועט ער אַלץ איבערקומען. אַלץ פּטור ווערן. און דאָ קומט גאָר דער הײַנטצײַטיקער איוב, דער צום טויט־פאַרמשפּטער געטאָ־ייד, אין אונדזער פאַל: ישעיהו שפּיגלס פּאָטער, און נעמט צונויף זײַן זונס כתבים, כתבים פון אַן אַנדערן פּלאַנעט, פון אַן אַנדע־רער רעאַליטעט, פאַרגראָבט זיי און פאַרבאַהאַלט זיי כדי זיי זאָלן בלײַבן, זיי זאָלן זיך דערוואַרטן אויף די וואָס וועלן בלײַבן לעבן און דורך זיי געפינען אַ תיקון און אַ זין. פון וואַנען ווייסט ער, אָט דער זעקס־מיליאָניקער הרוג, אַז עס וועלן בלײַבן יידן? ווער זאָגט אים דאָס אונטער? פון וועלכע קוואַלן שעפּט ער אָט דעם גלויבן?

אָט זאָגט דאָך דער אַמעריקאַנער־יידישער קונסט־פאָרשער סידני פינקלשטיין, אין זײַן ווערק „קונסט און געזעלשאַפט":

„כדי צו פאַרשטיין די קונסט, דאַרפן מיר קענען נישט נאָר די אינדי־

ווידועלע קונסטווערק, נאָר אויך דאָס קולטור־לעבן פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי זענען געשאַפן געוואָרן". זאָלן מיר זאָגן, אַז דאָס לעבן אין לאָדזשער געטאָ, אין רומקאָווסקיס קעניגרייַך, האָט געקאָנט אַזוי דערהייבן אַ שרייַבער אַ בשר ודם — כּדי אַרויסצוברענגען אַזוי סובטעל, אַזוי איידל, מיט אַזעלכע דין־דינסטע ניואַנסן, וואָס האָבן נישט זייערס גלייַכן אין אונדזער ליטעראַטור, דאָס וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען?

פון וואַנען אָט דער גלעטעוודיקער ווערטער־אוצר, וואָס ווייען איבער אונדז מיט כּישופדיקע פליגל און גייען־איבער זייער אָפּט פון שוידערלעכסטן ווײ־געשרײ אין אַ מוזיק פון טרויער, אין ניגונים פון אבלות? — ווער קאָן דאָס פאַרשטיין?

שטייט איר פאַר אָט־דער מיסטעריע, ווי פאַר ספינקסן. זיי ענטפערן אײַך נישט אויף קיין איינער פון אייַערע פראַגעס. זיי זענען אַליין סײַ די פראַגעס, סײַ דער ענטפער. שפּיגלס ווערק זענען אַזוי ווירקנדיק, אַזוי באַגלייבט, אַז איר פאַרגעסט אין אָט די אַלע אַרייַנטראַכטונגען. איר גייט־מיט מיט אים איבער די אַלע ליקלעך און סטעזשקעס פון פאַנטאַסטישן ווילן צו לעבן און איבער די אומגעהײַערע רחבותן פון די שוידערדיקע טויטן, ווי איר וואָלט צוזאַמען מיט אים דאָס געזען, דאָס געפילט, דאָס איבערגעלעבט און... אויסגעחלומט.

וואָרעם ישעיהו שפּיגל איז פון די געציילטע שרײַבער, אפשר נישט נאָר בײַ ייִדן, וועמען דער אומפאַרגלײַכלעכער טאַלאַנט האָט צוגעהאָלפן אַזוי „נאַטירלעך" צו דערהייבן דאָס רעאַלע געשען צו וויזיע, צו פאַנטאַסטיק, און די זעונג, דאָס וויזיאָנעלע — צו געוויינלעכער רויער רעאַליטעט. ס'איז דאָס לעבן און מער נאָך, ס'איז דער טויט און פיל מערער.

נישט איין מאָל, לייענענדיק שפּיגלס אַ דערציילונג, ווו רעאַליע קושט זיך מיט חלום, לויפט אַרײַן אין זכרון די ווונדערלעכע באַלאַדע פון איציק מאַנגער — „די באַלאַדע פון דעם ייִד וואָס איז דערגאַנגען פון גרוי צו בלוי". און איר גאַפט ווי בײַ צוויי קינסטלער, אויף צוויי באַזונדערע אייגנאַרטיקע אופנים, בײַ סטילן און וויזיעס, אַנדערע און באַזונדערע —

„גאַפט (בײַ מאַנגערן) דער שענקער און ס'גאַפט זײַן פרוי, / ווי ס'שפּאַרט פון דעם ייִד אַרויס דאָס בלוי".

און בײַ שפּיגלען — אין אים און אין אַלע זײַנע ווערק, פליסט בהרחבהדיק ליכט און שײַן, — צי דאָס איז מילך־ווײַס, צי לבנהדיק, בלוי אָדער גרין. עס איז שוין אַפילו בײַ שפּיגלען אַן אייגן וואָרט, דאָס וואָרט „פליסט". ווײַל איבערפולט מיט ליכט זענען בײַ אים די פינצטערסטע רגעס, און דאָס דאָזיקע ליכט פליסט, און פאַרפלייצט די גרענעץ פון וואָר ביז טרוים.

אַז דאָס קינד פון די „שטיגן צום הימל" זיצט אין דער אָרעמער שטוב אין דער געזעלשאַפט און אויפזיכט פון אַ שכנס באָרוועס מיידל אַלטעלע און „דערוויל ווערט אין דרויסן אַלץ מער פינצטער", זעט דאָס קינד — שאַיעלע שפיגל — אַז „גראָד אויבן, אויף דער ציגלוואַנט ליגט בלויז אַ צעגאָסענער שטריף פון ראָזיק ליכט". ביי זיין זיידן אַנטשל, ווען ער קומט אַהין ס'ערשטע מאָל, זעט ער, אַז די ווענט זענען בלאָלעכע. אין די פאָטאָ־גראַפיעס פון זיינע ווייטע פעטערס און עלטער־פעטערס, וואָס הענגען אויף די ווענט ביים זיידן, זעט ער יידן מיט לייכטנדיקע ווייסע פנימער, ווי ליכט. אין אַ פינצטערער נאַכט, בעת שאַיעלע קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן, נאָך אַ גאַנצן טאָג מיט איבערלעבענישן, זעט ער ווי די לבנה קיניגט גבורהדיק־פול, ווי אַ גרינער באַלויכטענער שיינער עפּל. פון דער מומע ביילעס באַקן פאַלן קליינע, פינקלדיקע טרערן. זענען זיי, אין שאַיעלעס אויגן, „אַלע גע־ווען דורכזיכטיק־בלאָ, צעפינקלט און געהאַט אין זיך דאָס ליכט פון די שיינע, בלאָע דימענטלעך אינעם קייסערס קרוין". אַז דער קליינינקער שאַיעלע קוקט אַריין ס'ערשטע מאָל אין זיין טאַטנס אויגן, זעט ער זיי: גרויסע, שוויַיגנדיקע, ליכטיקע. ער זעט זיך אין זיי, ווי ער וואָלט אַרייַנ־געקוקט אין שטובּיקן וואַסער־עמער, ווו ס'שווימט אַרום אַ מעשענער ליכט־שפּליטער פון דער שעפּ. און אַזוי אָן אַ שיעור פאַלן פון ליכט און ליכטיקע פאַרגלייכן אין אַלע זיינע ווערק. עס שפּאַרט ביי אים אַרויס דער געזונ־טער בריאת־עולמדיקער אָפּטימיזם, וואָס פאַרוואַנדלט, נישט בלויז איין אָרעמען ייִד, נאָר אַלע, פונעם גיהנומדיקסטן גרוי, אין אַ גלעטנדיקן, צו־זאָגנדיקן גרין אָדער בלוי, ווי דער געטלעכער דעוויז: ויהי אור!

שטראָמט פון אים דאָס ליכט, פון זיין פעדער, פון זיין טאַלאַנט. ווייל ער איז איינס מיט זיינע ווערק. איר טרעפט אים קיין מאָל נישט ווי אַ זייַ־טיקן, אַלץ־וויסנדיקער דערציילער, ווייל נפשו קשורה בנפשה פון דער דערצייל־קונסט.

ווערלן אָט די צוויי ביכער, וואָס זענען דערשינען אין די טעג פון זיין ווערן אַ בן ששים „פלאַמען פון דער ערד" און „שטיגן צום הימל", אָן שום ספק אַ הייב־טאָן דאָס געבייַ פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט צוויי ווערק העכער...

*

פייערנדיק אָט דעם דרייפאַכיקן שפיגל־יום־טוב, שטעלן מיר זיך אָפּ, נאַטירלעך, ביי זיינע בעסטע יצירות. מיר פרוּוון זיי זען אין איינעם און באַזונדער. ווידער ווילן מיר וויסן דעם סוד פון זיין שילדערונג־כּוח. און

ווידער שטייען מיר פאַר די זעלבע אַנטפּלעקונגען: אָט די צוויי ביכער זײַנע, — ווי זײַנע פריִערדיקע, און נאָך מער! — ווײַזן דאָס נישט געווײנלעכע, דאָס באַזונדערע, וואָס טיילט זיך אַרויס פון דער ייִדיש־ליטעראַטור, און גאָר באַזונדער פון דער אומקום־ליטעראַטור, כאָטש זי איז רײַך מיט וויכטיקע שאַפונגען. איר לייענט אָט־די ביכער און איר זעט באַשײַמפּערלעך, ווי די אין פלאַמען־ליגנדיקע ווירקלעכקייט, אָט די שווידערדיקע רעאַליע וואַקסט אַרײַן אין דער וויזיע פונעם קינסטלער — צי דאָס איז זײַן אינערלעכע גײַסטיקע וועלט, צי דאָס אַפּאָקאַליפּטיש והיה־באחרית־הימימדיק זען זײַנס, — ביז פון ביידע ווערט איינס, און איר וועט שוין דעם טרוים פון דער וואָר נישט אָפּטיילן. „פלאַמען פון דער ערד" גיסט זיך אַרײַן אין די „שטיגן צום הימל" און איר זעט איין וועלט בלויז, אַ וועלט פון ייִדן אין אַ וועלט פון שונאים, אין אַ וועלט פון בייזס, ווו עס לעבט זיך דעם ייִד ביטער און שווער. פון דער ערשטער וויזיאָנעלער מאַמע־דערקענטעניש, וואָס איז נישט מער ווי דאָס פאַקטישע קינדעריש זײַן, דערגייט ער, אַזוי מיסטיש און נאַטירלעך צום ראָמאַן אין פלאַמען, ווו ווירקלעכקייט איז אײַנגעהילט אין גראָטעסק. ס׳איז אַ קאַצנשפּרונג פון שאַיעלעס פריסטער קינדהייט אין אַזאַ הערלעכער ייִדישער אָרעמקייט ביז צו וויגדערן, אין „פלאַמען פון דער ערד" ווו ער שטייט אײַנגעבויגן איבער דער פאַרפרוירענער און פאַרשנייטער פעלד־ערד, בעתן מקבר זײַן זעלדען. דער אויספירעמער זײַנער, ישעיהו שפּיגל, לאָזט אים טראַכטן וועגן די קברנים־יונגען פון געטאָ און זיך פרעגן: „וואָס אַזוינס זענען זייערע צילן? צי איז מעגלעך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָפּגעצוימטקייט, עפּעס אַן אופן פון ראַטעווען? נאָך אַזוי פיל יאָרן איז דאָך דאָ בלויז פאַרבליבן אַ געשטאַלטלאָזע און פול מיט פּחדים צונויפגעפּרעסטע ייִדן־עדה, וואָס וואַרט (און דאָ טוט שפּיגל אַ זאָג אין פאַראַנטעזן: אָ, ביטערער שפּאָט פון גורל!) — אויף אויסלייזונג. פון וועמען? פון וואַנען? אָ, הילפלאָזער און גרויסער ייִדישער בטחון! פון וואַנען שעפּן די פאַרפּאָלגטע זייער מוט און דאָס פײַער פון גלויבן?" אַזוי־אָ פרעגט ישעיהו שפּיגל. אָבער, אַז אָט דער וויגדער קוקט צו גיטעלען, ווי זי שטייט נעבן אַנטאָנען און בליקט אַריבער צו אים, זענען דעם מיידלס אויגן „גרויסע און פײַערלעכע" און זיי לײַכטן מיט אַ שטיל, פאַרבאָרגן, וואַרעם פײַער. „אירע אָפענע, אומבאַוועגלעכע, צעפּראַלטע ווימפּערן האָבן פון הינטער זיך אַרויסגעקוואַלט אַן אומעטיק, גוט ליכט, וואָס פאַלט איבערן האַרצן מיט אַלע גנאָדן פון ערדישער טרייסט".

און לאָמיר פאַרצייכענען, אַז נישט נאָר בײַ מענטשן זעט ער אַזוי פיל „גוט ליכט", אָט איז שפּיגלס אַ שילדערונג פון אַ פרישן קבר אין געטאָ: —

„זיי האָבןביידע, וויגדער און דאָס מיידל, אַראָפּגעלאָזט פּלוצעם זייע־רע אויגן צום ערדענעם בערגל. דער שניי־ווינט האָט עס דערוויַיל אַרומגעזוימט מיט אַ שיינער צעשטראַלטער שניי־קרוין. די קרוין איז געזעסן פון אַלע זייַטן און זיך שאַרף אויפגעהויבן פון דער טויטער פעלד־ערד״...

*

זענען די „שטיגן צום הימל״ נישט יעקבס לייטער, וועמענס שפּיצן עס האָבן געגרייכט די הימלען, און די מלאכים וואָס זענען אויף אים געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, האָבן אונדזער פּאָטער יעקבן אַזוי פיל צוגעזאָגט, — נייַערט, אַן אימהדיק טרעפּן־געשטעל אויף וועלכן עס איז אויפגעגאַנגען אַ לעבן פון אָרעמע, פאַרפּראַצעוועטע גלייביקע יידן, און אויף אָט־די שטיגן איז אויפגעגאַנגען אַ קינד, וואָס האָט געאַנט דעם גורל פון טאַטע־מאַמע, פון שכנים, פון משפחה, פונעם פאָלק. און די דאָזיקע „שטיגן״, ממש זיי, ווערן דערנאָך פאַרברענט אין די „פלאַמען פון דער ערד״. דאָס איז ערשטע אַנונג פון מוטער־ליבע און לעצטער אויסשאַל פון אונטערגייענדיקן מלכות געטאָ.

און אַז מיר בלייַבן פּנים אל פּנים מיט די דאָזיקע ווערק קומען מיר צום אויספיר:

נאָר דאָס וווּנדערלעך־באַזונדערע אין ישעיהו שפּיגלס אופן פון זען און דערציילן האָט אַנטשיידנדיק באַשטימט דאָס אָרט פון זייַנע ווערק. בלויז דער ווי אַזוי פון אָט דעם שרייַבער, הייבט־אַרויס זייַנע ראָמאַנען און דערציילונגען פון די אַן אַ שיעור וויכטיקע און באַדייַטנדיקע ווערק אין אונדזערע ליטעראַטורן.

צא וראה:

ישעיהו שפּיגל הייבט אָן זייַן ראָמאַן „שטיגן צום הימל״ מיט אַ שילדערונג, וואָס ער רופט אָן „ליכט פון הינטערן נעפּל״. „עמעצער הינטער מיר הייבט מיך אויף מיט וואָרעמע, ווייַסע הענט גאָר הויך פונעם דיל״. און ער דערמאָנט זיך, אַז „עס איז גראָד אַזוי ווי איצט, בעת ס׳שפּראָצן אויף די מחשבות פון אַ בלאָלעכער, פליסנדיקער ווייַטקייט״. די דאָזיקע שילדערונג, וואָס שלאָגט אָן און רופט זיך איבער מיט די בעסטע טראַדיציעס פון מיסטעריע־ראָמאַן הייבט אייַך אויף און נידערט אייַך אַראָפּ צוגלייַך מיטן קינד, ווי שפּיגל רופט דאָס אין זייַן קערנדיקן פּוילישן יידיש „פּולאָפּ דיל, דיל פּולאָפּ״.

„פּלוצעם ווערט אַלץ אַזוי שטיל. אַ בלאָלעכע, פליסטערנדיקע שטילקייט. אַזאַ שטילקייט ווי פאַר אַ געוויין, וואָס וויל זיך איצט אַרויסרייַסן פון מיר... פאַר יעטוועדן געוויין איז תּמיד אַזאַ שרעקעוודיקע שטילקייט אין

דער וועלט. די זעלביקע הענט, וואָס האָבן מיך ביז איצט אַזוי אומברחמנות־דיק געהוידעט, גיבן מיך פּלוצעם אַ העפטיקן דריי אויס צו זיך. דער פּולאָפּ פֿאַרשווינדט. אויך דער דיל צעשווימט. אַנטקעגן מיר זע איך: אַ קאָפּ, אַ פּנים. זיי זענען זייער גרויס. אָ, ווי גרויס זיי זענען! אויף מיר קוקן איצט צוויי אויפגעפּראַלטע אויגן פֿון אַ מענטש".

ווער איז ער — דער דאָזיקער מענטש אַנטקעגן מיר?"

און דער מײַסטער שפּיגל דערציילט אונדז:

„מײַן יונג קינדעריש מויל ליגט איצט אין גאַנצן אײַנגעדעקט מיטן אויסטערלישן מענטשנס אויגן. וואָס וויל דער מענטש פֿון מיר? וואָס ווילן די אויגן זײַנע מיטן איינציקן טראָפּן אויף די דינע ציטערנדיקע הערעלעך? פֿאַר וואָס קאָן איך גאָר נישט עטעמען? נאָך אַ ווײַלע און איך וועל מוזן אַרויסלאָזן אַ געוויין. עפּעס האָט שוין אָנגעהויבן זיך רײַסן אין קעל. ס'פֿאַרפּעלט מיר אָטעם. די לופֿט ווערט וואַרעם אין מײַן העלדזל. מיט אַלע כּוחות עפֿן איך דאָס מויל, כּדי צו וויינען. אָבער פּלוצעם געשעט עפּעס אַזוינס, וואָס קערט מיר צוריק די לופֿט און דעם אָטעם. אַנשטאָט אַ געוויין האָט זיך פֿון מײַן פֿאַרקראַמפּט מויל אַרויסגעריסן אַ קליין, צעבראָכן וואָרט:

— מאַ — מע..."

און נאָך דעם, און נאָך אַ ווײַטערדיקער מײַסטערישער שילדערונג פֿון מאַמע־דערקענטעניש קאָן שוין שפּיגל שרײַבן: —

„איך ווייס שוין ווער דער דאָזיקער מענטש איז. דאָס איז מײַן מאַמע".

וועט עס נישט זײַן איבערטריבן אויב מיר וועלן כּמו פֿעסטשטעלן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין איר גרויסער עשירות האָט נישט פֿאַרמאָגט אַזאַ אַפּאָטעאָז פֿון מאַמע־דערזעונג בײַ אַ ייִדיש קינד, ווי אין אָט דער שילדערונג. דאָס איז איינציק, שפּיגלדיק.

וועלן ישעיהו שפּיגלס ווערק, די ביז איצטיקע, די איצטיקע און די קומענדיקע זײַן אַן אונטערשפּאַרנדיקער בײַשטײַער דעם ייִדישן נצח.

1966

נחמן מײַזיל אין זײַן ערשטער יאָרצײַט

א

מיט אַ יאָר קעריק.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון דער באַהײַזטער געגנט אין צענטער פון לאַנד און זיך געלאָזט איבערן שיר השירימדיקן שרון צום טאָל יזרעאל. אין קיבוץ אלונים וווינט שוין אַ יאָר צוויי דער ייִדישער שרײַבער נחמן מײַזיל. פאָרן מיר אַהין אים מיטנעמען קיין חיפה, ווו ער וועט צוזאַמען מיט אונדז אָנטיילנעמען אין אַן „אָוונט" לכּבוד דעם באַקאַנטן און געליבטן ייִדישן שרײַבער ישעיהו שפּיגל, וואָס איז געוואָרן אַ בן ששים (עד מאה ועשׂרים!).

אלונים ליגט לינקס פונעם הויפּט־וועג וואָס פירט אַרײַן טיף אין עמק. דער ישׂראלדיקער פרילינג איז אָנגעזאַפּט מיט אַ סך זון און מיט אַן אָ שיעור דופטיקע ריחות. אַז איר פאָרט דורך דעם אייביק יונגן שרון מיט די פּרדסים זײַנע און מיט די שמייכלענדיקע ליכטיק־גרינע פעלדער און קומט אַרײַן אין דעם וואַדי, וואָס ציט זיך ווי אַ פּליסנדיקער טײַך צווישן די היגלדיקע אָפּהאַנגען פון כּרמל און דעם באַוואַלדערטן געבערג פון אפרים, קאָן דאָס אויג נישט זאַט ווערן פון די ביימער און ביימלעך וואָס קלעטערן אַרויף צום האָריזאָנט. איר אָטעמט אין זיך אַרײַן די פּאַרפום־ריחות פון יונגוואַלד, וועמען עס האָבן ייִדישע הענט נאָר־וואָס אַרויסגעפּישופּט פון צווישן שטיין און פעלדז; די זון בריט און פאַרפלייצט אײַך מיט ליכט, און פון אַנטקעגן קומט אָן יקנעם מיט הײַזער, נײַע און אַלטע, מיט קוואַרטאַלן וואָס דערמאָנען שוין גרויסשטאָט, און ייִשובים, און דערפלעך, און געשניטענע תּבֿואה, און אַ צעצויגענער מע פון אַהיים־קומענדיקע קי. איר ווייסט נישט פון וואָס פריִער הנאה צו האָבן. איר פאַרנייגט זיך לינקס און פאָרט אַרײַן אין אַ חלוצים־דאָרף, אין אַ קאָלעקטיוון הויף, וואָס באַהערשט אײַך באַלד מיט זײַן אומגעהײַערער גרינער שלווה. דערזעט איר נישט און דערהערט נישט, אַז אײַך אַנטקעגן איז אָנגעפאָרן אַן אַמבולאַנס, אײַך פאַרבײַגעפאָרן און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל...

צי דאָס פּאַטעטיש־פּאַסטאָראַלע ווערק פון דער נאַטור, צי דאָס מאַטע ליכט פון דעם מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלענעם פאַרנאַכט, — מיר האָבן נישט

געזען דעם אַרויספֿאָרנדיקן אַמבולאַנס, וואָס איז געקומען אונדז אַנטקעגן און ס'איז נישט אַרויף אויף אונדזער גאַנק, אַז אין אים געפֿינט זיך אונדזער פֿרײַנד און חבר נחמן מײַזיל אויפֿן וועג צום שפּיטאָל, פֿון וואַנען ער וועט שוין מער נישט צוריקקומען.

איז דער „אָוונט" אין חיפה לכבוד ישעיהו שפּיגל (יבל"א) פֿאַרגעקומען אָן מײַזילן. נאָך דעם חשבון האָבן מיר געמאַכט און מאַכן.

ב

נחמן מײַזיל, דער ליטעראַטור־פֿאָרשער, ליטעראַטור־זאַמלער און ליטע־ראַטור־דערציילער איז געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד מיט אַ דרײַ יאָר קעריק, נאָך אַ שטורמיש־שאַפֿערישער „רײַזע" אין אַ וועלט פֿון ייִדן, אַלט זײַענדיק 77 יאָר. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ ריזן־שטויס פֿון ווערק, און פֿון דעסטוועגן נישט געטראַכט צו רוען בײַ די רויִקע וואַסערן פֿון זײַן בכּבֿודיקער עלטער, נאָר פֿאַרגעזעצט מיט יוגנטלעכן ברען צו אַרבעטן און שאַפֿן. בוך נאָך בוך זענען אַרויס פֿון אונטער זײַן פֿעדער אויך אין די דאָזיקע צוויי יאָר. צווישן פֿאָרשן, שרײַבן און אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק האָט ער אין אָט דער קורצער צײַט געפֿונען צײַט אויף צו זוכן, זאַמלען, בעטן מ'זאָל צושיקן און באַשטעלן — לידער געווידמעט דעם טאַטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור י. ל. פּרץ, וואָס ר'האָט דאָ אַרויסגעגעבן אין פֿאָרעם פֿון אַ רעפּרעזענטאַטיוו בוך. און ס'האָט קיינעם נישט געחידושט. ווער עס האָט געקענט דעם רירעוודיקן שפּרודלענדיקן נחמן מײַזיל האָט געוווּסט, אַז דאָס איז זײַן שיכּרות. זײַן ספּאָרט, ווי ס'איז געווען זײַן אָטעם, זײַן לופֿט, זײַן לעבן. זײַנע אומצייליקע אַרטיקלען און נאָטיצן — ווען אַפֿילו נישט שטענדיק געזיפּט און געלײַטערט דאָס וואָרט — זענען געווען די שטאַפּלען פֿון זײַן לייטער אויף וועלכער ער האָט געשטײַגט און געשטײַגט. די דרײַ צענדליק ביכער און מער, וואָס זענען אומגעהײַער רײַך אין פֿאַקטן און היסטאָריש־וויכטיק מיט זייער עשירות פֿון נעמען און ליטעראַטור־דערשײַ־נונגען, האָבן אים דאָך סײַ ווי געמאַכט פֿאַר אַן אויסנעם־שרײַבער, צו וועמען עס איז כּמעט נישטאָ קיין גלײַכן. ווי רעדאַקטאָר איז דאָך אויך זײַן טעטיקייט פֿאַרביק און אומפֿאַרגלײַכלעך. ביכער, בראָשורן, זאַמלביכער, ליטעראַרישע זײַטן און ווונדערלעכע צײַטשריפֿטן. צווישן זיי: די „ליטע־ראַרישע בלעטער" (וואַרשע) און „ייִדישע קולטור" (ניו־יאָרק). וויפֿל זע־נען אַוועק פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער"? — בלויז איין נחמן מײַזיל איז געווען און געבליבן זייער רעדאַקטאָר ביז זײַן פֿאַרלאָזן פּוילן און קומען קיין אַמעריקע. און די ווירקונג פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער" איז דאָך

געווען אין לשער. ווער עס האָט נישט געזען די צעצונדענע פלעמלעך אין די טרויעריקע אויגן פון ייִדישע יונגעלײַט אין פוילן בעתן לייענען אַ נומער „ליט. בלעטער" האָט קיין שיינס און קיין דערהויבנס אין זײַן לעבן נישט געזען. און אַוודאי איז נישט אָפּצושאַצן די געוואַלדיקע אמת־פּראָגרעסיווע ראָל און די קולטור־דערציִערישע אייגנשאַפטן פון דעם ניו־יאָרקער זשור־נאַל „ייִדישע קולטור", וואָס איז אויפגעקומען אין פּעריאָד פון הייסן ווילן צו אייניקייט אין די רייען פון די שעפערישע כּוחות בײַ ייִדן אין דער וועלט. גענוג צו דערמאָנען, אַז אין די ערשטע נומערן האָבן אָנטיילגענומען לייוויק, אָפּאַטאָשו, הירשביין, זשיטלאָווסקי א.אַ. נחמן מײַזיל איז ווי אַ דערפאַרענער קאַפּיטאַן געשטאַנען בײַם רודער פון אָט־דער קולטור־שיף און הגם עס האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן פּאַרטיליקונג־כוואַליעס און די גרעסטע טייל פון די באַרימטע ייִדישע שרײַבער האָבן אים פאַרלאָזט, איז ער געבליבן אומדערשראָקן אויף זײַן פּאָסטן און געפירט די „ייִדישע קולטור" דורך די געפאַרן פון יעווסעקציע און סטאַליניזם פון איין זײַט און פון חרם — פון דער אַנדערער זײַט.

איז עס אַ חשבון וועגן אַ מענטש, וואָס האָט אויף זײַן אייגענעם אופן באַוויזן, וואָס שטאַרקער ווילן און הייסע ליבע קאָנען אויפטאָן.

ג

איז אַוועק אַ יאָר זינט נחמן מײַזיל איז געוואָרן אַוועקגעריסן פון זײַן שאַפנדיקן וואַרשטאַט. און הגם עס זענען נאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן יצירות פון זײַן קוואַלנדיקן איבערלײַב, איז געוואָרן ליידיק די מיזרח־וואַנט פון די ייִדישע שרײַבערס מיט נאָך איינעם וואָס האָט אויף זײַנע שמשון־פּלייצעס אויסגעטראָגן דאָס בילד פון אַ ליטעראַטור, פון זינט זי האָט אַ צעפּאָך געטאָן אירע נס־פליגל און דערגרייכט דעם מעמד פון אַ גרויס־שעפערישער, מאָ־דערנער, ביז איר איצטיקן גורלדיקן גאַנג צו עלנט, צו איינזאַמקייט.

פון קיִעוו, וואַרשע, ניו־יאָרק ביז אלונים, דורך הונדערטער, הונדערטער מאמרים־אַרטיקלען, דורך די איבער דרײַ צענדליק ביכער און בראָשורן, האָט ער מיטגעאײַלט מיט דעם מעטעאָרישן דורכלויף פון אַ וווּנדערלעכער טיף־הומאַנישער ליטעראַטור, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין באָדן פון ערד אונ־טער זיך נאָר פון מענטשן; וואָס האָט נישט געהאַט קיין לאַנד נאָר לענדער, וואָס האָט מער געוויינט ווי געזונגען און דאָך געוואָרן דער פענאָמענאַלער קען־צייכן פון אַ פאָלק, אַ צעזייטס און צעשפּרייטס. אַ ליטעראַטור וואָס האָט פאַרמאָגט מיליאָנען אויף אַלע יבשות, וואָס האָבן געצויגן חיונה־זאַפטן פון איר, האָבן זיך גענערט און געקוויקט מיט אירע געזאַנגען און איכהס, מיט

אירע נאַראַטיווע לידער און גאָוועלן און קידוש־השמדיקע פּאָעמעס און ראָ־מאַנען. דאָס שטעטל און די יידישע גאַס מיט זייער טראַגישן וואָכיקן הו־האַ־לויף און מיט זייער אומפאַרגלייַכלעך שיינער שבת־ און יום־טובדיקער נשמה יתירה — ביז זייער כּרתדיקן פאַרלענד דורכגעפירט דורך געטהעס און שילערס פאָלקס־גענאָסן — האָבן געפונען זייער ערלעכן אויסדרוק דורך די פּענעס און פּענדזלען פון אַ ליכטיקער פּלעיאַדע דיכטערס, מאָלערס און דער־ציילערס, וועמען נחמן מייזיל איז מיט געטרייַשאַפט נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, מיטגעשאַפן מיט זיי, זיי געזאַמלט, קריטיקירט און פאַרצייכנט לדור דורות.

איז אָוועק אַ יאָר זינט מיר זענען געוואָרן מיט אַ וויכטיקן שעפער ווייני־קער. נאָר, אַזוי לאַנג ווי ס'וועט נאָך זייַן לעבן אין אונדזער ליטעראַטור און אַרום איר — וועט זי געדענקען איר מיטשאַפער און מיטבויער, דעם בעל זכרון אירן, דעם געטרייַען פאַרצייכענער אירן — נחמן מייזיל.

1967

איציק מאַנגער

צו זײַן ערשטן באַזוך אין ישׂראל

א

זײַן קומען און זײַן זײַן איז אייגנאַרטיק ווי זײַן שאַפן. אין טעג פון יום־טוב ווערט דאָס בלאָ פון זײַן באַלאַדישן געמיט זיך אויסמישן און פאַרמישן אינעם בלאָ פון די הימלען, די ישׂראלדיקע, וואָס הילן אונדזער פּײַערונג מיט פרייד און מיט טרויער. זײַן קומען קומט־אַרײַן אין דער אַלגעמיינער רעם, ווי דאָס בלימל אין פעלד, ווי דער בוים אין אונדזער יונגן קוים־אויפגעהאָדעוועטן וואַלד.

שוין אין אָנהייב ווילט זיך אָפּוואַרפן אַלע פאַרגלײַכן. איציק מאַנגער איז דיכטער אָן שום פאַרגלײַך. ער קומט מיט זײַן אייגענעם אומפאַרגלײַכלעכן באַגאַזש. זײַן ליד און באַלאַדע זענען בײַ אונדז, — און אויף וויפל זיי זענען אי תּנ״כיש און אי הײַנטצײַטיש, — אויך אין אַנדערע, אין גרויסוועלטישע ליטעראַטורן — אָן פאַרגלײַך גרויס, וווּנדערלעך און אייגנאַרטיק. ווײַל זיי זענען בײַ אים דערגאַנגען ביז צו דער מדרגה פון בראשית. אַזוי קען שרײַבן, אַזוי קען זינגען, אַזוי קען דערציילן נאָר מאַנגער.

איך זאָג „דערציילן” און עס שווימט־אויף פאַר מײַנע אויגן דאָס יאָר נײַנצנהונדערט פינפאונצוואַנציק. אָט שטייט דער יונגער שוואַרץ־חנעוודיקער צעשויבערטער בחור, מיטן לײַכטן מאַנטל אויף אַן אַקסל, און פאַרכּישופט דעם קולטור־דאָרשטיקן ייִדישן עולם פון טשערנאָוויץ, די דיפּלאָמירטע און פראָלעטאַרישע בחורים און מיידלעך פון דער ייִדישער בוקאָווינע מיט זײַנע „מאָדנע”אין־ערגעץ־נאָך־נישט־געהערטע פאָרטראָגן. און מיט ערשטע געציילטע לידער זײַנע, וואָס רייצן און רופן צו אים, איז שוין דעמאָלט אונדז געוואָרן קלאָר און באַוווּסט, אַז דאָ גייט אַ כּוח אַ גרויסער, אַ נישט־געוויינלעכער, אַ נײַער, פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער פילפאַרביקער ייִדישער יצירה.

און ער האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן.

זײַן „שטערן אויפן דאַך”, זײַן „לאַמטערן אין ווינט”, זײַן „דעמערונג

אין שפּיגל״ און באַזונדער — זײַנע חומש־ און מגילה־לידער דערציילן וועגן אַ וויזיאָנער, אַ חוזה, וואָס זעט זײַן פֿאָלק, זײַנע מיטמענטשן אין עבר און אין הווה איינצײַטיק. דאָס שאַפֿט נישט עמעץ ״היסטאָרישע״ ווערק, כּדי צו פֿאַרשטעלן מיט זיי דאָס פּנים פֿון הײַנט. דאָס זענען הויכקינסטלע־רישע צונויפֿבינדונגען פֿון צײַטן און תּקופֿות, סינטעזן פֿון אַ גרויסן עבר מיט אַ פֿילפּנימדיקן הײַנטצײַטיקן זײַן. די הייליקסטע און די עלטסטע אונד־זערע געזען מיט די אויגן פֿון אונדזער הײַנטיקן טאָג! אַזוי האָבן מיר דאָך געזען זיי, די העלדן פֿון דער תּורה, די העלדן פֿון די מגילות: פֿלייש פֿון אונדזער פֿלייש, בלוט פֿון אונדזער בלוט.

פֿון טשערנאָוויץ ביז וואַרשע, ווילנע, דורך פּאַריז, לאָנדאָן ביז ניו־יאָרק האָט דער דיכטער געוואָנדערט אין זײַן זוכן און געזוכט אין זײַן וואַנ־דער דעם פֿאַרבינד און פֿאַרגלײַך פֿון צײַטן און דורות אין זײַן שווער־געפּרוּווטן פֿאָלק. זײַנע עלטערנס גאַליציאַניש שטעטל, אַרום וועלכן עס שוועבן נאָך די תּפֿילות און די מעשׂים פֿון הייליקן בעש״ט, האָט געלייגט איר חותם אויף דעם ״זינגער פֿון זײַן טרויער״, דעם באַזינגער פֿון ייִדישן געמיט, דעם מײַסטער און באַשאַפֿער פֿון דער ייִדישער באַלאַדע. עס ווייגען די טײַכן פֿון ייִדישן עלנט און עס שפּילט און זינגט איבער זייערע סטרונעס דער ייִדישער זינגער. זינגט איציק דאָס טרויעריקע ליד פֿון אונדזער זײַן און עס ווערט אונדז באַנג און ליב, נאָגנדיק און צוזאָגנדיק.

*

איציק מאַנגער איז געקומען צו אונדז קיין ישׂראל.

איז דאָס בלויז און נאָר מאַנגערס אַ קאַפּריז, אַ ווילן, אַן אייגנשאַפֿט פֿון אַ דיכטער־וואַנדערער צו זײַן און צו זען נאָך אַ לאַנד, נאָך אַ טייל פֿון זײַנע ברידער? —

שוין זײַן ליד ״כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט״ לייקנט דאָס אָפּ. ער זעט אין ישׂראל זײַן היים, פּונקט ווי ער זעט אין די אַלע לענדער, אין וועל־כע ער האָט געלעבט, געליטן און געשאַפֿן — די פֿרעמד. ווײַל אַזוי זינגט דאָרט דער דיכטער:

כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פֿרעמד,
איצט פֿאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים.

נעמען מיר אים אויף מיט אָפֿענע הערצער און אָרעמס, און מיר זאָגן אים: נישט וואַלגערן זיך דאָ, נאָר לעבן און שאַפֿן וועסטו, און וועסט

באַרײַכערן די ייִדישע ליטעראַטורן דאָ מיט דײַנע אוימפּאַרגלײַכלעכע שאַפונגען.

ווײַל דײַן קומען און דײַן זײַן זענען אייגנאַרטיק ווי דײַן שאַפונג.

1959

דער מײַסטער איציק

(צו זײַן ווערן אַ בן ששים)

צי דערפאַר, ווײַל ער זינגט אומאויפהער אונדזער פאָלקישן טרויער מיטן שבת־פאַרנאַכטיקן חן פון דער „גאָלדענער פּאַווע״, וואָס איז אַזוי ווײַט פון אונדז פאַרפלויגן; צי דערפאַר ווײַל ער שטעלט זיך פאַר אונדז פאָר, ווי זײַנע פאַרגייער די טרובאַדורן, אַז ער איז „איין חייט אויס וואָלאַכיש לאַנד״; צי ווײַל ר׳האָט ווונדערלעך פאַרייִדישט די וועלט־באַרימטע באַלאַדע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טאַנץ־ליד און דערנאָך אַ מעשה־ליד און שפּעטער אַ ליד אַ טרויעריק־דראַמאַטישס, פאַרטריפט מיט מיסטישן חלב; צי דערפאַר ווײַל ער שפּעט און חוזקט פון אַלץ וואָס אים גלוסט און פאַרגינט זיך צו מאַכן אַ פאַעטישע „שטיפערײַ אַזאַ מיט די גרין־גרויע בערד פון די אָבות און מיט די שטערנטיכל־עקן פון די אמהות״ — אַזוי צי אַזוי, דאָס היימישע, דאָס וואַרעמע, דאָס פאָלקיש־אייגענע איז געוואָרן איינס מיט אים און זײַן שאַפונג, און ער, דער דיכטער, איז איינס מיטן פאָלק.

אין טראַגיש־גורלדיקע טעג פאַר אונדזער פאָלק, — פאַר די לייענער און פאַרשטייער פון אונדזער לשון — האָט מאַנגער געזונגען דאָס ווונ־דערלעכע מאַנגערישע געזאַנג, וואָס האָט געגלעט און צערודערט, גע־רייצט און דערהויבן; אין טראַגיש־גרויליקע טעג פאַרן ייִדיש־לייענער, אין צײַט פון מינערן זיך, פון ווערן ווייניקער, פײַערן מיר זײַן אַלט ווערן זעכציק. איז עס אַ מאַנגערישע מעשה פון שיינקייט און טרויער, פון פרייד פון יובל און נאָך מער אַרויספּילן דעם חורבן. ס׳איז אַ ייִדישע שימחה.

*

אין זײַן „פּאָרטרעט פון אַ שנײַדער־שטוב״, ווו מאַנגער דערציילט וועגן זײַן היים און ברענגט אַרויס פון אַט־דער פשוטער באַלמעלאָכישער שנײַדער־שטוב ווונדערלעכע געשטאַלטן פון פּראָסטע היימישע שנײַ־דער־יונגען, דעקט־אויף פאַר אונדז מאַנגער, צווישן אַנדערס, זײַן דע־מאָלטיקן צוגאַנג צו „לערניינגלעך״.

„מײַן טאַטנס מאָס איז געװען, צי דאָס לערנײִנגל לערנט זיך טאַקע די מלאָכה — — — מײַן מאָס איז געװען צי קען אַ לערנײִנגל דערצײלן מעשׂיות״...

און מאַנגער טוט אַ דערצײל אױף זײַן זיסער פאָלק־פּשוטער שפּראַך װעגן אַ לערנײִנגל שמואליק, װאָס איז געקומען צו זײַן טאַטן אין שנײַדערײַ פון װײַט־פאַרװאָרפן דאָרף, און אױף איציקס פאַרלאַנג דערצײלט ער מעשׂיות:

„זײַנע מעשׂיות זענען געװען אױסטערלישע; װעגן מכשפים און מכשפות; װעגן פּרינצן און פּרינצעסינס װאָס װערן פאַרנאַרט אין הײלן; װעגן בײמער, װאָס גײען צופוס קײן װין כּדי צו דערצײלן דעם קאַיזער, אַז זײַן טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שד. דער שד האָט אײַנגעשלעפּערט אַלע בריװ־טרעגער פון דער מדינה. דערפאַר מוזן די בײמער װערן די בריװ־טרעגער, כּדי דעם קאַיזער צו טאָן מעלדן״.

און אין דעם פאַרכּישופטן קרײַז װאַקסט און װאַקסט־אױס דער מײַסטער איציק, װאָס שױן דעמאָלט לאָזט ער נישט פאַרדרײען אָדער פאַלטשעװען די דורך דעם לערנײִנגל דערצײלטע אױסטערלישקײטן. ער פאַרריכט דעם ײִנגל די טעותן — די בכּיװנדיקע צי נאַטירלעכע — בעת דאָס ײִנגל װיל פאַרלײַכטערן דעם פּחד, פאַרקלענערן דעם גרױל פון די צוהערער און פון זיך. איציק דערלאָזט נישט קײן אױסבעסערונגען. ער ברענגט צוריק דאָס פאַנטאַסטיש־פּחדימדיקע: „די מכשפה האָט געמוזט האָבן אײן אױג אין מיטן שטערן. דאָס אױג האָט געגליט װי אַ גליִענדיקע קױל״.

װעט עס זײַן נישט מער װי פּשוטער אמת אױב מיר װעלן זאָגן, אַז די דאָזיקע „מאָס״ האָט איציק מאַנגער אָנגעמאָסטן אױף זיך אַלײן, אױף זײַן אײגן שאַפן, אױף זײַנע יצירות בכתב ובעל פּה, אױף זײַן דיכטונג װי אױף זײַן פּראָזע.

פּונקט אַזױ װי ר׳האָט דאָן אין זײַנע ײִנגלישע יאָרן געפּאָדערט און פאַרלאַנגט פונעם דאָרפישן שמואליק ער זאָל דערצײלן די פאַנטאַסטישע דערצײלונגען מיטן גאַנצן גרױל, מיט פּחד־ און פײַן־אָנװאָרפנדיקער שטימונג אױף די צוהערער, אַזױ אָ, פּונקט אַזױ האָט ער אָנגעװענדט די דאָזיקע מאָס לגבי זיך אַלײן: נישט אױספּײַנערן, נישט „פאַרשענערן און פאַרבעסערן״ די פאַנטאַסטישע מעשׂיות פון אַ שמואל אבא אַבערװאָ, דאָס פישערל און זײַנע „איבערלעבונגען״ אין הימל און אױף דער ערד. נישט זשאַלעװען קײן האָר־אױפשטעלנדיקע אױסטערלישקײטן בעת אַ ײדענע, אַן אַלמנה, דערזעט פּלוצים אין אַ האָן איר ערשטן מאַן... װי זי רעדט צו אים צו דעם דאָזיקן „מאַן״, װי זי טענהט זיך מיט אים אױס, װי זי באַ־ דױערט און באַװײנט אַזאַ גרױליקן גילגול... װײַל תּמיד האָט בײַ מאַנגערן

די מכשפה דאָס אויג אין מיטן שטערן, און שטענדיק גליט עס ווי אַ גליִענ־דיקע קויל.

און ס'ווײַזט אויס, אַז איציק מאַנגער איז אין זײַן שאַפֿן קיין מאָל נישט געווען קיין לערנייִנגל.

ווײַל מאַנגערס פאָרגייער זענען דאָך געווען די דורותדיקע קאַפּעליעס, וואָס האָבן געוווּסט דעם סוד פון פאַרבינדן פאָלקישקייט מיט ראַפינירטקייט צוזאַמען. זײַנע מײַסטערס, די ייִדישע, האָבן זיך דאָך בײַ קיינעם נישט גע־לערנט די מאָסן, ווי אַזוי צוצושניידן די „שפּיל", דאָס „זינגעכץ" צי דאָס „זאָגעכץ" כּדי צו צעפלאַקערן בײַ די מאָסן די פאַנטאַזיע, כּדי אַרויסצורופן בײַ די ברייטע שיכטן פונעם פאָלק נאָכטראַכטעניש, פּחדים און מוסרדיקע פאַרגלײַכעניש. העכסטנס האָבן זיי דאָס גענומען גרייטערהייט בײַ די שכנים און בלויז געענדערט די סיטואַציעס און די נעמען... האָט אויך מאַנ־גער זיך נישט פאַרדונגען צו קיינעם אויף „דרײַ יאָר", נאָר פון קינדווײַז אָן, צוזאַמען מיט די לערנייִנגלעך און געזעלן געגאַנגען אין די פוסטריט פון די פאָלקסמײַסטערס פון די פּײַן־ און ווײַן־זינגער פון פעלקער און שבטים, אין וועמענס לידער ס'איז תּמיד געווען אײַנגעהילט מרידה און טרייסט, אָפּשפּעט און פאַרערונג, כּפּירה און גלויבן.

...און אָט־אָ־דאָס פאָלקס־טײַערע פאַרמעגן, באַשײַנט און באַקריינט מיט אַ סך לעבנס־חכמה פון אַ הײַנטצײַטיקן ייִד, וואָס האָט נאָך ערב דער שחיטה געוואַנדערט און געצויגן פון ייִשוב צו ייִשוב, האָט אים אַרויפגעפירט אויפן ברייטן שליאַך פון ייִדישער ליריק, און אומגעזעענע הענט פון דורות ייִדישע שנײַדער־געזעלן, לערנייִנגלעך, קרעטשמערס, גייערס איבער וועגן און פאַרהיימישטע אָבֿות האָבן אים אָנגעטאָן די גאָלדענע קרוין פון גרויס־מײַסטער פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

הלוואַי, אויף נאָך אַ סך יאָרן פון שאַפֿן און פון אַ סך, אַ סך געניסער.

1961

„וואָס איז געוואָרן פון מײַן טאָג?"

א

אָנהייב 1926. טשערנאָוויץ. דער ווינטער איז מילד און לינד. אין ייִדישן שול־פאַראיין — אַ זכר פון אַ קורצער בליצײַט פון אַ ייִדיש שולוועזן אין דער בוקאָווינע — רווישט און רעשט ווי אין אַ בינשטאָק. דיפּלאָמירטע יונגעלײַט און אויפגעבראַוזטע יונגע ייִדישע אַרבעטערס, וואָס טוליען זיך

צו דעם דאָזיקן פאַראיין ווי צו אַ מאַמען, שטראָמען אַהין און פילן אָן די צימערן זײַנע, כדי צו באַגעגענען דעם יונגן אויפגייענדיקן יידישן פּאָעט, וואָס וועט באַלד דאָ אָנטיילנעמען אין אַ דיסקוסיע (הײַנט וואָלטן מיר דאָס אָנגערופן „סימפּאָזיום”), א.ד.ט. „איז שפּראַך אַ מיטל, צי אַ ציל?”

די „צדדים” אָרגאַניזירן זיך, גרייטן זיך, טיילן זיך פונאַנדער. פּול זע־נען די צימערן און פּול — אַלע טרעפּ און קאָרידאָרן וואָס פירן צו זיי. פלו־צים דרייען זיך אַלע אויס מיט די אויגן צום אַרײַנגאַנג און עס שוועבט אַרײַן, ווי עמעץ וואָלט אים יאָגן, אַ מאָגערער, צאַרטער יונגער בחור, מיט אַ שוואַרצער צעשויבערטער טשופּרינע אין אָפּגעטראָגענע בלוי־גרויע מי־ליטערישע מלבושים און אויף אַן אַקסל — אַרויפגעוואָרפן אַ דין מאַנטעלע. זײַנע אויגן, וואָס קוקן אַ ביסל שיף, זײַטיק, גליִען און לויפן אַרום, ווי זיי וואָלטן עמעצן געזוכט. עולם ווערט מונטערער, לויטערער, אויפגעלייגטער. צום וויכוח איז געקומען איציק מאַנגער.

— ווער איז ער? און פון וואַנען קומט ער? —

איציק מאַנגער איז אַן אויפגייענדיקער שטערן אויפן הימל פון דער יידישער ליטעראַרישער קליין־וועלט אין גרויס־רומעניע. זײַנע ערשטע לידער זאָגן אָן באַזונדערס און נײַס אויפן יידישן פּאָעטישן האָריזאָנט. ער איז אייגנאַרטיק אין זײַן שרײַבן און דאָס זעלבע — אין זײַן רעדן.

פון וואַנען ער קומט? —

ער קומט פון יאַס, כאָטש געבוירן איז ער אין טשערנאָוויץ און זײַן משפּחה־יניקה ציט ער פון סטאָפּטשעט, אַ שטעטעלע נעבן קאָלאָמיי, אַרום וועלכן עס שוועבן נאָך די תּפילות און מעשׂים פון הייליקן בעל־שם־טוב. און קומען קומט ער, ווי יעדער טרובאַדור, באַהעמדיק צעשויבערט פון דאָ און פון דאָרט. אָט וועט ער דאָ האַלטן פאָרלעזונגען אויף נאָך־נישט־געהערטע טעמעס: „נאַכט, טויט און שגעון אין שאָטן פון פּאָעזיע”, „צע־שויבערטע קעפּ אין דער וועלט־ליטעראַטור”, „שלום־עליכם — געלעכטער דורך טרערן” און נאָך און נאָך. זעט אויס, שוין באַוויזן „געזונג צו וואַלגערן זיך אין דער פרעמד”, איז ער געקומען אַהיים אויף אַ שטיקל צײַט און — ס׳וועט אויפלעבן די שטאָט, ס׳וועט אויפגעמונטערט ווערן די יידישע אַר־בעטער־גאַס און עס וועלן שלאָגן שטאַרקער די הערצער פון יידישע גע־לערנטע, וואָס זוכן שוין אָנשפּאַר אינעם פאָלק, אין זײַן ליטעראַטור, אין זײַן קולטור.

וואַקסט ער אַרײַן אין אָט דער סביבה אַזוי גיך ווי ער באַווײַזט זיך און ווערט געקרוינט און אויסגערופן ווי דער יורש־עצר, ווי דער קרוין־פּרינץ פון דער יידישער ליטעראַטור.

ב

זומער 1935, ווילנע. ס'איז גרויסער יום־טוב אין דער ייִדישסטער שטאָט פון אייראָפּע. די רייזענס און די ווײַנרײַכס, וואָס האָבן צונויפגענומען די בעסטע און טײַערסטע יוצרים אין ייִדיש, כּדי צוזאַמען מיט זיי קליידן די אָרעמע מאַמע ייִדיש אין בגדי־מלכות פון וויסנשאַפט, רופן צונויף די ערשטע אַלוועלטלעכע אַסיפה פון דעם מיט 10 יאָר צוריק געגרינדעטן „ייִוואָ" — ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

שבת, דעם 17טן אויגוסט, קומט פאָר אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן פײַערלעכן צוזאַמענפאָר דער „טאָג פון דער ייִדישער ליטעראַטור". עס נעמען אָנטייל שרײַבער פון צענדליקער שטעט און לענדער, צווישן זיי: די מיט ליבע אַרומגערינגלטע אויפקומענדיקע „יונג ווילנע". נאָר איציק מאַנגער איז די סענסאַציע פון „טאָג". איציק מאַנגער שפּילט די ערשטע פידל. ער פאַרשטעלט מיט זיך אַלץ און אַלעמען. מאַנגער קומט איצט פון וואַרשע בעת זײַן חלק אין דער נײַסטער ייִדישער ליטעראַרישער יצירה איז דאָס בולטסטע און באַדײַטנדיקסטע, דאָס אייגנאַרטיקסטע און איבעראַשנדיקסטע. זײַן „שטערן אויפן דאַך", זײַן „לאַמטערן אין ווינט" און גאָר באַזונדער די איינציקע אין זייער מין לידער פון חומש („חומש־לידער") — האָבן געעפנט פאַר אים אויגן, אויערן און הערצער פון ייִדיש־לייענערס, פון ייִדישע ליטעראַטור־געניסערס, ליטעראַטור־קריטיקערס.

און ס'איז גראָד אַ צײַט ווען אין דער ייִדישער דיאַספּאָרע שאַפן גרויסע באַדײַטנדיקע דיכטערס און דערציילערס, און זייער שאַפן דערגרייכט צו העכסטע הייכן, צו וועלכע אַ ליטעראַטור קאָן גרייכן.

און אין אָט דער צײַט טאַקע שפּאַנט ער אין די פאָדערשטע רייען, — אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג, ווי פּרץ בשעתו — אַ זינגער פאַרן פאָלק, אַ געזאַלבטער פונעם פאָלק, אַ נע־ונדער שירה־פּרינץ פון אַ לײַדנדיק פאָלק, צו די פליינען און האָריזאָנטן פון דער וועלט.

און ווי אין זײַן פאַרשיכּורנדיקע באַלאַדע וועגן ייִד וואָס איז דערגאַנגען פון גרוי צו בלוי, חלומט ער אַז די גאַנצע וועלט איז זײַן היים, און זײַן היים — די גאַנצע וועלט, אין וועלכער ער זוכט וואַנדערנדיק און וואַנדערט זוכנדיק די גאָלדענע פּאַווע פון זײַן מוזע, ביז ער דערוואַכט, ניכטערט זיך אויס און דערזעט דעם שנײַדנדיקן אמת, אַז...

כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פּרעמד,
איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים.

ג

איציק מאַנגערס פאַרגייערס זענען די דורותדיקע קאַפּעליעס, וואָס האָבן געוווּסט דעם סוד פון פאַרבינדן פאָלקישקייט מיט ראַפינירטקייט. זײַנע מײַסטערס, די יידישע ווי די נישט־יידישע פאָלקזינגערס, האָבן תּמיד, ווי מיר האָבן שוין דאָס דערמאָנט, תּמיד געוווּסט ווי אַזוי צונויפצובינדן די שפּיל, דאָס „זינגעכץ" מיטן „„זאָגעכץ" כּדי צו צעפלאַקערן בײַ די מאַסן די פאַנטאַזיע, כּדי אַרויסצורופן בײַ די מענטשן פון פאָלק נאָכטראַכטענישן, פּחדים און מוסרדיקע פאַרגלײַכענישן. און הגם מאַנגער האָט געשוועבט הימלען העכער פון גרעסטן טייל פון זיי און פון זייער גרויסער ערדישער טאָג־טעגלעכקייט, האָט ער אָבער בײַ אָט די פּײַן־ און ווײַן־לידער פון פעלקער און שבטים געלערנט די וועגן און אופנים, ווי אַזוי צונויפצוגיסן מאָטיוון פון מרידה מיט טרייסט, אָפּשפּעט מיט פאַרערונג, כּפירה מיט גלויבן.

הײַנט הייסט ער אונדז, אין חכמהדיקער שירה, זינגען מיט אים „פּשוט און פּראָסט" —

„פון אַלץ וואָס איז היימיש, ליב און טײַער : / פון אַלטע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פּראָסט / און פון מאַמעס וואָס בענטשן דאָס פײַער... / פון גורל־וואָרפער, וואָס רעדן פאַרשטעלט / און נאַרן די לעצטע גראָשנס אויס / בײַ עגונות, וואָס שעלטן די וועלט... / פון דינסטן, וואָס האָרעווען ביטער־שווער... / פון שמאַטע־קלויבער, וואָס גראַבלען אין מיסט... / פון דיכטער וואָס האָבן געגלייבט אומזיסט..." און אַזוי פון אַ גאַנצער ריי פאָלק־טיפּן ווענענס גורלות זײַן געזאַנג באַווייגט.

און אָט טוט ער אַ זינג און אַ זאָג אין זײַן אומפאַרגלײַכלעכער שאַפונג „סאַנקט בעש'ט" : ——

דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו.
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו.

זאָגט דערפאַר דער שנײַדער־־געזעלן צו מאַנגערן דעם פּאָעט אין מאַנ־גערס אַ ליד :

גאָט כּביכול איז גרויס
הײַנט, פּונקט ווי אַ מאָל,

ניִשט ווײַל ער דונערט אין הימל,
נאָר ווײַל ער כליפּעט אין טאָל.

איז אַט דאָס „כליפּען אין טאָל" געווען און געבליבן דער לײַטמאָטיוו בײַ אַלע פאַלקזינגער פון צײַטן און דורות. איז מאַנגערן נישט אָנגעגאַנגען צי דאָס איז מאָדערן אָדער אַלטמאָדיש. און אין זײַן אַרײַנפיר צו זײַן בוך „ליד און באַלאַדע" וואָס איז דערשינען אין 1952, זאָגט ער: „אַלטמאָדיש אָדער „מאָדערן", אַן אויסרייד וואָס האָט נישט קיין האָפט. די פּערפעקטע דערגרייכונג איז גילטיק פאַר אַלע צײַטן". איז זײַן דערגרייכונג געווען פּערפעקט און אים אַוועקגעזעצט בײַ דער מיזרח־וואַנט פון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן. און, ווי שוין געזאָגט בײַ אַ פּרײַערדיקער געלעגנהייט — אומגעזעענע העגט פון דורות ייִדישע לערנײַנגלעך, שנײַדער־געזעלן, קרעטשמערס, גייערס איבער וועגן און פאַרהיימישטע געשטאַלטן פון חומש און מגילות האָבן אים אָנגעטאָן די קרוין פון אַ גרויסמײַסטער אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

ד

...זומער 1961, ניו־יאָרק. איציק מאַנגער איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. דעם 11טן יוני יענעם יאָר איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ גרויסער פײַערלעכער באַנקעט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענסטע ייִדישע שרײַבערס און קינסטלערס אין אַמעריקע. האָט דאָרט דער באַליבטער און באַרימטער בעל־היובל אָנגעהויבן זײַן אומפאַרגלײַכלעכע דאַנקרעדע מיט די קומענדיקע ווערטער און ליד: ——

„...איר וועט מיר דערלויבן אַ רגע כּדי אָפּצוכאַפּן אַ מינחה, אָפּצוזאָגן אויף אַ קול מײַן אָוונט־תּפֿילה. ווי ס'איז מײַן שטייגער פון תּמיד אָן וועל איך אָפּזאָגן מײַן אָוונט־תּפֿילה פון מײַן אייגענעם סידור. איך וועל אײַך בלויז בעטן, אַז איר זאָלט שטיל בײַ זיך אין האַרצן זאָגן: אָמן!..."

און דער דיכטער האָט געזאָגט זײַן תּפֿילה: —

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
איך זיץ בײַם גלעזל ווײַן.
וואָס איז געוואָרן פון מײַן טאָג?
אַ שאָטן און אַ שײַן.
זאָל כאָטש אַ רגע טונקלגאָלד
אין מײַן ליד אַרײַן.

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
אַן אַלטער גרויער ייִד
דאַוונט פרום אַוועק דעם שטויב
פון דעם יאָר־יאַריד.
זאָל כאָטש אַ מורמל פון דעם ייִד
אַרײַן צו מיר אין ליד.

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
ווינט וועלט־אויס, וועלט־אײַן.
דער טרויער וואָס געוועזן ווײַך
שלאָפט ווי אַ הינדל אײַן.
זאָל כאָטש אַן אָטעם פון זײַן שלאָף
אין ליד צו מיר אַרײַן.

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
אַ זומער־פויגל פליט.
די פליגל זײַנע — גראָ און גאָלד
אַוועק אין „גאָט באַהיט".
זאָל כאָטש אַ ציטער פון זײַן פלי
אַרײַן צו מיר אין ליד.

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
ווינט און וועג און ווײַן.
וואָס איז געוואָרן פון מײַן טאָג?
אַ שאָטן און אַ שײַן.
זאָל כאָטש אַ רגע טונקלגאָלד
אין מײַן ליד אַרײַן.

איז אַרײַן דאָס טונקלגאָלד אין זײַן ליד און צעגליט נאָך מער זײַן וויזיאָנעריש געמיט, און דער אַלטער גרויער ייִד האָט פרום אַוועקגעדאַוונט זײַן שײַן.

איצט, אין חודש אדר תשכ״ט, איז שטילער אָוונט. דער ווונדערלעכער זינגער איציק מאַנגער איז מער נישטאָ. און זײַן טאָג איז געוואָרן אַ שאָטן — און אַ שײַן.

1969

משה יונגמאַן — מיטן רעגן־בויגן צוקאָפּנס

נישט אַלע מאָל איז דער נאָמען פֿון אַ בוך אַן אויסזאָגער, וואָס גיט אויס דעם אינהאַלט פֿונעם בוך, און — פֿאַרקערט — נישט אַלע מאָל איז אַ נאָמען אַ בכּוונהדיקער קאַמופֿלאַזש, אַן אויגן־פֿאַרבלענדער, כּדי צו פֿאַרפֿירן דעם לייענער, כּאילו: נישט דאָס בין איך אויסן. אָבער אָפֿט איז ער, און דאַרף זײַן, אָט דער נאָמען, אַ רמז, אַן אָנדײַט כּאָטש, אויף דעם מחברס הויפּט־כּוונה. אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים פֿון ה. לייוויק, אָדער צײַטיקע פּנימער פֿון אַ. סוצקעווער, זענען גיכער אַזאַ רמז, אַזאַ אָנזאָג אויף דער פּאָעטישער כּוונה פֿונעם מחבר צו שאַפֿן אַן אימאַזשינירנדיקע שטימונג, נאָך איידער דו ביסט אַרײַן טיף אין דעם ווערק. איין בלאַט פֿון איין עפּל־בוים איז בכּוח צו דערמאָנען און אַרײַנצופֿירן אין אַ סאָד, אין סעדער גאַנצע — און אָט דער סאָד, אָט די סעדער קאָנען אַזוי פֿיל אונדז דערציילן, אַז איין מאמר איז צו קורץ און צו שמאָל ער זאָל קאָנען דאָס אַלץ אין זיך אַרײַננעמען. דאָס זעלבע — צײַטיקע פּנימער.

געהערט טאַקע משה יונגמאַן צו די פּאָעטן וועלכע באַמיִען זיך צו געבן אַ נאָמען זייערע געזאַמלען, וואָס זאָל שאַפֿן די אימאַזשינירנדיקע שטימונג צוזאַמען מיטן רמז, מיטן אָנדײַט אויף דעם פּאָעטס שטימונג, און אויף דעם וואָס עס טוט זיך אין בוך. אַז מיר לייענען אָט דעם אויפֿשריפֿט אויפֿן שער־בלאַט: רעגן־בויגן צוקאָפּנס — דערזעען מיר באַלד, מיט אונדזערע גײַס־טיקע אויגן, דעם גאַנצן פֿאַרבן־פֿעכער, דעם אויסגעליִענעם בײַם רעגן־בויגן, וואָס שטייט בײַם דיכטער צוקאָפּנס גרייט אים צו לײַכטן און דינען, און אָט דער פֿעכער צעשיקט טאַקע זײַנע פֿאַרבן, ווי די זון אירע שטראַלן, איבער יונגמאַנס שירה, אַ מאָל קאַרג און אַ מאָל בהרחבה. אויב מיר זענען באַשאָנקען כאָטש מיט אַ קליינער דאָזע פֿאַנטאַזיע, וועלן מיר זיך מיט אָט די פֿאַרבן, מיט וועלכע דער רעגן־בויגן גיטיקט אים, טרעפֿן אויף יעדן זײַטל פֿון דעם דאָזיקן לידער־געזאַמל.

אַזוי אויך זײַן פֿריִערדיקער בוך שמייכלען פֿון ארץ הקודש. אַוודאי, נישט פֿון אַלע לידער דאָרט שמייכלט אַרויס אָט דער צוגעזאָגטער שמייכל, אָבער די טיטולירונג גייט נאָך דעם לייענער פֿון בלאַט צו בלאַט. און צי דער

שמייכל איז טרויעריק, צי ער איז פריילעך, צי ער איז גוטמוטיק, צי סאַר־קאַסטיש, פילט איר אים, אָט דעם וווּנדערלעכן שמייכל, ווי אַ פאַרכאַפּנדיקן ריח פון רויזן אין אַ צעווינטלטן באַגינען, וואָס דערטראָגט זיך צו אײַערע נאָזלעכער פון ווײַטנס — ער איז דאָ, דער שמייכל, און איר קאָנט זיך פון אים נישט באַפרײַען. וואָרעם דער מבינישער בליק פון זײַן לומדיש אויג, אוודאי אַ ירושה פון זיידעס און עלטער־זיידעס, האָט פאַר אים אויפגעדעקט די וועגן און שטעגן פון אונדזער אַלטן און נײַעם ישראל, ווײַזט ער זיי אונדז און באַלײַכט זיי מיט זײַן פּאָעטישן ליכט — אַ ליכט וואָס צוזאַמען מיט זײַן ניגון הייבן אַרויס זײַן דיכטונג און גיבן איר דעם מעמד פון באַזונדערקייט. אין אָט דער דורך אים אָפּגעפונענער אַלט־נײַער היים שפּאַנט ער מיט ליבע און זיכערקייט, און ער זעט, און ער דערזעט, און — שמייכלט. ער שמייכלט זיך צו אַ מאָל סקעפּטיש, מעשׂה תלמיד־חכם, און אַ מאָל גוטמוטיק־באַהבֿה־דיק, טאַקע ווי אַ ליבער זיידע, וועמען עס פּאַסט נישט אויסצושרײַען די פרייד און דעם נחת בקול־רם, נײַערט באַנוגנט זיך מיט אַ האַרציקן שמייכל.

פון זינט זײַנע לידער־זאַמלונגען אין שאָטן פון מולד, ווײַסע טויערן, שמייכלען פון ארץ־הקודש, ביז דער איצטיקער זאַמלונג רעגן־בויגן צוקאָפּנס, גייט אויף און קומט אַרויס ווי פון נעפּלען אַלץ בולטער אַ שאַרף־קאָנטוריקע געשטאַלט פון אַ דיכטער, וואָס לאָזט זיך דערקענען לויט זײַנע אייגן־אייגענע רונדן און קאַנטן, ליכטער און שאָטנס, פאַרבן און האַלבפאַרבן, טענער און עכאָס, וואָס צוזאַמען און אין סך־הכּל שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ פּאָעט מיט אַ רירנדיקן טאָן און פאַרכאַפּנדיקן ניגון, וואָס נישט איין מאָל איבעראַשט ער אונדז מיט זײַן האַלטן „אָפּן האַרץ און פּאַפּיר / פאַר שרעטעלעך פון ברכה, / פאַר מזלות — וואָס טריפן בלאָ אַרײַן אין דער שויב” — מיט אָט דעם פאָלקיש־מקוריותדיקן וואָס זינגט אַרויס פון זײַן ליד.

אויב שמייכלען פון ארץ־הקודש האָט אויפגעשאָרט דעם פאַרהאַנג הינ־טער וועלכן עס האָט זיך ביז דעמאָלט אַזוי אינגו־נראהדיק געהאַלטן דער דאָ־זיקער צאַרטער משורר, ווײַל ס׳האָט אַ בליץ געטאָן פאַר אונדזערע אויגן אַן אימאַזשן־רײַכע שירה, וואָס גייט מיט ענייוותדיקע טריט בצידי הדרכים, מיט אַ שיִער נישט למד־וואָווישער אומזעעוודיקייט, איז געקומען די איצ־טיקע פאַרבנרײַכע לידער־זאַמלונג און האָט באַוויזן, אַז משה יונגמאַן האָט אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס אין זײַן דיכטערגאַנג און איז באַקריינט געוואָרן מיט דער קרוין פון לויכטנדיקער אָריגינאַליטעט. שוועבט איבער איר, איבער דער דאָזיקער שירה זײַנער, אַ געלײַטערטער הויך פון קרישטאַליקע מדרגות.

כ׳וועל נישט אײַנטיילן זײַן פּאָעטישע שאַפונג אין פאָרמולירטער קלאַ־סיפיציִרונג, אין וועלכע ס׳איז איזמען. וואָרעם יונגמאַן לאָזט זיך נישט

אַרײַנרעמען אין וועלכע ס׳איז רעמען. אָט איז ער ליריקער מיט אַ בפירושן טראָפּ אויף צער און ווײ, און אָט איז ער עפּיקער, דערציילער און איבער־דערציילער פון היסטאָרישע געשעענישן און פון היסטאָרישע פיגורן; אָט שטעקט ער נאָך אין אויסגעטראָטענעם וועג פון אַמאָליקן ליד, ווי אַ שטייגער:

צו די מויערן פון ירושלים וועל איך זיך פּעדערן.
אויפשטעלן אַ הײַזקע אַ ווײַסע פון צעדערן...

(רעגן־בויגן צוקאָפּנס, ז׳ 20)

און אָט שטייט ער מיט ביידע פיס זיכער און דרייסט אין דעם נוסח דעם הײַנטצײַטיקן, מאָדערנעם:

אַזוי פיל זאַכן
בלײַבן ניט פאַרענטפערט
אויף דער מאַפּע פון מײַן פולער וואָך.
וויפל שטיינער כ׳וועל מוזן אַראָפּשלינגען,
וויפל לאָמפּן אין זיך אַרײַנדרייען,
וויפל כ׳וועל מוזן אָנווערן
פון מײַן פּנים וואָס איז געווען גאַנץ,
ווערן הונט,
ווערן שאַקאַל,
ווערן אַ וואָרעם —

(דאָרט, ז׳ 114)

און אָט אַ ליד וואָס תּפילהט אַרויף צום שטערנדל וואָס איבער אים (במקום אַ טיטל) און בעט רחמים:

זאָג ניט אַז איך וועל מוזן ווײַטער זוכן
אַ גרעזל,
אַ שטיקל זון.
שטעל מיך ניט אַוועק
ווידער פּנים־אל־פּנים
מיט דערנער
וואָס מענטשן האָבן פאַר מיר אויסגעטראַכט.
ברען ניט ווידער
אין מיר אויס מעסערס,
אויגן,

פחד פון ניט קאָנען אויפהייבן אַ האַנט.
לייג מיך ניט ווידער אַוועק
אונטער אַלע פיס.
וועק מיך ניט אויף.

(רעגן־בויגן צוקאָפּנס, ז' 90)

לייענען מיר אָט דאָס ליד און מיר גאַפן: ווי שטיל און דממה־דקהדיק. וויפל צער און תחינה, כ'וואָלט זאָגן שבת־פאַרנאַכטיקע, אין די אָ פערצן נישט גלייַכע שורות. און אַז מיר „זאָגן" דאָס צוזאַמען מיטן מחבר, דערזעען מיר אים, דעם פּאָעט משה יונגמאַן, אין זייַן גאַנצער צאַרטקייט, אין זייַן שטיל־שטילער באַטראַכטקייט און אין זייַן רעגן־בויגנדיקער פאַרביקייט. וואָרעם פאַרביק איז דאָס גרעזל וואָס ער וועט ערשט מוזן זוכן, און פאַרביק איז דאָס שטיקל זון וואָס אויך דאָס וועט ער ערשט זוכן, און פאַרביק איז דער פחד וואָס איז עלול אויסצוברענען אין אים מעסערס — אויגן.

אין רעגן־בויגן צוקאָפּנס איז דאָ תפילה און ס'איז דאָ פחד. און ווי אין זייַן פריִערדיקן בוך זענען אויך אין דעם דאָ היסטאָרישע רעמיניסצענצן. אָט איז אַ כראָניק־ציקל אונטערן שוין צו פיל זאָגנדיקן נאָמען „יאָסעפוס פלאַוויוס", וווּ ער הייבט אָן מיט „„יודפת"" און קומט, נאַטירלעך, צו צו אַ „פאַרנאַכט אין ירושלים". נאָר גראָד דאָ, אין ירושלים, דערמאָנט זיך אים „ראָזשינקעס און מאַנדלען" און ער זאָגט: „טיף אין מיר, / אָפּגעשיידט פון וואָכעדיקייט / אויסגעטאָן פון דערנער / אַ לאַנד / ניט נאָר פון מילך און האָניק / נאָר אויך פון ראָזשינקעס און מאַנדלען"...

ללמדך, אַז עס לעבט אין אים די קאָנטינויִטעט, דער ייִד־מענטש פון דעמאָלט ביז הייַנט, אַרייַנגערעכנט די גרויסע גלות־תקופה, וואָס זייַן ליד וועט נישט אַרויסלאָזן פון אויג, נישט אין ירושלים און נישט אין צפת. וועט ער דערפאַר געדענקען און פאַרשרייַבן אין זייַן ייִדישן ליד די מלכה שלומי־ציון און ר' שלום שרעבי פונעם בית־אל־קלייַזל אין דער אַלטשטאָט; ער וועט אָבער אויך דערמאָנען, און נישט לאָזן מיר זאָלן פאַרגעסן נאָוואָסי־בירסק און דעם הימל פון כעלעם. און אַז ער וועט צוקומען דאָ־הי צו די גרענעצן אונדזערע, וועט ער אַזוי באַצערט און טיף־ייִדיש אויסזינגען:

ווייס איך ניט פון וואַנען עס קומט דער ייִאוש.
צי פון די אויסגעזעצטע שויבן,
פון דער שפּין אין אויג,
פון טיש וואָס האָט ניט מער צו זאָגן מיר אַ וואָרט?

צי פון די גראָזן
— אָט די קאַרליקלעך אין גרין —
וואָס זענען נאָכגעלאָפן מיר צו יעדער היים...

(דאָרט, ז׳ 103)

פּאַראַן מענטשן, און שרײַבערס צווישן זיי, וואָס נעמען מיט אין חלום אַרײַן ליכט. יעדער שוואַרצער חלום וואָס באַפאַלט זיי, ווערט דורך זיי אַליין מאָמענטאַן ליכטיק באַלויכטן און באַשיידט. משה יונגמאַן ווידער לייגט זיך באַלד שלאָפן מיטן רעגן־בויגן צוקאָפּנס. ער וויל האָבן אָט די פּאַר־ביקע ליכטיקייט נאָך איידער ער שלאָפט אײַן, נאָך איידער דער חלום באַ־פאַלט אים. וויברירן זײַנע שורות אויף זײַן נאַכט־בלויען הימל און אילו־מינירן זײַן דיכטונג — ווי אונדזער דיכטונג אין כּלל גענומען — מיט פּילפּאַרביקייט, מיט חכמה און מיט שמייכלענדיקער צאַרטקייט.

שלמה וואָרזאָגער

זײַן ראָמאַן „ברויט"

...איינס פון די וויכטיקסטע טרײַב־קרעפטן אין דער שאַפונג פון קונסט איז דער סוביעקטיווער, כ'וואָלט זאָגן: נשמהדיקער, צוגאַנג פונעם קינסט־לער צו זײַן שאַפונג. אויב מיר זאָלן אַפילו אָפּוואַרפן אַלע שולעס, אַלע איזמען בײַ אַלע צווײַגן פון דער קונסט, — בײַ ליטעראַטור צי מוזיק, בײַ מאָלערײַ אָדער שוישפּיל — וועט דער קען־צייכן פון עכטער, אמתער קונסט־שאַפונג בלײַבן דער אייגענער אינעווייניקסטער אמת, דער טיף סוביעקטיווער צוגאַנג פון קינסטלער צו זײַן ווערק. דאָס געשאַפנס ווערט איבערצײַגנדיק, ווערטווירקנדיק, ווערט נאָענט און אייגן דעם קונסט־געניסער, וואָס קאָן זאָגן דאַרויף מיטן פולן מויל ברכת הנהנין, נאָר דאַן ווען דער קונסט־שעפער האָט מיטגעלעבט, האָט זיך בכל רמ"ח אַרײַנגעלעבט אין דער שאַפונג זײַנער און זי געזען נישט ווי אַ לײַכט אָדער אַפילו שווער פאַרדינסטל, נײַערט ווי אַן אַדורכגיין פון דאָס נײַ דאָס גע־לעבטע, ווי אַן איבערחלומען נאָך אַ מאָל דאָס געחלומטע.

און אַז מיר וועלן נאָך צוגעבן דערצו די מיסיע, דעם פּאָסטולאַט, די שליחותן, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור — די שרײַבערס אירע — האָבן אויף זיך פרײַוויליק אַרויפגענומען, וועלן מיר אָן באַזונדערע שוועריקייטן אויס־געפינען דעם אמת, דעם קינסטלערישן אמת, אין יעדן ווערק. און איין מעטאָד, איין מאָס, איין צוגאַנג דאַרף זײַן צו אַלע שאַפונגען אין איינעם גענומען און צו יעדן ווערק באַזונדער.

אַרויסגייענדיק פון אָט־דער הנחה, ווי אַזוי נעמען מיר אויף דאָס נאָר־וואָס דערשינענע ווערק פון שלמה וואָרזאָגער? — זעען מיר אין דער דערציילונג „ברויט" דעם מענטש, דעם ייִד־מענטש, דעם מיטצײַטלער פון מחבר? זעען מיר די סביבה, די מיליע, דעם גאַנצן אַרום אין אמתן ליכט פון דער סוביעקטיווער שאַפונג? איז עס דאָס ווערק אין וועלכן דו קאָנסט דערזען דײַן ברודער, אפשר זיך אַליין, אין דער תקופה פון צווישן די צוויי וועלט־שחיטות, און דער עיקר — אין פינצטערן ליכט פון דער הערשאַפט

פון די פוילישע פּאַנעס ביז דעם בלוטיקן נאַציזם און זײַנע רעזולטאַטן? —
איך מיין, אַז מ׳קאָן ענטפערן אָן צווייפל: יאָ!

די וווּנדערלעך־שיינע שילדערונגען פון דעם לעבנסשטייגער פון אַ פּאָלקישער, מאַסנדיקער, פאַרפּראַצעטער בעקער־משפחה און פון זייערע אַרומיקע שכנים; די פאָלקלאָר־אַרטיקע ריידעלעך און ווערטלעך פון דער יידישער שטעטלדיקער מאַמע; די אומעטיק־פרייליכע און אונדז אַלעמען נאָענטע און באַליבטע יידישע גאַס (אין דעם פאַל, „די נײַע צאַל״), דער־גרייכן אין געוויסע ערטער צו ווירטואָזישקייט. דאָס טראַגיש־אוניווערסאַלע אינעם שינדל־דאַך, דער שניי — זײַן פּרעכטיק־ווײַסער געבלענד און זײַן פאַטאַלע ווירקונג אויף די אײַנוווינער — קאָנען אײַנשטיין אין די שענסטע שילדערונגען פון דעם מין. דאָ האָט אַ שרײַבער מיט אַנגעזעענעם טאַלאַנט, מיט אומבאַגרענעצטן היים־ווײי אַ שילדער־געטאָן זײַן ווינקל. דאָס אָרט וווּ זײַן וויגל איז געשטאַנען, אָדער — געהאַנגען, דאָס ד׳ אמותדיקע מקום וווּ זײַן יוגנט איז דורכגעלאָפן. און ער האָט דאָס געטאָן מיט ליבשאַפט, מיט באַצערטקייט, כ׳וואָלט זאָגן: בחסד וברחמים. דאָס רעדן און דאָס טוען פון זײַנע העלדן איז באַהויכט און באַחנט מיט דעם גוט־באַקאַנטן פאָלקס־טימלעכן יידישן חן. עס טרייסלט דיך ממש אויף דאָס דערמאָנען, אַז אַזוי־אַ בפירוש מיט די־אָ אידיאָמען, מיט דעם־אָ הומאָר און מיט די־אָ ווערטלעך האָסטו זיך אַליין באַנוצט, און אין אָט אַזאַ ספערע און אַטמאָספערע האָסטו אַליין געלעבט. און דו מוזסט נישט זײַן גראַד דעם מחברס אַ שוועסטערקינד צי אַ בן־עיר, כּדי זיך מחיה־נפשות זײַן מיט די אַלע געשטאַלטן, מיט די אַלע טיפּן. אין יעדער שטאָט און שטעטל פון יידישן תּחום האָבן געלעבט בעלי־מלאכהס — אין אונדזער פאַל — בעקערס, וואָס זענען אָפט מטופּל געווען מיט קליינוואַרג, וואָס האָבן פאַרפינצטערט די שענסטע חלומות מיטן טראַכטן וועגן דעם, וואָס וועט זײַן מאָרגן. די „פּאַנעס״ — צי דאָס זענען געווען פוילישע, אוקראַינישע, ליטווישע צי רומענישע — האָבן שוין „געזאָרגט״ דערפאַר, אַז דעם יידישן אַרבעטער, דעם יידישן בעל־מלאכה, דעם קרעמער זאָל דער שלאָף נישט זײַן קיין שלאָף און דער טאָג — נישט זײַן קיין טאָג. אין וועלכן שטעטל פון דער יידישער צעשפּרייטונג זענען נישט געווען קיין „ווילע יונגען״, יאַטן, מיט אָדער אָן צונעמען, וואָס האָבן אויסגענוצט זייער גבורה אויף צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן יחיד אָדער זיך אָננעמען פאַרן כּבוד פון דער יידישער עדה, פאַרן יידישן כּלל?

זאָגן מיר, אַז ש. וואַרזאַגער האָט זיך דאָ דערהויבן צו בכּבודיקע מדרגות אין זײַן שרײַבן, אין זײַן שילדערן. דער היסטאָריקער פונעם פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע — פון דער דאָזיקער וווּנ־

דערלעך־אויפגייענדיקער מעטעאָר־ליכטיקער שײַן־תקופה, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שוידערלעך־אונטערגייענדיקער — וועט שעפּן פולע עמערס פון אַזעלכע ווערק. ער וועט דאָרט געפינען אַן עכטע, אמתדיקע, נישט־באַפּוצטע און נישט־באַשמינקטע שילדערונג פון אַ טיפיש־ייִדישער סביבה, וואָס עס האָבן זי באַשריבן און באַזונגען די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבערס.

מיר וועלן אָבער זינדיקן לגבי דעם אמת אויב מיר וועלן נישט צעטיילן דעם ענטפער אין צוויי״ען. פונקט ווי דער מחבר האָט זײַן ווערק צעטיילט אין צווייען. מ׳קאָן גרײַלעך זאָגן, אַז גראָד די דאָזיקע פונאַנדערטיילונג מאַכט אונדז לײַכטער צוצוקומען צום קינסטלערישן אמת פון דער דער־ציילונג „ברויט״.

קודם־כל לאָמיר פאַרוואָרפן דעם מחבר געוויסע לײַכטקייטן, צו פיל גוייִשיזמען, וואָס ווערן נאָך שווערער און אומדערטרעגלעך צוליב זייער פאַרביטן ווערן פון פויליש אויף רוסיש, אויף אוקראַיִניש א.ד.גל.

און צווייטנס —

ווײַל עס האָבן אַזוי פיל שוין געשריבן וועגן דעם לעבן פון די היימ־לאָזע, פון די פאָרערס אין די לאַנגע וואָכן־זיך שלעפּנדיקע באַנען, פון די ווינערס און ווײנערס אין די קאַלכאָזן, פון די הענדלערס בײַ דער וואָלגע, אויף דער וואָלגע און אַריבער דער וואָלגע, זענען די פּרטים אין צווייטן טייל פּראָבלעמאַטיש. דאָס איז שוין נישט מער די מיטגעלעבטע, ווען אַפילו עפּישע שילדערונג פון אײַנגעזעסענע, וואָס דער חלף הענגט זיי אַנטקעגן פנים, דאָס איז שוין נישט מער קיין רעאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון אַ ליבער אונטערגעגאַנגענער וועלט, דאָ איז שוין מאָסגעבנדיק די דינאַמיש קייט אינעם איבערלעבן, דאָס לויפנדיקע, דאָס זוכנדיקע, דאָס שטרעבנדיקע — און דאָ וועט דאַרפן קומען דער קריטיקער־פאַכמאַן און אויסגעפינען אויף וויפל איז דאָ דער מחבר געווען געבונדן אָדער פרײַ צו געוויסע גע־זעלשאַפטלעכע השפעות. דער וואַלד פון פאַקטן, פון זאָרג, פּײַן, פחד, ייִאוש, אַנטוישונג, צער און האָפענונג פאַרדעקט און פאַרשטעלט די בייי־מער פון מענטש און זײַן סביבה. דאָ פעלט פּערספּעקטיוו. עס פעלט דאָ אייגנאַרטיקייט, דאָס באַזונדערע וואָס דער מחבר האָט אַזוי פּזרנותדיק געגעבן אין ערשטן טייל.

גייען מיר צוריק צו דער פריִערדיקער פונאַנדערטיילונג. און מיט לויב און מיט דאַנק שטרײַכן מיר אונטער: נאָר אינערלעכער נשמהדיקער אמת. וואָס עס באַשטעטיקט אַזוי בולט דער ערשטער טייל פון דער דערציילונג „ברויט״ איז עלול צו פירן דעם נאָך געגנוג יונגן ש. וואָרזאַגער פון „ברויט״

צו חלות, און פון חלות צו טאָרטן. ווײַל אונדזער בליק אויף אָט־דעם ווערק באַשטעטיקט אַז... כּי לא על הלחם לבדו יחיה האָדם. עס מוזן נאָך קומען נײַע ווערק פון וואָרזאָגערן אויף צו באַשײַנען נאָך מער זײַן אויג און זײַן אויער.

...און „יאָרן״

איך האָב זיך געפרעגט און פרעג זיך: וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר אָט דאָס נײַע, פרישע יידישע בוך, וואָס טראָגט אַזאַ באַשטימטן און דערבײַ פאַרהוילענעם נאָמען „יאָרן״? — איז עס אַ ראָמאַן, געבויט אויף אויטענטישע יסודות פּלוס שרײַבערישער פאַנטאַזיע, פון ליבע־ דורך־ליבע־צו־ליבע, אָדער איז דאָס אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג, אַ המשך פון „ברויט״ וועלכע קומט תּמציתדיק איבערדערציילן וועגן דעם מחברס יאָרן ממש, אין וועלכער דער ליבע־מאָטיוו איז דער עיקר, שפּילט די ערשטע פידל?

און איך האָב זיך דאָס געפרעגט נישט בלויז כּדי טאַקע דאָס צו וויסן, אָדער צוליב נײַגער, נאָר כּדי זיך אַליין קלאָר צו מאַכן וווהין האָט מיך אָט דאָס נײַע, מאָדערנע יידישע בוך געפירט; אונטער וועלכע הימלען האָב איך זיך געפונען בעת כ׳האָב שפּאַצירט איבער אַזוי פיל און אַזוי פיל בלעטער פון אָט דעם בוך.

וואָרעם וויסן דאַרף מען, אַז דער לייענער, ווי דער קריטיקער, גייט נישט צו מיט דער זעלבער מאָס צו אַ בוך פון וועלכן עס הויכט אַרויס די באַפליגלענדיקע פאַנטאַזיע פונעם מחבר, ווי ער גייט צו צו אַ בוך אין וועלכן עס גייען אַרום, אַ מאָל לעבעדיק און אַ מאָל שאָטנדיק, די אייגענע בלוט־און־פלייש־איבערלעבונגען פונעם דערציילער, און זיי דאָמינירן דאָס ווערק, כאָטש די טאַלאַנטירטע פעדער און די קינסטלערישע נאַראַציע זענען בײַ ביידן די זעלבע.

אויב מיר לייענען אַ ראָמאַן און די סיטואַציעס, אין וועלכע די העלדן פון דעם דאָזיקן ראָמאַן געפינען זיך, רופן בײַ אונדז אַרויס מיטלײַד אָדער כּעס, קינאה צי שׂינאה, אידענטיפיצירונג אָדער אָפּשטויסונג, פאַרגעסן מיר אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט עמעצנס אַ פאַנטאַזיע, נײַערט מיר לעבן־מיט, מיר שטײַגן און פאַלן מיט די העלדן, מיר אָטעמען האַסטיק בעת דער העלד גייט אויף די שמאָלע ענג־בריקן וואָס איבער די תּהומען. און וואָס טיפֿזיניקער און פאַנטאַזיע־רײַכער עס זענען דער מחבר און זײַן חיבור, אַלץ מער ווערן מיר בעתן לייענען שותּפים צו אָט דער יצירה און מיר גיבן איר

צו כהנה וכהנה. דאָס ווערק וואַקסט אויס אין אונדזערע אויגן — ווײַל מיר וואַקסן אינעם ווערק. די יצירה קריגט פליגל און שוועבט העכער און העכער — אויף אַזוי פיל אויף וויפל דאָס ווערק מאַכט אונדז פלי־פעיִק און רײַסט אונדז מיט צו די הייכן. אָבער — אויב מיר לייענען אַן אויטענטישע איבערלעבונג, ווי שיין און רירנדיק זי זאָל זײַן, איז דאָ אַ געפאַר, אַז דאָס קענען פון דער נאָענט דעם מענטש, דעם שרײַבער, דעם דערציילער דער־פון, וועט אָפּטעמפּן די שאַרף פון דער טאַלאַנטירטסטער נאַראַציע, פון דער קינסטלערישסטער פעדער און וועט דיך שטעלן פאַר פשוטע, גרויע טאָג־טאָגיקע פראַגן, ווי אַ שטייגער, צי איז טאַקע אמת אַז דער מחבר פון „יאָרן" וועמען מיר „קענען פון דער היים" האָט ווען געהאַט אַן אַדוואָקאַטן־ביוראָ, אַ ווײַב עטל, אַ זון דניאל און נאָך און נאָך. מ׳פאַרגעסט דעם אויפגאַב וואָס דער מחבר האָט זיך געשטעלט און מ׳הייבט אָן ווערן גאָר אַן אויספאָרשער, אַ נאָכשפּירער נאָך די מעשׂים פונעם העלד־מחבר און מ׳פּרוווט זיי אָוועק־שטעלן וויזאַווי דעם זכרון, דעם וויסן וועגן דעם דאָזיקן שרײַבער.

און מיר האָבן דאָך שוין בײַם שרײַבער שלמה וואָרזאָגער אַ „חזקה" אויף אידענטישקייט. שוין בײַ זײַנע באַרימט־געוואָרענע ראָמאַנען „ברויט" און „זאַמד" האָט אונדז אָט די פראַגע אינטריגירט. צום אַלעם ערשט „ברויט". — ווער עס קען שלמה וואָרזאָגערן פּערזענלעך, אים און זײַן אָרום, האָט כּאילו דערקענט וואָרזאָגערס היים, טאַטן, מאַמען, שוועסטער און ברידער, די וווינונג זייערע, און ס׳איז שווער געווען צו פּסקנען, צי איז דאָס באמת אַן אויטאָביאָגראַפישע באַשרײַבונג, צי אַ ראָמאַן ווו דעם מחברס לעבן און זײַן אָרום איז דער יסוד, דער אָנשפּאַר, כ׳וואָלט אַפילו זאָגן: דער רוי־שטאָף. „זאַמד" האָט שוין געפּרוווט לעבן אין אייגענעם זכות, אָבער אויך אין „זאַמד" האָט דאָס ביאָגראַפישע אַרויסגעשפּאַרט פון דעם אַלגעמיינעם. און אַז מיר קומען צו צו „יאָרן" און בעת דער מחבר מישט צוריק און ווײַזט אונדז ווידער זייער „דרעווניאַק", און זייער בעקערײַ, און די גאַס, און די מאַמען און דעם טאַטן און זײַן יינגל־לעבן און ענלעכס — ווערט איר גע־פּלעפט און ווייסט נישט ווי זיך מיט דעם אַן עצה צו טאָן. ובדלית ברירה, לייגט איר אָפּ אַלע ליטעראַטור־טעאָריעס און תּורות און איר פרעגט זיך:

איז דאָס „גוט" פאַר דער דערציילונג צי „שלעכט",

און איר ענטפערט זיך אַליין, נאָך אַן ערנסטן אַרײַנטראַכט, אַז כּדי צו האָבן אַ הנאה פון אָט דער דערציילונג — און ס׳איז דאָ פון וואָס הנאה צו האָבן! — מוז מען פאַרגעסן זײַנע פּריִערדיקע שאַפונגען. און ווער עס קען דעם מחבר פּערזענלעך מוז די קאַנטשאַפט פאַרלייקענען. ערשט דאַן לייע־נען בײַ און פרײַ אַ מאָדערן־פּאַרפּאַסטע ליבע־דערציילונג, וועלכע איז מאָ־

זאַירט מיט אַקסעסואַרן פון צײַט און געשעענישן, געשריבן לויט די בעסטע טראַדיציעס פון אַ הײַנטצײַטיקן ראָמאַן — אויב די הײַנטצײַטיקע ראָמאַנען פאַרמאָגן בכלל טראַדיציע — און זיך קוויקן מיט דער יינגקייט פון דעם מחברס האַרץ, פון דעם מחברס פאַנטאַזיע. דעמאָלט ערשט וועט מען מיט די „יאָרן" מיטלעבן, זיי מיטפילן, זיי פאַרשטיין און מיט זיי מיטגיין.

וואָרעם „יאָרן" פאַרמאָגט אַלע מעלות און חסרונות פון דער הײַנטצײַטיקייט. און דאָס וואָס מאַכט זײַן איצטיק בוך עכט און אינטערעסאַנט איז גראָד דער נעכטן, די אַזוי גערופענע יענצײַטיקייט.

און כּדי דאָס צו באַשטעטיקן, כּדי צו באַווײַזן ווי שטאַרק, ווי איבערצײַגנדיק, ווי קינסטלעריש אַדעקוואַט עס קומען בײַ אים אַרויס שילדערונגען, מוזן מיר אָנקומען צו די בלעטער וואָס רעדן פון „נעכטן":

אָט שרײַבט ער, למשל, וועגן ברויט־קאַרטן אין רוסלאַנד:

„מען האָט געלעבט אויף ברויט־ביכלעך טאַלאָנען וואָס מען טיילט יעדן ערשטן".

„אַן אויסגעשניטענער טאַלאָן איז אַ דאַטע, אַ טאָג לעבן. אַ טאַלאָנען־ביכל — אַ קאַלענדאַר. אַרויסרײַסן אַ בלעטל פון אַ לוח פאַרגעסט מען אַ מאָל. אַ טאַלאָן — נישט. זי האָט גוטע אויגן, די ברויט־צעטיילערין. שנײַדט די טאַלאָנען. לאָזט איבער פירקאַנטיקע פענצטערלעך. דורך די קליינטשינקע פענצטערלעך פון די פעלנדיקע טאַלאָנען האָט מען געזען דעם מאָרגנדיקן טאָג, דעם איבערמאָרגן: אַ וואָך, אַ חודש".

און אָט גאָר וועגן שניי־טעג.

צו ערשט — וועגן רוסלאַנד:

„שווערע חדשים דאָ — מערץ, אַפּריל. אַ שטײַפער, אַ האַרבער, ווי אין בלויע לײַלעכער געוויקלט, שפּאַנט דער פראָסט איבער שנייִקע וועגן, איבער דעכער פון נידעריקע כאַטעס. אין די אינדערפריִען און פאַרנאַכטן צינדן זיך די פענצטערלעך ווי וועלפישע אייגעלעך. בײַטאָג זעט די זון דאָ אויס ווי אײַנגעפרוירן אין שנייִקן הימל. פון די ווײַסע פעלדער גייט אויף אַ ווייטיקלעכער בלענד".

„ס'טרעפט מעת־לעתן, אַ שניי שיט און שיט, די פערד שטעלן שווער די פיס. די בײַכער — נידעריק איבערן שניי. פון האַרבער קעלט ניסן זיי, די פערד, פאַרסקען מיט די נאָזדרעס, אין די שליטנס האַרבן זיך פלייצעס באַקאַזשוכטע, קוטשמעס. פוטערנע היטלען מיט אויערן־קלאַפּעס".

און אָט אין צוריקמיש, אין דערמאָנונג — פּוילן:

„שנייִקע טעג.

הויך אויסגעבעטע, מיט אײַנגעפרוירענע סימנים פון שליטנס און רע־

דער ליגט דער שאָסיי, ס'איז שטיל אין דרויסן. ווייניק מענטשן זעט מען, זיי גייען נישט, נאָר לויפן, קעפּ פאַרהאָרבעטע אין פּלייצעס. פּאַלטנס מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס. בושליקן. היטלען מיט אויערן־קלאַפּעס. שאַלי־קעס. וואָלענע דערעס".

ביי וועמען האָבן מיר דאָס געזען אַזעלכע יאָדערדיקע שילדערונגען פון שניי־טעג?

אַוודאי ביי געניטע מאָלער. אָבער, נישט בלויז דאָס. ס'איז אינטערע־סאַנט און כאַראַקטעריסטיש דאָס געניע באַצייכענען, דאָס אַרויסברענגען ס'באַזונדערע פון יעדן אָרט און אָרט. אַז וואַרזאַגער קומט צוריק צו פּוילן ווערט זיין אַטעם לענגער, זיין צונג — באַרעדעוודיקער און זיין ריטעם ווייכער, אידילישער, כאָטש נישט ווייניקער נאָגנדיק, ווי דאָרטן.

און ווייל איך געפין נישט אַזאַ יאָדערדיקייט, אַזאַ פאַרוואָרצלטקייט, סיי אין דער לעקסיק און סיי אינעם סטיל ביים שילדערן די אַזוי־גערופענע היינטצייטיקייט, זע איך דעם עיקר־ווערט פון דער דאָזיקער דערציילונג אינעם צוריקמיש. אינעם צוריקבליק, וואָס כאָטש דער מחבר צוימט זיך, זענען די גרענעצן אויפגעפּראַלטע. און ס'איז נישטאָ ביי אים קיין מוקדם ומאוחר ביים שילדערן זיך — דעם העלד פון דער דערציילונג. דאָ איז ער שטאַרק איבערצייגעוודיק און דאָ ליגט דער טעם פון די „יאָרן". דאָ זעט מען און מ'פילט דאָס אַריינדרינגען זיינס אינעם באַוווסטזיין און אין אונטער־באַוווסטזיין פון זיינע העלדן.

דאָס שילדערן אין „איך"־פאָרעם איז אָנגענומען און לעגיטים אין דער ליטעראַטור פון אייביק אָן. און אויב ס'גייט אין „יחוס", איז געגנוג זיך אַ ווענד־צו־טאָן צו אונדזער אייביקן „שיר השירים", וואָס נישט נאָר שפּאַנט דאָרט אַרום די אינטימקייט, דער איך, אויף טריט און שריט, אלא דער רעאַליזם, דאָס אָנרופן די רייצנדיקע פרויען־אברים ביי זייערע נעמען און זיי שילדערן אַזוי וווּנדערלעך־עכט, איז אַ מוסטער פאַר אַלע קינסטלערס אין אַלע דורות. הייסט דאָס, אַז קיינער קאָן וואַרזאַגערן נישט אָפּפרעגן די איך־פאָרעם פון זיין בוך „יאָרן". אָבער, אויב מיר פאַרפּלאָנטערן זיך אין די לאַבירינטן פון אָט דער דערציילונג, איז עס דער מאָדערנער היינטצייטי־קער סטאַקאַטאָ־טאָן, וואָס שרעקט אונדז טאַקע גאָר ווייניק אָפּ, אָבער ער לאָזט אונדז קאַלט. אָבער — דער געראָטן־געשילדערטער „נעכטן" און דער לידער־געזאַמל וואָס קומט ווי אַן עפּילאָג צו אָט די „יאָרן" און פאַר־שטאַרקט די פּאָעטישע שטימונג וואָס שוועבט אַזוי אויך איבער גרויסע טיילן פון בוך, גיבן צו חן און ברענגען פאַרגיטיקונג דעם לייענער.

און אַז איר לייענט זיין ליד „כ'האָב געוווסט":

כ'האָב געוווסט:
אַזוי וועט עס זײַן.
כ'וועל טרינקען דעם ווײַן פון אַ חלום. — זיך נערן
מיט קוק — אייביק הונגעריקן
פון אומגעזעטיקטער שיינקייט דײַנער,
ווי איינער,
וואָס אַ קישן איז אים די אַליינקייט
כאַפּט זיך אויף אין מיטן
פון אַ גוטן חלום
און וויל די אויגן צוריק פאַרמאַכן
ס'זאָל אים אָפן זײַן דער וועג צו זאַכן:
גרויסע קליינע זאַכן
פון גאָט און מענטש געגעבן,
פול מיט וווּנדער און מיט וויי,
וואָס אָן זיי קאָן אַ מענטש נישט לעבן. —

ווייסט איר, אַז דאָס איז פּשוטער, גרויליקער, מענטשלעכער — און דערפאַר דיכטערישער **אמת!**

1973

דער בלִיענדיקער וואַנדערשטאָק פון אַ דיכטער

צווישן דער פּלעיאַדע ייִדיש־דיכטערס, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַריַין נאָכן חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, האָט זיך אויך געפונען דער דעמאָלט פאַר אונדז אומבאַקאַנטער דיכטער נחמן ראַפּפּ. די וואָרצלאָוועו לידער־זאַמלונג זיַינע „פונקען אין אַש” (1947) איז כּמעט ווי נישט דער־גאַנגען אַהער און „אין שיַין פון ברענענדיקן דאָרן”, וואָס ר'האָט אַרויסגע־געבן שוין דאָ אין לאַנד אין יאָר 1958 — אין 11 יאָר אַרום — איז אין אונד־זערע אויגן געווען ווי זיַין ערשטע שריַיבערישע וויזיט־קאַרטע. איצט אָבער, אַז דאָס איצטיקע בוך איז זיַין פערטער געזאַמל, איז די העכסטע צײַט צו מאַכן אויפמערקיק סיַי דעם פּאָעזיע־לייענער, סיַי דעם פאַכמאַן־קריטיקער אויף דעם ריַיפן ליד פון נחמן ראַפּפּ.

את חטאי אני מזכיר. ווי ווויל ס'איז מיר געווען פריקרע און נישט צום האַרצן דאָס פאַרכליניען זיך פון די נאָר־וואָס געקומענע, נישט נאָר מיט דער היגער לאַנדשאַפט, נאָר באַלד מיט דער היגער פּריש־צאַפּלדיקער פּראָבלעמאַטיק, אַזוי איז פאַר מיר געווען אינפאָרמאַטיוו־וויכטיק און גיַיסטיק אייגן די אַלגעמיינע טעמאַטיק זייערע, אַ טעמאַטיק פון דעם שווי־דערלעך־אַנדערשדיקן „פּלאַנעט”, מיט אַלע גרויליקע „אַנדערשקייטן” זיַינע, וואָס אָט די ניַי־געקומענע שריַיבערס האָבן פאַר אונדז דאָ אַנטדעקט: די גיהנומדיקע אַטמאָספערע, די מאַקאַברישע שילדערונגען און די אויטענ־טישע באַשריַיבונגען פון לײַדן, פּיַינען, שחיטות — דעם אכזריותדיקן אומ־גלייבלעכן אומברענג פון זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער אונדזערע. און דאָס איז געווען אַ גרויסע, אַ וויכטיקע, אַ וואָגיק־ערנסטע חברותא וואָס האָט געשאַפן און געמיַיסטערט דעם מעכטיקן געדענקשטיין פאַר יענע אַפּאָקאַליפּטישע געשעענישן. און טייל פון זיי טוען דאָס באמונה ביז היַינט־צו־טאָג.

איז „אין שיַין פון ברענענדיקן דאָרן” געווען אין גיַיסט פון דער צײַט. אויך אין אָט דער זאַמלונג האָבן מיר דאָ דערזען און דערפילט דאָס מיט־געברענגטע. און ווי ביַי אַנדערע געלעגנהייטן האָבן מיר אויך ביַים לייענען נחמן ראַפּפּס לידער, זיך געמוזט פרעגן:

איכה, ווי אַזוי איז אָט דער וויטאַלסטער טייל פון אונדזער פאָלק אַזוי גרויליק פאַרשניטן געוואָרן? ווי אַזוי זענען זײַנע מײַסטערס אומגעברענגט געוואָרן אויך דאָרט וווּ מיר האָבן געמיינט, אַז אַהין לויפט מען זיך ראַטעווען, דאָרט ווערט אַלץ פאַרהיט? און וואָס איז געוואָרן פון אָט דעם לשון און זײַנע רעגן־בויגן־פאַרביקע שאַפונגען, אין „שײַן" פון דער אַלץ־פאַרברענענדיקער אַסימילאַציע? — און ווײַל אָט די אַלע פראַגעס און פראָבלעמען זענען אויפגעשווומען גראָד בעתן לייענען אָט די לידער, האָבן מיר אין זיי געזען אַ סימן און אַ צייכן פון עכטקייט.

*

ווי באַקאַנט — און דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן נישט איין מאָל דורך וויסנשאַפטלערס און פאַרשערס — איז דער מענטש, דער שאַפנדיקער מענטש, אַ פּראָדוקט, — נישט נאָר, ווי עס האָט אונדז געוואָלט אײַנרעדן דער וווּלגאַרער מאַרקסיזם, — פון זײַן איצטיקער סאָציאַלער סביבה, — דאָס טאַקע אויך! — נאָר עס ווירקן אויף אים אויך כסדר, די אײַנפלוסן, וואָס ר׳האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון פריִערדיקע סביבות, פון פריִערדיקן אָרט לעבן און דער עיקר דאָס וואָס ער האָט אין זיך בירושה פון עלטערן, פון אור־עלטערן, פון דורות. און אויב אין זײַן נײַ בוך פילט איר, אַז נחמן ראַפּפּ איז שוין בײַ זיך אין דער היים, ער פילט שוין דאָ פעסטן באָדן אונטער די פיס און אָן אייגענעם הימל איבערן קאָפּ, וועט ער אָבער דאָס פריִערדיקע נישט אַרויסרײַסן פון זיך, ווי מ׳רײַסט נישט אויס די שײַכותדיקייט, דאָס ירושהדיקע, וואָס יעדער ילוד אישה טראָגט אין זיך, צוגעבונדן צו זײַנע געבערער. דעריבער טרעפט איר בײַ ראַפּפּן, ווי בײַ דעם רוב פון ייִדיש־שרײַבערס דאָ, אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טעמעס: גורל און ייִדישער גאַנג, אומברענג און אונטערגאַנג פון דעם דאָרט, אויפקום פון אַ ייִדישער היים אין ארץ־ישׂראל און דאָס בלוט אין וועלכן אָט דער אויפלעב ליגט אין דעם. נאַטירלעך, אויך יחידישע רעמיניסצענצן, חלומות און ווילנס. אָבער אַז איר לייענט זיך אַרײַן אין אָט די לידער, פילט איר ווי דער בלי פון וואַנדערשטאָק ווערט אַן אויפוועקנדיקער ברי, וואָס אַ הייסער זון־שטראַל דערלאַנגט דעם דרעמלענדיקן אין אַ בײַטאָגיקער שעה.

*

אַז מיר לייענען נחמן ראַפּפּס „וואַנדערשטאָק אין בלי" פילן מיר אַז דאָס זענען לידער אין וועלכע עס לעבט אַ מין נשמה־יתירה פון העכערע מאָראַלישע נאָרמען. מיר פילן ווי ער אײַלט זיך אַרײַנצונעמען וואָס מער פראָב־

לעמען און ניואַנסן פון פּראָבלעמען, מיט וועלכע ס'איז אַזוי טראַגיש רייַך דאָס ייִדישע לעבן פון דאַן ביז הייַנט.

שוין די קאַפּיטלען פון אָט דער אַלבאָם־אַרטיקער זאַמלונג, וואָס טראָגן די נעמען: „בייַ דייַן טויער, ירושלים", „און געווען זענען זעקס טעג", „אין געדענקשאַפט", „וואָס אין פסוק שטייט", „חלום, מייַן חלום" — אַנטדעקן גלייַך דעם סוד, וועגן וואָס עס גייט דאָ די רייד.

דאָס אָנהייבן מיט ירושלים קאָן אַפילו וואַרפן אַ חשד פון וועלן געפעלן ווערן, אָבער אַז איר לייענט זיך אַרייַן אין אָט די ירושלים־הימנען, ווערט איר זיך תיכף דערמאָנען, אַז דאָ וויל אַ ייִדישער זינגער זיך שטעלן אין איין ריי מיט די לויים און פּאָעטן מכל הדורות און זינגען אין דער ספירה פון הוד און תפארת, אַ געזאַנג וואָס ווערט אַ טייל פון דער אייביקייט. און מיר פאַרגיבן אים אַלע שוואַכקייטן סייַ אין לעקסיק, סייַ — אין דער סטרוקטור, בעת מיר לייענען און שאַלן מיט אים צוזאַמען:

ווער האָט געבונדן מייַנע טריט דאָ,
איך זאָל צו דיר נישט קאָנען אויפגיין ווי אַ שטראַל?

און ווייַטער —

כ'בין אויפגעגאַנגען גלייַך מיט דיר
אין פּורפּור־פּלאַם של מעלה,
און פון צאָרן געטלעכן מיט דיר געטאָן אַ פאַל.
פון דעמאָלט כ'גיי צו דיר און גיי.
איך, געפאַלענער, אין אויפקום פונעם תהום.

איר דערזעט תיכף און דערהערט ווער עס שאַלט אַזוי, ווער עס באַ־גערט אַזוי:

איך, געפאַלענער אין אויפקום פונעם תהום.

איז, נאָכן פאָרשטעלן זיך ווי אַן אויפגעקומענער פונעם תהום, מעג ער שוין דרייסט און היימיש זיך בעטן בייַ דער מאַמע ירושלים: —

ווי לאַנג נאָך, אַ ווי לאַנג
וועל איך בייַ דייַן טויער שטיין
און אין דייַן בלויער קדושה נישט אַרייַן.

און פון דאַנען צו „געדענקשאַפט" איז שוין איין שפּאַן בלויז, און אפשר ווייניקער נאָך. ס'איז הא בהא תליא. און וואָס אַ ייִד בכלל האָט צו געדענ־

קען איז דאָ איבעריק צו דערמאָנען. לייענען מיר אין דער געדענקשאַפט־אָפּטיילונג אַ ליד „מיר פאַר דיינע אויגן", און עס גיט אַ לויף פאַר די אויגן אַ סטראָפע, וועלכע איז שוין געזאָגט און געשריבן געוואָרן פון אַזוי פיל פּאָעטן און קלאָגערס פון פאַר אים און דאָך קלינגט עס דיר אין די אויערן און אין האַרץ ווי די רייד פון דעם מקונן, דעם בעל מגילת איכה —

מיר פאַר דיינע אויגן, שלמהלע מיין קינד.
פאַרקוקטע מיט פאַרטרוי דער וועלט אין פּנים.
דיין גלויבן האָט צעאַשט דער אַשוויענטשימער ווינט
און אויפגעפרעסן האָבן אים די וועלף — די שונאים.
ס'האָט דיין געליבטע וועלט געזען דיך אין פּיין
און קרום זי האָט זיך צוגעשמייכלט: ניחא...

און תּיכף נאָך דעם קומט דער צוריקלויף צום ספר בראשית — און ווידער אַ מאָל ווערט אונדז קלאָר: פאַראַן דאָ ירושה און קינדהייט, אַש־וויענטשים און דער זוניקער אויפגיי פון אַן אייגענער היים, וואָס אויך זי קומט נישט אויף מיט אַ כּישוף־שפּרונג פון אַ געטלעכן מלאך, נייערט מיטן בלוט פון די זין ביים אַרויפגיי קיין ירושלים.

דערפאַר לייענט זיך מיט צוטרוי זיין ליד „אין רויש פונעם וואַלד", ווו עס ווערט מיט שטאָלץ, באַרים און אייביקער פּיין דערציילט און באַמאָלט די „אסיפה" פון די געפאַלענע ביים פאַרטיידיקן דעם אַרויפגאַנג קיין ירושלים:

ווער ס'שטאַרבט מיט אַ שמייכל, דעם איז פרעמד געוויין
און אַזוי מיטן שמייכל זיי קומען צוגיין
גענידערט פון וואַלדיקן טונקל אַראָפּ,
מיט נאַכט אויפן קאָפּ,
מיט פראַכט אויפן קאָפּ
אַרום די מאַשינען־סקעלעטן.

*

פאָרמען פון דיכטונג זענען פאַראַן אַ סך. אויך תּורות וועגן דיכטונג. אויך שולעס, איזמען. אָבער על פּי רוב ווילן מיר אין יעדער זאַמלונג שירה וואָס מיר נעמען אין האַנט אַריין געפינען נייס, באַזונדערס, פאַרכאַפּנדיקס, בעת דו הייבסט אָן זיך אַריינטראַכטן אין אַ וועלכער ס'איז שאַפונג און ווילסט ביי איר אויסגעפינען דעם תּמצית, דעם ווערט, דעם באַזונדערן ריח

אירן, דעם נאָך־נישט געהערטן קלאַנג, ווערסטו תּמיד פֿאַרוואַנדלט אין אַ סוביעקטיוון מבֿינות־זאָגער, לויט דעם ווי די אָדער אַנדערע שאַפֿונג האָט אויף דיר פּערזענלעך געווירקט. און איך וויל דאָ זײַן אויפֿריכטיק און זאָגן, אַז אַפֿילו דאַן ווען מײַן צוגאַנג צו ליטעראַטור איז געווען אַ פּאַרטייִשער, אויך דאַן פֿלעג מײַן פּאַרטייִש־שמאָלער פּסק דין זײַן אַ סוביעקטיווער, אַן אייגענער. מחמת אַזוי האָב איך דאַן געדענקט, האָט ממילא יעדע יצירה, וואָס כ׳האָב געוואָלט פֿון איר געניסן געמוזט פֿאַרמאָגן אין זיך דאָס, וואָס מײַן פּאַרטייִש־פּערזענלעכער צוגאַנג האָט פֿאַרלאַנגט. און מהאי טעמא האַלט איך, אַז עס איז כּלל נישט פֿאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס איז „אומפּאַרטייִש״, כּביכול. אין דער רגע ווען מײַן פּאָליטישער טעם ווערפֿט זיך אויס, איז אויב עס בלײַבט אין מיר בכּלל אַזוינס וואָס רופֿט זיך טעם, געשמאַק און וואָס ווערט זיכער באַווירקט דורך אַ גאַנצער רײ סיבות און אור־סיבות, ווערט מײַן מיינונג ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל אַ פּערזענלעכע, נאָר בײַ אַנדערע אומשטאַנדן — אַן אַנדערע.

אין אונדזער רײַכן וווּנדערלעכן דיכטונג־וואַלד זענען פֿאַראַן אַ סך פּרעכטיקע ביימער. טייל פֿון זיי הייבן זיך העכער, „הימלען זיך פֿון דער ערד״ ווי סוצקעווער זאָגט, טייל פֿון זיי שלאָגן טיפֿער די וואָרצלען און שפּרייטן זיך און רײַסן זיך צום מרחב, אָבער די מערסטע פֿון זיי לעבן אין זייער אומאָפּפֿרעגלעכער רעכט צו לעבן און געדײַען, צו ציִען חיונה פֿון די קוואַלן וואָס שפּרודלען אונטער זיי, צו רײַסן זיך צו מרחבים און צו הימ־לען, וואָס אָט זענען זיי פֿאַרכאַפּנדיק־בלוי און אָט זענען זיי מיט טרערן אָנגעגאָסן, פֿאַרחושכט, פֿאַרכמאַרעט. און דער וואַלד רוישט און רעדט צו מיר, און די ביימער זינגען און וויינען ביחידות און בציבור און דו, סוב־יעקטיווער לייענער, מוזסט אַ מאָל זיך אָפּשטעלן נעבן אַזאַ בוים אָדער ביימל און עובֿר זײַן אויפֿן פֿאַרבאָט פֿון חז״ל, און זאָגן בפּה מלא: מה נאה אילן זה!

און אַז ס׳וועט קומען ווער און וועט מיך פֿרעגן: באַווײַזן?

וועל איך, אין איצטיקן פֿאַל, עפֿענען די לידער־זאַמלונג פֿונעם דיכטער נחמן ראַפּפּ (מיט צוויי פּייען!) און וועל אָנווײַזן בלויז אויף דעם מאָטאָ, וועט שוין אַלץ אַלעמען קלאָר ווערן —

דאָס איז זי, די פּײַן,
וואָס פֿאַרנאַרט מיט איר שײַן,
פֿאַרגייט און קומט־אויף ווידער.
זי וועט זײַן, אייביק זײַן,

זי איז אין בלוט מיר אַרייַן.
פאַר דיר נאָר זייַן וועט זי — לידער.

אָט דער מאָטאָ באַצווינגט מיך, פון זינט כ׳האָב אים איבערגעלייענט, צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם דיכטערס גורל און לאָזט מיך שיִער־שיִער דער־זען זייַן לעבנס־וועג.

און פונקט ווי אין די נעמען, די טיטלען פון די קאַפּיטלען האָבן מיר תּיכף געוווּסט וווּהין ראַפּפּ פירט אונדז, אַזוי און נאָך מער, דערוויסן מיר זיך באַלד ביים אַרייַנגאַנג אין זייַן גאָרטן אַרייַן פון וואָס פאַר אַן עלעמענט ער קנעט אויס זייַן ליד.

לייב אָליצקי

אַ רײַזע צו אייגענער דערקענטניש

דער צוריקקער צו ישׂראל, דאָס געפינען היים און סביבה אין דעם אַלט־נײַעם לאַנד איז געווען און איז פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע אומזעבאַרע פעדעם פון אַן אויסגעטרוימטער בענקשאַפט צוזאַמען מיט לעבנס־נייטיקן באַדאַרף פון אַן אייגן ווינקל, פון אייגענער היים. און פונקט אַזוי ווי די אַלגעמיינע טעמע נײַע היים — דאָס זוכן אַן אָרט פאַר זיך און משפּחה צוליב ברויט און פרײַהייט — איז געווען אַ נאַטירלעכע אײַנוווינערין אין דער כּלל־ליטעראַטור, אַזוי איז אויך דאָס צוריקקערן זיך קיין ארץ־ישׂראל געוואָרן אַ לעגיטימע טעמע אין דער יִדישער ליטעראַטור. אָבער די ליטעראַטור־פאָרשער און די היסטאָריקער פון ליטעראַטור וועלן, בעתן באַרירן די טעמע „ארץ־ישׂראל אין דער ליטעראַטור", מוזן פונאַנדערטיילן אויף צוויי באַזונדערע חלקים די נאַציאָנאַלע בענקשאַפט און די פּערזענלעכע פרייד און זאָרג פון היים־געפינונג.

אין צעשטראַלטן ליכט פון שירה זענען פאַרטושט די גרענעצן און ס'איז שווער זיך פונאַנדערצוקלײַבן צווישן דעם נאַציאָנאַל־פּאַטעטישן (און טייל מאָל — אויפגעבלאָזענעם) און דעם פּערזענלעך־דורכגעלעבטן. אויב האָסט נישט דערקענט, האָסט נישט אַרויסגעפילט די אינעווייניקסטע אמתן פונעם ווערק, וועסטו קיין מאָל נישט קאָנען זאָגן מיטן פולן מויל, וועלכע געזאַנגען זענען פון אייגענער דערפילונג און וועלכע — ווי אַ טייל פון אַ פּאָליטישן פּראָגראַם. און ווײַל בײַם דיכטער ל. אָליצקי ליגט דער אמת אין זײַן „האַרץ־רײַזע" אויבנאָן, אָן שלייערן און אָן אָרנאַמענטיק, דעריבער — קאָנען מיר שוין פון פאָרויס וויסן, אַז די האַרציקע אויפריכטיקייט זײַנע, וואָס דערפירט זײַן ליד אָפט ביז צו פאָלקסטימלעכער פּשטות, וועט אונדז שוין פירן איבער די שורות פון זײַנע לידער און אָנווײַזן ווי מיט אַ ווײַזפינגער : אָט־דאָ איז די גרענעץ פון נאַציאָנאַלער פּאַטעטיק און אייגענער איבערלעבונג.

און ווען אַפילו דער דיכטער וואָלט זיך נישט געווען באַמיט צו ברענ־

געגן אַן אויפקלערונג־אַרײַנפיר צו דער דאָזיקער זאַמלונג וואָלטן מיר אים במילא געגלייבט, בלויז איבערלייענענדיק זײַן ערשט ליד „אין מײַן מלמדס ניגון" —

דו ביסט נאָך אין מײַן קינדהייט אויפגעגאַנגען
אין מײַן מלמדס ניגון...

ווײַל דאָס איז דאָך דער פשוטער אמת. אין מלמדס ניגון איז אויפגעגאַנגען די בענקשאַפט צו ארץ־ישׂראל בײַ דעם גרעסטן טייל ייִדישע דיכטער און אין פּאָליטישן געראַנגל, — בײַ אַ גאַר גרויסן טייל, — כּמעט ווי אויסגעגאַנגען. אָט דערציילט דאָך ל. אָליצקי, אַז נאָך איצט, אין אונדזערע טעג, לייגט מען אים נאָך אַרײַן אין חרם, ווײַל

סע האָט מיר אינעם שפּיץ פון האַרץ געטראָפן
די הייליקע, די מוטערלעך־געבענטשטע פײַל,
און כ'קאָן שוין אין קיין געטאָ מער נישט שלאָפן.

און נאָך איצט שרעקט מען אים, אַז זײַן „זופּ וועט דאָ זײַן שיטער, און אַז אין אַ שוויץ־חמסין וועט ער כאַפּן דאָ אַ ציטער"... און דאָס אַלץ אַנטדעקט ער אונדז נאָך „דאָרט", אין יענער אַלטער „היים" וווּ מ'האָט געמאַכט אונדז צו אַש און צו שאַנד, און אין זײַן וויכּוח מיט זיי, זאָגט ער:

אויך איך וועל שׂכל לערנען בײַ מײַן האַרצן.

האָט ער טאַקע געלערנט שׂכל און דערקענטעניש בײַ זײַן אייגענעם האַרץ, און די רײַזע פון דאָרטן אַהער — וואָס ציט זיך נאָך פון דעמאָלט ווען דער מלמד האָט אין אים אַרײַנגעזונגען די ליבע צו ארץ־ישׂראל, ביז צו דער הײַנטיקער בלוטיקער נויטווענדיקייט, וואָס ווערט אַזוי רעאַליסטיש און אָפּנהאַרציק אַרויסגעבערענגט אין זײַנע לידער — איז גיכער אַ רײַזע צו אייגענער דערקענטעניש, ווי אַ פּאָעטישער עקספּערימענט פאַר נאַציאָנאַלער אַפּאָלאָגעטיק.

און מ'מעג זאָגן מיט פעסטער זיכערקייט:

אין טראַגישן כאָר פון די ענדלעך־געקומענע צו ברעג און היים וועט די „האַרץ־רײַזע" פון ל. אָליצקי אַרײַנגעבן אַ באַזונדערן זיך־אַרויסהערנדיקן טאָן פון בענקשאַפט, חרטה און ליבשאַפט. באַזונדער — ווײַל אויפריכטיקער, ווײַל אמתער, ווײַל ייִדישער; אַרויסהערנדיקער — ווײַל זײַן וואָרט איז נישט פּאַלצעטיש, נאָר טיף־ברוסטיק פשוט און איבערצײַגנדיק שטאַרק.

1961

„שפּאַרונעס אין האַרצן"

כ'בין זיך מודה ומתוודה: ווי אַ „פּוילישער" ייִד, האָב איך זיך זייער דערשראָקן פאַרן אויסדרוק „שפּאַרונעס". עפּעס דערמאָנט עס מיר אין „אויגאַנעס" במקום אויגן, „כאַפּונעס" במקום כאַפּערס א. אַז. וו. עס איז מיר אויסגעקומען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אידיאָם פון אַ געוויסער געגנט, פון אַ פּראָווינץ אין דער ייִדיש־אימפּעריע — אין אונדזער פאַל: ליטע. עס האָט מיר אינערלעך פאַרדראָסן און געאַרט, הלמאַי אַ דיכטער פון אַזאַ ווערט און סטאַזש זאָל זיך באַנוצן מיט אַ... פּראָווינציאַנאַליזם. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, נאָכן איבערלייענען די לידער, אַז דער רוטיניזירטער דיכטער ל. אָליצקי, וואָס איז צאַרט און רירנדיק אין ס'רוב זײַנע לידער, האָט דאָ בכיוון אַרויפגעשטעלט אַזאַ האַרטן נאָמען, כּדי אונטערצושטרײַכן, אַז דאָס האַרץ פון אַ ייִדישן דיכטער איז נישט נאָר צעשפּאָלטן געוואָרן און זיך צעפּלאַצט אין שפּאַרעס, נײַערט אין גאַנצע שפּאַרונעס. אײַנבראָכן, ריסן, צעשפּאַרטקייטן, וואָס אונדזער תּקופה האָט גורם געווען.

אָט ווי עס שרײַבט טאַקע דער דיכטער אין זײַן קורצן אַרײַנפיר:
„וואָסער ייִדיש האַרץ אויף דער גאַרער וועלט — נאָך דעם בלוטיקן וואָלקן־ברוך, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון גוייִשן „הימל" איבער דער ייִדישער ערד — איז נישט געפּלאַצט און פול מיט שפּאַרונעס?..."

ווערט אײַך שוין קלאָר און פאַרענטפערט.

און דער מחבר באַוואָרנט זיך. אין דעם זעלבן אַרײַנפיר פירט ער אויס: „דורך שפּאַרונעס לײַכט אַ מאָל אויך אַרײַן די זון; אין מײַן פאַל איז עס — דאָס זיך בויענדיקע לעבן אין ישׂראל". אויב אַזוי, קאָן שוין ל. אָליצקי זיך דערלויבן אָנצוהייבן די זאַמלונג, וואָס איז פול מיט איכה־לידער און יאָרצײַט־ליכט נאָך אַזוי פיל אומגעקומענע מיט... „אַ טיול צום ים־המלח".

דער קריטיקער־פאַכמאַן וועט אַוודאי זיך וועלן דינגען ווי אַזוי און פאַר וואָס דער דיכטער שאַפט זײַנע שאַפונגען. ער וועט אויסגעפינען דאָ און דאָרט אויסדרוקן פרעמדע אָדער פאַרעלטערטע. עס וועט אים וווּנדערן ווי קומט עס צו אַ פּאָעט מיט סטאַזש פון יאָרן און ווערק, מיט אַ פאַרדינט בכּבודיק אָרט אין דער מיזרח־וואַנט פון דער ייִדיש־יצירה, זיך צו באַנוצן מיט: זעלט, זויבער, באַשויען; גראַמען „שוועל" מיט „זעל" א.אַז.וו. און ער וועט זײַן גערעכט! נאָר אין איצטיקן פאַל, ווען דאָס זענען שפּאַרונעס אין האַרצן פון אַ ייִדישן דיכטער אין הײַנטיקן פוילן, גייט מיר קודם־כּל

אַן דער „וואָס״: וואָס דערציילט אונדז דער דיכטער? וואָס גיט ער אונדז איבער? וואָס איז ער מחדש? —

און כ׳לייען ל. אַליצקיס ערשטן סאָנעט „אַ תּפילת הדרך״ און שוין זײַן מאָטאָ „וישב בשרו כבשר נער קטן ויטהר״ (און זײַן לײַב האָט זיך אומגעקערט אַזוי ווי דאָס לײַב פון אַ קליין ייִנגל, און עס איז געוואָרן ריין) — פירט מיך צוריק צו זײַן „מײַן האַרץ־רײַזע״, און דאָ ווי דאָרט פיל איך די געלײַטערטע דערהייבונג פונעם דיכטער אין זײַן דערקענען זיך צו די ווערטן פון זײַן פאָלק.

איך פאָר קיין סדום... כּדי אין האַרץ זיך צו דערקענען,
באַשויען שטיל די וואָרצלען פון מײַן שלעכטס;
פון צער און חרפּה זאָל מײַן זעלע ברענען,
זיך וואַרגן מיט מײַן אייגענעם געקעכטס;
כּדי — אַנטפּלעקן אַלע בייזע אַלצן,
וואָס האָבן סדום בײַ מיר אין האַרץ געבויט,
און אויף די ווונדן מײַנע שיטן זאַלצן
פון ים, וואָס אין זײַן וואַסער רוט דער טויט...

איך זאָל פון אים אַרויס געכּשרט־זויבער —

איך רעד שוין נישט פון דעם אָרקעסטרירטן אַרויסשאַל פון קלאַנגען און אַקאָרדן, וואָס טרייסלען דיך אויף בעתן לייענען זיי, מיר ווערט דאָ קלאָר דער וואָס, און עס פירט מיך אַרײַן מיט צוטרוי אין דער זאַמלונג.

און אַז איך גיי ווײַטער, מיש איבער איין בלעטל בלויז און לייען געשפּאַנט דעם צווייטן סאָנעט, געפין איך ווידער דאָס זעלבע:

בענטש מיך, גאָט — מיר זאָלן זיך אַנטפּלעקן
די אָבות פאַר באר־שבעס אַלטער שוועל:
אַברהמס איידעלער שטאָלץ זאָל העלקייט וועקן
אין מײַן פון זינד באַפלעקטער טונקעלער זעל.
ער זאָל זײַן שטראַלנדיקע האַנט מיר שטרעקן
און זאָגן: „זיכערער די שפּרײַזן שטעל,
זאָל זײַן מײַן שטאָלץ
בײַ דיר אין האַנט אַ שטעקן,
וואָס לענט דיך אונטער, גלײַך ווי גאָטס באַפעל״.

האָט שוין ערגעץ ווו געזאָגט דער דיכטער־עסייִסט־קריטיקער יעקב

גלאַטשטיין: „מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט דעם סוד פון ליד". אָבער איינס איז קלאָר: רײַסט אונדז אַ ליד מיט מיט זיך, און פירט אונדז אַרײַן אין די פאַרהוילענישן פון זײַן מיסטעריע. און יעדער איינער פון אונדז לייענע־דיק דאָס דערזעט און דערפילט דאָס וואָס מיר דערזעען — האָט דאָס ליד דערגרייכט זײַן ציל.

דעריבער, קאָן זײַן אַז איך זע בלויז דעם דיכטערס תּפילות און חרטות און זײַן אומגעהײַערע שטרעבונג זיך צו רייניקן און לײַטערן. און אַן אַנדערער — עפּעס אַנדערס, וועט עס גראָד זײַן לטובֿת דעם ליד און זײַן מחבר.

ווײַל אַזוי זאָגט ל. אָליצקי אין זײַן דריטן סאָנעט:

דורך מײַן דערגרייכונג יעדער ווערט נתעלה... —

איז דער ערשטער רינג „אַ טיול צום ים „המלח" אַ תּפילה זכּה" פאַרן אַרײַנגיין אינעם צווייטן רינג — "אין דער דיכטער־אַלייע פון דעם בית עולם של מעלה", וווּ עס ליגן ברוך אָליצקי, זישע באַגיש, מרדכי געבירטיג, קלמן ליס, חיים סעמיאַטיצקי, הלל צייטלין, יצחק קאַצענעלסאָן, חנה סענעש און אַנדערע. און מיט רעכט זאָגט דער דיכטער אין זײַן נײַנצנטן סאָנעט:

איך האָב אין שוועבל־וואַסער זיך געבאָדן
אין עין־בוקק, געדאַוונט: „מאַך מיך ריין"...
זיך אײַנגעהאָרכט, צי בין איך נאָך באַלאָדן
מיט קרעץ פון זינד? און שטיל געשמייכלט: ניין...

די לידער־זאַמלונג „שפּאַרונעס אין האַרצן" איז אַ זאַמלונג פון דער קלאַסישער קאָמפּליצירטער פאָרעם — סאָנעטן. אין העברעיש ווערט אָט די פאָרעם אָנגערופן „שירי זהב" (זהב באַטרעפט 14). ל. אָליצקי נוצט דאָ פאַרשיידענע פאָרמען פון דעם סאָנעט, די איטאַליענישע פון דאַנטע און פּעטראַרקע; די שעקספּיריאַנישע — די שפּעטערדיקע — און ספּענסעריאַ־נישע און די נאָך שפּעטערדיקע אין פרײַערער פאָרעם. אָבער יעדע פאָרעם פון דעם קלאַסישן סאָנעט איז מחייב אָנשטרענג און טאַלאַנט. די מערסטע פון זײַנע 24 איינצלנע סאָנעטן און 19 סאָנעטן־רינגען אין אָט דער זאַמלונג באַווײַזן, אַז ל. אָליצקי פאַרמאָגט אָט די צוויי אייגנשאַפטן. פאַר דער ייִדי־שער דיכטונג הײַנט צו טאָג איז אָט די זאַמלונג אַ באַדײַטנדיקער צושטײַער, סײַ מיטן טיף־רירנדיקן אינהאַלט און סײַ מיט דער געלונגענער פאָרעם.

1962

לייענענדיק דאָס לידערבוך „ביים פרוט, לאַ־פּלאַטאַ און ירדן"

פריד וויַינינגער, דער ייִדיש־פּאָעט וואָס האָט דעביוטירט אין טשערנאָוויץ, און וווינט שוין צענדליקער יאָרן אין... ביידע אַמעריקעס, איז אַ פּאָעט מיט אַ טשערנאָוויצער אַקצענט. איך זאָג אַקצענט און זאָג בפירוש נישט אייגנאַרט, וויַיל אייגנאַרטיקע טשערנאָוויצקייט, — אין פאָרעם, אין סטיל צי אַפילו אין פּייזאַזש איז כמעט נישט געווען צו געפינען ביַי קיינעם נישט פון די ייִדישע שריַיבערס, וואָס האָבן זיך צוגעאייגנט טשערנאָוויץ פאַר זייער אַרויסקום־אַרענע און טאַקע שפּעטער פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער ייִדיש־יצירה. טשערנאָוויץ מיט אירע בערג און שטיילע אַראָפּהאַנגען, אירע גרינע פאַרשיכורנדיקע טאָלן, וועלדער, טיַיך, — מיט איר דערהייבנדיקער קאַרפּאַטישער לאַנדשאַפט, האָט נישט זוכה געווען צו קריגן איר אויסדרוק, בכל אופן: איר רעגיאָנאַלן אויסדרוק, אין די ווערק פון אירע ייִדישע שריַיבערס. אויך נישט ביַי פריד וויינינגער, דעם ייִנגסטן פון זיי ביז — טיילוויַיז — אין דער איצטיקער זאַמלונג.

טשערנאָוויץ, ווי באַקאַנט, איז דאָס קליין־ווין פון דער פּראָווינץ בוקאָווינע, וואָס ליגט — אַ פאַרגעסענער פּאָלוואַרק פון אַלטן עסטרייַך — צווישן די טיַיכן פּרוט און סערעט, ווי צווישן די צוויי באַקנבערד פונעם קיר"ה, און אַ ביסעלע העכער — דער דניעסטער.

בוקאָווינער ייִדן, אויב זיי האָבן געצויגן ייִדישע חיונה, איז דאָס געווען די ייִדישקייט פון גאַליציע און פּוילן און אויב וועלטלעכע — איז דאָס געווען די דיַיטשישע שפּראַך און איר קולטור. די בוקאָווינע מיט טשערנאָוויץ בראש, האָט טאַקע פאַרמאָגט רביים און חסידים, זי האָט אויך פאַרמאָגט די משׂכּילישע אויסווירקונג פון אַ נתן בירנבוים און זיַין אַפּאָטעאָז — דאָס איניצירן און אָרגאַניזירן די ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908, אָבער כאָטש די ייִדן האָבן דאָרט אויסגעמאַכט גאַנצע 15 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג און די דיַיטשן — קוים 8, איז די דיַיטשע שפּראַך געווען די דאָמינירנדיקע און דער עיקר — ביַי די ייִדן. און נאָך עד היום וועט איר דערקענען אַ טשערנאָוויצער ייִד אין זיַין... דיַיטשיש.

ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען בוקאָווינע איז געוואָרן אַ טייל פון גרויס־רומעניע, האָבן זיך אין טשערנאָוויץ אָנגעהויבן צו קאָנ־צענטרירן יידישע שרײַבערס און קינסטלערס, געקומענע פון די שכנישע גאַליציע און באַסאַראַביע, צווישן זיי: אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנ־בערג, ד״ר שלמה ביקל, אַרטור קאַלניק, ר. ראובן א. א. און עס האָט אַ שפּראַך־געטאָן מיט נײַשאַפונג אין יידיש, אָנגעצונדן פײַערן אויף די פעלדער פון קולטור־אמונה, און באַלד זענען געקומען שולן, קלובן, פאַראיינען און צײַטונגען. — דער שולפאַראיין, דער קולטור־פאַרבאַנד, דאָס בונדישע „מאָר־גנרויט״, — פּאַרטיי־לאָקאַלן, ליטעראַרישע קרײַזן, דראַמאַטישע און קינסט־לער־קרײַזן, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פאַרבן און ריכטונגען און יידישע צײַטונגען, ווי „פרײַהייט״, „אַרבעטער צײַטונג״, „פאָרווערטס״ א. א. ביז די באַרימטע אומאָפּהענגיקע „טשערנאָוויצער בלעטער״ אונטער דער רעדאַק־ציע פון ש. א. סופר. און דער אייגנאַרטיקסטער סימן פון טשערנאָוויצקייט איז געווען, וואָס אין שפּיץ פון די אַלע טעטיקייטן און אינסטיטוציעס זענען געשטאַנען דיפּלאָמירטע יידן, וואָס זענען אַליין דערצויגן געוואָרן אין אַנ־דערע שפּראַכן. און — ליב געהאַט יידיש. עס דערמאָנען זיך די נעמען פון די האַרציקע איבערגעגעבענע טוערס ווי ד״ר מאיר ראָזנער, פּראָפ׳ חיים קראַפט, ד״ר ישראל שעפלער, ד״ר א. פעלדער, ד״ר ראָזנרויך און אַנדערע. און זיי האָבן קלאָר געוווסט, אַז דאָ גייט נישט אין אַ משׂכּילישער פונקציע פון מאַכן באַוווסטזיניק אַ צוריקגעשטאַנענע באַפעלקערונג, נײַערט אין וואַ־רעמען און אַנטוויקלען די וועלטלעכע יידישע קולטור. בײַ אָט־דעם פײַער האָבן זיך טאַקע אויסגעוואָרעמט גרויסע יידישע קינסטלערס און עס זענען אונטערגעקומען נײַע.

איינער פון די יינגסטע איז פריד וויַינגער.

שוין אין זײַן דעביוט אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״ (אין דער מיט דרײַסיקער יאָרן) האָט זיך געוויזן אַן אינטערעסאַנטער אין זיך־אַרײַנגע־טראַכטער ליריקער, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן דעם שיר הזהב — דעם סאָנעט, פאַר דער רעם פון זײַנע געזאַנגען, און אַרויסגערופן צו זיך אַן ערנסטע באַציִונג. האָט ער פון דאַן ביז הײַנט אַרויסגעגעבן פיר לידער־זאַמלונגען: „נאַרציסן״ (סאָנעטן, פאַרלאַג „טשערנאָוויצער בלעטער״ 1937), „אָונט בײַם פּרוט״ (סאָנעטן און לידער, ניו־יאָרק 1942), „אַ פאַסטוך אין ניו־יאָרק״ (בוענאָס־איירעס 1951) און „בײַם פּרוט, לאַ פּלאַטאַ און ירדן״ (לידער און סאָנעטן, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1966), אין אָט די ביכער, אַחוץ קליינע אויסנעמען אין איצטיקן בוך, וואָס באַשטעטיקן דעם כּלל, איז אײַך נישט לײַכט אָנגעקומען צו געפינען כאָטש אַן אָפּקלאַנג

פון דער באַרימטער טשערנאָוויץ. פאַרשטייט זיך, אַז איר האָט אין אָט די אַלע סאָנעטן און לידער נישט געפונען דעם מינדסטן אָפּקלאַנג פון די פּראַגעס און פּראָבלעמען, וואָס אַ וועלט אַ גאַנצע, און אונדזער פאָלק קודם כּל, איז געשטאַנען פאַר זיי מיט אָפענע מויל און אויגן. און דאָס אין אַ צײַט ווען אַפילו די מאָדערנסטע בײַ אונדז, די באַרימטע „אינזיכיסטן" האָבן שוין געזאָגט דער וועלט „אַ גוטע נאַכט" און זיך מיט איר קינסטלערישער צערעכנט, און געזען ייִדן ברענענדיקע אויף ימען. מיר רעדן שוין נישט פון פריִער, בעת ס'איז געווען אין אונדזער ליטעראַטור נוסח ווילנע און נוסח וואַרשע, נוסח ניו־יאָרק און נוסח מאָסקווע, און לאָדזש און גאַליציע פריִער און שפּעטער. נוסח טשערנאָוויץ איז נישט געווען.

— אין וואָס זשע באַשטייט זײַן טשערנאָוויצער אַקצענט ?

ער באַשטייט אין געבן פּריאָריטעט דעם געדאַנק, דעם אינטעלעקט, איבערן האַרץ, איבער דער עמאָציע. דאָ האָט אַ טשערנאָוויצער אינטעליגענט, וואָס האָט געפירט אַ כּסדרדיקן קאַמף אַרויסצושיילן זײַן ייִדיש פון דעם אַרומיקן היימישן דײַטשיש געוויזן, אַז ער מיינט ערנסט מיט ייִדישער פּאָעזיע. און אויב עס זענען נישטאָ קיין ערדישע פּראַגעס איז שוין ממילא נישטאָ קיין ערד, קיין אָרטיקע לאַנדשאַפט. דאָס איז געווען אַ שאַפונג וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן איבעראָרטיקן אויסמעסט פון די פּראָבלעמען. איבער אָרט און איבער צײַט.

איך בלאָנדזשע
אַרום
אין דער ביליאָנעןהאַפּטיקייט
פון דער באַשאַפונג.
ווי איינזאַם שוועבסטו
גאָט
אַרום.
דו קענסט די גאַלאַקסיעס
נישט מער דערקענען.
גיב מיר דײַן האַנט.
מיר זענען ביידע נע ונד
אין גאָרטן
פון גרונטלאָזע גרונטן.

אַזאַ פּאָעזיע, וואָס איז, אין עסטעטישן זין, שיין פאַר אויג און אויער, איז אָבער אין ממשות תּולה על בלימהדיק און דעמאָנסטרירט שייגײַסטערײַ.

און פריד ווײַנינגער, אָריגינעל ווי דער נאָמען זײַנער, איז דאָס געווען פון זינט זײַן ערשטן אַרויסקום.

האָט זיך אים פאַרוואָלט קומען צום ירדן, פון די אַלע שווערבנדיקע טײַכן זײַנע, און ער זאָגט דאָס אַליין אין זײַן אַרײַנפיר צום פערטן בוך זײַנעם:

„צווישן פרוט און ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ שטראָמען טײַכן און ימען. אָבער איין טײַך איז אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט: דער טײַך פון חלום און בענקשאַפט וואָס האָט מיך דערפירט ביז צו די ברעגן פון ירדן...״ — „דאָ, בײַם ירדן, איז מיר מײַן יוגנט נאָך אַ מאָל אַנטקעגן געקומען״.

לייענט זיך זײַן איצטיק בוך ווי אַ פאַרגיטיקונג. שטייענדיק אויף אַ ווײַל מיטביידע פיס אויף יידישער ערד דערמאָנט ער זיך אויך אין זײַן טשערנאָוויץ, אין דער היים פון זײַן יוגנט, און ער דערמאָנט זי אין פולע, מאָלערישע לידער, און כ׳זע ווידער די באַרגיקע שטאָט, אין וועלכער איך האָב זיך פאַרליבט אין די צוואַנציקער יאָרן, בעת כ׳בין אַהין „אַרײַנגעפאַלן״ אויף מײַן וועג קיין ארץ־ישראל.

פריד ווײַנינגער, אַ קוק־טוענדיק אויף צוריק, האָט צווישן אַנדערע אַרויסגעבערענגט געזאַנגען און מאָטיוון, וואָס וועלן זיכער זיך לייגן ווי אַ מצבה איבער דער יידישקייט פון טשערנאָוויץ און וועלן אונטערצייכענען נישט־נאָר ווײַנינגערס טשערנאָוויצער אַקצענט נאָר — אויב נישט מערער נאָך.

1966

דוד ספּאַרד און זײַנע ברענענדיקע בלעטער

אַ נײַ בוך פֿון אַ באַקאַנטן שרײַבער רופֿט תּמיד אַרויס נײַגער: איז דאָס המשך פֿון דער שרײַבערישער טוונג, צי נײַער אויפֿטו? און דער נאָך־מען איז דאָך אויך מחייב, און די צײַט — אַוודאי און אַוודאי. איז אויב עס קומען זיך צונויף די מאָטיוואַציעס פֿון צײַט, נאָמען און אָרט, גייט מען צו בדחילו ורחימו צו אַזאַ נײַ ווערק.

דוד ספּאַרד איז איינער פֿון די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע דיכטערס און שרײַבערס וואָס זענען דאָ נישט לאַנג געקומען קיין ישׂראל, מיטן עליה־שטראָם פֿון דער לעצטער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג אין מיזרח־אייראָפּע. ער איז אויך איינער פֿון די, וואָס איז געבליבן גאַנץ מיט זיך און מיט זײַן פּע־דער — אַ פּעדער וואָס האָט באַדינט דעם ייִדישן איבערבלײַב אינעם „פּאָל־קישן" פּוילן און איז מיט אים עולה געווען, בעת דער לעצטער פּונק פֿון אַ ייִדיש לעבן דאָרט איז פֿאַרשאָטן געוואָרן (אויף פֿאַרלאָשן צו ווערן) מיט בלאָטע און קויט פֿון שׂינאת ישׂראל.

הייסט עס, אַז צו די אויבן אויסגערעכנטע מאָטיוואַציעס איז צוגעקומען נאָך איינע: דאָס עולה זײַן קיין ישׂראל פֿון אַן אַנדערער וועלט און דאָס קו־מען זיך באַהעפֿטן צו נײַ לעבן, נײַ־שאַפֿונג, נײַ־גײַסט. אויב אַזוי, וויל מען זיך דערוויסן, וויפֿל פֿון דעם אַלעם געפֿינען מיר אין זײַן הי־אַרויסגעגעבן לידערבוך וואָס טראָגט דעם נאָמען „ברענענדיקע בלעטער".

*

לאָמיר שוין אין אָנהייב זאָגן:

דוד ספּאַרד האָט זיך געגרייט אַ גאַנץ לאַנגע צײַט אין וועג אַרײַן און זיך פּאָעטיש מכין געווען אַרײַנצוקומען אין דער נײַער פּאַר אים וועלט מיט אַ באַגאַזש פֿון בענקשאַפֿט, פֿאַנטאַזיע און ליבשאַפֿט, ווי דאָס באַווײַזן אַ סך לידער פֿון זײַן פֿאַר־לעצטן לידערבוך, וואָס איז דערשינען אין פּוילן אין יאָר 1966 א.נ. „באָרוועסע טריט". און לשם אילוסטראַציע וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן פֿריִער טאַקע אויף אָט דעם בוך.

„באָרוועסע טריט" איז דערשינען אין וואַרשע מיט אַ יאָר פֿריִער איידער

ס'זענען פאַרגעקומען די עפּאָכע־מאַכנדיקע 6־טאָגיקע שלאַכטן, און שוין געפינען מיר דאָרט אַ ליד (אויף זײַט 48) וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַ וווּנדערלעכע רײַזע״:

כ'האָב הײַנט בײַנאַכט
געמאַכט
אַ וווּנדערלעכע רײַזע —
שמעקנדיקע ווינטן
האָבן מיך געפירט
איבער זון־פאַרפלייצטע וועגן,
ווײַסע הײַזער,
אײַנגעטונקענע אין גרינס,
זענען מיר געגאַן אַנטקעגן
און נאָענטע געזיכטער
האָבן מיך מיט האַרציקייט באַגריסט.

ווי אַ בעכער ווײַן,
איז פול געווען מײַן ברוסט
מיט שוימענדיקער פרייד
און מײַן בליק
מיט שײַן מיט גאָלדענער,
ווי מיט אָראַנזשן־זאַפט.

מוזן מיר נישט אָנקומען צו אַ פאַרטיפטן אַנאַליז כּדי פעסטצושטעלן, אַז אָט די „ווײַסע הײַזער״ וועקן אים אויף און דערוועקן אין אים יענע עמאָציעס וואָס אָן זיי וואָלט נישט מעגלעך געווען אַז זײַן ברוסט זאָל דאָרטן אָנגעפילט ווערן מיט שוימיקער פרייד — „„ווי אַ בעכער ווײַן״; זײַן בליק — מיט גאָלדענער שײַן און אַ וואָרט פון ליבשאַפט זאָל צײַטיקן אין זײַן בלוט. דאָס איז דאָך דורך און דורך היגס, אונדזערס. אַפילו אין נוסח.

און אָט מישסטו גאָר צוריק אַ זײַטל (זײַט 47) און דו געפינסט אַ ליד „דערמאָנונג״:

כ'ווייס נישט,
צי כ'האָב עס געזען אויף וואָר,
צי ס'איז מיר צו חלום געקומען —
אויף אַ ים פון שײַן

זענען ווײַסע שיפן געשווומען
צו אַן אומבאַשטימטער ווײַט
מיט זעגלען צעשפּרייט
ווי פליגלען אין ווינט,
און אַלע מײַנע יאָר
האָבן זיי בלינד
ווי שוימיקע כוואַליעס באַגלייט
אין אֵין־סוף פון צײַט,
און אַלץ וואָס געווען,
וואָס איז
און וועט זײַן
איז געוואָרן אַצינד.

„רעדט" דאָס ליד קלאָרע העל־זעעוודיקע רייד: אַלץ, וואָס געווען, וואָס איז און וועט זײַן, איז געוואָרן — אַצינד.

איז אָט דער אַצינד אַרײַן אין זײַן געמיט און האָט באַווירקט און באַפוילן זײַן ליד.

*

„ברענענדיקע בלעטער" איז די ערשטע לידער־זאַמלונג וואָס דער דיכטער ספאַרד האָט אַרויסגעגעבן דאָ אין לאַנד. לידער נאָך געשריבענע דאָרט און שוין געשריבענע דאָ. זענען זיי אַנדערש פון די אויבן ציטירטע?

שווער צו געבן דערויף אַן אַבסאָלוטן ענטפער. וואָרעם די „באַרוועסע טריט" לויט ווי מיר דוכט זיך, לויפן זיי פאָרויס און זאָגן זיי אָן. אָבער, אויב מיר זאָגן, אַז אויך אַ נאָמען פון אַ ווערק איז מחייב, וועלן די אַסאָציאַציעס פון אָט דעם נאָמען אונדז פירן צו רבי חנניה בן תּרדיון, — איינעם פון די עשׂרה הרוגי מלכות, וואָס ליגנדיק אויפן שײַטער מיט דער תּורה אַרומגעוויקלט, האָט געזאָגט צו זײַנע אַרומשטייענדיקע תּלמידים: — „איך זע ווי די פּאַרמעטן ברענען, אָבער די אותיות פליען אַרויס — האותיות פורחות... — און באַווײַזן אונדז אַז אויך בײַ ספאַרדן ברענען בלויז די בלעטער, אָבער דאָס וואָס איז אויסגעקריצט אויף זיי, אויף אָט די בלעטער, לעבט שוין אַ זעלבשטענדיק לעבן, אַ פרײַס, אַ באַפרײַטס. און אין דעם זין — אַ פאָרויסגעגאַנגענס.

אַוודאי האָט נאָך קיינער נישט באַשטימט, נישט אָפּגעפסקנט, צי די ווערק פון אַ דיכטער, די לידער זײַנע, מוזן אומבאַדינגט זײַן אויטענטישער

אויסדרוק פון זײַן ביאָגראַפיע, צי ניין. דער ווערט פונעם ליד איז נאָך ביז איצט נישט געמאָסטן געוואָרן לויט דעם. פאַרקערט — די עכטקייט באַשטימט. ווען אויך מיר זיך נישט באַציִען צו אָט דער פראַגע, נאָר ווען בלויז אונטערצייכענען, אַז דוד ספּאַרדס לידער דערציילן אונדז ווי אין אַ ראָמאַן זײַן לעבן, זײַן שטרעבן, זײַנע אַנטוישונגען און זײַנע האָפענונגען. און ווײַל דער יחיד, אין אונדזער קאָכיקער צײַט, לעבט נישט אויסער די אַלגעמיינע געשעענישן און אַ ייִד אַוודאי נישט, און דער „ישראל ערבים זה לזה" איז גראָד אין אונדזער תּקופה געקומען צום בולטסטן אויסדרוק — זענען זײַנע לידער קלאָרער רעליעפער אויסדרוק פון דעם וואָס עס איז אַריבערגעגאַנגען איבער אים און איבער אונדז אַלע.

זײַן בוך איז אַן איבערקוק פון די געשעענישן וואָס האָבן מיט אונדז אַ בלוטיקן שײַכות. ס'איז אַ געטרײַער שפּיגל. אויב אין זײַנע „באַרוועסע טריט" קאָן מען שוין זען די בולטע קאָנטורן פון זײַנע אומפּאַלנדיקע וויזיעטראָנען און קראַכנדיקע אידייען־פּאַלאַצן, קומט דאָס איצטיקע בוך, דאָס בוך מיט די ברענענדיקע בלעטער און פאַרשטאַרקט אָט דעם עלעמענט פּילפּאַכיק. מיר זעען דאָ און הערן דאָס געשריי פון אַ פאַרוווּנדיקטן לײַב, פון אַ בלוטיק־אַנטוישטן ליבהאָבער, גלייבער און שטרעבער. אמת, דוד ספּאַרד פאַלט נישט דאָ אַראָפּ אין שאול תּחתּיה פון צוריק־שינאה, פון אַנטוישונג־האָס צו זיך און צו דער וועלט. ער קלאָגט בלויז אָן די פאַררעטער, די בוגדים וועמענס סעקטאַנטישע אינטערעסן און אײַנגעוואָרצלטע ייִדןשינאה האָט זיי דערפירט ביז צו אַזאַ אַראָפּפאַל. טייל מאָל פילט מען אַפילו אַ מין פאָטערלעכן ווילן פון „פאַרשטייען און פאַרצײַען". ווי זאָגט ער עס אין זײַן ליד „פאַרליבטע זענען בלינד"? — „בײַם סאַמע סוף / פון אַלע באַרגאַראָפּס און באַרגאַרופּס" זענען אים ליב אַזוי „אַלע טעג / די זוניקע און כמאַריקע / און צערטלענדיק אַזוי אַ יעדער ווינט — / דער קאַלטער און דער וואַרעמער.. / כאָטש איך ווייס אַז פאַרליבטע זענען בלינד — / אַז גאָט אַליין זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען"...

און פון דאַנען זײַן וווּנדערלעך־שיין אוטאָפּיע־ליד „בײַם שאָפּענסטאַוו" ווו עס דוכט זיך אים, אָט דעם הערלעכן גלייבער, אַז שאָפּען נידערט אַראָפּ פון זײַן פליגל־מאָנומענט און ווענדט זיך צו אים:

זיי האָבן — זאָגט ער — ס'ייִדיש וואָרט געשענדט
האָב איך אַ ניגון איצט געשאַפן צו דײַן ליד.

גלײַך ווי שאָפּען אַליין האָט נישט געהאַסט און פײַנט געהאַט דעם ייִד, מסתּמא מיט זײַן ליד. אָבער אַזאַ איז ער, דער דיכטער דוד ספּאַרד. ער זעט

פאַרראַט און זעט פאַרברעכן, ער לעבט איבער די אַנטוישונג און לעבט אָבער אויף ביים נײַעם דערזען.

און אויב אין „באָרוועסע טריט" געפינען מיר ספּאַרדס אָפענע פאַרענט־פערונג־לידער, ווי —

נעמט נישט פאַר אומגוט מײַן טרויער,
וואָס דויערט און דויערט —
נישט אַלע דאָך זאַנגען
הייבן די קעפ אויף אין שײַן —
פון אייגענער שווערקייט געפאַנגען
בייגן זיך אייניקע אײַן.

עפנט ער דערפאַר דאָס איצטיקע בוך מיט אַ ליד „דער לעצטער פונק" און זאָגט:

האָסט אויפגעהויבן
דעם פרוכת פון דער נאַכט.
מײַן גלויבן
וואָס האָט דעם לעצטן פונק באַוואַכט —
דערמאָרדעט ביי דעם טויער.
און די זינגענדיקע פייגל
מײַנע טרוימען
אַכזריותדיק פאַרטריבן.

און אַזוי, אין אָט דעם טאָן, מיט אַ האַמערדיקן ריטעם, כאָטש אין שטילע, געלײַטערטע ווערטער, קומען ליד נאָך ליד ווי פאַראַגראַפן פון אַ גרויליקן באַשולדיקונג־אַקט. ערשט נאָך דעם קאָן זיך דער דיכטער צוריק דערהייבן, און אין די צווײ און צוואַנציק יידישע אותיות וואָס פליען אַרויס פון די ברענענדיקע בלעטער זינגען וועגן אונדזער „אַזוי פיל שיינקייט וואָס איז דאָ אַרום, און אַזוי פיל פּײַן / אין די פאַלדן פון די בערג און טאָלן". ביז ער רופט אויס:

גיי איך דאָ אַרום מיט זיך אַליין
באַרג־אײַן באַרג־אויס,
טאָל אײַן טאָל־אויס,
און עס דוכט זיך אַלץ מיר אויס
אַז איך בין שוין דאָ אַמאָל געווען...

פילן מיר דעריבער אין זײַנע „ברענענדיקע בלעטער" המשך, נײַעם אויפטו, נײַעם גאַנג, און שטײַגנדיקן פּאָעטישן כּוח.

1973

פּײַוול זיגעלבוים און זײַנע ביכער

פּײַוול זיגעלבוים איז באַקאַנט ווי אַן אַרטיסט, דראַמאַטורג און פּובליציסט. מיט אָט די „פּאַכן" איז ער אויך געקומען קיין ישׂראל. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אין משך פֿון דער צײַט, אַז פּ. זיגעלבוים איז געבענטשט מיט נאָך אַ „פּאַך", ער איז אויך — און לעצטנס כּמעט דער עיקר — אַ דערציילער מיט טאַלאַנט און מיט תּוכן. אין די היגע ייִדישע צײַטשריפֿטן האָט ער פֿאַר דער צײַט פֿון זײַן אײַנוואָרצלען זיך דאָ, פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען, סקיצן און פֿראַגמענטן וועלכע ער האָט שפּעטער צונויפֿגעברענגט צווישן טאָוולען און אַרויסגעגעבן צוויי אינטערעסאַנטע, אייגנאַרטיקע ביכער: „די אוהאַמאַס" (1971) און „דער כּוח צו שטאַרבן" (1976).

ביידע ביכער האָבן זיגעלבוימען געברענגט אָנערקענונג און כּבֿוד, אַזוי אַז דאָס ערשטע איז צוויי מאָל געפּרײַזט געוואָרן (מיט דעם גניע לעווי־פּרײַז אין תּל־אָבֿיבֿ און מיט דעם ווײַסליך־פּרײַז אין מעלבורן), און דאָס צווייטע — מיט אָוונטן און מיט לויב־אַרטיקלען אין דער פּרעסע.

וועט זײַן נאַטירלעך דאָס פֿרעגן: — וואָס זענען פּ. זיגעלבוימס מאָטיוון און וועלכע זענען די פּראָבלעמען וואָס באַוועגן און שטויסן אים זיי צו ברענגען פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט? —

ווער ס'האָט געלייענט זײַנע דערציילונגען אין די פֿאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, בײַ דעם איז זיכער געבליבן דער אײַנדרוק — און בײַ מיר בתּוכם, — (אַן אײַנדרוק וואָס ווערט פֿאַרשטאַרקט און פֿאַרפֿעסטיקט גראָד מיטן דערשײַנען פֿון אָט די ביכער), אַז עס גייט מיט אים מיט פֿון קינדווײַז אָן אַ מאַכטיק געפֿיל פֿון ליבע צו מענטש, פֿון שׂינאה און ווידערווילן צו עוולות, אַן אומגעהײַער מיטפֿילן מיטן לײַדנדיקן און אַ נישט־געשטילטער דאָרשט נאָך גערעכטיקייט: אַמאָל האָט מען דאָס אַוודאי באַצייכנט מיטן נאָמען סאָציאַליזם, נישט קיין צופֿאַל וואָס פּײַוול זיגעלבוים, ווי אַ ברודער פֿונעם באַרימטן „בונד"־פֿירער און פֿרײַוויליקער עולה אויפֿן מיזבח פֿון ייִדישן אומקום — אַרטור, גייט אויף אָט דעם וועג. דאָס איז אין זײַן בלוט, אין זײַן אייגנקייט.

וואָרעם וואָס אַזוינס געפֿינען מיר אין דעם ראָמאַן „די אוהאַמאַס"? —

דאָס דאָזיקע בוך איז נישט נאָר דאָס ערשטע און איינציקע פון דעם מין אין אונדזער ליטעראַטור — הגם די פּראָבלעם „שוואַרצע" און „ווײַסע" האָבן שוין אַרויסגעבערענגט לייב מלאך און אַנדערע — נאָר דאָס איז אויך אַ בוך וואָס באַהאַנדלט אַ סוזשעט אַ ווײַט-ווײַטן פון אונדזערע אונטערגאַנג־און אויפגאַנג־סוזשעטן דורך אַ ייִדיש־סאָציאַלן צוגאַנג און מיט שרײַבע־רישער געניטשאַפט.

דאָ ווערט אַרויסגעברענגט געשטאַלטן און טיפּן, מינהגים און באַגערן; פּײַן, ליידן, שימחות און ליבעס פון אַ שבט וואָס אָט זעען זיי אויס ווילד־פרעמד פאַר אונדז, און אָט ווערן זיי נאָענט און אייגן און וועלן דערפאַר בלײַבן נײַ און געטרײַ אין אונדזער ליטעראַטור.

און נישט בלויז דאָס עקזאָטישע לאָקערט אונדז — הגם עס פאַרכאַפּט אונדז די גאָר רײַכע פּאַליטרע מיט פאַרבן — און אַפילו נישט די מיסטישע סימבאָליק פון דעם העלדס נעמען, וואָס זענען אַליין און פאַר זיך כאַ־ראַקטעריסטיש; עס גייט דאָ אינעם תוך פון דער דערציילונג.

אַ זולו־משפחה וועמען דער שוואַרצער מזל איז גורם צו לעבן אונטער דער הערשאַפט פון די דרום־אַפריקאַנער „ווײַסע". אַ זיידע וואָס האָט אויס־געשפּיגן די לונגען אין די גאָלד־גרובנס און קריגט דערפאַר אַ פּאָר אַקער פעלד אין זולו־לאַנד, אַ זון וואָס רײַסט זיך אין שטאָט אַרײַן כדי דאָרט צו פירן דערנאָך אַ לומפּן־פּראָלעטאַריש לעבן און נאָכן טאַטנס טויט קומט ער צוריק כדי צו באַאַרבעטן אָט די פעלדער; אַן אייניקל וואָס וואַקסט אויס אין דער דאָזיקער היים און בלײַבט, נאָך אַ שׂרפה, דער איינציקער, און דערפאַר רופט מען אים אין זוליש אוסינדיליע — דער איבערגעבליבענער און דינגאַן — דער דערלייזער. און אָט דער דערלייזער צאָלט טאָקע דאָס „וועקסל" — ער פאַלט אין גערמאַנגל מיטן ווײַסן הערשער, וואָס מיטן אײַנ־פירן אינדוסטריאַליזאַציע פאַרשקלאַפּט ער די „נייטיווס" נאָך שטאַרקער, נאָך מערער.

און ווי זאָגט דב סדן אין זײַן אַרײַנפיר צו אָט דעם בוך: „דער המשך איז... אַ רמז פון אַ פאַרבינד־פּונקט צווישן מחבר און חיבור — דאָס אָפּגעַ־ראַטעוועטע קינד, דער קײַלעכדיקער יתום, ווערט פאַרוואָגלט אין אַ שטאָט וואָס איז טאָטאַל אַנדערש פון זײַן געבוירן־דאָרף, אָבער ער איז... צווישן אייגענע — אחינו בני זולו... דאָס קינד דערמאָנט מיט ווווקס און גאַנג אַ טיפּיש ייִדיש קינד, וואָס רײַסט זיך אַרויס פון אָפּגעשטאַנענקייט און בויט צו אייגענער ווערדע"...

מעג שוין דאָס זײַן אַן אויטענטישע באַשרײַבונג פון איינעם וואָס האָט דאָס אַלץ געזען און געהערט, אָדער — אַן אויסגעפאַנטאַזירטע יצירה, עס

פאַרלירט נישט קיין האָר פון קינסטלערישן ווערט און קיין פעדעמל נישט פון דעם אויבן דערמאָנטן. ס׳איז פֿאַראַן אין דעם ליבשאַפט, מיטפילונג און דאָרשט נאָך גערעכטיקייט.

און פון דאַנען צו זײַן צווייטן בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער כוח צו שטאַרבן", און וואָס טראָגט דעם אונטערטיטל: משפחה־בוך.

אין פלוג קאָן זיך דאַכטן: תּרתּי דסתרי, איינס איז סותר דאָס אַנדערע. ממה נפשך, רעדט זיך אינעם בוך וועגן כוח צו שטאַרבן — ווי קאָן דאָס זײַן אָנגעמאָסטן אויף אַ גאַנצער משפחה? און אַז דו לייענסט אָט דאָס בוך זעסטו דאָך באַשײַמפּערלעך אַז דער מחבר פײַוול זיגעלבוים, נישט ער שילדערט, נישט ער באַמיט זיך צו „באַווײַזן" דעם כוח פון דער גאַנצער פאַמיליע צו שטאַרבן, חלילה, וואָס זשע מיינט דאָס?

דער תּירוץ איז, אַז דאָס ווערט דערציילט, און דערציילט מיט כוח, בלויז פון איין מיטגליד אין אָט דער פאַמיליע, וואָס ער, אָט דער איינער, האָט געהאַט מוט און כוח צו שטאַרבן, צו ברעגגען אויף זיך דעם טויט מיט די אייגענע הענט. און דאָס איז דעם מחברס ברודער, דער קרוין און שפּיגל פון דער פֿאַמיליע זיגעלבוים — דער קדוש אַרטור.

און אַז מ׳לייענט דאָס דאָזיקע בוך ווערט אַלץ קלאָר און פאַרשטענד־לעך. אַרטור וואַקסט דאָ אויס צו דעם וואָס ער איז: אַ העלד!

פּײַוול זיגעלבוימען האָט זיך אײַנגעגעבן צונויפצובינדן פאַקטן און שפּליטערס, — אָן באַזונדערע ליטעראַרישע אַקסעסואַרן, — פון דעם לעבן פון זײַן משפּחה, מיט אַלע זייערע ליידן און פריידן, מיט זייערע גליקן און אומגליקן, און ס׳איז אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיק און אינטערעסאַנט בוך, פון אַ פאַמיליע פון וועלכער ס׳זענען אַרויסגעקומען אַרטור און זײַנע ברידער.

און אַז פון אָט דער צונויפגענומענער כראָניק — צוזאַמען טאָקע מיט דער באַזונדערער און וויכטיקער מאַטעריאַלן־אָפּטייל וואָס פײַוול האָט אויפגעקליבן — לײַכט אַרויס אַזוי שטאַרק דאָס געשטאַלט פון זײַן ברודער: דער בונדישער טוער און דער ליבהאָבער פון זײַן פאָלק — שמואל־מרדכי אַרטור, — ווערט עס אַ בוך פון באַדײַטונג און פון ווערט.

אין ביידע ביכער, וועמענס געבורט איז אין דער ריינקייט פון די הומאַנישע קוואַלן וואָס פליסן אינעם האַרץ און נשמה פונעם מחבר, געפינען זיך קאַפּיטלען און טיילן פון קאַפּיטלען, וואָס זענען ראוי אײַנצושטיין אין די בעסטע ווערק פון אונדזערע ליטעראַטורן, נאָר וועגן דעם דאַרף באַזונ־דער געשריבן ווערן.

יונה בערקמאַן און זײַן לידערבוך „המשך״

...שוין נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו דערמאָנען יעקב גלאַטשטיינס גלענצנדיקע אַנטי־דעפיניציע, אַז „מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט די מיסטעריע פון ליד״. און מיר ווייסן טאַקע נישט. ובפרט אין דער איצ־טיקער צײַט, ווען מיר ווייסן גראָד יאָ פון דער דראַמע וואָס איז, אָדער שטרעבט צו זײַן, אַנטי־דראַמע פון ראָמאַן וואָס איז, אין זײַן בוי און כּוונה אַנטי־ראָמאַן, איז דאָך מסתּמא דאָס מאָדערנע ליד — אַנטי־ליד. אָבער, אויב מיר ווען צוגיין באַטראַכטן אַפילו דאָס הײַנט־צײַטיקע ליד, מיט נישט קיין פאַרשטיינערט האַרץ און נישט מיט קיין פסיידאָ־וויסנ־שאַפטלעכן ווילקענעוודיקן וווּנק, נאָר, פאַרקערט, מיט אַן אָפן האַרץ און מיט נשמהדיקן אײַנהער, וועלן מיר אָן שום שוועריקייטן דערטאַפּן און דערשמעקן דעם מהות פונעם ליד, — פון דער קינסטלערישער יצירה אַרויס.

אין אונדזער קליין־תּל־אָביב פון די 20־ער יאָרן, האָבן מיר געהאַט דאָ אַ טאַלאַנטפולן חבר, איינער פון די ראשונים ייִדיש־שרײַבערס אין ארץ־ישׂראל, אברהם ריוועס ז״ל, וואָס האָט דאָ באַוויזן צו שאַפן באַדײַ־טנדיקע דערציילונגען, פלעגט ער זאָגן: „וואָס איז דאָס אַזוינס אַ געלונגענע יצירה. און ווי אַזוי ווייסן מיר צי זי איז טאַקע אַן עכטע?״ און אַליין גע־ענטפערט: — „זי איז דעמאָלט עכט, אויב זי כאַפּט מיך אָן בײַם גרגרת״...

אויב אַזוי, אויב אונדזער צוגאַנג צו קונסט וועט זײַן אַן עסטעטיש־מענטשלעכער, וועט אונדז גאָר גרינג אָנקומען, אויב נישט פעסטצושטעלן, דאָס מיינט: דעפינירן די מיסטעריע פון ליד, איז, ווייניקסטנס אויסצודריקן קלאָר און אָן צוריקהאַלט אונדזער אײַנדרוק פון דער אָדער אַנדערער יצירה.

— אַנטקעגן וואָס זענען מיר געקומען צו אָט די רייד?

אַנטקעגן דער לידער־זאַמלונג „המשך״ און איר מחבר יונה בערקמאַן, וואָס איז ביז די לעצטע יאָרן געווען אַ פּנים חדשות אין אונדזער ליטע־ראַטור. און ס׳איז טאַקע פּריקרע און מאָדנע: פלוצים שטייט אויף אַ ייִד אַ בר־אוריין, אַ דירעקטאָר פון אַ העברעיִשער גרונט־שול, וואָס דערנענטערט זיך צו דער בכּבודיקער פּענסיאָנערן־עלטער און באַווײַזט זיך אַלס אַ ייִדיש־דיכטער, און קומט אַרויס מיט אַ בוך פון 174 זײַטן. ס׳איז דאָך מעשׂה

נסים. אמת, מיר זענען שוין צו נסים געוווינט. און ווי זינגט עס דאָרט דער באַרימטער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער פּאָעט אמיר גלבוע? — „פּלוצים שטייט אויף אַ מענטש אין באַגינען, דערפילט ר'איז פֿאַלק און הייבט אָן גיין"... האָט טאַקע, ווײַזט אויס, בערקמאַן דערפילט, אַז ר'איז דיכטער און אַרויסגעשפּאַנט מיט אַ בוך. אָבער פֿאַר אונדזער רגילות איז עס נישט אַזוי לײַכט.

נאָר, אַז מיר גייען צוריק צו אונדזערע פֿריִערדיקע אָנמערקונגען, און מיר זענען נישט ווי יענער ר' יהודה, שהיה נותן בהם סימנים, נײַערט לייענער פֿון אַלטן שניט, וואָס זאָגן אין לשון פֿון אַברהם ריוועס ז"ל, אַז עכטע יצירה איז קאַפּאַבל דיך אָנצוכאַפּן בײַם גרגרת — איז יונה בערקמאַן אַ דיכטער און זײַן בוך איז אַ בוך פֿול מיט לידער.

ס'איז געזונג מיר זאָלן אַ נעם־טאָן זײַן ערשט ליד פֿון אָט דעם בוך, וואָס איז, אָדער — וואָס וויל זײַן דאָס מאָטאָ־ליד, און מיר וועלן זיך באַלד איבערצײַגן אין אָט דעם אמת.

דאָס ליד הייסט „ווער ווייס" און מיר ברענגען עס אַזוי ווי עס שטייט און גייט:

ווער ווייסט דעם צער פֿון דעם, וואָס איז מתפּלל
נאָר איז פֿון זוכן גאָט בײַם קאַלטן סנה שוין מיד,
און ס'נאָדלט אים אַדורך אַ פּחד פֿון פֿאַרפֿאַלן,
ווען ער, ווי אַ פֿאַרהונגערטער אין חלום נאָך אַ פּענעץ ברויט,
גייט אויס נאָך שפּור פֿון משהס טריט —
און משה איז שוין טויט...

צי קאָנען אָט די זעקס שורות, אָט דער כמעט־טריאָלעט דינען ווי אַ באַווײַז, ווי אַן עדות פֿאַר אונדזערע רייד? צי איז אָט דאָס ליד בכּוח אָנ־צוכאַפּן דעם בעסערן לייענער בײַם... גרגרת? אָן שום ספק! און כ'וועל זאָגן פֿאַר וואָס: א) דאָס ליד איז גאַנץ און פֿאַרמאָגט אין זיך שווונג. ב) דאָס ליד האָט פֿאַנטאַזיע און האָט לאָגיק. ג) ס'איז רײַך אין בילדער און אין מעטאַפֿאָרעס און ד) עס פֿאַרכאַפּט אײַך דער צער פֿון דעם מיד־געוואָ־רענעם גאָט־זוכער, וואָס איז מתפּלל צו אַ קאַלטן סנה.

איז קודם כּל, אַז פֿאַנטאַזיע פּלוס לאָגיק דאָס איז פּאָעזיע, האָבן שוין פֿריִערע געפּסקנט.

און איצט, אויב מיר וועלן אַנאַליזירן אָט די זעקס שורות, וועט זיך אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז די גאַנצע טראַגעדיע פֿון אַ גרויסן און חשובֿן טייל דער־קענדיקע, אידיישע מענטשן פֿון אונדזער תּקופֿה, וואָס האָבן זיך פּלוצים

אַרומגעקוקט און דערזען, אַז זיי זוכן גאָט אין אַ קאַלטן סנה, זיי זענען שוין מיד דערפֿון און סע נאָדלט זיי, עס שטעכט זיי דורך אַ פּחד אַז... אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן. וואָרעם אָט דער זוכער, פּונקט ווי אַ הונגעריקער חלומט וועגן אַ פּענעץ ברויט, גייט אויס נאָך אַ שפּור פֿון משהס טריט. משה — דער דער־לייזער, דער באַפֿרייער, דער געבער פֿון נײַע געבאָטן. נאָר, משה איז שוין טויט...

אַז איר ווילט איז די טעמע שוין אַן אויסגעקנאָטענע, אַן איבערגעגאָ־סענע, אַ באַנאַלע, עס האָבן שוין געזאָגט און עס זאָגן זי אַלע די וואָס קומען צוריק פֿון דאָרטן מידע און דערשלאָגענע. אָבער, אַז זי ווערט אַרויסגעז־ברענגט אַזוי קאָנדענסירט מיט אַזוי ווייניק רייד, און מיט אַזאַ הויכן נישט טריוויאַלן פֿאַרגלײַך — משה! — איז עס ליד, איז עס פּאָעזיע וואָס פֿאַר־כאַפּט.

אַ ביסל ווײַטער קום איך צו צו נאָך אַן עכט ליד, צום ליד „זײַן”, וואָס שלאָגט ווידער אָן אַ נישט־געפּעלשטן טאָן, אַ ריינעם פֿאַרן אויער און האַרץ, אין וועלכן ער דריקט אויס זײַן פּשוט־מענטשלעכן חשק צו זײַן, און ער זאָגט:

דער חשק צו זײַן דאָרט ניט אײַן
אַפֿילו ווען עס הילכן אָפּ פּראָסטיק די טריט פֿונעם ווינטער.

— — —

דער חשק צו זײַן שאַרפֿט זיך אויס מיטן הײַנט,
מיט חשבון פֿון שקיעה, וואָס לייגן זיך אויס אויפֿן
שטערן צעאַקערט.

געשעט דאָ ווידער דאָס זעלבע ווי מיטן ערשטן ליד: נישט קיין נײַע טעמע, נישט קיין סופּער־אַנטדעקונגען — און ס'איז אַפֿילו אַ מאָטיוו וואָס חזרט זיך בײַם דיכטער אַליין איבער אַ סך מאָל — פֿון דעסטוועגן נעמט אײַך אָט דאָס ליד. פֿאַרכאַפּט אײַך מיטן עכט־מענטשלעכן וואָס אין דעם און מיט דער ריינקייט און רײַכקייט פֿונעם לשון. איר הערט דאָ און זעט — און דאָס וויכטיקסטע דערבײַ איז דאָס זען! — ווי בעת אונדזער מחבר דעקלאַרירט זײַן חשק צו זײַן, דערזעט ער און דערהערט ווי הינטער פֿאַרקאָוועטער שויב הילכן אָפּ פּראָסטיק די טריט פֿונעם ווינטער. און מיר דערזעען שקיעות — תּרתּי משמע! — און אַ צעאַקערטן שטערן פֿון אַ מענטש וואָס ווערט פֿון אָט די שקיעות עלטער.

זענען דאָס די וואָגיקסטע בײַשטײַערונגען צום ווערט פֿון יונה בעקער־מאַנס „המשך”.

*

ביי יונה בערקמאַן זענען פאַראַן לידער, וואָס בעטן זיך מ׳זאָל זיי פאַר־געדענקען, ווי אַ שטייגער „אַ בלויער שטראַל פאַר זײַן באַגין". דעם דיכ־טערס גאַנצע ליבע איז אָפן פאַרן אָטעם פון אַ קוים־באַריר, פאַרן ציטער פון נאָך נישט געבוירענע ניגונים און — ווידער אַ מאָל — דער גערעַנגל האַ־מערט אויס קאָרבן אויף זײַן הויט... פאַראַן ביי אים לידער סענטימענטאַלע, וויינענדיקע אָדער באַוויינענדיקע, און איר לויפט זיי דורך מיט ציטער: צי וועט עס דעם נאָך־נישט־רוטינירטן פּאָעט געלינגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון אָט דעם ווילדן ווערטער־וואַלד פון קינה, באַדויער, רעזיגנאַציע און אָן אַ שיעור נאָסטאַלגיע און נישט אַרײַנפאַלן אין אָפּגרונט פון באַנאַליטעט? אָבער, זעט אויס, דאָס דיכטערישע געפיל וואָס ווינט אין אים, מסתמא פון לאַנג אָן, און דאָס קלאָרע וויסן וווהין עס ווילט זיך אים גיין און גרייכן, דאָס אַלץ העלפט אים זיך אַרויסצושלעפּן פון דער פאַרלוירנקייט און ברענגט אים צו — כ׳וועל דאָס זאָגן אין זײַן פאַרהעברעיִזירטן לשון — לחוף מבטחים. צו אַ זיכערן ברעג.

כ׳האָב געזאָגט „אין זײַן פאַרהעברעיִזירטן לשון" איז דאָס מיך מחייב אויסצוטײַטשן.

יונה בערקמאַן דערציילט אונדז דורך זײַן ליד „מײַן תפילה", אַז... ר׳איז אַן אייניקל פון פרומע אָבות... ווײַזט אויס, אַז ער מיינט, אַז אַן „אייניקל" איז מחויב צו רעדן אין דער פרומער, לומדישער שפּראַך פון די זיידעס. זעט מען דאָס באַלד אַרויס שוין אין דעם, וואָס אַ פינפטע טייל פון זײַנע לידער פאַרמאָגן ריין העברעיִשע נעמען.

ווייס איך נישט צי כ׳זאָל אים דאָס אויסרעדן צי ניין. איינס אָבער ווייס איך, אַז נישט אַלע טעמעס זענען מסוגל איבערצוקאָכן און פאַרדייען די אַזוי פיל נאָך־נישט־איבערגעקאָכטע העברעיִשע ווערטער אין יידיש, ווי במשרים, כה לחי, יעקבס סולם, שטערנדיקע דממה און ענלעכע. וואָרעם, אינו דומה חסידיש־הימליש־רביִיש געזאַנג וואָס קאָן זיך אָן דעם נישט באַגיין, צו טאָג־טעגלעכס, ריין־מענטשלעכס, וואָס האָט בשום אופן נישט קיין קלענערן ווערט, אָבער נישט נאָר קאָן זיך דאָס אָן דעם באַגיין, נאָר, כ׳וואָלט אַפילו זאָגן — פאַרטראָגט עס נישט. דאָס לשון, די פּאָעטישע שפּראַך מוז קליידן צום פּנים פון באַזונגענעם. אַוודאי קאָן מען דאָ זײַן אַ ר׳ לוי יצחק און זאָגן: רבונו של עולם, זעסט דײַנע יידישע פּאָעטן? אַפילו בײַם באַזינגען וויינענדיק זײַן פראָסטן, אָרעמען, וואָכעדיקן גאַניק, וואָס איז נאָך נישט אַלט אַפילו אינעם לאַנד פון די שבטים, כאָטש ער אַליין טרעט

שוין באַלד אויפֿן שוועל פֿונעם ווינטער — באַניצט ער זיך מיט אַ נײַעם „מודה אני”.

וועט טאַקע קיינער נישט זאָגן, אַזוי גלייב איך, אַז דעם באַרדיטשעווערס צוגאַנג טויג דאָ נישט. נאָר איך — הגם איך ווייס, אַז יונה בערקמאַן האָט זיך באַוויזן מיט זײַן ערשטלינג בעת ער שטייט שוין אויף דער שוועל פֿון ווינטער — וועל שיקן דעם לוח צום רוח, און וועל זען אין אים אַ יונגן רײַפֿן פּאָעט, וואָס דאַרף און מוז זיך צוהערן צו די געזעצן פֿון אַ שפּראַך, און וויסן, אַז דער ווערטער־אוצר פֿון אַ ליד מוז זײַן אַדעקוואַט מיט דער טעמע, מיט דער סיטואַציע.

*

דער ייִדיש־דיכטער יונה בערקמאַן, איז אַ מענטש מיט אַ ייִדיש האַרץ און מיט ייִדיש געמיט. זײַן היים־ווײ, זײַן בענקשאַפֿט צום געוועזענעם איז נישט ליטעראַרישע מאָדע, נאָר אינערלעכער באַדאַרף, נישט נאָר פֿאַרברענט ער נישט מיט זײַן ליד דאָס שטעטל, דעם ייִדישן הילוך דאָרט, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע פֿון זײַן דור, נאָר ער באַוויינט עס און רופֿט עס ניגונדיק אַרויס אין זײַן זכּרון. און איינער פֿון זײַנע סימפּאַטישסטע שטריכן איז דאָס וואַרעמען זיך, אָדער — דאָס דערוואַרעמען זיך בעתן ווידער־דערזען דעם אים גוט־באַקאַנטן „אַמאָליקן” ייִד. פּאָעטיש־עמאָציאָנעל דריקט ער דאָס אויס אינעם ליד „מיך פֿאַרפּלייצט אַ וואַרעמקייט”:

איך קען נאָך הײַנט נישט זוכן טרייסט אויף האַרבע
ספּיקות אין בית מדרש,
כאָטש מיט קיין תּשובה בעסערער מײַן טאָג איז ווײַט
נאָך נישט באַוואָרנט.
נאָר מיך פֿאַרפּלייצט אַ וואַרעמקייט, ווי פֿון מאַמעס שמייכל,
ווען כ'זע אַ ייִד אין אַ קאַפּאָטע, מיט אַ טלית אונטערן אָרעם.

דאָס מיינט נישט, אַז בערקמאַנען ציט צוריק צום טלית. דאָס טאַקע נישט, אָבער אָט דעם ייִד האָט ער נישט נאָר נישט פֿײַנט, נאָר פֿאַרקערט — ער האָט פֿאַר אים ליבשאַפֿט, נאָענטקייט, מיטלײַד. און דעריבער דאַרף געזאָגט ווערן: אָט אַזאַ איז דער דיכטער בערקמאַן און אַזאַ איז זײַן ליד.

1973

איידעלע שירה

(רבקה באַסמאַנס שאַפן)

אין דער ווונדערלעכער מאָזאַיק פון דער ייִדיש־דיכטונג, וואָס פינקלט און שימערירט מיטן גלאַנץ פון אַן אַ שיעור טײַערע שטיינער, לײַכט אַרויס פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, אַ פײַן־געשליפענער איידלשטיין — די דיכטונג פון רבקה באַסמאַן.

אין אונדזער שפּראַך־אוצר קאָנען מיר געפינען: אַלבאַסטערשטיין און גלימערשטיין, מאַנדלשטיין און מירמלשטיין, פּערלשטיין און שטערנשטיין און נאָך, און נאָך. וועט אפשר נאָך קומען אַ צײַט און מיר וועלן קאָנען רבקה באַסמאַנס דיכטונג אָנרופן מיט אַ געניי צוגעפּאַסטן קוואַליפיציר־נאָמען, און באַשטימען וועלכער טײַערשטיין איז דער סימן פון איר שירה, דערווײַל אָבער — אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די ביז איצט אַרויסגעגעבענע דרײַ לידער־זאַמלונגען אירע (טויבן בײַם ברונעם, 1959; בלעטער פון ווענן, 1967; ליכטיקע שטיינער, 1972) — שטעלן מיר זיך אָפּ אויף איידל. ווײַל מיר געפינען אין זיי ווײַבערישע צאַרטקייט, לירישע חלומדיקייט און דיכטערישע איידלקייט.

אָט גיבן מיר אַ מיש איר ערשטע זאַמלונג (טויבן בײַם ברונעם) און מיר באַגעגענען זיך מיט אַ פינף־שורהדיק ליד, אין וועלכן די דיכטערין דער־ציילט:

דורות קוקן שטילערהייט
אַרײַן אין מײַנע שויבן.
ווען די זון איז נישטאָ
און אין צימערל איז גראָ
שוועבן זיי ווי טויבן.

איז אַוודאי שויבן און טויבן, נישטאָ און גראָ גאָר לײַכט צונויפצופּאָרן. אָבער, וויפל חן, וויפל ציטער, וויפל שטילע באַהעפטונג מיט דורות ליגט אין אָט די פּשוטע פינף שורהלעך? רבקה באַסמאַן טוט דאָ אַזאַ איידעלן שוועב,

— חלילה די ערד נישט באַרירן! — צו אַ שׂרה בת טובים און צו אַ גאַנצער פמליא פון זינגערינס און זאָגערינס, אַזש אַ גוט אויער וועט דער־הערן דעם אָפּהילך פון תּחינות און פון ווונדערלעכער שירה פון אַ רחל, פון אַ לאה גאָלדבערג (דער עיקר — פון אירע טײַך־לידער), אַוווּ די צאַרט־קייט און איידלקייט וויברירט אין יעדן אות זייערן. ווײַל ווי זיי שטעלט די פּאָעטין רבקה צונויף אירע שורות, אירע פּערזון, מיט איידעלע צניעותדיקע פרויען־הענט — אירע הענט. בעת די דורות קוקן אַרײַן אין אירע שויבן, איז שטיל. בעת זיי שוועבן, איז די זון שוין נישטאָ. ווי זיי וואָלטן קומען, ווי אונדזערע כּשרע באָבעס און מאַמעס, צוריקגייענדיקע מיט שעמעוודיק־פרומע טריט — פון טבילה. און פון דאַנען דער פון זיך אַליין געקומענער טויבן־אימאַזש...

לייענען מיר רבקה באַסמאַנס לידער דערזעען מיר און איבערצײַגן זיך, שוין צום וויפלטן מאָל, אַז עכטע געלײַטערטע יידישע פּאָעזיע, אין יידיש ווי אין עברית, בעת זי קומט אַרויס פון די נשמה־ און האַרץ־טיפענישן פון אַ דיכטערין, מוז באַרירן יענע סטרונעס, די פאַרבאָרגענע אין די הערצער פון יידישע מאַמעס, וואָס ציִען זייער אומעטיקן ניגון פון די תּחינות, פון דעם שבת־פאַרנאַכטיקן „גאָט פון אברהם" און פון דער מוטער רחלס געוויין אויף די קינדער.

פון דאַנען וועט אונדזער רבקה קומען צו איר „ברונעם", פון וואַנען זי וועט אַרויסעמערן די צאַרטע מאַמע־רייד פונעם ווײַטן וויגל און וועט זאָגן:

> אין לויטערע ווערטער
> דערפיל איך דײַן זײַן,
> — — —
> לאָמיר פאַרנעמען די לויטערע שפּראַך,
> די, פון דעם ווײַט־ווײַטן וויגל.

*

אין איר צווייטער זאַמלונג (בלעטער פון וועגן) איז שוין די דיכטערין רײַפער, דערפאַרענער, דרייסטער. סײַ די צײַט, סײַ זי אַליין האָבן שוין אַרײַנגעלייגט אינעם ליד עפּעס מער ווי לויטערע ווערטער, לויטערע שפּראַך. די וועגן האָבן איר עפּעס־וואָס באַוויזן, עפּעס איר געלערנט. רופט זי אָן אַ תּקופה אין איר און אין איר פאָלקס לעבן — אַ צײַט־אָפּשניט אין וועלכן די „באַפרײַער פון דער מענטשהייט" האָבן פאַרשניטן דאָס לעבן און די שאַפונג פון יידישע שרײַבערס און קינסטלערס — מיטן נאָמען: אין אײַנ־ליכט...

און זע.

מיט אַלעם דעם וואָס זי האָט ווידער־איבערגעלעבט שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון מאָסקווע, זענען אירע טענות ווידער אַ מאָל שטילע, איז זי ווי־דער איידל, צאַרט און צוריקגעהאַלטן ווי פריִער. לויט איר נאָך איז דאָס ליכט דאָרט אַ געפּרווירנס, אַן אײַזיקס, ווײַס און שווידערנדיק ווי דאָס פּראָסטיקע ליכט אויף אַ בית־הקברות. און אין אָט דעם ליכט דערזעט זי די קדושים אונדזערע און באַוויינט זיי, און באַקלאָגט זיי שעפּטשענדיק־שטיל, עס זאָל קיין בייז אויער נישט דערהערן. זי דערקלערט זיך זיי אין ליבע, זי טרייסט די פאַרחרובטע ייִדישע אותיות און זאָגט זיי מאַמעדיק: „איר זענט טרערן פון מײַן געוויין״.

שפּעטער קומט דער אָפּטייל „צו אַ בוים פון דער ווײַט״ אין וועלכן עס זעט זיך אַרויס דער ווילן צו פאַרוואָרצלונג, צו פאַרצווײַגונג, צו גלײַכן זיך צום בוים אין זײַן באַשטאַנדיקייט, אין זײַן נישט מורא האָבן פאַר אַ ליאַדע ווינטל. און פון דאַנען איר דערקלער:

ניט אין ווײַטן נעסטן מײַנע שטערן
און עס לאָקט מיך ניט די ווײַט פון רוים,
אַלץ וואָס איז ניטאָ און וועט נאָך ווערן
נענטערט מיך צום בוים.

נאָך דעם קומען לידער וואָס ברענגען גרוסן פון אַמעריקע — „צווישן מויערן״. און עס קומען „אין פאַרב פון וואָרט״ — אַוודאי די געבענטשטע השפּעה פון איר טאַלאַנטפולן מאַן, דער קינסטלער מולי בן חיים, און נאָך. נאָר עס טוט אײַך אַ רוף אויף קעריק דער ערשטער אָפּטייל אין אײַז־ליכט און גאָר באַזונדער דאָס ליד אין וועלכן די דיכטערין איז מכריז:

איך ווייס

כ׳וועל ריידן צו דיר דורך אַ משל אַן אַלטן,
פאַר וואָס איז אַ בלימל אין פעלדזן דער שענסטער?
זײַן בייט איז אַוודאי דער קלענסטער,
די וואָרצלען די דינע פאַרקלאַמערט אין שטיינער
און אויסער זיי — פעלדזן, און קיינער ניט, קיינער.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, ווי אַזוי אָט די בלומען
בליִען און גליִען און בענקען און שטומען,
איך ווייס, אַז אויך איך בין אַ צווײַגל מסתמא

פון יענע די זעלביקע בלוטיקע שטאַמען,
וואָס בליִען בײַ פעלדזן און וואַרטן ווי שטיינער,
און אויסער די פעלדזן — קיינער ניט, קיינער.

ווייסט רבקה באַסמאַן ווער זי איז, פון וואַנען זי שטאַמט און זעט דעם עלנט — אירן און יענעמס — ווײַט דערפון קומען אַ ווײַטערדיקער שפּאַן פון עכטע באַסמאַנישע לידער און די דיכטערין ווײַט זיי טאַקע באַקריינען מיטן פיל צוזאָגנדיקן נאָמען „ליכטיקע שטיינער״.

פאַרוואָר בײַ רבקה באַסמאַן זענען נישט נאָר די שטיינער ליכטיק, נאָר אַפילו אויך איר טרויער, איר אומעט. אָט עפנט זי איר זאַמלונג מיט אַן אָפּטייל „מיט אײַערע נעמען״, ברענגט זי אָבער אין סאַמע אָנהייב אַ ליד וואָס זאָגט:

אַז מענטשן וואָלטן אָנגעהויבן זייער טאָג
מיט פלאַנצן בלומען,
וואָלט צו זיי קיין שלעכט געמיט
און מחשבות בייזע ניט געקומען.

וואָרעם די דיכטערין, ווי אַ געטרײַע מאַמע, וויל אונדז אָפּגעוויינען פון צו טאָן שלעכטס. זי וויל אונדז היטן און פירן אויף די וועגן פון גוטס, און מיר דערפילן ווידער און דערזעען דעם ליכטנדיקן טרויער וואָס פינקלט אַרויס פון איר ליד, מיר זעען די געלאַסנקייט און די שטילקייט וואָס פירט אונדז צוריק צו אירע פריִערדיקע צוויי זאַמלונגען.

און אַז מיר פאַרגלײַכן איין זאַמלונג מיט דער אַנדערער זעען מיר, אַז מיט איר רײַף־געוואָרענעם ליד דורך אָט די פינף־און־צוואַנציק יאָר, איז נאָך אַלץ די באַשיידנקייט און די אײדלקייט דער סימן מובהק פון איר ליד.

1976

דאָרע טייטלבוים

א

די זון האָט מאַיעסטעטיש זיך געגליטשט אויפֿן צעפֿלאַמטן האָריזאָנט, לאָזנדיק זיך בהרחבֿהדיק אַרײַנגיין אין די ים־פּאַלאַצן, מעשׂה מלך וואָס לאָזט זיך אַהיים נאָך אַ מידן יאַגד־טאָג, און הינטער אים — אָנגעטאָן אין פּורפּורוויט און אין גינגאָלד — די באַגלייטערס, די סוויטע.

פֿון דעם בדחילו ורחימודיקן ים אַרויס האָט אַ שטיפֿעריש ווינטל אַ שפּיל געטאָן דעם „קייזערלעכן הימען", אַ בלאָז געטאָן מיט טרומייטערס און מיט פֿלאַטערנדיקע פֿענער, כּבֿיכול, אַזש די האָר אירע — די קאַשטאַן־ברוינע מיט קופּעררויטן אָפּגלאַנץ אין זייערע שפּיצן — האָבן זיך געריסן פֿון אונטער דעם זײַדענעם שאַרף אָפּער, מיט וועלכן די דיכטערין האָט אַזוי חנעוודיק־קאָקעטיש זיי אַרומגענומען, און האָבן לויכטנדיק געוווּנקען.

דאָרע טייטלבוים, די ייִדישע דיכטערין פֿון פּוילן, פֿון אַמעריקע, פֿון פֿראַנקרײַך, רײַך מיט ליטעראַרישן באַגאַזש און אָנגעפּילט מיט ליבע און... פֿאַרשווײַגונג, איז געזעסן אַנטקעגן מיר אויף אַ באַנק בײַם ים־ברעג אין תּל־אָבֿיבֿ, צוגעזען דאָס וווּנדערבילד פֿון שקיעה און זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט דורך איר פּאַטעטיש־ברויזנדיקער פּישוף־שפּראַך, ווי אַ דיכטערין, וואָס לעבט בשלום מיט איר כּוללדיקער שאַפֿונג, אין מושלמדיקער, איינמאָליקער קאָרעלאַציע.

ב

דער נײַגער האָט מיך געצויגן און געיאָגט צו אירע פּאָעטישע ווערק. כ'האָב דאָך געוווּסט, אַז די פּאָעטין טייטלבוים פֿאַרמאָגט שוין איר אייגנס אַ 6־5 לידער־זאַמלונגען, וועמענס קאָכיקע סאָציאַלע מאָטיוון עס האָבן זיי געמאַכט נאָענט בײַ איין טייל לייענערס און ווײַט — בײַ אַן אַנדערן טייל. אָבער, כ'האָב געוואָלט זען און מיר אַליין באַווײַזן, אַז דאָס געזאָגטע אירס, דאָס דערציילטע האָט אַן ענגן שײַכות מיט דעם פֿון איר געשריבענעם. האָב איך פֿון מײַן ביכער־שאַנק אַרויסגענומען אירס אַ לידער־זאַמלונג וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, בײַם פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך" אין 1965 אונטער

דער רעדאַקציע פון דוד ספאַרד, מיט אַ הילע וואָס עס האָט געצייכנט טאָמאַס גלעב, און וויל אין סימבאָליסטישן רמז ווײַזן אַ פולן, אַ גרויסן קאָפּ. אויך די פאַרב אירע — לויכטנדיקער אָראַנזש — מיט אַ ווײַסן לײַדיקן פלעק — אַן אויג, וויל ווינקען און וועקן און זאָגן, דאָס וואָס די דיכטערין זאָגט אַן מיטן נאָמען פון איר בוך — „דער וועג צום מענטש".

האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט:

דאָ וועל איך זיכער געפינען דאָס קעגנזײַטיקע באַציִען זיך פון דער דיכטערין צו איר דיכטונג און פאַרקערט. דאָ, האָב איך אין זיך געטראַכט, וועל איך אָן שום ספק דערזען די גאַנצע מילדקייט און מיטלײַדנדיקייט פון אָט דער פּאָעטין צו לײַדנדיקע און צו ליבנדיקע, צו די וואָס גלייבן און צו די וואָס האָפן, דאָ וועט אַ שפריץ טאָן אויף מיר מיט שירה וואָס באַזינגט און באַווייִנט פריידן און ליידן, האָפענונג און אַנטוישונג, דער עיקר — ליבע, אָט די ליבע וואָס איר צאַרטע, זיך־ברעכנדיקע פיגור, מיט איר גרויסשטאָטישער עלעגאַנץ דריקט אויס און שרײַט פון איר אַרויס. האָב איך זיך געלאָזט אויף איר „וועג" און זיך אָנגעטראָפן אויף זײַט 192 אויף אַ ליד „מײַן גלויבן".

אַ דיכטער, יעדער דיכטער, האָט זיך זײַן גלויבן. אָן גלויבן, ווייניקסטנס אין זײַן אייגענער פּאָעטישער שליחות, קאָן קיין דיכטונג נישט געמאָלט זײַן. האָט געצויגן און גערייצט דער נײַגער צו לייענען און זיך באַקענען מיטן גלויבן פון אַזאַ שטורמישער נאַטור, פון אַזאַ ווילקענעוודיקער און פון־לעבן־אָנגעלערנטער פּאָעטין. כ'האָב געוואָלט זען אין וואָס גלייבט זי און וואָס איז איר גלויבן מבשׂר.

און אָט וואָס כ'האָב אַרויסגעלייענט פון איר ליד:

נישט גאָט האָט מיך צו אײַך געשיקט
מיט הייליק גײַסט געווען כ'בין קיינמאָל נישט באַהויכט.
נאָר מיט תּאווה, שׂינאה, גײַציק און געמיין
צו אײַך איך בין געקומען.

פון אָבות אוראַלטע, פון ערשטן מערדער קַיִן
עס וואָרצלט זיך מײַן שטאָם.
פון יאָרן־בערג באַוואָקסענע מיט זינד
אַליין בין איך אַ קינד.

און עס גייט אָוועק אַ שילדערן זיך אַליין, אַז... „אַמאָן דער גאָט פון שלעכטס אין מיר נאָך וואַכט"... „איך בין אַ טיגער נאָך / אַ קאָבראַ, / אַ

בוסאַר". האָט דאָס מיך פֿאַרווירט און כ'האָב זיך געלאָזט זוכן פֿאַרגלײַכע־נישן בײַ אַן אַנדערן, אַ פֿאַרצײַטישן דיכטער, בײַ דעם בעל־ה„איכה", וואָס האָט נאָך מיט טויזנטער יאָרן פֿאַר איר זיך אָנגעזען מיט אַן אַ שיעור שלעכטס און האָט דאָס אויסגעיאָמערט דעם אני הגבר.

לאָמיר אים ציטירן לויט יהואָשן:

איך בין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּײַן
דורך דער רוט פֿון זײַן צאָרן.
ער האָט מיך געפֿירט און געמאַכט גיין
אין פֿינצטערניש און ניט ליכטיקייט.
פֿאַרוואָר, קעגן מיר ווידער און ווידער
קערט ער זײַן האַנט אַ גאַנצן טאָג.

ער האָט אָפּגעצערט מײַן פֿלייש און מײַן הויט,
ער האָט צעבראָכן מײַנע ביינער.
ער האָט מיך באַבויט און אַרומגערינגלט
מיט גיפֿט און מיט מאַטערניש.
ער האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין חושכנישן,
ווי מתים פֿון לאַנג אָן.

האָט דער פֿאַרגלײַך מיר בפֿירוש געוויזן ענלעכקייטן.

נאָך האָט ער מיר געוויזן, אַז „פֿון אָבות אוראַלטע, פֿון ערשטן מערדער קַיִן, / עס וואָרצלט זיך מײַן שטאָם" — קאָן געזען ווערן ווי אַן אַקסיאָמע, אָבער — ווי ווײַט, ווי מיליאָרדן מײַלן ווײַט איז דאָס פֿון „איכה"! — דער אויסקלאָגער פֿון דער אומפֿאַרגלײַכלעכער עלעגיע, רעדט דאָך וועגן אַן עמעצן (און מיר פֿאַרשטייען תיכף ומיד ווער דער עמעצער איז!): ער, ער, ער, ער האָט אים געפֿירט, ער האָט אָפּגעצערט זײַן פֿלייש, ער האָט צעבראָכן זײַנע ביינער און אים אַרײַנגעזעצט אין חושכנישן... בײַ דער מחברין פֿונעם ליד „מײַן גלויבן" איז קיין ער נישטאָ.

אמת, זי פֿירט אויס:

נאָר אין מײַן היכל געשענדעטן מיט אויסגעהאַקטע שויבן
עס וואָרצלט טיף און יורשט נאָך אַלץ מײַן גלויבן.
געפֿורעמט און געשלײַפֿט כ'האָב אים אין גריבער פֿול מיט פּײַן,
אַז דו מאָרגן־מענטש
אין מיר געראָטן זאָלסט נישט זײַן!

רירט דאָס טאַקע, ווײַל דאָס איז איבערצײַגנדיק, אָבער עס פעלט אין דעם די ריכטונג, דער אָנווײַז, דער ווער אָדער וואָס, וואָס איז בכּוח אַזאַ אייביקע לאַגע פונעם מענטש צו ענדערן. און דאָ רעדט זיך דאָך וועגן אַ וועג צום מענטש. דאַרף דאָס אַרויסגעברענגט ווערן.

פון דאַנען טוט די דיכטערין אַ שווינדלענדיקן לויף, און מיט איר מע־טאַל־שטאַרקן לשון, מיט דער הייסקייט פון איר לאַוועדיקן אָטעם טוט זי אַ הילכיקן פרעג: „זאָגט מיר ווער בין איך?" און מיט אַ נאָך מער פאַרשטאַרק־טערן ווערטער־פלוס, מיט שטוינענדיקע און אויפטרייסלענדיקע אימאַזשן פרווּוט זי זיך אַליין ענטפערן אויף איר רעטאָריש־אויפגעשטעלטער פראַגע:

בײַנאַכטן דערשאָסענע לאַנגע מיט העלדזער קלעפּיקע שוואַרצע.

— — —

באַגינענס פאַרפלעקטע מיט פידלען אויף פּלייצעס

— — —

דערוואָרגענע זונען אויף פּלויטן.

— — —

קישנס מיט קולות פאַרשטאָפּטע.

— — —

אַ קינדהייט מײַנע, אין שוואַרצע צעלעכערטע פּאַטשיילעס
מיט אויסגעפּליקטע, פאַרבלוטיקטע בערד,

ביז זי טוט אַ זאָג:

אַ, קינדהייט מײַנע, מיט צעשפּאָלטענע טרוקענע ליפּן,
וואָס קריכסטו מיר נאָך ווי אַ הונט?
בין איך פון אַלמערלעך פאַרשלאָסענע דאָס פאַרטריקנטע ברויט,
וואָס האָט אויפן מעסער געוואַרט?

איז אויב מיר האָבן פריער גערעדט מכּוח דער קאָרעלאַציע צווישן דער דיכטערין מיט איר ליד, וואָלט נישט זײַן מער ווי גערעכט אונטערצוצייכענען דאָ די קעגנזײַטיקע באַציִונגען און דאָס ווינען בכפיפה אחת, אָדער: אין איין האַרץ, פון צוויי פּאָלאַרע געפילן — גרויסע ליבע און גרויסע שׂינאה. דאָס פירט אונדז נענטער צום אמת און וועט זיכער זײַן אַ דאַנקבאַרע אַרבעט פאַרן פּסיכאָאַנאַליטישן קריטיקער, צו קומען און זיך פאַרטיפן און אַרײַנטיפן אין דאָרע טייטלבוימס זעלטענער, רײַך־קלינגעוודיקער דיכטונג, כּדי אונדז צו פאַרטײַטשן און אויסטײַטשן ווי אַזאַ דערשײַנונג דאַרף פאַרשטאַנען ווערן.

וואָרעם מיר פילן זיך ענג אין אַט דער רחבותדיקייט, מיר פילן זיך געפּענטעט אונטער אָט דעם אומפאַרגלײַכלעכן רעגן פון לשון און אימאַזשן. כאָטש מיר ווייסן, ווי עס ווייסט דאָס דער קריטיקער־פּסיכאָאַנאַליטיקער גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס זאָגט עס אינעם אַרײַנפיר צו זײַן באַדײַטנדיק בוך „פון די טיפענישן”: „אין דער ייִדישער ליטעראַטור לעבט אַ נשמה־יתירה פון העכערע מאָראַלישע נאָרמען און עטישע ווערטן, און אין ייִדישן קינסטלער אַ וואַכער סאָציאַלער געוויסן, וואָס טראָגט זײַן וואָרט צו דער וועלט ווי אַ תפילה פול בטחון און גלויבן אין מענטשן”. איז טאַקע דער „וואַכער סאָציאַלער געוויסן” דער קען־צייכן פון דאָרע טייטלבוימס דיכטונג, אָבער צו „תפילה פול בטחון” דאַרף זי ערשט קומען. אמת, אַפילו אין איר אידייִש־אַנגאַזשירטסטן פעריאָד, בעת זי האָט געזונגען אין כאָר מיט די אָן אַ שיעור רעוו.־זינגערס, אויך דעמאָלט איז איר וואָרט געווען אַנדערש, איר שפּראַך רײַכער און איר ליד האָט זיך אַרויסגעהערט מיט זײַן אייגנאַרטיקן ניגון און לעקסיק, פון דעם גאַנצן כאָר אַרויס. און דאָס איז געווען איר זכות. נאָר ווײַל געבונדן מיט קייטן צו אַ וועלט־קוק, צו אַ תחומיקער פילאָסאָפיע, וואָס נישט אַלע זענען געווען בכּוח זי צו באַנעמען, האָט איר פּאָעזיע געענערט נאָר איין טייל לייענערס, און דאָס איז זיכער נישט געווען איר ווילן, און נישט דער ווילן פון איר ליד.

ג

צו די לענדער, אין וועלכע די דיכטערין האָט געוווינט און געשאַפן, איז לעצטנס צוגעקומען דאָס „לאַנד פון די אָבות”. אין אָט דעם לאַנד ווו ייִדיש האָט געהאַט אויסצושטיין נגישות און רדיפות און דאָך איז דאָ געוואַקסן און געדײַעט אַ ייִדישע ליטעראַטור מיט אַ געזעלשאַפטלעכן מעמד, וואָס האָט דערמעגלעכט די נײַע עולים־יוצרים, צוזאַמען מיט די וותיקים־מתמידים, צו שאַפן דאָ און באַשאַפן דעם לעבעדיקסטן צענטער פון דער ייִדיש־וועלט, האָט אונדזער דיכטערין זיך אויסגעבויט אַ נעסט, אין וועלכער זי וואַרעמט אויס אירע נײַסטע שאַפונגען — אייגנאַרטיקע לידער און פּאָעמעס.

דאָרע טייטלבוים, וואָס האָט געהאַט די זכיה אַריבערצוגיין די גרענעץ פון דער ייִדיש־אימפּעריע, און אירע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש, פראַנצייזיש, רוסיש, וויעטנאַמיש, כינעזיש א.אַנד. אין זכות פון זייער אָננעמען זיך די קריוודע פון די געקריוודעטע (אָט דער „וואַכער סאָציאַלער געוויסן”) און נישט ווייניקער אויך אַדאַנק דער וויברירנדיקער, ברויזנדיקער ליריק וואָס אין זיי; אַ ליריק, וואָס פליט אָפט אויף די פליגל פון אַ ביז גאָר רײַכער פאַנטאַזיע און שטעלט זיך תמיד אָפּ אויף דער גרין־גרויער ער־

דישער ווירקלעכקייט — האָט דאָ זוכה געווען, אַז דאָס ערשטע בוך אירס וואָס איז הי דערשינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך" א.ב. „געזאַנג פון זינק־זאַמד דור" זאָל צוזאַמען מיט אַ צאָל פריִערדיקע לידער אירע וווּנדערלעך איבערגעזעצט ווערן אין עברית דורך אַברהם שלאָנסקי, אויף וועלכן די העב־רעיִשע און טעלעוויזיע אויך די יידישע פרעסע האָט זיך אָפּגערופן ווי אויף אַן איינמאָליקער דערשיינונג.

איז די פּאָעמע, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען ווי דאָס בוך, אַן ענין פאַר אַ באַזונדערער באַהאַנדלונג. דאָס איז אַ טעמע אַ ברייטע און טיפע וואָס קאָן אין אַ פּאָרטרעט־אַרטיקל נישט אַריינגעצוימט ווערן. אָבער אונדז גייט דאָ אין דעם לירישן טייל, אין דעם לידער־טייל, וועלכן זי הייבט אָן מיט אַ ליד מיטן נאָמען — ליד.

איז לאָמיר דאָס ברענגען גאַנצערהייט:

נישט אין יאַלקע אויסגעפּוצטער
זיין זאַלסטו גראָטן,
מיט ווערטער, ווי מיט לעמפּלעך
באַלויכטן און באַצירט,
מיט גאָלד און זילבער־שטויב
באַשטערנט און באַשאָטן.

דו מיין ליד,
אין מידבר־בוים זיין דו זאָלסט געראָטן,
נישט קיין בלעטער־קרוין אַ גרינע,
און נישט קיין שאָטן,
נאָר וואָרצלען לאַנגע, פאַרעקשנטע
אין מידבר־זאַמד די זאַפטן צו געפינען.
פון רויב־פייגל צעגריזשעט און צעפּיקט,
פון טייפונען —
געבויגן, געדראָשן און געבראָכן,
נאָר נישט באַזיגט.

איז אַוודאי אָט די יידישקייט־דערקלערונג נישט ניי. די דיכטערין האָט שוין וועגן איר פאָלק געזונגען און געאיכהט. די בעסטע עדות — איר ליד „ס'האָט דער ווינט היינט גערעדט צו מיר יידיש" און דאָס אויפ־ברויזנדיקע רוף־ליד „נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן", ווו זי פירט אויס: „יעדע נאַכט, יעדן טאָג, דור אויס און דור איין, / צינדן מיין האַנט אויפסניי

וועט דער צאָרן, / ברענען און פאַרלאָשן נישט ווערן / ווי אין מידבר משהס פלאַמיקער דאָרן". אָבער כאַראַקטעריסטיש איז עס.

אַזוי אויך איז כאַראַקטעריסטיש איר „פאָרטרעט" אין אָט דער נײַער לידער־זאַמלונג —

אויף אַ טײַך, פאַרשנייט און פאַרפראָרן,
דאָס גאַנצע לעבן
מײַן פאָרטרעט איך האָב געמאָלן.
די שטריכן און קאָנטורן
געצייכנט און געמעקט.
געוואָלט, בלײַבן זאָלן שפּורן
אויף מײַן וועג.
ווי בלײַפעדערס די יאָרן
געשניצט און אויסגעשריבן.
איז דער שניי צעגאַנגען.
דער טײַך צום ים אַוועקגעשוואומען
און דעם פאָרטרעט מיטגענומען.

לײַכט דערפון אַרויס די קהלת־חכמה פון אַ דערפאַרענער, דורכגע־פּרוּווטער דיכטערין, וואָס האָט דעם מוט אויסצוזאָגן, אין באַדויער און אין יִיאוש, אָן הויכע אָקטאַוועס, אַז איר באַקאַנטער „פאָרטרעט" איז שוין נישט מער בנימצא.

און מיר גלייבן איר, כאָטש אויך אין דעם בוך זענען אירע פריִערדיקע מאָטיוון גוט לאָקירט. מיר געפינען דאָ אַזעלכע לידער ווי: „אין אַ שטאָל־פאַבריק", „לאַ קאָרידאַ", „אַלע ברעגן ווילן רו", „אַ שלום־קאַרנאַוואַל" און ענלעכע. נאָר, ווי זאָגט דער דיכטער־דערציילער־עסייִסט ישעיהו שפּיגל? (אין זײַן טיף־באַלערנדיקן עסיי „אַ דיכטערין אַנטפּלעקט זיך אויפסנײַ", ישׂראל שטימע 7.8.74) — „אָט דאָס נײַ־אַנטפּלעקטע, אָפּגעהיטע פּאָע־טישע פּנים פון דאָרע טייטלבוים, ווי ס'זענען נאָך פאַרקריצט, דאָ און דאָרט, די באַקאַנטע שטריכן פון איר אַמאָליק געזאַנג, פאַרמאָגט אָבער שוין אין זיך אַ גאָר אַנדערע איידעלע געוועבנעץ, אַ בלענדיקע נײַע פאַרב, אַ ליריש־עלעגישן קאָלאָריט און אויך אַ גוטע מאָדעלירונג פון ליכטיקן, ייִדישן פּאָעטישן וואָרט, וואָס פליסט בײַ איר עכט און וואָרעם איבערן גאַנצן בוך". זענען דאָס דברים של טעם ושל אמת, און איך נעם זיי אָן אין זייער גאַנצן באַטײַט. איך נעם אָבער נישט אָן די גערעדטע אָדער געשריבענע מיינונגען, אַז עס גייט דאָ אין אַנדערע „אָריענטאַציעס". ניין. דאָרע טײַ־

טלבוים איז אין איר גאַנג און וועג, אין איר פּאָעטישן מהות די זעלבע וואָס געווען. איר לשון בלויז, איר לעקסיק איז רויִקער און באַזאַכטער און פאַרמאָגט שוין אָט דעם אויבנדערמאָנטן איידעלן געוועב־נעץ. און אפשר דערפאַר וואָס זי זעט נישט מער איר אייגענעם „פּאָרטרעט" פון אַמאָל, קאָן זי שוין שפּילעוודיק, מיט אַן אַראָפּלויפּנדיקער גראַפיק זאָגן צו... אים:

אויף מײַנע
פליגל דיך
איך טראָג
איך הער
דאָס געזאַנג
שוין פון שטערן,
און דו
נאָר געוואָי פון שאַקאַלן.

און אַ קאַפּעלע ווײַטער וועט זי זאָגן:

איך באַדויער,
וואָס כ'קען נישט העלפן טראָגן דיר דײַן טרויער,
אַ טורעם ביסט אַ פעלדזיקער מיט יִאוש באַלאַגערט
און באַלויערט.
איך אַ בוים אַ האַרבסטיקער פון ווינטן היימלאָזע באַוווינט
מיט ווײ און צער פון צײַטן געקנאָטן און געשפּײַזט,
צו זייער פּרוכט איך בין פון קינדווײַז שוין געוווינט,
איך האָב פון אורזיידעס געלערנט ווי אַזוי
דעם טרויער ווי שפּינוועבס־נעץ אַרום זיך מען צערײַסט...

איז דאָס, לדעתי, די פּאָעטין דאָרע טייטלבוים — אַ ברויזנדיקע, אײַלעוודיקע, מיט די מאַסן־און אַן אַליינגייענדיקע שטורמישע זינגערין, וואָס האָט אַזוי פיל געלערנט בײַ אירע אורזיידעס, בײַ דעם לעבן און בײַ איר אייגן דיכטעריש האַרץ. און דאָס — צוזאַמען מיטן גרויסווערטיקן שפּראַך־פאַרמעג אירן — איר פאַרבלײַבנדיקער פּאָרטרעט.

אַסיאַ

אין אַ צעפּלאַקערטן אלול־פאַרנאַכט, בעת דער הר־הזיתים הילט זיך אין אַ פֿײַערדיקן סליחות־קיטל און נייגט אין פאָרכטיקייט אַקעגן דעם עקדה־באַרג, מוריה, האָב איך זי געטראָפן אַ צעשטראַלטע, אַ צעצונדענע אויף די גאַסן פון דער שטאָט. מיט חלום־אָנלאָד אין אירע טרויעריקע־שמייכלענדיקע אויגן און מיט פֿײַכטע ליפּן ווי פון טוי איז זי מיר געגאַנגען אַנטקעגן. אירע רייד — פּשוטע און שטילע, האָבן אויפגעבלעטערט פאַר מײַנע אויערן און אויגן איר פּאָעטיש פאַרמעג, און ס׳האָט אַ ווייע געטאָן אַרום אונדז מיט שורות און שירות פון איר, דערווײַל, איינציק בוך: צווײַגן־ציטער.

האָט אויפגעציטערט דעמאָלט אין מיר אַ געדאַנק ווי אַן אַדורכלויפנדיקער שטראַל און זיך שטום צעשריגן: — דער צווײַגן־ציטער איז דאָך זי אַליין, זי, די בלאָנדזוניקע דיכטערין וואָס רופט זיך אַסיאַ, און יעדער וואָרט אירס, ווי איר יעדער באַוועג, איז אָנגעשפּאַנט מיט ציטער פון דינע צאַרטע צווײַגן. אָט זיצט זי איצט אין אַזאַ וווּנדערלעכער דעמער־שעה אין געראַמען באַנוואַגאָן, מיר אַנטקעגן איבער, און לאָזט זיך אַראָפּ קיין תּל־אָביב, ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ איצט דער אָוונט אַ צעפּלאַקערטער, אַ צעציטערטער איבער די בערג וואָס רינגלען אַרום די אייביקע הייליקייט — ירושלים — און איז אַזוי ענלעך צו איר ליד. האָב איך נאָך אַ מאָל געלייענט אירע לידער.

*

וואָס איז דער כּוח און די מאַגיע פון איר ליד? פון וואַנען דער פאַרכאַפּנדיקער צאַפּל פון אירס אַ בילד, אַן אימאַזש, אַ פאַרגלײַך? לאָמיר לייענען אויף ז׳ 16:

מיט ווײַסע שלייערן פון פאַרליבטע טעכטער
געפרילינגט האָט דײַן פּירות־סאָד מײַן שפּראַך.
פאַר אָט דער אָנגעטרויטער ליבשאַפט עכטער
האָסטו אין סאָד זיי פון דײַן סוד אַרײַנגעבראַכט.

אַט די פיר שורות האָבן דיך שוין געמאַכט נײַגעריק. דו גײסט שוין מיט זײ, דו שוועבסט שוין מיט זײ, כאָטש עס ווילט זיך דיר פרעגן: ווער האָט געפּרילינגט — דער פּירות־סאָד צי די שפּראַך?.. נאָר נאָך אײדער דו רײַסט זיך אָפּ פון דער ערשטער רעטעניש, שטײסטו שוין פאַר דער צווײטער: דײַן „סוד" האָט אַ „סאָד", צי איז דאָס גאָר אַ בכיוונדיקער יוצרות־פאַרבײַט — במקום אַרײַנצופירן זײ אינעם „סוד" פונעם „סאָד", פירט ער זײ אַרײַן גאָר אין „סאָד" פונעם „סוד"? — ציטערן די צווײַגן אין אַט דעם סאָד און רוימען אײַן דיר אַ סוד: — דו שטײסט דאָ פאַר אַ ניט־געוויינלעכער פּאָעטישער יצירה. והא ראיה —

אַ ביסעלע ווײַטער, אויף ז' 31, לײענען מיר אין איר ווענדונג „צו אַ סאַברע":

ווי זאָל איך צו דיר רײדן,
זיך צו דיר דעררײדן?
מײַן זײדע האָט אין דײַן לשון געקידושט,
די טעג פון דער וואָך געײִדישט.

האָבן מיר דאָ ווידער די זעלבע אויפבליצנדיקע בוי־דערוועגטקײט: איר זײדע האָט אין דעם סאַברעס לשון, אין עברית הײסט עס, געקידושט און די טעג פון דער וואָך — געײִדישט. איז וואָס זשע מײנט דאָס, אַז דער קידוש האָט געײִדישט די טעג פון דער וואָך, צי גאָר אַז די טעג פון דער וואָך האָט ער געלעבט אין ייִדיש? דעם ענטפער קאָנען מיר געפינען אינעם „פרדס" (סאָד) פון איר ליד. משמע, אין דעם פּשט, רמז, דרש און סוד דורך וועלכע דו דערהערסט דעם געציטער פון די צווײַגן און עס ציט דיך, און עס רופט דיך אַרײַנצוגײן אינעם סוד פון איר סאָד.

אַט לײענען מיר אויף ז' 27, אינעם ליד „צווישן נאַכטיקע ווענט" אַזאַ זאָג: „דו געדענקסט, ביסט געקומען / כּדי ניט צו זײַן"... פרעגן מיר זיך ווידער: ווער קומט דאָס כּדי נישט צו זײַן? אַוודאי קאָן מען פאַרשטײן, אַז די דיכטערין איז אויסן דערמיט צו זאָגן, אַז... ר'איז געקומען זיך געזעגענען, און אין די ווײַטערדיקע שורות געפינען מיר אַפילו אַ מין אויס־טײַטש: „האָסט באַטראָטן מײַן שוועל / צו פאַרלאָזן מײַן הויז", אָבער פונעם אונדז פאַרשטענדלעכן „זיך געזעגענען" ביז אַט דעם בילדערישן געמעל איז אַ ווײַטער און צוציִענדיקער מהלך. עס ציט דיך צו שפּאַנען אַט דעם מהלך. און ווײַל מיר טרעפן זיך אָן אין אַזעלכע געמעלן בײַ טיר און טויער פון איר שיר, איז דאָס די מאַגישע ווירקונג פון איר פּאָעזיע.

*

און דאָך, און פון דעסטוועגן איז אַסיאַס ליד שטיל און באַשיידן. עס באַזינגט און באַזאָגט דאָס לעבן, דאָס איבערלעבן; עס לעבט־אויף רעמי־ניסצענצן פון איר שווערער נע־ונדער קינדהייט און יוגנט, ביז צו איר פאַרליבט און פאַרלעבט ווערן אין דער אַלט־נײַער ירושלים.

אירע לידער דערציילן וועגן פּײַן, ליבע און לשון אין אַזאַ פאָרעם, ווי זי וואָלט טאַקע אונדז ווען אויפדעקן דעם סוד פון איר לעבן און שאַפן. זי טוט דאָס צאַרט, מיט ציטער, אָבער אָפן און פערזענלעך. מוז טאַקע נישט יעדער ליד פון אַן עכטן דיכטער זײַן דווקא אַן אויפגעדעקטער, אָדער אָפּגעדעקטער טייל פון זײַן ביאָגראַפיע. נאָר אַז עס קומט אַ צײַט ווען דער פּאָעט פילט, אַז ער קאָן זיך שוין מער נישט באַהאַלטן, דעקט ער אויף זײַנע פּאָעטישע קאָרטן און זאָגט: אָט דאָס בין איך!

אַסיאַ טוט דאָס אין אַ סך פון אירע לידער און דער עיקר — אין די נאָר־וואָס ציטירטע. דאָס זענען שטילע באַשיידענע לידער, וואָס קומען נישט מרעיש־עולם זײַן מיט פאַרבלענדנדיק וואָרט צי גראַם, נאָר צאַרט ווי זייער באַשאַפערין, מיט אויפבליץ פון בילד און געדאַנק, קומען זיי מיט אַ באַפּײַכטקייט פון טוי וואָס פאַלט בשפע אויף די צווײַגן און גראָזן פון איר סאָד, מיט אַ סך סוד און חידוש. אָט די לידער זענען בכוח און מסוגל פאַרצושטעלן זייער פּאָעט פאַר אַלע די וואָס אַן עכטע שורה צעציטערט דאָס געמיט, צערודערט די נשמה, רעדט צו זייער האַרץ און פאַרשטאַנד און מאַכט רײַכער זייער חלום. און הגם איר ליד איז אײַנגעוויקלט אין חלום און אין נעפּל, שפּריצט פון דעם מיט געמאָסטענער און געוויגענער לאָגיק. ווײַל, אויב „מיט ווײַסע שלייערן פון פאַרליבטע טעכטער" האָט ער זי אין סאָד פון זײַן סוד אַרײַנגעבראַכט, מעג זי שוין אין די ווײַטער־דיקע שורות פון אָט דעם ליד אים בעטן: „באַהיט מיך, איך בין איינע פון די טעכטער אַלע / וואָס געציטערט האָבן אין דײַן סוד". לייען „סאָד" און וועסט פאַרשטיין פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען פון דער אייגנאַר־טיקער לידער־זאַמלונג. אינעם סוד פונעם סאָד, ווי אינעם סאָד פונעם סוד ציטערן די צווײַגן פון באַשאַף.

אויך בעת זי רעדט צו דער „סאַברע", וואָס קוקט מיט פרעמדקייט און אַפילו מיט שפּאָט און שינאה אויף איר שפּראַך, ווענדט זי זיך — אָן צע־ברויזטן געזידל — און דערציילט געמיטלעך, אַז „פון ליכטבענטשן ביז ליכטבענטשן / האָב איך אין מאַמע־לשון אַלץ געלערנט פאַרגעדענקען". געהערט אויך דאָס פאַרגעדענקען אירס צו אירע בעסטע מעלות און מיר געפינען דאָס טאַקע אין אירע שטילע פילזאָגנדיקע לידער, אַרויסגע־

ברענגטע מיט באַזונדערן חן, מיט אייגענעם וועג און מיט וויסן, אַז שוין איר נאָמען — אַסיאַ — איז צו דעם מחייב. וואָרעם אַסיאַ אין אַראַמיש מיינט — רופא. און דער מדרש זאָגט: אָסיאַ, אַסי חגרתך... רופא, הייל פריִער זיך אויס. פּרוּווט דאָס אַסיאַ באַוויַיזן אין איטלעכן ליד אירן. זי וועקט נישט, זי אַלאַרמירט נישט, ניַיערט זי וויל קודם־כּל געפינען זיך אַליין אין איר ליד.

*

אין אַלע אירע לידער, אָדער — כּמעט אין אַלע, איז אַסיאַ אינעווייניק פון ליד. מיר האָבן דאָס געפיל אַז ווען איר ליד איז אין גאַנצן זי, און אַלע די אויפבליצן זענען אַ פּועל־יוצא פון אירע ממשדיקע שווערע איבערלעבונגען, אָדער, לכל־הפּחות, פון אירע חלומות אין וועלכע זי לעבט און גלייבט — אַז דעמאָלט קומט איר ליד אַרויס גאַנץ, צייַטיק.

אָבער זי וויל זיך פון אירע חלומות באַפריַיען. אָט, למשל, דערציילט זי אין איר ליד „אין חלום" (זייַט 38):

איך חלום שוין ניט מער פאַרביקע חלומות,
ווי איבערן קאָפּ איך רייַס אַראָפּ
אַ וויַיסן וואָלקן
און הייב זיך אויף אין פלאַטערטאַנץ
ווי ס'קאָנען נאָר די מעוועס — — —

דאָ פילן מיר אַ מין אויסניכטערונג, אַ צוריקגיין צו דער וואָר; אָן אויפכאַפּן זיך, אָדער אַ ווילן זיך אויפצוכאַפּן און אַרויסגיין פון דעם חלום־אַנלויף וואָס באַוועלטיקט זי כּסדר. אָבער סיי דאָס לשון און סיי דער ווילן וואָס איז אַריַין אין איר ליד, וויַיזן אָן אויף בלענדנדיקער וויזיע און אויף אַ נאָענטשאַפט צו מאָלערישן בילדער־גאַנג.

פאַרוואָר, אַסיאַס לידער זענען געבענטשט מיט איבערראַשנדיקע בילדער און מעטאַפאָרעס וואָס פאַרכאַפּן דעם וואָס לייענט זיי, און דאָס איז זייער באַטייַט און זייער כּוח.

1975

„טעג פון צאָרן“ און „טעג פון וועג“

„טעג פון צאָרן“ און „טעג פון וועג“ זענען, ווי ס׳איז אין זיי אַליין פאַר־ציייכנט, די ערשטע צוויי ביכער פון טאַני מערביס אַ דרײַלינג. אַ טרילאָגיע וועגן „טעג“ אין וועלכע די יאַסער ייִדן זענען געקומען, געגאַנגען און אַוועק־געגאַנגען (קיין ארץ־ישראל) און וועגן דעם טייל וואָס איז דאָרטן אויסגע־גאַנגען. די שרײַבערין האָט אירע איבערלעבונגען און אײַנדרוקן געשריבן אין רומעניש. דאָס ערשטע בוך האָט אַן איבערזעצער איבערזעצט. דאָס צווייטע האָט טאַני מערבי אַליין זיך איבערזעצט. ווײַזט אויס, זי האָט געוואָלט און וויל, אַז אויך נישט־רומענישע ייִדן זאָלן זיך דערוויסן וועגן דעם וואָס זי ווייסט. מ׳וועט נאָך אָט די ביכער דאַרפן איבערזעצן אויף העברעיִש כּדי אויך די יוגנט אונדזערע און בכלל די וואָס לייענען נישט קיין ייִדיש דאָ אין לאַנד זאָלן זיי לייענען און זיך דערוויסן דעם גורל און די דאָליע פון רומענישן ייִדנטום.

מעמואַרן, ד.ה. טאָגביכער, זכרונות און פאַרצייכענונגען, זענען אַ לע־גיטימער טייל אין יעדער ליטעראַטור. דער וואָס שרײַבט מעמואַרן האָט אַ ברירה צו דערציילן בפרטיות אַלץ וואָס ער געדענקט, וואָס האָט מיט אים און מיט זײַנע נאָענטע פּאַסירט, געטראָפן; ער קאָן אָבער, אויב דער רוח הקודש רוט אויף אים, אָדער ווי די חכמי־הליטעראַטור רופן דאָס „די מוזע“, — צוגעבן כּהנה וכהנה, און די מעמואַרן וועלן גאָרנישט נישט פאַרלירן, ווען אַפילו אַ נאָמען פון אַ מענטש צי פון אַן אָרט וועט נישט אַרויסקומען גענוי און פּינקטלעך. אָבער, אויב די פרוי טאַני סאָלאָמאָן־מערבי, וואָס האַנדלט מיט בלומען אין פתח־תקוה, וועט אַ שילדער־טאָן (ווי זי טוט דאָס אויף זײַט 265 פון איר בוך „טעג פון צאָרן“) אַ סצענע פון לעצט־מינוטי־קייט, פון אָט־אָט קומט דער טויט און בלויז אַן אומוווערטיקער צופאַל שענקט נסימדיק דאָס לעבן — (זי מיט אירע שוועסטער האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ קאַמער, וווּ ס׳איז געהאַנגען וועש צום טריקענען זיך, און אַז די נאַצישע בעסטיעס זענען אין זייער געיעג נאָך פרויען אַרײַן מיט שטורעם אין אָט דער קאַמער און דערזעענדיק די ווײַסע הענגענדיקע וועש זענען זיי פאַר־שרעק אַנטלאָפן) — קריגן אירע מעמואַרן אַ הויך־קינסטלערישן ווערט

פונקט ווי זיי האָבן זייער באַדײַט און ווערט, לויט ווי מומחים פּסקענען, פאַר דער היסטאָריע, פאַר דעם פאַרשער פון יידישן לעבן און פון דער שואה. ובפרט נאָך, אַז זי איז דערוויַיל די איינציקע און ערשטע וואָס האָט וועגן רומעניש־יידישן גורל דערציילט.

און מיט אַזעלכע סצענעס איז דאָך פול דאָס ערשטע בוך און דאָס צווייטע — נישט ווייניקער. רעדנדיק וועגן אָט די ביכער, קומען אויף פאַר מײַנע אויגן אָן אַ שיעור סצענעס און בילדער וואָס לאָזן זיך נישט פאַר־געסן און טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן. אָט זע איך דעם באַכלוי, וואָס כ׳האָב אים קיין מאָל פאַר מײַנע אויגן נישט געזען, איך זע אים, אָט דעם טײַך, מיט די אַרײַנגעוואָרפענע און אַרײַנגעפאַלענע יידן אין אים און זע, ווי אַ רומענישער אָפיציר האַלט אַ קינד, אַ יידיש קינד פאַרשטייט זיך, מיטן קעפּל אַראָפּ אינעם באַכלוי און באַפעלט דעם קינד טרינקען ביז... עס ווערט דערטרונקען.

פון דאַנען איז צו זען, אַז אָט דאָס מעמואַריסטישע, אויב עס ווערט איבערגעקאָכט אין טיגל פון העכערן זען, אויב די מוזע טוט איבער דעם אַ שוועב מיט אירע פליגל ווערט די כראָניק — ליטעראַטור.

און נאָך עפּעס. טאָני מערבּיס ביכער פאַרמאָגן אַ ליניע, אַ ריכטונג, אַן אידייע. זי דערציילט נישט ספּאָראַדיש, זי כאַפּט נישט אַרויס קיין אָפּ־געריסענע בלעטער פון איר זכרון־קאַלענדאַר, וואָס מ׳קאָן זיי אַרויסנעמען פון קאָנטעקסט און זיי צוריק אַרײַנשטעלן אויף וועלכן ס׳איז אָרט פון בוך. געטרײַ אירע איבערלעבונגען, איר לײַדן און מיטלײַדן מיט איר גע־זעלשאַפט, לאָזט זי פליסן די עפּיזאָדן איינעם נאָכן אַנדערן, ווי דאָס וואַ־סער אין טײַך, און עס בלײַבט דער אײַנדרוק, אַז זי דערציילט אַלץ מיט אחריות צום אָרט און צו דער צײַט. שטײַגט דעריבער מאָמענטנווײַז די שפּאַנונג און מיר טרעפן זיך אָן אַפילו אין פּסיכאָלאָגישע עקסקורסיעס בעת די שרײַבערין וויל זײַן דאָס מויל פון איר קרײַז, דאָס מויל פון איר כלל, זייער וואָרט־זאָגערין. זייער פאַרויסגייערין.

טאָני מערבּיס בוך „טעג אין וועג" וואָלט זיכער געווען נאָך מער מע־מואַריסטיש, ווען זי וואָלט זיך אונטערגענומען צו זײַן די אַלגעמיינע באַשרײַבערין פון אָט די „טעג". קאָן זײַן, אַז זי וואָלט דאַן געווען געטרײַער דעם אמת פון דער תקופה. אירע „טעג אין וועג" וואָלטן געוואָרן, מסתמא, כוללדיקער, אַרומנעמענדיקער. עס וואָלטן זיך דאָרט באַוויזן פאַרשיידענע פאַרטייען, געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, פאַרשיידענע שליחים, לערערס, טוערס; אויך זייערע טווּנגען וואָלטן נישט געווען אַזוי ענג, אַזוי שמאָל. זיי וואָלטן זיך זיכער נישט געדרייט אַרום דער מדריכה ט.ס. און איר

משפחה, צי בלויז אַרום דער מדריכהס פּאַרטיי. ווײַל, נישט איין מאָל, אַז איך פֿאַרגעס ווער און ווי אַזוי דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, פֿעלן מיר דאָרט נעמען, ערטער, באַוועגונגען, צײַטשריפֿטן אַרויסגעגעבענע אין די לאַגערן און אַפֿילו באַקאַנטע פּערזאָנען. אָבער, אַז איך שטעל דעם אַנטקעגן דאָס שילדערן אירס דאָס פֿאַרלאָזן יאַס, דאָס אָנקומען קיין וואַליאַ לואַי מיכאַי, און אָט דאָס רומעניש־טראַנסילוואַניש גרענעץ־שטעטל מיט אירע פֿרומע אונגאַרישע ייִדן, מיט זייער אָפּהיטן די הייליקייט פֿון ערב שבת, אײַנשטעלנדיק דערבײַ דעם לעבנס־אינטערעס פֿון ייִדן וואָס זענען זיך מסכּן־נפֿש אַריבערצוגיין די גרענעץ, כּדי ווען ס׳איז אָנצוקומען קיין ארץ־ישׂראל; אָדער פֿריִער נאָך — בוזעו מיט אירע אַסימילירטע יאַהודים, צו וועמען היטלערס האַק האָט נאָך נישט געהאַט דערגרייכט, און זייער „פֿאַר־שטיין" די לאַגע; צי דאָס שווידערלעך־גענויע אָפּמאָלן דעם טראַנזיט־לאַגער אין בודאַפּעשט, צי דאָס טײַכל אינעם וואַלד וואָס זיי דאַרפֿן און מוזן אַריבערגיין, ווי זי דערציילט דאָס מיט שרײַבערישן פֿאַרנעם (אויף זײַט 157 פֿונעם בוך „טעג אין וועג"), ווי זיי רוטשען זיך אַריבער איבערן בוים און ווי איר טאַטנס טלית פֿאַלט אַרײַן אין טײַך און די שמוגלערין נעמט אים אַרויס אַ... טרוקענעם — אַז איך שטעל דאָס אַלץ אַנטקעגן דער „זכרונותדיקער געטרײַשאַפֿט" בין איך אַלץ מוחל, אַרײַנרעכענענדיק אַפֿילו געוויסע שפּראַך־פֿעלערן און פּראָווינציאַליזמען, וואָרעם זיי פֿאַרמאָגן באַזונדערן חן.

מ׳טאָר נישט און מ׳דאַרף נישט זוכן חסרונות אָדער מעלות אין אַזעלכע ווערק. די ערשטע צוויי ביכער אירע (דאָס דריטע גרייט זי שוין), האָבן זייער ממשותדיקן ווערט קודם־כּל טאַקע ווי כראָניק, ווי אַ באַגלייבטע באַשרײַבונג וועגן דעם וואָס עס איז געשען מיט איר און מיט ייִדן אַרום איר, אין יאַס און אַרום יאַס, אָבער אויך — צוליב זייערע ווערטיקע קינסט־לערישע דעגרעסיעס וואָס דערמעגלעכן צו פֿאַרשטיין און פֿאַרדייען דעם גאַנצן גרויל, די פּײַן, האָפֿענונג און דערלעבונג, וואָס די דאָרטיקע ייִדן האָבן געלעבט, איבערגעלעבט און דערלעבט.

1975

צוויי דיכטער — צוויי עולים*

...מיר נעמען דאָ היינט אויף צוויי דיכטער, צוויי עולים, צוויי מענטשן — ייִדן געקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד, ביידע פאַרוואָרצלטע און פאַרפעסטיקטע אין דער ייִדיש־סאָוויעטישער דיכטונג, ביידע — מיט רײַכע ייִדישע און ליטעראַרישע פעק אויף די פּלייצעס — מיט זעק פול מיט אַליאַרם. ביידע זענען געווען דאָ באַקאַנט בלויז צו יחידי־סגולה וואָס פאַראינטערעסירן זיך מיט די גערעטעניש פון ייִדישער יצירה אויף די פעלדער פון דער „אימפעריע" ייִדיש. און דאָך מאַכן ביידע דעם אײַנדרוק כּאילו זיי זענען שוין דאָ אַמאָל געווען, נאָר זיי קומען ווידער אונדז זאָגן אַ „גוט וואָך" און ווי דוד בערגעלסאָנס אַ „העלד" אונדז אַ פרעג־טאָן: „איז וואָס מאַכן זיי?"

און ס'איז באַוווסט, אַז צו אַ דיכטער גייט מען צו מיטן איינציקן פּרווו־שטיין: דיכטונג. יעדער צוגאָב פון וואָס פאַר אַ מדרגה ס'זאָל זײַן, אוניווערסיטעט־טיטל צי מיליטערישער, געזעלשאַפטלעכער צי רעגיאָנאַלער, איז עלול צו מינערן און נישט מוסיף צו זײַן.

צו אַן עולה חדש, וואָס איז אַרויס פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן קלעם, גייט מען צו אויך מיט איין־איינציקער מאָס: אַ ייִד איז ענדלעך געקומען צו זיך אַהיים.

אָבער ווי פאָרט מען אָט די ביידע, און מ'מינערט נישט פון קיין איינער פון זיי? ווי מאַכט מען דאָס?

דאָס איז די פּראָבלעם פון דער היינטיקער באַגעגעניש.

*

דאָך ווילן מיר פּרווון רעדן וועגן זיי און זייערע לידער אין איינעם.

ביידע דיכטערס זענען מיר באַקאַנט שוין יאָרן לאַנג. כ'האָב געלייענט זייערע לידער אין פאַרשיידענע צײַטן, אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן. איך ווייס אַפילו און געדענק ווען יעדער פון זיי איז געבליבן אין יענער זײַט פון דעם „סאָוועטיש היימלאַנד". אויפן סמך דערפון האָב איך מיר אַפילו

---

* פון אַ רעדע אויף אַ קבלת־פּנים־אָוונט אין צוותּא־קלוב אין פּתח־תּקווה פאַר רחל בוימוואָל און זיאַמע טעלעסין.

דערלויבט צו „מאָלן“ פאַר זיך זייערע געשטאַלטן, זייער פיזיש אויסזען. נאָר ווי מאָדנע אַנדערש איז געווען בעת כ׳האָב זיי דאָס ערשטע מאָל דער... הערט. און געווען איז דאָס אין אונדזער קורצער און געדעמפּטער יידישער ראַדיאָ־שעה. ס׳איז געווען אַ שבת־צו־נאַכטס, אין וועלכן דו זוכסט הילף בײַם ראַדיאָ. כ׳שטעל אָן אויף דער ייִדיש־אוידיציע און — אַ מאָדנע איבעראַשונג: ווי ס׳וואָלט געווען אין דער טעלעוויזיע — און ס׳איז אַ גרויסער פאַרדראָס און נאָך אַ גרעסערער שאָד, הלמאַי די טעלעוויזיע אונדזערע טוט דאָס נישט מיט ייִדיש־דיכטער! — איך זע, כּביכול, ווי די באַרימטע דיכטערין, רחל בוימוואָל, זיצט אין דער ראַדיאָ־סטודיע און איר אַנטקעגן זיצט דער נישט־ווייניקער באַרימטער חבר און מאַן אירער, דיכ־טער זיאַמע טעלעסין, און זיי שמועסן זיך דורך אויף אַ כּאילו אינטימען שטייגער פון וואַנען זיי זענען אַוועק און וווהין זיי זענען געקומען און ווי אילוסטראַציעס ציטירן זיי, זי און ער, רחל און זיאַמע, פון זייערע ווערק, פון זייערע מיטגעבראַכטע שאַפונגען און — אַ קעלט גייט דורך דורכן לײַב: וויפל הונדערטער יאָרן זענען די דאָזיקע דיכטערס שוין אַלט, אַז זייער לעבנס־דערפאַרונג איז אַזוי רײַך, אַזוי אָנגעזאַפּט מיט ווײ און מיט פּײַן, מיט צער און מיט אַנטוישונג, מיט אמונה און מיט ווונדערלעכער לעבנס־חכמה? וויפל דורות טראָגן זיי אין זיך, אַז אַלע זשאַנערן פון דער פּאָעזיע — פון דער ייִדישער פּאָעזיע, זענען זיי אייגן, זענען מיט זיי היי־מיש, מיט זיי געקניפּט און געבונדן? ליריק און עפּיק, סאַטירע און פּאַ־טעטיק, קינאה און פּאָלקסטימלעכער חוזק. און עס גייט אײַך נישט אײַן און עס גייט אײַך נישט אָן די עלאַסטישקייט אָדער די האַרבקייט פון זייער וואָרט, די וויטאַלקייט אָדער די שוין אַ ביסל פרעמדלעכקייט פון זייער סלאַווישן ייִדיש, זייער ריטעם, גראַם, אײַנפאַל — כ׳וואָלט שיִער געזאָגט, ווי מ׳זאָגט דאָרט אין רוסלאַנד: די גאַנצע „פאָסטראָיקע“; נײַערט איר הערט און איר גאַפּט: זיי קומען פון אַ לעגענדאַר לאַנד, ווו דער שקלאַף טאָר נישט רעדן אין זײַן נאַציאָנאַלער שפּראַך, אָדער טאָר אין גאַנצן נישט רעדן, נאָר אויף אַלץ האָט ער געמעגט און געמוזט ענטפערן איין־אייציק וואָרט: באָם!

און איר הערט ווי רחל בוימוואָל בלוטיקט־אויס אָט דעם „גרוס“ פון יענעם לאַנד —

צווישן אים און בעל־הבית
געלעגן איז אַ תּהום,
פון הערשערס שפּראַך האָט ער געוווּסט
איין וואָרט אין גאַנצן: „באָם“!

און זי לייענט אָט דאָס ליד און לייענט, און עס פֿאַרשווינדן די גרעניצן צווישן לעגענדע און ליד, צווישן פּאָעטישן אויסטראַכט און שוידערלעכער וואָר. איז ווי זשע קאָנסטו צעטיילן אָט די פּאָעטין פֿון איר עליה? איז דען נישט אַ מאָל איר עליה, מיט אַלץ וואָס איז געווען דערמיט פֿאַרבונדן, אַליין אַ ווונדערלעכע עפּאָפּעע, וואָס די צײַט האָט גורם געווען?

דערמאָנסטו זיך, אַז נאָך אין די אָנהייב זעכציקער יאָרן האָט די זעלביקע פּאָעטין געשריבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד”:

אין דעם פּשוטן וואָרט
אַזאַ קראַפט איז באַהאַלטן.
דאָס קאָן ער נאָר, דער דיכטער,
ווי אַן אַטאָם עס שפּאַלטן.

קומט אַרויס דער פֿאַרקניפּ און ווערט קלאָר, ווי די שאַרף פֿון אַ מעסער.

און אָט קומט צוגיין זיאַמע, דער מאַן אירער, און ענטפֿערט איר: נו, יאָ, שטעקנס. דאָברושינס שטעקן האָבן זיי צעבראָכן אין דרײַען אויף דאָברושינס לעבעדיקן קערפּער און ער טוט אַ לייען אַזאַ אַ ליד, מיט אָט אַזאַ תּוכן און פֿירט אויס:

אָט זע איך די שטיקלעך פֿון שטעקן,
דאָס הענטל אַ ריש אַ געשריבענע...
מע דאַרף נאָר, אַז כּוח זאָל קלעקן
בײַ אונדז, די לעבן־געבליבענע.

קאָן מען אַזאַ דיכטונג אָפּטיילן פֿון דעם, וואָס איז געוואָרן אַן עולה חדש? און אפֿשר, פֿאַרקערט? אפֿשר דאַרף מען גאָר, אפֿשר איז מען מחויב צו מאַכן אָט דעם פֿאַרגלײַך, ווײַל סײַ זייער קומען און סײַ זייער דיכטונג צעקאָכן אונדזערע געמיטער, און אפֿשר אויך — אונדזער געוויסן.

זאָגט די דיכטערין רחל בוימוואָל:

קומען זיך צונויף גרוזינער,
זינגען זיי;
קומען זיך צונויף ציגײַנער,
טאַנצן זיי;
נעמען ענגלענדער צונויף זיך,
שווײַגן זיי.
קלײַבן זיך צונויף פֿראַנצויזן,
לאַכן זיי.

נו און טאָמער ייִדן? אַך און וויי!
קלײַבן אויף זיך ייִדן — זיפּצן זיי.

און עס זאָגט דער דיכטער זיאַמע טעלעסין:

אַוועקגעפֿלויגן, אַוועקגעפֿלויגן,
אַן עראָפּלאַן מיט ייִדן;
די וואָלקנס טרעטן אָפּ דעם וועג,
די זון פֿון העלן הימל־ברעג
צעשמייכלט זיך צופֿרידן.

די קעפּ פֿאַרריסן אויף אַרויף,
די העלדזער אויסגעצויגן.
בײַ די פֿאַרבליבענע, אוי וויי,
די פּנימער ווי גרויער שניי,
און טרערן — פֿולע אויגן.

זיי פֿאָכען מיט די מידע הענט,
נישטאָ שוין מער קיין כּוחות!
ווען ס׳וואָלט דער עראָפּלאַן געקענט
אַרײַננעמען זיי אויכעט...
נאָר אינעם הימל הויך ער בלענדט
און זילבערדיק ער רויכלט.

זאָגן מיר:

אשריכם, ווייל איז אײַך וואָס איר זענט געקומען און אײַער ליד איז מיט אײַך מיטגעקומען.

און ווייל איז אונדז, וואָס איר זענט געקומען צו אונדז.

וואָרעם אײַער ליד, דאָס ליד וואָס איז דערגאַנגען פֿון זאָגן וואָס מ׳מעג, צו מעגן זינגען **וואָס מ׳וויל, אַ באַפֿרײַטס פֿון קייטן און פּענטעס, אַ געלײַטערטס אין פֿײַער פֿון שינאה און פֿאַרבאָט, וועט זיך דאָ אײַנגלידערן אינעם געזאַנג פֿון אייגענער היים — וועט פֿון „באָם" ווערן** בוים **און פֿון „שטעקן" וועט ווערן מטה אהרון — אהרונס שטעקן, וואָס פּרעהן איז ער געוועזן אַ שלאַנג, פֿאַר די ייִדן האָט ער געשפּאָלטן דעם ים־סוף און אין שעה פֿון היכן נסיון האָט ער זיך וווּנדערלעך צעבליט:** „און אַרויסגעלאָזט שפּראָצונג, און געבליט בליִעכץ, און געצײַטיקט מאַנדלען".

1971

הירש אָשעראָוויטש און די וועלט פון זײַן ליד

(אַ דיכטער — אַ נײַער עולה)

א

ווי שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט האָט אַ שרײַבער, אַ קינסטלער נישט ליב מ׳זאָל אים צוגעבן אַ ציווילן טיטל. ער האַלט און מיט רעכט, אַז דער צוגעגעבענער טיטל איז נישט נאָר מוסיף, נאָר איז אַפילו גורע... וואָרעם, בעת מ׳זאָגט, אַ שטייגער, דיכטער־פּאַרטיזאַן, שרײַבער־לערער, מאָלער־אַרכיטעקט וכדומה, האָבן מיר תּמיד דאָס געפיל און דעם אײַנדרוק, אַז אָט דער פּאַך־טיטל אָדער די באַצייכנטע סאָציאַלע לאַגע פונעם שאַפער וויל דאָ ווערן אַ תּניא דמסיע, אָדער — אַן אָנשפּאַר, וואָס אָן דעם וואָלט, חלילה, דער באַטרעפנדיקער קינסטלער אָנגעוווירן אַ שמץ פון זײַן ווערט.

אָבער נישט אַזוי איז דער פאַל ווען מיר צייכענען אונטער דעם צוגאָב עולה חדש. דאָ, און דער עיקר אויב מיר זענען זיך מתכוון צו אַ נײַעם עולה פון דאָרטן, איז דער צוגאָב נישט נאָר אויפן אָרט, נײַערט איז אונדז נייטיק כּדי תּופס צו זײַן אַ סך פּאַרהוילעניש. וואָרעם מיר וועלן קיין מאָל נישט אַרײַן בפני ובפנים פון דער יצירה, וואָס איר שאַפער איז אַן עולה חדש פון יענעם לאַנד, אויב מיר וועלן נישט וויסן ווען און ווו די דאָזיקע שאַפונג איז געשאַפן געוואָרן. דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע איז, פאַרשטייט זיך, חל אויף אַלע יצירות פון די יידיש־דיכטער, די פון דאָרט אָקערשט געקומענע, דאָס שפּיגלט זיך אָבער באַזונדערס אָפּ אין די ווערק פונעם דיכטער הירש אָשעראָוויטש.

און מיר וועלן דאָס פּרוּוון באַווײַזן.

הירש אָשעראָוויטש האָט שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן דאָ אין לאַנד צוויי בענד לידער וועלכע ציילן צוזאַמען העכער 550 זײַטן. פון זיי זענען בלויז 22 זײַטן געשאַפן געוואָרן אין לאַנד. האָבן מיר, הייסט עס, אַ קיימא לן פון איבער 530 זײַטן שירה, אייגנאַרטיקע, אויסטערלישע, געבוירענע דאָרטן, ביי יענע באַדינגונגען, ביי יענע שטימונגען, ביי יענע איבערלעבונגען. און ווען מיר וואָלטן נישט וויסן איר אָפּשטאַם, וואָלטן מיר זי נישט געקאָנט באַנעמען.

אַט לייענען מיר אויף זייט 64 פון דער 376 זײַטיקער זאַמלונג „צווישן בליץ און דונער" (תל־אָביב, 1973):

האָב איך געוואָגלט, געוואָגלט
און האָב באַגעגנט אין וועג
זיבן פאַרלאָרענע יאָרן,
זיבן געפונענע טעג.

ווערן מיר פון דעם דערציילן דערשיטערט. עס טוען אונדז פּיזיש ווײ דעם דיכטערס וואָגלען און וואָגלען. עס פאַרשאַפן אונדז צער זײַנע „זיבן פאַרלאָרענע יאָרן", מיר ווערן אָבער באַרויִקט און דערפרייט ווען מיר דערוויסן זיך, אַז ער האָט זיך מיט זיי ווידער באַגעגנט און אָפּגעפונען כאָטש „זיבן געפונענע טעג". לייענען מיר אָבער ווײַטער און „דערוויסן" זיך, אַז —

כ'ווייס. אַז זיי זענען נישטאָ מער,
כ'ווייס, אַז זיי זענען אַוועק.
זיבן פאַרלאָרענע יאָרן,
זיבן געפונענע טעג.

ווערן מיר שוין אויפגעציטערט און דערשטוינט: היתּכן, די „זיבן געפונענע טעג" זענען שוין אויך נישטאָ? ווער זשע וואַרפט עס אַזוי מיט אונדזער פײַן־פילנדיקן דיכטער? קוקט איר אויפן סוף פונעם ליד און געפינט: ווילנע, 1969. איצט ווערט אונדז שוין אַלץ אַזוי קלאָר, ווי ס'האָט אין אַן ענלעכן פאַל געזאָגט משה נאַדיר: אַזוי קלאָר, אַז עס ווערט אַזש פינצטער פאַר די אויגן...

דאָס גלײַכן אויף זײַט 56 פונעם זעלבן בוך. אַ ליד „צום איבערגעבליבענעם". — ווי וואָלטן מיר פאַרשטאַנען דאָ אין ישׂראל, אַ ליד פון אַ ייִד אַ דיכטער, וואָס שרײַבט: „פאַרטרײַב פון דײַן אויג די פאַרשאָלטענע טרער — / די טרער, וואָס איר ווייגלאַנץ נאָך מער דיר פאַרשעמט! / און פרעג זיך, ווי קומט זי גאָר איצטער אַהער, / ווען אַלץ, וואָס געווען איז אַ מאָל, איז דיר פרעמד" — ווי וואָלטן מיר דאָס פאַרשטאַנען און דאָס אויפגענומען, ווען מיר געפינען נישט פאַרצייכנט דאָס אָרט וווּ דאָס איז געשריבן געוואָרן? — ווילנע!

און אַזוי ליד נאָך ליד, וואָס דער דיכטער האָט דאָרט געשאַפן און דאָ פאַרעפנטלעכט.

ווירקן זיי דערפאַר אויף אונדז — וויסנדיק דאָס אָרט און די צײַט —

אוממיטלבאַר, אָן פּירושים, אָן „וויסנשאַפטלעכע" אויסטײַטשונגען. מיר גייען מיט מיטן דיכטער אויף זײַנע דאָרטיקע ווייַ־ און מאַטער־וועגן און זעען צוזאַמען מיט אים ווי עס איז „אַ ווילדער וועטער הײַנט / עס דוכט, דער גאַנצער אומרעכט פון דער וועלט האָט זיך צעוויעט"... פּונקט אַזוי ווי מיר פילן מיט דעם דיכטער און פאַרשטייען אים בעת ער זאָגט (אויף זײַט 31) : „איך די מאַלפע אָן אָן עק / קלעטער מער שוין ניט אויףביימער, / דאָך די שווערע דזשונגל שרעק / זיצט נאָך אַלץ אין מײַנע ביינער".

איז זײַן יעדער ליד אָנקלאָג, קיטרוג אויף די מענטשן און זייער פּי־רונג, אויפן רעזשים און זײַנע גרוילן. מיר זעען באַשײַמפּערלעך, אַז איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אָט די ביכער, גייט אַרום אַ שטראָפער און אַ שילטער, וואָס אַזאַ קאָן זײַן נאָר אַן עולה חדש, ווען ס'איז געלונגען פון דאָרטן זיך אַרויסצורײַסן, כּדי קאָנען דערציילן דער וועלט, אַז —

די גרינע טונקלקייט איז פול מיט סודות,
דאָס פלאַפּלען פונעם ווינט זאָגט גאָרנישט אויס.
אָט איז אַלץ שוואַרץ, אָט לײַכט זיך דורך, אָט ווידער גרויט עס ;
ס'איז יעדער היים דאָ בײַ דעם הפקר אינעם שויס...

אָבער —

נישט נאָר דערפאַר זענען מיר מחויב אונטערצוצייכענען, אַז עס גייט דאָ אַ רייד וועגן אַ דיכטער וואָס איז נאָר־וואָס געקומען און אין זײַן שאַפן שפּיגלט זיך אָפּ די וועלט פון דאָרטן. דאָס טאַקע אויך ! מיר מוזן דאָס טאָן אויך דערפאַר, כּדי אָנצוווײַזן, אַז אָט די אומלעגאַל געשאַפענע פּאָעזיע, וואָס האָט דאָרט נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכט ווערן, איז אָבער איר נוסח און סטיל, איר זאַץ־בוי און שפּראַך־אַרסענאַל — עכט דאָרטיקע. מיט אַלע פּיטשעווקעס — דאָרטיקע. שוין מחמת דעם וואָס צווישן אַ גאַנצער ריי שטילע, אָדער טאַקע בלחשדיקע ליריק, קומט דאָס שרײַעוודיקע און דאָס לײַכטע און וויל אָנשלאָגן אַ פּאַלקטאָן. צוזאַמען מיט אַ גאַנץ פײַן אויסגע־פורעמטער סטראָפע, וואָס רופט אַרויס צו זיך דרך־ארץ און באַוווּנדער, קומען אַזעלכע שורות, ווי — „הײַנט דער חלום לויפט פאָרויס / מאָרגן ער שוין שלעפּט זיך נאָך" (ז. 5) ; „איך ווייס, אַז דו אַ קרבן ביסט" (ז. 39) ; „כ'בין די גאַנצע נאָר אַ שייד" (ז. 93) א.אַ. און מאַכן קאַליע די מערכה. קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווירשנטער דאָרטיקער מאַניר, און מיר טרעפן דאָס בײַ כמעט אַלע פון דאָרט געקומענע, איז אָבער די מעלה פון הירש אָשעראָוויטש וואָס ר'איז אָנגעזאַפּט דורך און דורך מיט יידישער מסורה, מיט יידיש

וויסן, מיט ייִדישקייט, וועלן קומען זײַנע שאַפונגען וואָס פליסן דערפון אַרויס און וועלן אויף אַלץ מכפּר זײַן.

ב

ווּהין פירט אונדז הירש אָשעראָוויטשס ליד?

מיר ווייסן ווויל, אַז נישט תּמיד איז באַשערט דער פּאָעזיע, און דער ייִדישער על אחת כּמה וכמה, צו זינגען דאָס „געזאַנג פון די געזאַנגען". נאָך פון קדמונים אָן זענען קלאָג־לידער, לידער פון צער און פון צאָרן — קינות, געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט לידער פון שיינקייט, פון ליבע, פון חשק. אונדזער יאָרהונדערט איז נישט נאָר נישט געווען קיין אויסנעם דערפון, נײַערט — פון אָנהייב זײַנעם אָן, האָבן פּאָגראָמען און גזירות „געהאָלפן" דעם ייִדישן דיכטער אין זײַן געקלאָג, אַזוי אַז ער איז נישט געווען געצוווּנגען צוריקצובליקן צו „איכה" און „איוב". זײַן געפּאַנטער וועגווײַזער איז שוין געווען אַ הײַנטצײַטלער, דער בלוט־אייגענער חיים נחמן ביאַליק וועמענס „שחיטה־שטאָט" ס'האָט אָן אויפהער געפירט צו פּרץ מאַרקישעס „די קופּע" ביז צו יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק". ביז... עס איז געשען דער נס און נאָכן פאַר־טיליקן די ייִדישע קולטור אין דער נײַער אייראָפּע און דאָס אויסמאָרדן די ייִדיש־סאָוויעטישע גרויסמײַסטערס, איז געלונגען אַ צאָל לעבנגעבליבענע שאַפערס זיך פון דאָרט אַרויסצורײַסן און ברענגען „דאָס געזאַנג צווישן ציין" (יוסף קערלער) פאַר די ייִדן, וואָס פאַרשטייען נאָך ייִדיש. און הירש אָשעראָוויטש איז איינער פון זיי. טוט ער דאָס מיט אחריות און געוויסן און וויל דורך זײַן ליד ווײַזן אונדז און דערקלערן זײַן דאָרטיקע וועלט.

אין זײַן ליד „וואָלט איך זיך פאַרגעבן קענען מײַנע זינד" („צווישן בליץ און דונער", ז. 196) דערציילט אונדז דער דיכטער:

אָנגעהויבן האָט זיך אומוועגיקער וועג,
שטויב און קויט פאַרליאַפּעט האָבן יונגע טריט.
ראַנגלענדיק זיך פאַר פאַרשווינדניקע טעג,
כ'האָב דאָס רוב זיי — שוין פאַרשווונדענע — פאַרהיט...

אמת, דאָ געפינען מיר אַ שאַרפע סתירה צו זײַן אויבנדערמאָנט ליד אין וועלכן ער דערציילט אונדז, אַז ער האָט אַלע טעג און יאָרן פאַרלאָרן. אָבער, ווײַל ער גייט דאָ אַוועק פון לירישן מעדיטירן און דערנענטערט זיך צום עפּישן שילדערן, דערזעען מיר אים, דעם דיכטער, וואָס דערזעט זיך אַליין אין ליכט פון זײַנע אייגענע זינד, וועלכע ער קאָן זיך נישט פאַרגעבן.

און אויב ער איז דערבײַ מכריז ומודיע, אַז אַפּילו די שוין פֿאַרשוווּנדענע טעג האָט ער אויך פֿאַרהיט, און ער פֿאַרשטייט שוין איצט „ווי אומגעהײַער לאַנג / עס קען זײַן אַ גרויסע וואָכעדיקע שעה", גלייבן מיר דאָס אים. און ווײַל אָט דאָס ליד איז אַזוי עכט און רירנדיק, ווילט זיך דאָס פֿאַרגלײַכן צו דעם חומשדיקן זאָג פֿון אונדזער פֿאָטער יעקב: עם לבן גרתי; רש״י וועט שוין דאָס אויסטײַטשן: עם לבן גרתי, אָבער — תרי״ג מצוות שמרתי...

פֿון דאַנען וועט שוין הירש אָשעראָוויטש קאָנען קומען צו זײַן ליד „אַטאַוויזם" (ז. 201) און זאָגן: „דאָס האָט אַברהם אויפֿגעוועקט דיך / גיין מיט אים צום באַרג מוריה. // דאָס האָבן אינקוויזיטאָרס זיך אַרײַנגעריסן זען, / צי דו — דער נײַער קריסט / ניט אויפֿגעשטאַנען ביסט אָקאָרשט צו חצות".

און אויספֿירן:

דאָס זענען אַלע פֿריִערדיקע דורות
וואַך אין דיר.
טאָ זײַ שוין וואַך
אויך פֿאַר די קומענדיקע דורות!

און, מאָדנע, אָט די וואָכיקייט איז אים בײַגעשטאַנען אויך דאָרט. ביז דעם שטוינענדיקן פֿאַקט, אַז אַ סאָוויעטיש־געטרײַע קריטיקערין רבקה רובין האָט אין איר ער אַן אָפּהאַנדלונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרויסגערעדט וועגן אים אומפֿאַרגלײַכלעכע לויב־רייד, וועלנדיק כּלומרשט באַווײַזן, אַז הירש אָשעראָוויטש איז אַ הײַנטצײַטיקער דיכטער — כּאילו הײַנטצײַטיקייט איז דער סימן מובהק פֿון סאָוועטישקייט — האָט זי דערבײַ רמזימדיק אַרויסגעהויבן דאָס ייִדישע וואָס אין אים, דאָס נאַציאָנאַלע און טיף־מענטשלעכע און רעזומירט: „אין זײַן שאַפֿן קלינגען די דערהויבענע טענער פֿון נבֿואה־געזאַנגען און עס פֿלעכטן זיך די אָרנאַמענטאַלע געוועבן פֿון דער מיזרח־פּאָעזיע".

דערמאָנט דאָס אונדז, אַז אין יאָר 1969, עפּנט ער זײַן לידער־זאַמלונג „זונענגאַנג" (דערשינען אין מאָסקווע בײַם פֿאַרלאַג „סאָוויעטסקי פּיסאַטעל") מיט אַ מאָטאָ, אין וועלכער ער פֿרעגט און ענטפֿערט:

ווי ווערט עס נישט מיד די זון תּמיד גיין דעם זעלבן וועג,
אומעטום באַגעגענענדיק פֿינצטערניש און קעלטן?
קענטיק, ס'איז אַ גרויסע פֿרייד דאָס באַשאַפֿן העלע טעג
און דאָס אָנוואַרעמען וועלטן.

ווילן מיר דערפון דרינגען, אַז דער ייִדיש־דיכטער ה. אָשעראָוויטש, וואָס איז נישט מיד געוואָרן צו גיין זײַן אייגענעם גאַנג, אָדער גאָר לויפן דורך פינצטערנישן און קעלטן, האָט עס געטאָן כּדי צו ברענגען מיט זײַן ליד, אויב נישט פרייד איז לכל הפּחות טרייסט און צוזאָג וואָס זענען בכּוח צו מאַכן העלער די טעג און אָנוואַרעמען וועלטן. אָט וווהין זײַן ליד האָט גע־צילט און געפירט.

אמת, פּאָעזיע איז אַזאַ מיסטערישער מעדיום וואָס נישט צו יעדערן דערגייט זי און נישט יעדער איינער געניסט פון איר, און אַ פּשיטא שוין אויב זי ווערט אונטערגעטראָגן אין צו גרויסע קוואַנטומס, ס'איז אָבער געוווג אויב אײנער פון אַ שטאָט און צען פון אַ געגנט דערפילן איר גלעטנ־דיקע, גענאָדיקע האַנט, זי זאָל ווערט זײַן מיר זאָלן מאַכן איבער איר אַ ברכה.

ג

אויך אין זײַן נײַסטער זאַמלונג א.ב. „אין דער וועלט פון עקדות", האָט „דער האָרן פון דער לבנה דורכגעלעכערט מיר דעם שלאָף"... אָבער זי איז שוין קאָמפּאַקטער און מער סעלעקטיווער. אויך די אויבנדערמאָנטע 22 זײַטן, אָנגעשריבענע שוין דאָ אין לאַנד, געפינען זיך אין דער נײַסטער לידער־זאַמלונג. אָבער אויך דאָ, ווי דאָרט, טרעפן מיר זיך מיט אַ דיכטער וואָס פרעגט־אָפּ דאָס חיהשע און דאָס בלוטיק־ברוטאַלע אין דער מענטשן־געזעלשאַפט. —

זעט אַ ייִד, עס רייטלען זיך די שויבן
ווייסט ער, עמעץ ערגעץ וועמען שעכט.
רשעות טוט פאַרגוואַלדיקן און רויבן
אומרעכט ווײַזט זײַן נידערטרעכטיק רעכט...

שטעלט ער דער אומרעכט אַנטקעגן אַ ליריק, אַן אָנגעטרונקענער מיט ייִאוש וואָס גייט־איבער אין האָפן, מיט קללה צו סדום און מיט ברכה צו דער קרעאַטיווער וועלט. שוין די פּאָעמעס וואָס אין ביידע ביכער, וואָס פאַרדינען אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, זענען די בעסטע עדות דערצו. דערײַ־בער זענען אַ סך פון זײַנע לידער אָנגעפילט און דורכגעזאַפּט מיט דער מסורה פון פאָלק און תּנ"ך, אין וועלכער ער געפינט אָנשפּאַר און דער־מוטיקונג. מען פילט אַז אָט די מאָטיוון זענען פאַר אים ווי אַ זיך־שטאַרקנ־דיקער קוואַל.

אָט קומט ער צו אונדזער שעפעלע (דערמאָן זיך: שׂה לעולה!) און זאָגט צו דעם:

אָ, ליכטיק שעפעלע, איך קוק אויף דיר און טראַכט:
ווי קומט עס צו אַ וואָלף אַזאַ־אָ העלער חלום,
אַז גאַנצע טעג ער טרוימט פון דיר,
אַז גאַנצע נעכט אים ציט צו דיר,
אַז גייסט אים ניט אַרויס פון זינען?

(„אין דער וועלט פון עקדות", ז. 109)

און אָט קומט ער צום ציגעלע, צום אייביקן יידישן ציגעלע, וואָס איז געשטאַנען אונטער אונדזער וויגעלע, און זאָגט: „איז געקומען דאָס ציגעלע פונעם חד־גדיא / צו דעם ציגעלע פונעם אחרית הימים / און האָט זיך בלוטיק צעמעקעט: / „אוי, שוועסטערל, אוי, / ווי, צאַרטינקע, ווי, / גלייב ניט, האַרצינקע, דעם נביא! / אויב מיך האָט געקאָנט אַ קאָטער פאַר־צוקן, / ווי אַזוי קאָנסטו געטרויען אַ טיגער?"

און אַז דעם דיכטער האָט נאָך דער „פאַרצוקונג" זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן, און איז שוין עטלעכע יאָר אין לאַנד, וועט ער שוין עפענען זיין נייַ בוך מיט אַ ליד הנני —

„איך בין אַ ייד! —

„איך האָב די גרעסטע גאָב פאַרהיט. / כ'האָב אָפּגעהיט און אויסגעהיט / מיין פון מיין אורזיידן געירשנט פנים"... ווערט דאָס שוין דער „עול פון הונדערט דורות גלות" וואָס קומט דאָ צום אויס... געשריי אויף דעם באָדן פון די אָבות. ס'איז שוין יפו אין וועלכער דער דיכטער־עולה קאָן מכריז זיין:

איך לעב אין דיר, אין דיר, יפו.
דער שטאָט מיט אַלטסטן שם און קירצסטן נאָמען...

און פון יפו ביז קיין ירושלים איז נישט מער ווי אַ שפרונג צו טאָן. טוט דער דיכטער אַ שפרונג „קדוש" צו ירושלים און דערזעט:

דאָ הייבט זיך אַלצדינג אָן.

הייבט זיך טאַקע דאָ אַלצדינג אָן. אויך די באַנייונג פון אַ יידישן פּאָעט, וואָס וועט אָן שום ספק מיט זיינע היי־געשאַפענע ווערק שאַפן פאַר זיך אַ נייע וועלט, וואָס וועט באַהויכן און באַלייכטן זיין פריערדיקע וועלט, וועלכע קומט אַזוי אומפאַרגלייכלעך צום אויסדרוק אינעם שלל פון זיינע ביז־איצטיקע שאַפונגען.

ס׳איז געקומען אַ דיכטער

געקומען אַ דיכטער וואָס זײַן נאָמען איז אונדז געווען כמעט אומ־באַקאַנט און זיך רעפּרעזענטירט מיט צוויי לידער־ביכער.

אַז איר לייענט אַן ערשטלינג־בוך פֿון אַ יונגן שרײַבער, אַן אָנהייבער, און איר געפֿינט אין דעם בוך אַ ניצוץ פֿון פּאָעזיע, עפּעס וואָס פֿאַרכאַפּט אײַך, וואָס אימפּאָנירט אײַך, קאָנט איר, אָן שום שהיות זאָגן, אַז דער דאָזיקער אָנהייבער „זאָגט צו״. איר וועט דערמיט יוצא זײַן פֿאַר דער גאַנצער וועלט. פֿאַרן יונגן שרײַבער — איר „זאָגט דאָך אים צו״ אַ צוקונפֿט, און פֿאַר די לייענערס און צוהערערס — איר פּטרט זיי אָפּ מיט נישט קיין מחייבדיקע צוזאָגן...

ווי אַנדערש איז דאָס אָבער בעת איר האָט צו טאָן מיט אַ שרײַבער אין זײַנע עלטערע יאָרן, נאָר איר האָט אים ביז איצט נישט געקענט. איז דאָס נישט קענען אים הייסט דאָך נישט, אַז ער הייבט ערשט איצט אָן, — דאַרף דאָך, אויב אַזוי, זײַן איצט דערשײַנענס צוגעשטעלט ווערן צום אַלגעמיינעם חשבון פֿון זײַן שרײַבערישן סטאַזש, צו זײַן שרײַבעריש פֿאַר־מעג, וואָס איז בלויז אײַך נישט באַקאַנט, אָדער — ווי אין אונדזער פֿאַל — איז׳ס אין גרעסטן רוב אַ געבערענגטס פֿון דאָרטן. —

האָט מיך דאָס מחייב געווען דורכצולייענען איין מאָל און נאָך אַ מאָל די צוויי לידער־ביכער פֿונעם דיכטער, נײַער עולה, חיים זעלצער, און זיי האָבן מיך באַצוונגען און באַווירקט.

קודם כל האָב איך געפֿונען אין זיי רוטין. שפּעטער — לשון און בילד. כ׳האָב געלייענט ליד בײַ ליד, משל בײַ משל, און געפֿונען אין זיי גוטס און שיינס, און דער עיקר: אַ דיכטער וואָס איז מיט זײַן גאַנץ לײַב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין יידישקייט, וואָס זעט זײַן פֿאָלק אין פֿרייד און אין לייד, אין חורבן און אין אויפֿבוי, שרײַט־אָפּ בייזס און ווינטשט זיך און אונדז בלויז גוטס, בקיצור — אַ מחבר פֿון עכטער יידישער שירה.

אַוודאי וועט אַ געניט אויג דערקענען, דאָ און דאָרט, אָרטיקן, כ׳מיין: סאָוועטישן שפּראַך־שאַבלאָן, פֿאַרעלטערטן נוסח וואָס די דאָרטיקע באַדינ־גונגען און השפּעות האָבן אַרויפֿגעצוווּנגען. ער וועט זאָגן: „עס ציט מיך שוין ווידער / צו טרוימען און לידער, / גלײַך אַלט בין איך זעכצן...

אַ שיפל אָן רודער, / מײַן האַרץ — קידער־ווידער, / גלײַך אַלט בין איך זעכצן... א. אַז. וו. אָבער אויב אַ דיכטער פון „דאָרטן" הייבט אָן מיט —

לייז אויס מײַנע טרערן
וואָס איך האָב פאַרמשכּנט
בײַ הימל און ערד
פאַר אַ ביסעלע פרייד —

וועט שוין קיינער נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אַפילו דאָס לײַכטע זײַנס, דאָס שאַבלאָנע. און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שרײַבער וועמען דער יידישער גורל האָט געשטויסן פון שפּראַך צו שפּראַך אין זײַן ווייפולן היימלאַנד, און געשטויסן אים פון לאַנד צו לאַנד ביז — צו אייגן לאַנד, און אַז ער האָט זוכה געווען אין אַ בערך קורצער צײַט אַרויסצוגעבן צוויי ביכער — מעג ער, האָט ער פולע רעכט צו קלאַפּן אין אונדזערע ליטעראַרישע טויערן און פאַרלאַנגען פאַר זיך און פאַר זײַנע לידער פּאָעטישע אַזיל־רעכט צוזאַמען מיט קאָלעגיאַלער בירגערשאַפט.

תּמיד, ווען עס קומט מיר אויס צו לייענען ווערק פון שרײַבערס וואָס זענען געאָגראַפיש און צײַטלעך ווײַט פון אונדזער מקום און תּקופה, קומט מיר אויפן געדאַנק דער ענין איבערדרוף. ווײַל תּמיד, ווען עס גייט נאָר אַ רייד וועגן יצירה און איך קוק אַרײַן אין אונדזער פײַנרײַכער געשיכטע, געפין איך אָנשפּאַר און דערמוטיקונג אין אָט דער הנחה, אַז שעפערס רופן זיך איבער, באַהאַנדלען אָפט מאָל איינע און די זעלבע טעמעס, ווילן זיך דערגרונטעוווען צום תּוך פון די זעלבע פּראָבלעמען, כאָטש יעדער איינער פון זיי לעבט און שאַפט אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַן אַנדער לשון אַפילו און אין אַן אַנדערער צײַט. אין אונדזערע גרויע, פּוסטע, „פּרשות"־דיקע טעג, איז אַוודאי דאָ אַן אָרט דורכצוקוקן יעדע יידישע שאַפונג דורך אָט דער פּריזמע. און אַז מיר וועלן דאָס טאָן, וועלן מיר „דערזען די קולות" וואָס האָבן גערופן און רופן אָן איבעררײַס צו אַ בעסער און שענער יידיש לעבן.

און פון דאַנען צום נײַעם עולה חיים זעלצער.

אָט, אַ שטייגער, נעמען מיר זײַנס אַ ליד פון זײַן צווייטער לידער־זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פון היימישן ברונעם" און מיר לייענען:

מיר וועלן צעטיילן דעם איצטער
ווי אַן אַקס אַ געקוילעטן —
צעטרייבערן,

אין יאַטקעס פון גאָרער וועלט
אויף אונדזערע שטרײַקנדיקע
לאַסט־לוסט,
גלוסט־לופט
ים־טאַראַראַם־שיפן צעפירן.

און ס׳וועלן געטרײַע משרתים
שלעפן די קונים פאַר פּאָלעס:
קומט, קויפט,
פאַרזוכט און געניסט
פונעם שור הבר,
ווײַל מירן שוין נישט דערלעבן
משיחן.

און מאָנען מיר וועלן געשוואָלענע
פּרײַזן —
מיר זאָלן חלילה נישט לײַדן קיין
היזק,
דאָס עסק זאָל לוינען אָנזאַמלען
ממון —
ירושה פאַר אונדזערע קינדער
און אייניקלעך,
וואָס שטייען
אין רייען
צו צוויי
בראָש מיט יאַנוש קאָרטשאַק.

(ז׳ 28)

לכאורה, אַ פּראָזאַיִש ליד, מיט אַלע אַקסעסואַרן פון דער מאָדערנאַ. אָבער לייענט דאָס און איר וועט דערפילן אַן אינערלעכע בושה, דערזעענדיק אַז דאָס זענען מיר, אַז דאָס מיינט מען אונדז. ווי דער דיכטער וואָלט אונדז האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר אַ שפּיגל און אונדז באַפוילן זיך אין אים אָפּצו־שפּיגלען. כ׳וואָלט עס שיעור נישט פאַרגליכן צו אַ הײַנטצײַטיקער מנה־מנה־אויפשריפט אויף אונדזער וואַנט... עס איז דאָ אין דעם ווײ און סאַר־קאַזם, אָפּלאַך און רוף. אָבער — איר דערמאָנט זיך באַלד, אַז אָט דאָס ליד רופט זיך איבער נישט מיט קיין אַנדערן ווי מיט דעם דיכטער און חכם

יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט מיט אַ יאָר 40—50 קעריק אַזוי געשריבן אין זײַן ליד „דײַן כזית קדושה״:

אַ, ווי איך האָב דיך געזען קויפן און פאַרקויפן.
איך האָב דיך געזען לייענען אַ בלאַט.
איך האָב דיך געזען פלינק
שטעלן פיס און אַנטלויפן.
אין אַלץ ביסטו פרום און ייִדיש.
נאָך איידער דו זינדיקסט,
איז שוין גרייט דײַן האַנט
פאַר דעם על חטא.
און זינדיקן זינדיקסטו קיין מאָל נישט ביזן נפש, ביזן בלוט.
שמוגלסט קליינע עבירות
די גרויס פון דימענטן...

זעען מיר דאָ קלאָר און באַשײַמפּערלעך, אַז בעת אַ ייִד פון סאָוועטנ־לאַנד זינגט און זאָגט אין צענדליקער יאָרן אַרום: „און מאָנען מיר וועלן געשוואָלענע / פּרײַזן — / מיר זאָלן חלילה נישט לײַדן קיין / היזק, / דאָס עסק זאָל לוינען אָנזאַמלען / ממון״ — איז דאָס אַן אויפטרייסלענדיקער איבעררוף, איבער אָרט און איבער צײַט, מיט אַן אַנדער ייִדיש־פּאָעט, און ביידע, און אַוודאי מערער נאָך, רופן זיך איבער מיט ישעיהן און ירמיהן.

זאָגט דאָך ישעיה: הוי גוי חוטא עם כבד עון זרע מרעים בנים מש־חיתים... און יהואש זעצט עס איבער: ווײ, זינדיקע אומה, פאָלק מיט פאַר־ברעכן באַשווערט, זאָמען פון שלעכטסטוער, קינדער פאַרדאָרבענע.

און ירמיהו זאָגט:

כי אויל עמי אותי לא ידעו בנים סכלים המה ולא נבונים המה חכמים המה להרע ולהטיב לא ידעו... און יהואש איבערזעצט: וואָרום נאַריש איז מײַן פאָלק, מיך קענען זיי ניט. קינדער נאַרן זענען זיי און ניט פאַרשטאַנדיק זענען זיי. זיי זענען חכמים אויף טאָן שלעכטס, און פון גוטס־טאָן ווייסן זיי ניט.

פון דאַנען, אַז אין פּאָעזיע, אין וועלכער דאָס וואָרט איז סובלימירט ווי די וויזיע, גייט אָן אַ כּסדרדיק דורכרעדן זיך פון דיכטער צו דיכטער, פון מענטש צו מענטש, איבער צײַט און איבער אָרט, ביז ערגעץ ווו און אין אַ וועלכן ס׳איז ווען, וועט עס אָפּקלינגען אין עמעצנס האַרץ און ער וועט אַ זאָג־טאָן: כי טוב!

אַוודאי וועט חיים זעלצער דעקלאַרירן זײַן עניוות, זיך אָנרופן „אני

הקטן״ און וועט אונדז אין זײַן ערשטן ליד, אין דער ערשטער לידער־זאַמלונג וואָס ער רופֿט אָן „רו אין רוּיִנען״ זאָגן, אַז ער איז דער דיכטער וואָס האָט פֿאַרשפּעטיקט דעם איצטער פֿון נצח; אַ מאָלער, וואָס איז פֿאַר־זעסן געוואָרן אין אדום הדמים... ער וועט אָבער מיט זײַן גאַנצער ענווּת מוזן אויפֿדעקן דעם אמת, זײַן גאַנצן אמת, און וועט באַלד אין צווייטן ליד זיך פֿאָרשטעלן ווער און וואָס ער איז פּאָרט, און וועט זאָגן:

וווּהין כ'זאָל נישט גיין — זיי זענען מיט מיר:
דער טינטער, די פֿעדער, דער בויגן פּאַפּיר,
דער אָפּשײַן פֿון שײַטערס, די ווינטן פֿון סטעפּעס,
דאָס קרענצעלע גראַמען — און דאָס איז שוין עפּעס.

וווּהין כ'זאָל נישט אײַלן — זיי אײַלן מיט מיר:
מײַן היימלאָזע היים און דער שליסל צו איר,
די בריל וואָס צום לייענען, און די — וואָס איך קוק.
דאָס פּעקעלע יאָרן — און דאָס איז גענוג.

וווּהין כ'זאָל נישט גיין, זיי קומען מיט מיר:
דער שטערן וואָס האָט מיך אין לעבן געפֿירט,
דאָס היימישע לשון, מײַן מאַמעס אַ טרער,
מײַן טאַטנס אַ שמייכל — און דאָס איז שוין מער.

וווּהין כ'זאָל נישט פֿאָרן, זיי פֿאָרן מיט מיר:
דאָס גילדענע ציגעלע, ווינקעלעך פֿיר,
מײַן באַבעס אַ ווערטל, מײַן פֿאַרביק פֿאַד,
דעם זיידנס אַ ניגון — און דאָס איז אַ סך.

איז אויב מיר געפֿינען בײַ אים — און מיר געפֿינען! דעם אָפּשײַן פֿון שײַטערס, די ווינטן פֿון סטעפּעס, די היימלאָזע היים, דאָס היימישע לשון, דער באַבעס אַ ווערטל און דעם זיידנס ניגון — איז עס שוין בפֿירוש עפּעס, מערער ווי עפּעס, שוין גאָר אַ סך.

אויך וועגן זײַנע „כּעלעם״־מאָטיוון, וואָס פֿאַרנעמען שיִער נישט דעם אויבנאָן אין זײַנע זאַמלונגען, ווילט זיך וואָס זאָגן און ס'איז דאָ וואָס. וואָרעם קודם כּל האָט דאָך די כּעלעמיאַדע אין דער ייִדישער פּאָעזיע איר חן און איר טעם. טעם — תּרתּי משמע: אי טעם און אי סיבה. און אויב עס גייט אַ רייד וועגן דיכטער חיים זעלצער דאַרף געזאָגט ווערן,

אַז אין זײַנע כעלעם־לידער איז דאָ פּאַרטיפּטקייט, אַרײַנגעטראַכטקייט און די פּאַבולע איז אַן עכטע. נישט איין ליד זײַנס, וואָס איז געבויט אויפֿן כעלעם־מאָטיוו, רופֿט אַרויס צושטימונג, אַ מאָל אויך אַ פֿאַרגעניגן־שמייכל און טייל־מאָל אַפֿילו באַוווּנדערונג פֿאַר דער שײַנקייט פֿון זײַן ווערטער־אַפּקלײַב און פֿאַר דער גוט אויסגעמײַנסטערטער קאָנסטרוקציע. איז דאָך שוין דאָס אַליין, ווי חיים זעלצער זאָגט, אויך עפּעס. אָבער — ווײַל מיר האָבן וועגן אָט דעם ענין אַן אַנדער מיינונג ווי די אָנגענומענע, וועט דערפֿון גערעדט ווערן בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

ג

חיים־נחמן ביאַליק
ש"י עגנון
שניאור־זלמן שזר
אברהם שלאָנסקי
אמיר גלבוע
אסתּר ראַב
חיים ראַבינזאָן
יוסף חנני
ברוך אורן

די קרוינען פון ח. נ. ביאַליק

(אויפן ביאַליק־אָוונט אין יידישן שרייבער־פאַראיין אין תל־אָביב)

...על דעת הדיכטערס, שרייבערס און קינסטלערס, וואָס זענען איצט דאָ פאַרזאַמלט, ועל דעת המקום הזה — דער קעלער פון יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין דער מדינה ישראל, עפן איך דעם היינטיקן אָוונט, וואָס איז געווידמעט חיים נחמן ביאַליקן אין זיין 94סטן געבוירנטאָג (עשרה בטבת תרל״ג).

ווען חיים נחמן ביאַליק וואָלט נאָך היינט געלעבט און מ׳וואָלט גע־פייערט זיין 94סטן געבוירנטאָג ברוב עם, וואָלט מען נאָך אַלץ נישט גע־קאָנט דורכקומען צווישן זיך וועגן דער אייגנטימלעכער פאַרבנרייכער ראָל און פאַרשיידנאַרטיקן אופן פון זיין שאַפן. מ׳וואָלט נאָך אַלץ געפרעגט — און אַפילו אָפּגעפרעגט — געוויסע שטעלן און סטאַציעס אין זיין גרויסער יצירה און, ווי היינט, געזוכט אָפּצוטיילן ביאַליקן דעם נאַציאָנאַלן העראָלד וואָס שופרט מיט נביאישן וואָרט און געשאַל, אויף די מויערן פון בית ישראל — פון ביאַליקן דעם נאַטור־באַזינגער אין דער העברעישער קוים־דאַן־אויפגעלעבטער שפּראַך, אין צייטן פון השכלהשער מליצה.

ווערלן מיר זיך היינט נישט באַנוצן מיט קיין סופּערלאַטיוון און נישט אַנטאָן דער קרוין ביאַליק קיין קרוינען. ביי אונדז, ביי די וואָס דער גורל פון פאָלק איז געקניפּט און געבונדן מיט אונדזער אייגענעם פּערזענלעכן גורל, ווען נפשנו קשורה בנפשו, ביי אונדז, — ווען מען די גרויסע שוידער־לעכע קאַטאַסטראָפע האָט אָוועקגעשטעלט אין דער לאַגע פון נישט זיין אָדער זיין: מיר, וואָס לעבן־איבער מיט אַלע רמ״ח דאָס אַרויסשפּראַצן פון שטייניקן צי פון זאַמדיקן באָדן אַרויס, אַ ביימל אָדער אַ גרעזל אין דער דורך־שבעה־מדורי־גהינום־אויפגעלעבטער היים אונדזערער, און ווייטיקן מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן אונדזערן יעדן סימן פון שקיעה אָדער אויסגיי, חלילה, אין די תפוצות — פאַר אונדז לעבט און וועט לעבן איין־איינציקער ביאַליק. ביאַליק דער קוואַל און דאָס קוואַליקע וואַסער. ביאַליק דער מעיין

המתגבר פון ייִדישער יצירה אין דער אייביקער שפּראַך עברית מיט פלוסן און אָפּפלוסן אין אונדזער זאַפטיקן פולבלוטיקן פֿאָלקס־לשון ייִדיש. מיר טיילן נישט אָפּ זײַן ברייט־עפּישע פֿאָרעם פון זײַן באַלאַדע־אַרטיקן ריטעם. מיר טיילן נישט פונאַנדער זײַנע לידער וואָס אָטעמען מיט שטורמישער קראַפט און אָטעמען־אַרויס אומבאַגרענעצטן מוט און גבורה, — פון די שטילע, לירישע. מיר טיילן נישט אָפּ זײַן יחידישן טרויער פון „זריתי לרוח אנחתי״, צי „נטף נטפה הדמעה״, אָדער „צנח לו זלזל״ פון די אָראַ־טאָרישע, נביאישע צער־און־צאָרן לידער, וואָס הייבן זיך אָן מיט: „איך בין צו אײַך פון גאָט געשיקט״. ווײַל סײַ זײַן הכנעהדיקע רעזיגנאַציע, סײַ זײַן ייִאוש פון „ראיתיכם שוב בקצר ידכם״ און סײַ זײַן „מגילת האש״ שטאַמען פון איין קוואַל: „אם־יש את־נפשך לדעת״... — פון טיפער ייִדיש־קייט, פון די ממעמקימס פון אונדזער גורל, פון די וועגן און אומוועגן פון אונדזער געשיכטע, און פון זײַן פערזענלעכן לומדישן קוואַל.

שוין זײַן לשון, שוין זײַן סטיל און די אידייִישע אָנגעלאָדנקייט פון זײַן וואָרט מאַכן נישט קיין חילוק, נישט נאָר צווישן דעם מין יצירה און דעם אַנדערן, נאָר אַפילו נישט צווישן זײַן פּאָעזיע, פּראָזע און פּובליציסטיק, הגם ער פּרוּווט אין זײַן באַרימטן עסיי „גלוי וכסוי בלשון״ פונאַנדערטיילן די פּראָזע פון דער פּאָעזיע, באַטאָנענדיק אַז די שפּראַך האָט מער מיסיע צו פֿאַרשטעלן, צו פֿאַרדעקן ווי אויפצודעקן דעם אייביקן אמת, אָבער ער גיט אַליין צו: עד כאן די שפּראַך פון ווערטער. גאָט פֿאַרמאָגט אָבער נאָך, ער פֿאַרמאָגט שפּראַכן אָן ווערטער. דאָס זענען ס׳זינגען, ס׳וויינען, ס׳לאַכן. — און ער פירט אויס, אַז יעדער גײַסטיקע שאַפונג וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין עכאָ פון איינעם כאָטש פון אָט די דרײַ ד.ה. פון ניגון, געוויין צי געלעכטער, איז איר לעבן קיין לעבן נישט און ס׳וואָלט געווען גלײַכער זי זאָל נישט געווען קומען אויף דער וועלט... דערפאַר אָבער זײַן עסיי, זײַן קריטיק־מאמר פֿאַרמאָגן יאָ ניגון, זײַן מאמר „גילוי וכסוי בלשון״, צי „הלכה ואגדה״ באַשטעטיקן דאָס כמאה עדים. און דערפאַר אַז ער שרײַבט: „להלכה פנים זועפות, לאגדה — פנים שוחקות״. אָדער בעת ער קומט־צו צו הלכה און אגדה אין דער ליטעראַטור און טוט אַ זאָג: כאן יבשת של פּרוזה, סגנון מוצק וקבוע, לשון אפורה בת גון אחד — שלטון השׂכל; וכאן לחלוחית של שירה, סגנון שוטף ובן חלוף, לשון מנומרת בצבעים — שלטון הרגש״. — דאָ אַ באַשטענדיקער אויסגעמישטער סטיל, אַ שפּראַך אַ גרויע מאָנאָטאָנע — די מלוכה פון שׂכל; דאָ פײַכטקייט פון שירה, פליסנדיקער תּמיד־זיך־בײַטנדיקער סטיל, אַ לשון פול מיט פֿאַרבן — די מלוכה פון געפיל — זעען מיר ביאַליקן בכבודו ובעצמו אָן שום סתירות.

און אויב מיר זאָלן בלויז און נאָר דאָס זאָגן וועגן ביאַליקן האָבן מיר געזאָגט אַלץ.

איך וועל נישט איבערחזרן די מיינונגען פון אַן אַ שיעור שרײַבער־קריטיקערס, וועגן דער השפעה פון ייִדישן פאָלקס־לשון, פאָלקס־ווערטל און פאָלקס־ליד אויף אַ גאָר גרויסן טייל פון ביאַליקס ליריק אין העברעיִש — אַפילו נישט דאָס, אַז זײַנע „משירי עם״... „זענען אימיטאַציעס פון ייִדישן פאָלקס־ליד, אָדער ריינע אָריגינעלע לידער אין עברית לויטן מאָדעל און גײַסט פונעם ייִדישן ליד״ (א. מייטוס). אָבער עס בעט זיך ממש נאָך איין בקיצורדיק וואָרט וועגן ביאַליק און ייִדיש.

נישט געקוקט דערויף וואָס ביאַליק האָט אויך געשאַפן אין ייִדיש און זײַן טאָג־טעגלעך לשון איז געווען ייִדיש — איז ער געווען פון די וואָס זענען אַרויס קעגן אונדזער ליטעראַריש־פּאַרלעגערישער טעטיקייט אין דעמאָלטיקן ארץ־ישׂראל. בעת ס׳איז דערשינען דער „איינס״ — די צווייטע זאַמלונג פון ליטעראַטור אין ייִדיש אין לאַנד, האָט ביאַליק געשריבן קעגן דער „ייִנגלערישער פּראָוואָקאַציע״. עס געדענקט זיך אויך דאָס דיסקוסיע־אַרטיקל אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ פון אהרן צײַטלין (נומערן 46־47) אין וועלכן ער וואַרפט־פאָר ביאַליקן, אַז „אויפן וועג אײַנצוגעמען דעם „גלות״ פאַר דעם העברעיִשן בוך, האָט איר געפונען פאַר מעגלעך, נייטיק און געוווּנטשן, אויפצוווײַזן מיט פאַרדעכטיקן אַקאַדעמיזם, אַז ייִדיש וועט אַזוי לאַנג לעבן, ביז עס וועט מוזן שטאַרבן״. עס געדענקען זיך נאָך די דיסקוסיעס אַרום דעם, דער רעש און דער רוגז...

איז גראָד איצט די פּאַסיקע רגע צו דערציילן, אַז ביאַליקס פּערזענלעכע באַציִונג, צו די מענטשן פון דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער ייִדישער שרײַבער־גרופּע אין לאַנד, איז געווען אַ טיף־מענטשלעכע, כ׳וואָלט זאָגן: אַ פאָטערלעכע. דניאל לייבל, דער דעמאָלטיקער גײַסטיקער פירער פון די ייִדיש־שרײַבער אין לאַנד איז געווען בײַ ביאַליקן אַ יוצא ונכנס. בײַ אים פלעגט ביאַליק תּמיד זיך נאָכפרעגן אויף די ייִדיש־שרײַבערס אין לאַנד, דער עיקר אויף פּאַפּיערניקאָוון.

צו דעם קומט פּרץ הירשביין, און אין דער בראָשור וואָס איז דער־שינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1936 א. נ. „ייִדיש אין ארץ־ישׂראל״ גיט ער אונדז אַ פול קינסטלעריש בילד פון זײַנעם אַ שמועס מיט חיים נחמן ביאַליק, און עס ווערט אונדז קלאָר, עס ווערט ממש באַלויכטן די ביאַליק־פּערזענלעכקייט אויך אויף דעם געביט.

פּרץ הירשביין פרעגט ביאַליקן:

„ווייסט דאָך, מען האָט אַמאָל געגלייבט, אַז אַ שטאַרקער ווונטש קאָן

גלײַך אויף אַן אָרט מקוים װערן; װי זשע װאָלט דיר דאָס ייִדישע לעבן אויסגעזען, װען איצטער, אָט װי מיר שטייען ביידע און רעדן, איז געשען דער געװינטשטער נס, װי די העברעער (גדוד מגיני השׂפה) פֿאַרלאַנגען — ייִדיש איז פּלוצלינג אויסגעגאַנגען און פֿאַרגעסן געװאָרן... מ׳האָט אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו הערן אין ייִדישן לעבן אַפֿילו דעם אָפּקלאַנג פֿון ייִדיש?

ביאַליק איז בלאַס געװאָרן. — אין זײַנע אויגן דער אומבאַשרײַבלעכער טרויער. ער האָט מיך מיט טרויער און גליװער אַ װײַל אָנגעקוקט, און געזאָגט:

— דאָס איז אכזריות. װען ייִדיש גייט אַזוי פּלוצלינג אויס, װאָלט עס געװען גלײַך װי אַ גרויס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין ייִדישן לעבן״...

איז אין זכות פֿון אָט דעם נישט־אויסגעלאָשענעם ליכט, װעלן מיר הערן הײַנט אין פֿאַראיין פֿון די ייִדישע שרײַבער־און זשורנאַליסטן אין ישׂראל צװיי װיכטיקע און באַדײַטנדיקע דיכטער — דעם ייִדישן — ישעיהו שפּיגל און דעם העברעיִשן — אליהו מייטוס, װעגן דער פּערזענלעכקייט ביאַליק אין טאָג פֿון זײַן געבוירן. זיי װעלן אים קיין נייע קרוינען נישט אָנטאָן, זיי װעלן אָבער באַלײַכטן, װי װײַט מעגלעך, סײַ אים, דעם גע־קרוינטן, סײַ זיינע אייביקע קרוינען.

1967

דער נאָבעל־לאַורעאַט ש״י עגנון

שמואל יוסף עגנון (טשאַטשקעס) דער באַדײַטנדיקסטער העברעיִשער שרײַבער, וואָס לעבט און שאַפט צווישן אונדז און אין אונדזערע טעג, וועט דעם 12טן דעצעמבער הײַ יאָר באַערט ווערן מיטן וועלט־באַרימטן נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור.

מיר באַצייכענען מיט אַ באַזונדערער צופרידנקייט די דאָזיקע געשעעניש, נישט דערפאַר וואָס די „וועלט״ האָט דערזען און אָנערקענט שמואל יוסף עגנונען פאַר אַ גרויסן שרײַבער. מיר האָבן נישט געוואַרט אויף עמעצנס אָפיציעלער צושטימונג, כּדי צו זײַן זיכער, אַז צווישן אונדז געפינט זיך אַ שעפער מיט אַ ווונדערלעכן טאַלאַנט און פאַרנעם, וואָס האָט אַ הייב־געטאָן אַ ליטעראַטור, וועלכע האָט געוואָרצלט אין אַ לאַנג־דויערנדיקן אָנהייב, און האָט זי מיט זיך מיטגעריסן ביז די טיפסטע גרונטן פון פאָלק, כּדי אַרויסצוּוואַקסן פון דאָרט מיט אַ נאָמען וואָס איז געוואָרן באַגריף — ש״י עגנון. מיר האָבן דאָס געוווּסט מיט צענדליקער יאָרן קעריק און מיר וויסן דאָס הײַנט. נאָר עס דערפרייט אונדזער האַרץ דער זשעסט, דער היסטאָרישער פאַרנייג פון אָנערקענונג.

מיר זאָגן היסטאָרישער און עס קומט אונדז תּיכף אַרויף אויפן רעיון: אַמיין עגנון אַליין איז דאָך פאַקטיש דער גרעסטער רעווערענס צו דער היסטאָריע פון אונדזער פאָלק. נישט בלויז די שפּראַך זײַנע. עגנון איז דער ייִדישסטער העברעיִש־שרײַבער אין אונדזער צײַט. ער וואָרצלט אין דער טיפסטער טיף פון ייִדישן זײַן און זײַן קרעאַטור איז פּונקט אַזוי דורך־און־דורך מענטשלעך, ווי זי איז דורך־און־דורך ייִדיש. די דאָזיקע אָריגינאַליטעט, די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט — וואָס איז דער פולער היפוך צו די הײַנטצײַטיקע שעפער און שאַפונגען אין זייער גרעסטן רוב — וואָס שטייט פאַר אונדז אָפּט אָן אויסטערלישע מיט איר שפּראַך און פאַרעם, מיט אירע מאָטיוון און מיט די אָן־אַ־שיעור שלייערן אין וועלכע זיי ווערן אײַנגעהילט, ווערט רייצנדיקער און רעטענישאַרטיקער וואָס מער מען לייענט זיך אַרײַן אין איר, וואָס מער מ׳באַמיט זיך זי צו פאַרדייען. קאָן זײַן, אַז דער סוד פון זײַן גרויסקייט, איז ווײַל ס׳איז אַ גרויסקייט וואָס ציט איר חיונה

פון לעבעדיקע דורות וואָס ווילן נישט פאַרגעסן ווערן, פון נישט־איבער־געריסענעם המשך.

אויך די קריטיק, אין איר אויפּריכטיק באַטראַכטן, האָט אים געזען אַזוי, און אַזוי אים פאַרשטאַנען. און דערפאַר געשטרעבט אים אויסצוטײַטשן פאַרן הײַנטיקן דור.

צו זײַן ווערן אַ בן שבעים האָט אַ קאָמיטעט פון וויסנשאַפטלערס, שרײַבערס און דיכטערס אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג מאַמרים אונטערן נאָמען „לעגנון שי״ (עגנונען אַ געשאַנק). ווערט אין דער קורצער הקדמה צו דעם בוך — געשריבן דורך די ליטעראַטור־קענער דב סדן און אפרים א. אורבאַך — געזאָגט כּהאי לישנא:

„דאָס דאָזיקע געזאַמל וואָס באַשטייט פון נײַנצן פּאַרש־אַרבעטן און באַטראַכטונגען, וועמענס תּוכן עס איז קאָמענטירונג, אויסטײַטשונג און אַנאַליזירונג פון ש״י עגנונס כּוללדיקער שאַפונג און אירע אייגנאַרטיקע מאָטיוון, ווערט אים צוגעטראָגן מיט גרויס אָנערקענונג צו זײַן זיבעציקיאָריקן יובל מיט דער האָפענונג צו העלפן די לייענער און די לערנער עס זאָל בײַ זיי פאַרשטאַרקט ווערן די נייגונג צו די דאָזיקע וווּנדער־שריפטן וואָס זענען טיף־וואָרצלענדיקע, האַריזאָנטן־רײַך און פיל־געשטאַלטיק, און פעסטיקן זייער אַלזײַטיק פאַרשטיין״. זעען מיר באַשײַמפּערלעך, אַז דאָ קומען בכּבודיקע ליטעראַטור־קענער און קריטיקער און טײַטשן פּשוט אויס עגנונס לשון, זײַנע פּסוקים גענומענע פון די מקורות, זײַן מיין און זײַן רמז. ווײַל אָט דער באַזונדערער, אַרכאַישער סטיל און נוסח וועט נאָך לאַנג־לאַנג זײַן ווײַט און פרעמד דער היגער יוגנט, וועמען די עלטערן און לערער האָבן זיך באַמיט מיט אַלע זייערע כּוחות זיי צו דערווײַטערן פון ייִדישן אַלגעמיינעם שליאַך.

און מ׳האָט אויך נישט געקאָנט אָוועקקוקן פון עגנונס צוריקלויף צו יענע דורות, וואָס זענען שוין מער נישט מיט אונדז, אַ צוריקלויף כּדי אונדז צו ווײַזן ווונדערלעכע תּמימות, פאַלקסטימלעכע פירונג, פאַרנעפּלטע מיסטעריע (ווי אַ קנוט האַמסון) און גורלדיקן צופאַל (ווי אַ פראַנץ קאַפקאַ). האָבן דערפאַר די קריטיק און די לייענער אונטערגעשטראָכן דעם אויסטערלישן מעשׂה־סטיל, וואָס רופט זיך איבער מיט אַ נחמן בראַצלאַווער און מיט אַנדערע רביס־דערציילערס; די באַזונדערע שפּראַך זײַנע, וועלכע איז אַזוי אידענטיש מיט חסידיש־לשון־קודש אין וועלכער ער האָט געשאַפן און שאַפט סײַ זײַן „סמוך ונראה״ ווו גרויל, שרעק, אָפּהענטיקייט און מיסטעריע שפּאַנען דאָרט אַרום פראַנק און פרײַ, סײַ זײַנע ראָמאַנען און כּמו־אידילישע דערציילונגען, ווי אין דער זאַמלונג „עד הנה״ און אַנדערע,

וואָס זענען פול מיט מאָדערנעם פּסיכאָלאָגיזם, עראָטיק און אָפּלאַך. און די פּאָליוסן אין זײַן לשון גופא. אָט אַ שטײגער: בלומען נאָך אַ גט, עלעגאַנט געקלײדטע הערן, מיט הענטשקעס אויף די הענט און מיט „אַוסגערעכנעט הויטע" און מיט... קיפלה טוני את צעיפה כלפי מצחה ואמרה אי אתה רוצה? („פּנים אחרות").

מ'האָט געפּרוווט אויסטײַטשן און אַרײַנטײַטשן אין די סימבאָלן מיט וועלכע עגנונס ווערק זענען פול און אָנגעזאַפּט. שפּראַך־קענער און ספּעציאַליסטן גיבן זיך אָפּ עד היום מיטן פּאָרשן און אײַנטײלן דעם סטיל און דאָס לשון פון טשאַטשקעס־עגנון, וואָס קומט פון בוטשאַטש אַ פּאַרוואָרצלטער אין דורות ייִדן און ייִדישקייט און געפינט אין ירושלים דעם נאַטירלעכן פּאַרבונד, דעם אומאיבערגעריסענעם המשך; אַ לשון וואָס וואָרצלט אין עבר פון פּאָלק אין זײַנע פּאַרשיידענע תּקופות און איז תּלמודיש־קלוג און רבניש־מליציש, פּוסקימדיק און מוסר־ספרימדיק, תּחינהדיק און סיפּורי־מעשׂהדיק און ציט צוריק צום נעכטן.

מיר וועלן נישט געפינען בײַ עגנונען קיין נײַע אידייען, קיין אָפּפרישנדיקע געדאַנקען וואָס זענען דער סטימול פון צוציען דעם יונגן לייענער. אויך די קריטיק וועט נאָך דאַרפן לאַנג וואַרטן אויף אַן אויסגערײַפטן, פון דער צײַטלעכער אָפּהענגיקייט באַפרײַטן רעטראָספּעקטיוו, כּדי צו דערזען ש"י עגנונס יצירה אין איר גאַנצער גרייס און ברייט.

אָבער מיט עגנונען איז געשען דאָס וואָס עס געשעט נאַטירלעך מיט עכטע, אמתע, גרויסע טאַלאַנטן — ער איז זיך אַליין איבערגעוואָקסן. זײַן אומפּאַרגלײַכלעכער שאַפונג־קוואַל, זײַן באַזונדערער סטיל און נוסח, זײַן געבענטשטער טאַלאַנט צו אהבת ישׂראל און אהבת האדם, וואָס באַהויכט כמעט אַלע זײַנע ווערק און דערגרייכט זײַן הויכפּונקט אין דער ירושלימער „תּהילה", דאָס אַלץ — נישט געקוקט אויף דער טעמאַטישער פּאַרשיידנקייט און אויף דער פּאַרשיידנאַרטיקער באַציִונג פונעם מחבר אַליין צו זײַנע אייגענע ווערק — ווי ער האָט דאָס צום וויפלטן מאָל שוין געזאָגט — שאַפן אַ וועזנטלעכע איינקייט פון אַן עגנון־ליטעראַטור, ווו דער אייערנעכטן, נעכטן און הײַנט; ווו עפּיק, ליריק, עלעגיע, סאַטירע און הומאָר וווינען בצוותא מיט מוסר השׂכּל און לײַכטן אַרויס פון אָט דער ספּעציפישער רעם מיטן ליכט וואָס אַרום דעם כּתר היצירה.

*

דער נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור אין יאָר 1966 וועט צוגעטײלט ווערן צו צוויי שרײַבערס ייִדן וואָס „כאָטש זיי שרײַבן אין פּאַרשיידענע

שפראַכן, דערגאַנצן זיי איינער דעם צווייטן אין דער ווונדערלעכער שטרע־בונג אויסצודריקן די קולטור־ירושה פון ייִדישן פאָלק דורך דער פאַר־מיטלונג פון געשריבענעם וואָרט״. — אַזוי זאָגט זיך אין דער אָפיציעלער מיטטיילונג פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע.

איז גרויס אונדזער פרייד, די פרייד פון דערמאָנען זיך אין אונדזז אין דימענסיעס, וואָס זענען — לכל הפחות אין זייער אויסערלעכקייט — קול־טורעלע, גײַסטיקע. די פרייד וואָס די שוועדישע אַקאַדעמיע, די זשורי פון פריז און די שוועדישע פרעסע האָבן געהאָלפן דער וועלט זיך צו דערמאָנען, אַז עס זענען פאַראַן ייִדן און זיי האָבן אַ קולטור און אַ ליטעראַטור, און אַ קולטור־ירושה, און פאַרמאָגן שרײַבערס, און איינער פון זיי וואָס ציט זײַן יניקה פון אָט־דער היסטאָרישער ייִדישקייט — שמואל יוסף עגנון — וווינט און שאַפט אין אַ מסורהדיקן העברעיִש, אין דער אייביקער ייִדישער הויפט־שטאָט ירושלים, אין אַלט־נײַעם היימלאַנד אונדזערן — ישׂראל.

1966

נשׂיא און דיכטער

(„פּאַרזיך" פון זלמן שזר)

א

די ספירות אין וועלכע עס באַוועגט זיך דער מענטש, — דער שאַפער פון דויערנדיקע ווערטן, — זענען געוואָרן אויסגעברייטערט צוזאַמען מיט דער צײַט. אַפילו די ראַמען פון דער סודותפולער קבלה, וועלכע זענען ברייט און פאַרנעמיק אָן אַ גרענעץ, זענען הײַנט צו טאָג שמאָל און קליין אויף צו קאָנען אַרײַננעמען און אַרומנעמען דעם מענטשלעכן זשעני מיט אַלע זײַנע וועלטן, וואָס זײַן נײַגייַסט האָט אויפגעשטעלט, אָדער — וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום אים.

דער דאָזיקער שעפערישער מענטש, וועמען שפּראַכן און קולטורן צע־טומלען שוין נישט, איז נישט נאָר בכּוח, ווי יענער „טעפער" אין דעם נאָך כּל־נדרידיקן יוצר וואָס „ברצותו מרחיב וברצותו מקצר", נאָר ער שאַפט ווערטן און שאַפט זיי איבער, אַ מאָל בצוותא און אַ מאָל — פּאַרזיך.

ב

„פּאַרזיך" הייסט די זאַמלונג לידער אין ייִדיש געשריבענע־געשאַפענע פון זלמן שזר, דער געאַכפּערטער נשׂיא פון דער מדינה ישׂראל, אַרויסגעגעבן מיט פּיעטעט און באַזונדערער אָפּגעהיטנקייט דורך „די גאָלדענע קייט" און איר רעדאַקטאָר.

אויבנאויפיק קאָן מען זאָגן, און נישט אָן רעכט, אַז אַזעלכע דער־שײַנונגען זענען שוין געווען, סײַ בײַ ייִדן און סײַ בײַ נישט־ייִדן און דאָך, און פון דעסטוועגן איז די דערשײַנונג זלמן שזר און זײַנע דיכטונגען אין ייִדיש עפּעס אַזוינס און באַזונדערס, וואָס איז נישט צו געפינען בײַ נאָך איינעם פון זײַן מעמד, הײַנט און אַמאָל.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ מדרש, וואָס מײַן רבי ר' סענדערל, אַ ליכטיקן גן־עדן אים, האָט מיט מיר אײַנגעחזרט אין אַן ערב פּסח, אין אַ וווּנדערלעכן ניגון, מיט אַ באַזונדערן סטאַקאַטאָ־ריטעם — אַ פּרעלוד צו שיר השירים (כ'בין אַוודאי דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 6): „שלמה המלך האָט געזען

ברוח הקודש, אַז די ייִדן וועלן פֿאַרטריבן ווערן אין גלות אַרײַן, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: גולה אחר גולה, איין גלות נאָכן אַנדערן גלות, חורבן אחר חורבן, איין חורבן נאָכן אַנדערן חורבן, האָט גאָט געגליכן די ייִדן צו אַ לעבעדיקער אלמנה. אַזוי ווי אַ לעבעדיקע אלמנה — דער מאַן לאָזט זיך פֿון איר אַוועק אין אַ ווײַט לאַנד אַרײַן — האָפֿט אַז דער מאַן וועט צו איר צוריקקומען, אַזוי אויך האָפֿן די ייִדן אין גלות צו גאָט, אַז גאָט וועט זיי ווידערקערן קיין ארץ־ישׂראל". אָט דער ניגון איז מיר אַרײַן אין די ביינער און מיט אים בין איך דאָס צוריקגעקומען קיין א"י. כאָטש כ'האָב בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין און פֿאַרשטיי עס נאָך עד היום נישט, וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט שלמה המלכס גלות־און חורבן־וויזיע צו... שיר השירים. און ס'איז מיר אויך נישט אין גאַנצן קלאָר, פֿאַר וואָס האָב איך זיך גראָד אין דעם איצט דערמאָנט, אָבער עס ווײַזט זיך אַרויס אַז בעת איך לייען, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אָט די ייִדישע שזר־לידער, די וויזיאָנעלע ווי די געלעגנהייטלעכע, וואָס סײַ די און סײַ די זענען אַזוי תּפֿילה־זכּהדיק פֿאָלקס־טימלעך אויסגעזונגען, לויפֿט אויף אין מיר אָט דער ניגון ווי מילך אינעם זאָט, ווי ביר אינעם ברויזן און ער ברענגט מיר פֿאַרגלײַכן פֿון אַזאַ עולמותדיקער קאָנטינואַטיווער ייִדישקייט, וואָס ציט זיך פֿון שלמה המלך ביז שזר הנשׂיא.

ג

„פֿאַרזיך" האָט אַ סך טײַטשן. מ'קאָן טײַטשן: פֿאַר זיך אַליין. כ'מיין דאָ קיינעם נישט, כ'האָב דאָ קיינעם נישט אין זינען. כ'זינג בלויז פֿאַר זיך אַליין. פֿאַרזיך מיינט אויך — אַראָפּ פֿון די קעסט. געוואָרן בעל־בית פֿאַר זיך, זעלבשטענדיק. אין אונדזער פֿאַל וואָלט עס הייסן: כאָטש איך בין פּרעזידענט פֿון אַ העברעיִשער מדינה און מײַן חשיבות, מײַן אָנזען, מײַן וויכטיקייט האָב איך צו פֿאַרדאַנקען דעם הויכן (העכסטן!) מעמד מײַנעם אין דער מדינה, בין איך אָבער אויף דעם געביט — אויפֿן געביט פֿון דיכטן אין ייִדיש — זעלבשטענדיק, פֿאַרזיך. ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ טײַטש — לערנען תּורה פֿאַרזיך, הוגה זײַן אין איר יומם ולילה אָן אַ מלמד, אָן אַ באַהעלפֿער, אַפֿילו אָן ישיבה בחורים — פֿאַרזיך. אָבער וועלכן אויסטײַטש מיר זאָלן אָננעמען טוט עס אונדז תּיכף אַ דערמאָן די גוט־באַקאַנטע פֿאָלקס־געזאַנגען, וואָס זענען אַרײַנגעדרונגען אין אונדזערע הערצער און נשמות, און זענען ברייט און ווײַט פֿאַרשפּרייט געוואָרן מיטן אויפֿקום פֿון ייִדישן טעאַטער. האָט דאָך טאַקע גאָלדפֿאַדען אין זײַן „שולמית" אַ ליד, וואָס הייבט זיך אָן: „שבת, יום־טוב און ראש־חודש דאַוון איך מיר אַליין, פֿאַר זיך /

כ׳האָב אַן אייגן אָרון קודש, עס בעט בײַ אים קיינער נישט, נאָר איך״.

איז דאָס דעם משורר זלמן שזרס פּאַרזיך — ס׳איז זײַן אייגענער פּאַר־זיכיקער אָרון קודש. בײַ אים דאַוונט ער אויס אין זײַן פּריוואַטן לשון, אין זײַן אייגענעם ידיש, די תּפילות פון לייד און פרייד, פון צער און האָפענונג. דאָ געפינט ער „אַ שעה פון רו״ (ז׳ 36), דאָ פאַרכאַפּט אים „אַ פאַרשטערטער יום־טוב״ (ז׳ 37), דאָ דערזעט ער די פּליטים אין זייער נויט און עלנט „אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פּליטים״ (ז׳ 13). ער רעדט אין זייער לשון, נאָר הייבט ער אָן אין נוסח ביאַליק — „איך בין צו אײַך פון היים געשיקט״. און אַז ער קומט קיין לײַק־סאַקסעס ערב דעם גרויסן היסטאָרישן ווענד, שטעלט ער זיך ווידער אַוועק פּאַרזיך, בײַ זײַן אייגענעם ארון קודש און תּפילהט בלחש:

גיב אונדז, גאָט, אַזויפיל פרייד
ווי רײַך דו האָסט געשיקט אונדז לייד
און באַלויכט אונדזער פרײַהייט אַזוי יום־טובדיק שיין
ווי ס׳איז איצטער ביטער דער גלות אַליין.

(ז׳ 28)

און אַזוי ליד בײַ ליד, אַרײַנגערעכנט די ווידמונג־לידער צו אברהם סוצקעווערן און, להבדיל בין החיים והמתים, צו ה. לייוויקן און צו י. זרובבל־לען ז״ל, דער זעלבער טאָן, דער זעלבער לירישער ניגון, ס׳זעלבע פאָלקס־טימלעכע לשון — דאָס שטילע מורמלען, דאָס בלחשדיקע פאַרזיכיקע זינגען.

און אויב וועסט פרעגן: ווי קומט עס צום מאָן פון גאולה־רעוואָלט, צום פּאַטעטישן טריבון, צום נביאישן העברעער אַזאַ נוסח, אַזאַ אַ גאַנג? — וועלן מיר צוריקגיין צום אָנהייב: דאָס איז דער הײַנט־צײַטיקער פּולער־מענטש, וואָס נישט נאָר איז ער אַ „ברצותו מרחיב וברצותו מקצר״, נײַערט אין די אומצאָליקע ספערעס אין וועלכע ער באַוועגט זיך שאַפט ער און שאַפט־איבער.

ד

נאָר אָט — אַ וווּנדערלעכער פאַרענדער.

מיר ווייסן ווייל אַז ז. שזר איז אַ פּאָליטיקער און שרײַבער, אַ דענקער און אָראַטאָר, אַן איבעראַשנדיקער שווימער אין אונדזערע מקורות; מיר ווייסן וועגן זײַנע יצירות און דער עיקר וועגן זײַנע ביכער „כוכבי בוקר״ (פרימאָרגן־שטערן) און „אור אישים״ (ליכט פון פערזענלעכקייטן), וועגן וועלכע עס האָט שוין געשריבן דב סדן, אַז „עס ראַנגלען זיך אין אים

עטלעכע יסודות — דער יסוד פון אַ פאָרשער, דער יסוד פון פובליציסט און דער יסוד פון אַ רעדנער בעת דער יסוד פונעם קינסטלער (וואָס אין אים) באַמיט זיך זיי איינצושפּאַנען, און שפּאַנט זיי טאַקע, אָט די אַלע יסודות איין אין איין גאַנצקייט". מיר ווייסן אויך אַז אונדזער מחבר פון „פּאַרזיך" האָט פון צייט צו צייט פאַרעפענטלעכט לידער אין עברית און אין יידיש, האָט איבערגעזעצט אין יידיש לידער פון דער דיכטערין רחל. און אַז מיר לייענען דאָס איצטיקע געזאַמל דערקענען מיר עס גלייך און מיר ווערן נאָך מער היימיש מיט זיין אייגן פּאַרזיכיק לשון. אָבער —

פון וואַנען אַזאַ זאַפטיק און קראַפטיק יידיש ווי אין שער ג׳ פון אָט דער זאַמלונג?

בסך־הכּל 3 לידער־תּפילות: „אָנאָ בכּוח", „ידיד נפש אָב הרחמים" און „לויט אַ קאַפּיטל תּהילים" — און זע סאַראַ איבערראַשנדיק לשון. מעכטיקע, פון פעלדזן־אויסגעהאַקטע ווערטער וואָס פאַרמאָגן אָבער אַזאַ גלאַטיקייט ווי נאָכן שלייפן זיי מיט די איידלסטע שלייף־געצייגן!

איז עס ממש אַ ווונדערלעכער פאַרענדער. און ס׳איז דיר שווער צו גלייבן, אַז אַזוי האָט געקאָנט איבערזעצן אַ מענטש וואָס לעבט און שאַפט אַלע זיינע יאָרן, אָדער — די מערסטע צייט, אין אַן אַנדער לשון, ווען אַפילו אין אַ נישט ווייניקער יידישן. דעריבער, ברענגען מיר דאָ די איבער־זעצונג פון „אָנאָ בכּוח" גאַנצערהייט, ווי עס האָט זי יידיש אויסגעמייס־טערט, טאַקע דער זעלבער בעל ה„פּאַרזיך" — אונדזער באַליבטער נשׂיא ומשורר מר שניאור זלמן שזר: —

אָנאָ,
איך בעט דיך מיטן כּוח פון דיין רעכטן אָרעמס גרויסקייט
קניפּ אָפּ די געבונדענע.

נעם אויף דעם געזאַנג פון דיין פאָלק,
דערהייב אונדז, פאַרכטיקער, און מאַך אונדז ריין.

אָ, מעכטיקער, די וואָס זוכן דיין איינציקייט, —
ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, היט זיי אָפּ.

בענטש זיי, רייניק זיי, לויט די רחמים פון דיין גוטס
באַלוין זיי שטענדיק.

געפעסטיקטער, הייליקער, מיט דער שפע פון דיין גוטס
פיר דיין געמיינשאַפט.

איינציקער, שטאָלץ פון דײַן פֿאָלק, גיב זיך אַ װענד
צו די װאָס געדענקען דײַן הייליקייט.

אונדזער יאָמער פֿאַרנעם, און דערהער אונדזער געשריי,
קענער פֿון געהיימענישן.

געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען פון דײַן קיניגרײַכס כּבֿוד, —
אויף אייביק עולמות.

אַברהם שלאָנסקי און זײַנע לייטערס

צוויי טעג פאַר זײַן פּטירה, האָט דער באַרימטער העברעיִשער דיכטער אברהם שלאָנסקי געקלונגען אין דרוק אַרײַן, ווו עס האָט זיך געדרוקט זײַן לידער־בוך (דאָס לעצטע!) „ספר הסולמות״ [דאָס בוך פון די לייטערס] און געבעטן צוגעבן צום לעצטן ליד פון דעם בוך וואָס טראָגט דעם נאָמען „עפעפי ערב״ [אָוונטיקע אויגנלעפּלען] דעם אַ צושריפט:

עֲצוֹם עַפְעַפֵּי־עֶרֶב
עֲצוֹם עַפְעַפַּי.

אין יידיש וועט עס הייסן:

מאַך צו די אָוונטיקע אויגנלעפּלען
מאַך צו מײַנע לעפּלען.

און דער וואָס האָט דערהערט זײַן תפילה, האָט זײַנע אויגנלעפּלעך אים צוגעמאַכט אויף אייביק.

*

אין ערב שבת, מיטן געדרוקטן וואָרט בײַ דער האַנט, איז אַוועק דער יידישסטער פון די העברעיִשע דיכטערס פון אונדזער צײַט. עס איז אײַנגע־שלאָפן אויף אייביק דער ליבהאָבער פון וואַכיקן לעבן; דער בעל־תפילה און אומגלייבער, דער שטורעמער און מוכיח, דער ראָמאַנטיקער און רע־וואָלוציאָנער, דער גרויסצוגיקער און גרויסמאָסיקער שעפער פון העב־רעיִשער שירה, דער דיכטער פאַר גרויס און פאַר קליין, דראַמאַטיזירער און ווונדערלעכער איבערזעצער; רעדנער, עסייִסט און פלאַמיקער פאַ־לעמיסט, רעדאַקטאָר און וועגווײַזער פון און פאַר נײַער העברעיִשער יצירה — אברהם שלאָנסקי.

איז ער אַרויף אויף די לייטערס פון זײַן יצירה און אַרײַן אין די הימלען, ווי אליהו מיטן פײַער־וואָגן?

לאָמיר ברענגען דאָס ליד (אין אָריגינאַל און אין אונדזער איבערזע־צונג) און זאָל עס רעדן פאַר זיך:

... וַיְהִי עֶרֶב
וְאוֹד־שֶׁל־יוֹם עָשֵׁן אֶת הַחֲלוֹם
וּבְקֶרֶן־רְחוֹב
רְחוֹב שֶׁבּוֹ שׁוֹתֵק
הַמָּוֶת עַל גָּבְהָהּ הַמִּתְרַחֵק
הוֹפִיעַ הוּא
גְּדֶם־הַחֲלוֹמוֹת
לִרְאוֹת:
הַעוֹד נְטוּ זְרוֹעֵי סֻלָּמוֹתָיו
לִפְסוֹג בָּהֶם בְּפֶסֶג רְנָנוֹת
אֶל הַנּוֹפִים
שֶׁפְּלִיאוּתָם הֶנֵצָה
אֶל הַחוֹפִים
אֲשֶׁר נִבְדוּ לָנֶצַח?

נִבְדוּ לִנְבוֹעַ
נִפְדוּ לִגְבוֹהַּ
יָדְעוּ לִצְנוֹעַ וְלַחְשׂוֹף.

הוֹ נֵצַח
הוֹ נֵצֶר־מְשֹׁרֶשׁ
הוֹ רֶגַע שֶׁאֵין־לוֹ־סוֹף.

עֲצוֹם עַפְעַפֵּי־עֶרֶב
עֲצוֹם עַפְעַפַּי.

...און ס'איז געווען אָוונט
און אַ גלאָווניע אַ טאָגיקע האָט גערייכערט דעם חלום
און אין אַ ווינקל גאַס
אַ גאַס וווּ עס שווײַגט
דער טויט איבער איר זיך־דערווײַטערדיקן רוקן
איז דערשינען ער
פון חלומות דער אָפּגעהאַקטער
צו זען:
זענען נאָך געניגט די אָרעמס פון זײַנע לייטערס
מ'זאָל הייכן אויף זיי צו זינגעוודיקע הייכן

צו די לאַנדשאַפטן
וואָס זייער וווּנדערשאַפט איז אויפגעגאַנגען
צו די ברעגן
די אויף אייביק אויסגעטראַכטע?

אויסגעטראַכטע צו קוועלונג
אוסגעלייזטע צו הייכונג
געוויסטע צו פאַרדעקן און אַנטפּלעקן.

אוי פּראַכטיקייט
אוי אָפּשטאָם פון וואָרצל
אוי מינוט וואָס האָט נישט קיין סוף.

מאַך־צו די אָוונטיקע אויגנלעפּלען
מאַך־צו מײַנע לעפּלען.

...אויף אַ גאַס, ווו עס שווײַגט דער טויט איבער איר רוקן, איז דער־שינען דער אָפּגעהאַקטער פון חלומות, כּדי צו זען צי עס זענען נאָך גע־נייגט די פליגל פון זײַנע לייטערס צו הייכן זיך אויף זיי צו די זינגעוודיקע הייכן. אין אַנבליק פונעם טויט וואָס האָט שוין געשוויגן מיט אַן אומגע־הײַערער שווײַגעניש איבער זײַן זיך־דערווײַטערנדיקן רוקן, האָט ער גע־וואָלט זיך דערוויסן — צום ווײפלטן מאָל! — אַז די געזאַנגען זײַנע וואָס זענען אין וווּנדערשאַפט אויפגעגאַנגען צו די אויסגעחלומטע הייכן, זענען אָנגעקומען צו דער מינוט וואָס האָט נישט קיין סוף. און אַז ער האָט דער־פילט אַז יאָ, האָט ער געבעטן דעם שׂר הרחמים ער זאָל אים אויסלייזן פון די קערפּערלעכע יסורים און אים צומאַכן די אויגנלעפּלען...

איז דאָס געווען דער אויסגיי פון אַ דיכטער — אַ גײַסט, וואָס האָט באַוויזן אויפצובויען י״ג ספרים אויף וועלכע דורות לייענער וועלן זיך אָנשפּאַרן, פון זיי שעפּן פולע עמערס, און מיט זיי שטילן זייער דאָרשט, שטײַגנדיק אויף די לייטערס פון זײַן אומפאַרגלײַכלעכער שירה.

*

וואָס ברענגען אונדז שלאָנסקיס „לייטערס״?

ווו געפינט זיך אויף זיי דער טיף־באַזאָרגטער דיכטער? שטייט ער אויף זיי מיט ראשו למעלה און די פיס אויפן באָדן, צי שוועבט ער גאָר העכער פון זייערע שטאַפּלען?

כדי אויף דעם צו ענטפערן וועט, דוכט זיך, גענוג זײַן צו ברענגען פֿון דעם וווּנדערלעכן פּרק „משירי חו־אַ־לו״ וואָס אין אָט דעם לעצטן בוך זײַנעם, לידער וועלכע קאָנען פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר דער קרוין פֿון דער העברעיִשער ליבע־דיכטונג אין אונדזער דור, און זען וואָס דער דיכטער אַליין זאָגט וועגן דעם.

אין איינעם פֿון אָט די לידער, וואָס פֿאַרדינען אַ באַזונדערע פֿאַכמאַנישע באַהאַנדלונג, אין דעם ליד "ווו ביסטו הײַנט אין אָוונט?" זאָגט אברהם שלאָנסקי:

חכמים!
אַלע זייערע וועגן פֿירן צו אַלעמענס רוים —
און איין ים פֿאַר אַלע זייערע טײַכן —
אָבער נישט אַזוי מײַנער:
מײַנער איז געדעמפּטע קלאָרקייט אין אַלע פֿאַרכּישופֿטע קעפּ,
מײַנער איז אַ קראַנקייט וואָס איז
זיכער
און אפשר
און ניגון
מײַנער איז אַ צוריקגיין און נישט־פֿון־ערגעץ —
און אין אים
יעדער אַנטלויפֿן פֿון דיר
איז אַ לויפֿן צו דיר פֿון דאָס נײַ.

דאָס איז דער פֿאַרכּישופֿטער קרײַז פֿונעם דיכטער, וואָס „יעדער אַנטלויפֿן פֿון דיר איז אַ לויפֿן צו דיר פֿון דאָס נײַ״. פֿון דאַנען, אַז דאָס איז דער זעלבער שלאָנסקי וואָס האָט מכריז געווען, אין זײַן געפֿליגלטן לשון, — אָפֿענטפֿערנדיק די וואָס האָבן בשעתּם „צעבראָכן די לוחות״ — אַז ווילדע אומבאַגרענעצטע פֿרײַהייט איז מעגלעך נאָר אין דעם וויסטן אומסופֿיקן מידבר, ווו ס׳איז נישטאָ קיין געבײַ, קיין געוויקס, קיין לעבן. דאָרט קאָן דער פֿרײַער ווילדער ווירבלווינט לויפֿן און אומלויפֿן אָן שום שטער... איז דאָס דער משורר א. שלאָנסקי, וואָס האָט בײַם שאַפֿן זײַנע שאַפֿונגען זיך נישט אָפּגעריסן פֿון דער ערד, און מהאי טעמא טאַקע געשטיגן אויף לייטערס וואָס שטייען פֿעסט און זיכער אויפֿן באָדן.

*

און לאָמיר טאָן אַ מיש אויף צוריק.

שוין אין זײַן פריִען זינג־זאָגישן דיכטן, ווען די יונגקייט און די ייִנגל־צײַט פון דער נײַער העברעיִשער דיכטונג האָבן אים געזאָלבט פאַרן אויס־שאָלער פון דער תּקופה, איר קעמפער און שטורמער, שוין דעמאָלט האָט דער הויך־און ווײַט־גרייכנדיקער פּאָעט, געפונען פאַר נייטיק זיך אָפּצו־שטעלן אַ ווײַלע, זיך אַרומקוקן און... צוריקקערן.

אין שנת תרצ"ח, אין זײַן געזאַמל „שירי המפולת והפיוס" [לידער פון צעפאַל און אומקער], מעלדעט ער אין זײַן ליד „אומקער":

דו, וואָס געהייליקט דעם שבת צו רו —
באַפעל, כ'זאָל דיר קומען אַנטקעגן.
אַ שעפּס איך בין, וואָס צו זײַן שטאַל קערט זיך אום
פון נאַכט,
פון דער פרעמד
און פון רעגן.

(ייִדיש: משה יונגמאַן)

און אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין צוריקקערן זיך און צוריקקומען, תּמיד, ווען עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדוכט, אַז אין זײַן מײַסטערישן לויף איז ער אַריבער די מעטע. שוין אין זײַנע „גלבוע"־לידער געפינען מיר אַ ליד מיטן זעלבן נאָמען, אין וועלכן ער זאָגט צו זײַן מאַמען, אַז... „אַלע מײַנע סטעזשקעס צו דיר ציִען" —

מיד און אײַנגעבויגן וועל איך צו דיר קומען,
אײַנטינקען אין דײַן טרער מײַן ברויט פון טרייסט.

(ייִדיש: משה יונגמאַן)

און אין די „לידער פון לאַנגן קאָרידאָר" [משירי הפרוזדור הארוך] וועלן מיר געפינען אַ ליד מיטן נאָמען „תּשובה", וואָס אַז דו ווילסט מיינט דאָס: תּשובה טאָן, און אַז דו ווילסט איז עס פּשוטער צוריקקום, אין וועלכן אברהם שלאָנסקי זאָגט:

דער אָוונט קומט אָן ווי אַ טיר אַ פאַרשטומטע.
עס רופט אַ שטים פון יענער זײַט ברעג:
קערט אום די קינדהייט, דאָס שטוינען זאָל צוריקקומען,
ווערט זיך אומקערן אויך די לעגענדע.

אָבער —
סײַ דאָס לויפן זײַנס פאָרויס און סײַ זײַן צוריקקערן זיך, איז בײַ אים

תּמיד געווען גענוי, שטרענג און ניכטער. אַזאַ איז געווען שלאָנסקיס גאַנג איבער דער ברייט און לענג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. אים איז באַשערט געווען צו זען דעם מאָרגנרויט פון אַ גרויסער אומפאַרגלײַכלעכער שאַפונג וואָס עס האָבן געשאַפן שפּליטערס פון אַ פאָלק; רעשטלעך וואָס קערן זיך אום אַהיים, און די היים איז וויסט און שטייניק, מ׳דאַרף מעליאָ־ריזירן און פאַרזייען, פלאַנצן און פאַרבויען. איז ער געווען אַליין אַ בויער און אַ פלאַנצער. אַזוי אין לעבן, אַזוי אין דער שאַפונג. און נישט איין מאָל זיך געשראָקן ווי אַ קינד, — וואָס דערשרעקט זיך ווען עס זעט ווי עס רינט זײַן אייגן בלוט — פאַר דעם אָנקום פון אַ נײַעם טאָג. אָבער אָט דער נײַער טאָג איז ווײַס און קלאָר און זײַן פעלד אָטעמט אויס אַלע סודות, ווי ער זאָגט דאָס אין זײַן ליד „ווײַסער טאָג״ (אין זײַן געזאַמל „על מילאת״, תרצ״ט):

אַלע סודות פון שפּראָצונגען ערשטע
אָטעמט דאָס באַפרוכפּערטע פעלד.
ס׳איז די נאַכט פון געטער, וואָס זייען מיט געזאַנג:
גלוסטיק
און צעכראַסטעט
און צעווילדט.

דאָס ציקעלע רײַף איז, רײַפע די זאַנגען,
די בוים־קרוין מיט שפע איז באַשווערט.
ווי אַ קינד איז צעשראָקן פאַר זײַן בלוט וואָס רינט,
דעם מאָרגנרויט מיר זען איז באַשערט.

פעלדער פאַרהוילן דעם סוד פון זייער גרינען
ס׳עפנט זיך אַ פענצטער צו ליכטער,
אַ ווײַסער טאָג קוקט אַרײַן אין זײַן פּיר־עק
גענוי
און שטרענג
און ניכטער.

האָט ער פאַרשלאָסן זײַנע ווײַטזעענדיקע אויגן בעת דער ווײַסער, הייסער, לויטערער טאָג פון מיטן חודש אייר תשל״ג האָט אַרײַנגעקוקט אינעם פּיר־עק פון זײַן צימער.

און עס זענען פאַריתומט געוואָרן די פעלדער, פאַראָבלט געוואָרן די שײַערן פון דער ליטעראַטור, פון וועלכער ער איז געווען דער באַשײַנער

און באַקריינער און איינער פון אירע מעכטיקסטע אָנשפּאַרער, איינער פון אירע באַדייַטנדיקסטע מיטבויער און איר איבערגעגעבענער היטער.

ער איז אַוועק אומגעריכט פאַר זיך און פאַר אונדז און פאַראָבלט די פּאָעטישע היכלות פון אונדזער וועלט.

און אַז דער לייענער פון העברעאישער דיכטונג; דער יונגער דור, וואָס איז גענייגט צו פּאָעטישער שאַפונג וועלן דערזען די ליידיקייט, און זי וועלן אויספילן מיט דערהייבנדיקער שירה, וועלן זיי קומען און שטייַגן אויף אברהם שלאָנסקיס לייטערס, ווו דער „ספר הסולמות" וועט זייַן זייער אַפּאָטעאָז.

אמיר גלבוע — אַ דיכטער אַ רעטעניש

א

...פלוצים שטייט אויף אַ מענטש אין אַ גרויען, הונגעריקן פרימאָרגן און דערפילט ער איז פאָעט און הייבט אָן גיין. גיין, כדי אין געציילטע יאָרן אַרום אַרײַנצושפּאַנען, ווי אַ גלײַכער צווישן גלײַכע, אין אַ פּאָעזיע, וועלכע האָט אירע פעסטע פאָרמען און געזעצן, ווען אַפילו נאָך נישט גרייטע פאַר דער נײַער צײַט, ווי עס איז געווען אין איר רוב די העברעיִשע דיכטונג אָנהייב פערציקער יאָרן. און ער שפּאַנט אין איר אַרײַן און טרינקט פון אירע קוואַלן ביז שיכּרות, און זייגט פון אירע זאַפטן ביז פאַרכלייניעטקייט.

די וואָס וועקן דאָרט צו נײַגאַנג, צו נײַלעבן, ווי אַברהם שלאָנסקי און זײַנע תּלמידים, דינען אים ווי געטרײַע וועגווײַזערס, דער עיקר טאַקע דער דיכטער, נײַוועג־לייגער און שפּראַכמײַסטער א. שלאָנסקי. נאָר נאָך איידער איר קוקט זיך אום זעט איר אים שוין גיין אַליין, אַ דערוואָקסענער, אַ זעלבשטענדיקער, וואָס זוכט נישט מער קיין אָנשפּאַר, קיין סמיכות כּדי הײַנטצײַטיק צו זינגען כּדי הײַנטטאָגיק צו זאָגן, ער גייט שטאַלטנע און פלינק, שפּאַנט איבער טאָלן און הייכן, איבער פלאַכן און גריבער פון אונדזער הײַנט און פון אונדזער נעכטן. מיט אַ לשון אַ פשוטן, מיט ווערטער פשוטע מעלדעט ער דעם יונגעז העברעיִש־לייענער: „כּי אז אצעק!“... — ערשט דעמאָלט וועט ער שרײַען! נישט זינגען וועט ער נאָר שרײַען. און אַז דער לייענער דערשרעקט זיך און פרעגט: ווער דאַרף דאָס אין פּאָעזיע שרײַערס?! קומט זײַן ליד און איבערראַשט אײַך מיט דער אײַנגעהאַלטנקייט, מיט דער צוריקגעהאַלטנקייט. קומען לידער, לידער־זאַמלונגען (לאות; שבע רשויות: שירים בבוקר בבוקר; כחולים ואדומים; רציתי לכתוב שפתי ישנים; אילה אשלח אותך) איינס צייטיקער פאַרן צווייטן, איינס שענער פאַרן צווייטן, און עס באַווײַזט זיך אייגנאַרטיק געזאַנג, אייגנאַרטיקע שאַפונג. איר דערזעט און דערקענט שאַרפע קאָנטורן פון אָריגינעלער אַרכיטעקטור, נאָר מיט ליניעס נישט קיין גראָדע, נײַערט מיט געוואַלדיקע אָפּבייגן און אײַנבייגן. און איר ווערט נבהל ונשתומם: ווי קומט עס, וואָס גראָד ער, אמיר גלבוע, וואָס ווײַזט אַרויס אַזאַ ברויזנדיקייט אין

זײַנע ערשטע לידער, װעלכע זאָגן אָן אַ שרײַען קעגן שולדיקע אין אומ־רעכט, װי מיר געפֿינען דאָס אין זײַן ליד „כּי אז אצעק" און נאָך מער אינעם ליד „שירי הפּרוע" [מײַן צעשױבערט ליד], אין װעלכן ער פֿאַרזיכערט אונדז —

אין זײַן װעט דאָס ליד װי ס׳פּנים אַזױ אָפּן.
און איך פֿאַרן ליד װי דער נביא איז אַנטלאָפֿן.
נאָר נישט צו די ריחות פֿון ברעגן װײַטע,
נאָר נישט צו דעם פּיש, צו דעם אינגעװייד זײַנעם.
װײַל איך דער גײער און קומער מיט זאַק אויף די לענדן,
װעל קומען און גײן און שרײַען, און װענדן.

װי זשע קומט עס, װאָס זײַן ליד שרײַט נישט מער, נאָר זינגט, רײַסט נישט דאָס אויער מיט װײטיקדיקן פּראָטעסט, נאָר גלעט עס, און רעדט מיט אַזאַ אײַנגעהאַלטן לשון, כ׳װאָלט זאָגן: שעמעװדיק? —

אָט װענדט ער זיך אַהין צו זײַן אומגעקומענעם ברודער דאָרט און טענהט זיך מיט אים צערטלעך אויס (אין „אגרות־עדות לאחי"):

אויב כ׳װעל זאָגן, ברודער, נעם דעם גאַנצן װײַטן קרײַז
פֿון דער גאַס,
און דאָס איז דאָך אַלץ װאָס געקאָנט איך װאָלט דיר געבן,
און נישטאָ װער, װאָס זאָל דיר קאָנען געבן מער —
און איך, ברודער טײַערער, װאָס חלום, ברודער מײַנער,
האָב דיר אַלץ געגעבן.
נישט מער, ברודער, דו דאַרפֿסט עס נישט מער.

װי נאָך סובטילער, װי נאָך אײַנגעהאַלטענער קאָן אַ ברודער װאָס לעבט „רעדן" צו אַ ברודער װאָס איז דאָרט פֿאַרשניטן געװאָרן?

צי גאָר זײַן זעונג װעגן אויסגײיענדיקן טאָג און דאָס דערװאַרטן דעם נײַעם: —

„איך גײ אין גאַס פּשוט און גרױ. כ׳טרעף באַקענטע װאָס כ׳האָב קײן מאָל נישט געקענט / כ׳בין ענלעך צו זײער אַ סך. כ׳בין ענלעך צו אַ פֿאָלק אַ גאַנצס". און ער גײט זיך אין אָט דעם ליד פּשוט אַזױ און מענטשלעך און פֿילט אַז אויף זײַן קאָפּ בענטשט די זון. און ער טראַכט: אפשר גײט זי גאָר פֿון אים אויף צו די הימלען? גײט ער אַזױ און נעמט זיך צונויף און צינדט אָן זײַנע אײגענע לבנות און ברענגט אַראָפּ דעם אָװנט, כּדי מאָרגן „װעל איך װידער אויפשטײן אין קאַיאָר און טראָגן מײַן זון".

וויפל מליצה, וויפל הויכקלינגענדיקע רייד וואָלטן דאָ געקאָנט גענוצט ווערן כדי דאָס אַלץ צו זאָגן, כדי דאָס אַלץ צו דערציילן? ביי אמיר גלבוע אָבער זינגט זיך דאָס און זאָגט זיך מיט שטילער פשטות, מיט אַ שיִער־נישט נאַיוון חן, אַז איר בלייבט פאַרגאַפּט און פאַרחידושט.

ב

די מאָדערנע פּאָעזיע, וועמענס פאָרמען דער משורר אמיר גלבוע ניצט, און איז אפשר געווען פון די ערשטע — אויב נישט דער ערשטער! — אין דער היגער העברעישער דיכטונג מיט זיי זיך צו באַניצן, האָט ליב צו קאָקעטירן מיטן ווייסן פערז, מיט איבערגעבראָכענע זאַצן, מיט צעשוי־בערטן ריטעם. חוץ דעם טרעפט איר אין איר נישט־געשטויגענע רייד, נישט דערגאַנגענע פראַזעס. און, נאַטירלעך, נישט־דערגאַנצטע. נישט איין מאָל שטויסט איר זיך אָן אין אַ „ליד" וואָס איר קאָנט לייענען פון אונטן אַרויף, אָדער צעוואָרפן די שורות און זיי אויסשטעלן הפקרדיק ווי אייער האַרץ וועט גלוסטן, און דאָס „ליד" וועט דערפון נישט ליידן... איר קאָנט דאָרט טרעפן שאַרלאַטאַנישע ווילּיונגערישקייט, זשאָנגלערישע פאַרבלענדענישן, ווי איר טרעפט דאָס אין געוויסע מוזיקאַלישע אָדער מאָלערישע „שאַפונגען". אָבער, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מאָדערנע פאָרמען מוזן נישט זיין בלויז און נאָר אויג־און אויער־פאַרבלענדענישן. מ'קאָן, אויב ס'איז נאָר דאָ אַן אמתער טאַלאַנט, אַרויסברענגען אויך אין מאָדערנע פאָרמען דאָס געזאַנג און געוויין פון האַרץ, פון נשמה, פון ליבע, פון מענטשלעכקייט.

ווערט איר מיטגעריסן און דערפרישט בעת איר לייענט אמיר גלבועס מאָדערנע פערזן. גענוג צו לייענען זיין ליד „איך דאַוון אַרויס פונעם האַרץ, פון סידור / מיט צעריסענע מאַרגינעסן" כדי צו זען און פילן אַז אויך אין אַזאַ פאָרעם קאָן געשאַפן ווערן אַן עכט ליד.

ס'איז בלויז נאָך אַ רעטעניש פון די רעטענישן, וואָס קרייזן אַרום דעם דיכטער אמיר גלבוע און זיין דיכטערישן פאַרמעג.

ג

אמיר גלבוע, דאָס קיין ארץ־ישראל אָפּגעראַטעוועטע וואָלינער ייִנגל בערל פעלדמאַן, איז דער זינגער פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער ייִדישקייט. זיין ליד דערמאָנט אייך דעם דאָ און דעם דאָרט, דעם נעכטן און דעם היינט, דאָס גוטס און דאָס שלעכטס. דער שוידערלעכער אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק אין אייראָפּע שרייט אַרויס פון זיינע שוויי־געוודיק־באַצערטע לידער וועגן זיין ברודער, וועגן יוסי דער שוועסטער

בראַניעס, וועגן זײַן שוועסטערל אסתּר, וועגן אַלץ וואָס איז דאָרט געווען און מער נישטאָ; פּונקט אַזוי שאַלט אַרויס פון זײַן ערדיש־עניוותדיק ליד וועגן נײַעם זײַן און ווערן, מיט ווונדערלעכן לויִים־געזאַנג — דער אויפקום פון דער ייִדישער היים און זײַן ווירקונג אויף דעם פשוטן מענטש. און ווײַל דער טרויער וואָס קוקט אַרויס פון זײַן ליד דער עקידה־מאָטיוו וואָס קרייצט דורך זײַן שאַפונג איז אַזאַ מין שטילער, אַזאַ ערב־שבתדיקער, נעמט זײַן ליד אָן די פײַערלעכקייט פון אָנקומענדיקער קדושה; און ווײַל ער איז טיף פאַרוואָרצלט אין די היסטאָרישע ערדן פון זײַן פאָלק, אין די מיסטעריעס און אין די אַלצײַטיקע וואָרט־שיינקייטן, איז דערפאַר זײַן ליד ווי אַ תפילה, וואָס איז אי בלחשדיק אי ממעקים־שרײַעוודיק.

פאַראַן בײַ אים לידער, וואָס יעדע צווייטע אָדער דריטע שורה דער־מאָנט אײַך אַ זאָג פון אַ נביא, אַ פראַזע פון פּיוט, אַ טייל פון אַ פסוק, און רופן דערפאַר אַרויס צו זיך אַ באַזונדערע באַציִונג. דאָס איז אַן אויסטער־לישער געמיש פון לאַנגן גרויען טאָג מיט ווײַטער דיכטערישער זעונג, אַ באַוויִרקטער פּונעם נביא און חוזה. וואָרעם אויב אַ דיכטער קאָן דערציילן אין זײַנס אַ ליד, ווי, אַ שטייגער, אין זײַן „שיר שקט וטלול״ — שטיל און טויִק ליד — אַז... ער שפּאַצירט אַרום צווישן לאַנגע און גרינע פּרימאָרגן־טישן אַ שטילער, אַן אָפּגעוואַשענער; די ביימער נייגן צו אים זייערע פאַר־שטאַנדיקע קעפּ — — ער טענהט זיך דערבײַ אויס מיט זײַן טאַטן און זאָגט אים, אַז... ס׳איז נישטאָ אַזאַ זינד וואָס איז אים נישט געקומען פאַר די אויגן, ס׳איז אָבער נישטאָ נאָך איינער ווי זײַן זון וואָס זאָל זײַן אַזוי ריין פון עבירות. — און ער גייט צווישן אָט די טישן און געפינט אַ גרויסן שווערן האַמער, אַ באַהאַלטענעם צווישן דערנערקוסטן פון רויזן; אַ שטילער, אַ באַטויִקטער הייבט ער אויף אָט דעם האַמער, טוט מיט אים אַ דערלאַנג און... די הימלען נידערן אַראָפּ צו דער ערד — וועט ער שוין קאָנען פון אָט דער זעונג דערזען, וואָס ער דערציילט אין „ליד פון פּרימאָרגן״, אַז —

פלוצעם שטייט אויף אַ מענטש אין באַגינען, דערפילט אַז
ער איז פאַלק און הייבט אָן גיין,
און זעט דער פרילינג האָט זיך אומגעקערט, ווי ס׳וואָלט
אַ בוים פונעם בלעטערפאַל זיך קריק צעגרינט.

ד

דער מאָטיוו פון חלום און אויפוואַך, אָדער דער מאָטיוו פון ווערן און אויסוווערן, פון טויט־דערנענטערונג, פאַרנעמט אַ גאַר אָנגעזען אָרט אין זײַנע צוויי לעצטע זאַמלונגען — „רציתי לכתוב שפתי ישנים״ (כ׳וואָלט וועלן

שרײַבן אין דער שפּראַך פון די שלאָפנדיקע) און „אילה אשלח אותך" (היר־שין, כ'וועל דיך אַרויסשיקן). אמת, די אַ מאָטיוון פעלן אויך נישט אין זײַנע פריערדיקע ווערק, נאָר דאָ זענען זיי ממשותדיקער, קאָנקרעטער. וואָרעם אַליין דער ווילן צו שרײַבן אין דער שפּראַך פון די שלאָפנדיקע, שוין דאָס אַליין זאָגט דאָך עדות אויף אַ ווילן נישט צו רעדן אין דער שפּראַך פון די וואַכנדיקע און, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, האָט דאָך אמיר גלבוע אינעם לשון פון די וואַכנדיקע נישט נאָר „געפּרעדט" — אין זײַנע ערשטע שאַפונגען — נאָר אַפילו „געשריגן", געמאָנט, מוכיח געווען, ווי די אַמאָליקע זיקני העיר, אינעם שער בת רבים און — געבליבן אַנטוישט. ווידער דאָס „אַרויסשיקן די הירשין" טוט אַ ברענג אַרויף אויפן זכרון דאָס אַרויסשיקן דעם „שעיר", דעם האַריקן לאָם, כדי ער זאָל מיט זײַן אומקומען אָפּקומען די שטראָף פונעם זינדיקן פאָלק... פרעגט טאַקע דער דיכטער:

וי קאָן איך ווידער און ווידער פאַרגעסן אַלץ כּדי
צו געדענקען דאָס
וואָס איז גאָר אין דער אמת נישט געווען און אַז עס איז געווען
דאַרף איך דאָס אויך פאַרגעסן — — —

(רציתי לכתוב, ז' 4)

פון דאַנען, אַז ער וויל פאַרגעסן נאָר ער קאָן נישט.

שוין אין זײַנע פריערדיקע לידער האָבן אים באַהערשט די זעלבע שטימונגען: וויזיעס וועגן מענטשלעכע עוולות, שלעכטקייטן, קעגן וועלכע ער האָט פּאָעטיש זיך אַנטקעגנגעשטעלט. נישט מער, וואָס דאָ איז די שפּראַך נײַער, פרישער און די פאָרעם — הײַנטיק. און בעת הײַנטצײַטיקייט וויל בײַ דעם גרעסטן טייל מאָדערנע שרײַבערס מיינען בלויז די פאָרעם, קומט אמיר גלבוע און ווײַזט, אַז אויך די מאָדערנע שירה קאָן און דאַרף זײַן אָנגע־פילט מיט תוכן, מיט אידייע, מיט וויזיע.

דאַרף דאָס גלבוע־ליד גרייכן אויך דעם יידיש־לייענער. ס'מיינט אויך אים. נאָר ווײַל גראָד צוליב די אויסגערעכנטע מעלות איז נישט אַזוי לײַכט עס איבערצוזעצן, קומט די אַסאָציאַציע פון „שמן תורק שמך" (שיר השירים, א' ג.), און גיט אונדז דעם שליסל. וואָרעם אונדזער ליבער מלמד האָט עס אונדז געטײַטשט: שמן — בוימל, תורק — ווערט אויסגעלערט פון איין כּלי אין דער אַנדערער, שמעקט זײַן ריח זייער ווײַט, כן אַזוי שמך — דײַן נאָמען אאז"וו. איז עס טאַקע נישט אַזוי לײַכט, אָבער — ליב און נייטיק.

ווײַל עס שמעקט דער בשׂמים־ריח פון אמיר גלבועס ליד סײַ אין אָרי־גינאַל, סײַ אין איבערזעצונג.

אסתר ראַב — דיכטערין פון פעלד און היים

דאָס באַזונדערע און אייגנאַרטיקע ביי אַ דיכטער, ביי אַ שרייבער, איז תּמיד געווען און וועט זיין זיין וויזיט־קאַרטע. דער וואָס און דער ווי אַזוי, אויב זיי האָבן ביים שרייבער אַן אייגן פּנים און כאַראַקטער, זענען זיי דאָס די וואָס גיבן דעם דאָזיקן שרייבער זיין אויסזען און באַשטימען זיין אָרט אין דער משפּחה פון די שאַפערס.

אין די אָנהייב־יאָרן פון דער העברעיִשער דערציילונג אין ארץ־ישׂראל, איז דאָס געווען דער רחובותער כאַוואַדזשאַ מוסאַ (משה סמילאַנסקי) וואָס האָט — אויך אין ייִדיש — זיך אויסגעצייכנט און זיך אַרויסגעהויבן מיטן שילדערן רעאַליסטיש דאָס לעבן אין די נאָר־וואָס אויפגעקומענע ייִדישע דערפער און קאָלאָניעס, מיט אַן אייגענער פאַרב, מיט אַ לויטער־זעענדיק אויג און מיט אַ הייס האַרץ; אין דער פּאָעזיע דער דעמאָלטיקער, איז דאָס געווען די פּתח־תּקוהער אסתּר ראַב. אמת, זי איז דעמאָלט געווען אַ מין טערראַ אינקאָגניטאַ — נישט פאַרעפנטלעכט, אָדער: כּמעט נישט, און נישט זיך אַרויסגעוויזן מיט איר ליד אָדער דערציילונג. אָבער איר שאַפונג איז פון דעמאָלט און זי געהערט יענער צייט, פּונקט ווי זי געהערט אונדזער צייט, אין וועלכער זי האָט זיך מיט איר ליד באַוויזן, פאַרעפנטלעכט, באַקאַנט געוואָרן און געוואָרן באַרימט.

יעדע שטאָט גרייסט זיך און רימט זיך מיט אירע באַרימטקייטן. דער זאָג: „אין נביא בעירו” איז טאַקע ביז איצט נאָך נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן, ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז נאָך דעם ווי אַזאַ „נביא” פאַרלאָזט זיין ווין־אָרט און ווערט באַרימט אין צענטער, איבערן גאַנצן לאַנד, קומט אָט דאָס אָרט און מאָנט צוריק אויף איר חלק, און טוט דערביי אַלץ צוצובינדן איר נאָמען מיטן באַרימט־געוואָרענעם.

אסתּר ראַב, וואָס איז פון די ערשטע און עלטסטע קינדער פון דער קאָלאָניע פּתח־תּקוה, און איז באַרימט געוואָרן ווי אַ דיכטערין ערשט אין אירע עלטערע יאָרן, געהערט צו אָט דעם מין. פּתח־תּקוה זעט אין איר איר באַרימטע טאָכטער און גרייסט זיך מיט איר.

אַוודאי וועט דאָ נישט גילטן וו. געטהעס זאָג: „ווילסטו דעם

דיכטער פאַרשטיין, זאָלסטו אין זײַן לאַנד גיין", וואָרעם נישט נאָר איר פתח־תקוה איז שוין פון לאַנג נישט צו דערקענען, — אפשר בלויז אין איר שאַפונג — נאָר אַפילו דאָס גאַנצע לאַנד ישׂראל איז שוין ווײַט ווײַט נישט דאָס וואָס עס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען די בלחשדיק־לירישע באַזינגערין אירע, אסתּר ראַב, האָט אַזוי צאַרט און דאָרפיש, איידל און מאַזאָליעדיק געשריבן אירע אייגנאַרטיקע זכרונות, אירע טויִקע לידער.

— איז אסתּר ראַב רעגיאָנאַל ?

יאָ און ניין.

יאָ — ווײַל אָן אירע פראָזע־פרוּוון און אָן אירע לידער וואָלט דאָס בראשיתדיקע פתח־תקוה זיך נישט אַרויסגעזען אַזוי קלאָר און אמתדיק אין דער רײַכער אָרטשאַפטן־ליטעראַטור פון ארץ־ישׂראל. פאַר איר האָט קיינער נישט געמאָלט דאָס אַמאָליקע פתח־תקוה אַזוי געטרײַ און אַזוי רעאַליסטיש. גענוג צו נעמען ווי אַ דוגמה איר קליינעם פראַגמענט „העקרב" (דער סקאָרפּיאָן), („קטיף", ד־ה, תשכ"ז, זז' 10־11), ווו זי שילדערט די קאָלאָניע מיט אירע שכנים — די „רוסישע" מיט זייער סאַמאָוואַר און דאָס טיי־טרינקען, די „ענגלענדערקע" מיט איר משפּחה פון לאָנדאָן און זייער אייגנאַרטיק אויפפירן זיך, וואָס האָט אויף דעם קינד אסתּר געמאַכט אַ באַזונדערן רושם, דאָס פאַרברענגען אירס און דער עיקר — די גראָזן, געוויקסן, דערנער, דערנער און בלומען, און דעם טאַטן אירן מיט זײַנע פעסטע פּויערישע הענט, „וואָס האָבן געשמעקט מיט אַ לויטערער אָפּגעברענטקייט" — כּדי צו זען מיניאַטור־אַרטיק דאָס געטרײַ־געמאָלטע בילד פון אַ יִדישער קאָלאָניע אין ארץ־ישׂראל אין יענע צײַטן.

ניין — ווײַל אין קאָנטעקסט פון דער העברעיִשער נײַ־צײַטיקער פּאָ־עזיע, גייט אַרײַן און ווערט אויסגעמישט אסתּר ראַבס ליד וועגן פעלד און היים, ביז צו נישט־דערקענען.

ווער עס וועט נישט וויסן פון וואַנען די דיכטערין שטאַמט, פון וועלכן פונקט אין לאַנד איז זי געקומען מיט איר לאַנדשאַפט־ליד, מיט איר נאַטור־געזאַנג, וועט אין איר זען דעם אויסדרוק פון פעלד און פון היים, אַרויס־געניגונט אין אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן, אין שײַכות מיטן נײַעם ייִד אין כּלל גענומען. דער פּיפּיקער און ציניש־„מאָדערנער" קריטיקער, וועט זי אַוודאי צורעכענען צו די „אַנגאַזשירטע" ציון־זינגער פונעם זיך־בויענדיקן ייִשוב.

אָט עפנט זי איר ערשטע לידער־זאַמלונג „קמשונים" (שטעכל־גע־וויקסן) מיט אַזאַ שילדערונג:

עַל מַעֲרָמֵיךְ חוֹגֵג יוֹם לָבָן,
אֶת הַדַּלָּה וְהָעֲשִׁירָה כֹּה,

נֵד הָרִים קָפָא,
שְׁקוּף כַּחֲזוֹן תַּעְתּוּעִים, —
אֶל הָאֹפֶק דָּבֵק.

אין יידיש וועט עס הייסן: „אויף דײַנע נאַקעטקייטן יום־טובט דער ווײַסער טאָג. / דו די אָרעמע און אַזאַ רײַכע / אײַנגעפּראָרענע בערג־דאַמבע, / דורכזיכטיקע ווי אַ פֿאַרפֿירערישער חלום, / באַהאַפֿטענע צום האָריזאָנט". מוז דאָס נישט מײנען בלויז און נאָר איר פּתח־תקוה. דאָס קאָן זײַן יעדע קאָלאָניע דעמאָלט, וואָס איז געווען אַזוי אָרעם און אַזוי רײַך... אויך נישט בעת זי ציט ווײַטער דעם פּענדזל אירן און מאָלט די געגנט אַזוי שטוינענדיק־רעאַל און דערציילט אונדז פֿון אַ דאָרן וואָס זעט זיך אַרויס אין דער פֿאַרלאָזנקייט פֿון די אָפּגעשניטענע פֿעלדער, און זאָגט עס אַזוי ליריש־רירנדיק ווי אַ שבתדיקע זמירה:

וְהָיָה כִּי תִיעַף הָעַיִן
מִזִּרְמֵי תַּעְתּוּעֵי־אוֹר
וְטָבְלָה בְּיֶרֶק הָאָטָד הַמַּכְחִיל,
כְּבְתוֹךְ בְּרֵכַת מַיִם צוֹנְנִים,
אַתְּ הַדְּלָה כֹּה עַל עֲרִיצַיִךְ הַמַּאְדִּימִים
תּוֹךְ זְהַב הַמֶּרְחַקִּים
עִם קַרְקְעֵי נְחָלַיִךְ הַחֲרֵבִים, הַלְּבָנִים —
מָה יָפִית!

טײַטש: „און ס'וועט זײַן אַז דאָס אויג וועט ווערן מיד / פֿון די שטראָמען פֿאַרפֿירעריש ליכט / און וועט זיך באָדן אינעם גרינס פֿון דעם בלוי־ווערנדיקן דאָרן, / ווי אין אַ ברונעם מיט וואַסערן קאַלטע / דו וואָס ביסט אַזוי אָרעם מיט דײַנע זיך־רייטלענדיקע ראָוועס / אינעם גאָלד פֿון די ווײַטנס / מיט די דנאָען פֿון דײַנע ווײַסע, חרובע טײַכן — / ווי שיין ביסטו!" — מוז דאָס אויך נישט זײַן דווקא פּתח־תקוה. יעדער אַנדערע קאָלאָניע וואָס איז אין יענע יאָרן אויפֿגעקומען אין לאַנד, האָט געקאָנט האָבן „זיך־רייטלענדיקע ראָוועס אינעם גאָלד פֿון די ווײַטנס, מיט ווײַסע דנאָען פֿון אויסגעטריקנטע טײַכן". קאָן זי, אָן שום ספק, פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר דער אַללאַנדישער באַזינגערין פֿון אויפֿגייענדיקע פֿעלדער בײַ חרובע טײַכן. אָבער דאָס אָרט בלײַבט אירס און זי — דעם אָרטס.

און נאָך עפּעס: עס איז איר נישט פֿרעמד טבריה און נישט פֿרעמד איז

איר ירושלים, און נישט דער גלבוע און נישט אַנדערע היגע בערג, און ס'איז דאָ בײַ איר אַזאַ וווּנדערלעכע דערגאַנצונג צווישן דעם ריטעם פֿון איר פּערזן מיטן אייגענעם האַרץ־ריטעם פֿון דער איבערלעבונג, און אַ בולטע אויטענטישקייט שפּאַרט אַרויס פֿון איר ליד און מאַכט עס היימיש, באַגלייבט, אייגן.

די פּאַסטאָראַלע שטילקייט פֿון דער לאַנדשאַפֿט גייט בײַ איר געאָרעמט מיט אַזאַ פּײַכטלעכער טויִקייט פֿון וואָרט, מיט אַ דינעם צער־ניגון וואָס זינגט־אויס איר אַליין־זײַן און דערציילט פֿון אַ בענקשאַפֿט וואָס איז כּולה ליבע צום אָרט, צום מאַן, צו היים און צו פֿעלד, ווי עס קומט אַזוי בולט צום אויסדרוק אין אָט דעם ליד: —

לִבִּי עִם טְלָלַיִךְ, מוֹלֶדֶת,
בַּלַּיְלָה עַל שְׂדוֹת חֲרֻלִים,
וּלְרֵיחוֹת בְּרוֹשִׁים וְקִמּוֹשׁ לָח
כָּנָף חֲבוּיָה אֲנִי אֶפְרֹשׂ.
עֲרִיסוֹת־חוֹל רַכּוֹת דְּרָכַיִךְ
בֵּין גְּדֵרוֹת הַשִּׁטָּה שְׁטוּחוֹת
כְּעַל פְּנֵי מֶשִׁי צַח
לְעוֹלָם בָּם אָנוּעַ
אֲחוּזַת קֶסֶם לֹא־נִפְתָּר — —

אין אונדזער איבערזעצונג וועט עס הייסן: מײַן האַרץ מיט דײַנע טויען, פֿאָטערלאַנד, / בײַ נאַכט אויף דײַנע קראָפּעווע־פֿעלדער, / וועל איך אויסשפּרייטן אַ פֿאַרבאָרגענעם פֿליגל / צו די ציפּריסן און פײַכטע שטעכל־קעס. / ווייכע זאַמדוויגן זענען דײַנע וועגן / צווישן די פֿלאַכע אַקאַציע־פּלויטן, / ווי איבער ליכטנדיקן זײַד / וועל איך זיך תּמיד אין זיי באַוועגן / אַ באַזעסענע פֿון אַ נישט־אויפֿגעלייזטן כּישוף...״

*

אויך אין איר דריטער לידער־זאַמלונג „תּפֿילה אחרונה״ [=לעצטע תּפֿילה], דערשינענע אין יאָר 1972, געפֿינען מיר לידער צו בערג (משירי הגלבוע), צו פֿייגל (חסידות, הצפרים אינן יודעות, החרב והקן), צו ביימער (שיר לאוקליפטוס) און צו דער לאַנדשאַפֿט אין כּלל גענומען. דאָס זענען לידער צו זיך און וועגן זיך, דורכגעפּלאָכטענע מיט אָדעס צו אירע פֿעלדער, בערג, טאָלן און... דאגות, וואָס הייבן זיך אָן מיט איר ערשטן טאָג אויף

אָט די ערדן. (אין איר עלנט אַלס קליין מיידעלע, האָט זי שוין „געשריבן" לידעלעך צו אירע קעצעלעך...). אָט די נײַע לידער אירע גיבן אונדז דאָס געפיל, אַז די שוין נישט־יונגע אסתּר, וואָס איז שוין אין איר דערפאַרנקייט גרייט צו צעשטויסן אַלע אירע אָפּגעטער וואָס זי האָט אַליין זיך אויפגעבויט, איז אַפילו אין אָט דער קלוגשאַפט אירער געקניפּט און געבונדן מיט איר באַליבטן פּייזאַזש און מיט רירנדיקער תּפילה צו איר לאַנד, און זאָל קומען דאָס ליד פון זײַט 21 און זײַן אונדזער עדות:

כָּעֵת אֶתֹּץ
כָּל אֱלִילֵי־שָׁוְא —
בְּמוֹ יָדַי עֲצַבְתִּי —
הַבְרִיכִינִי, אַרְצִי,
שַׁטְחִינִי — כִּשְׂדֵה בַּבּוֹנָג צָח
עַל עֲמָקַיִךְ
וְקִטְרִי קְרָבַי —
לַשָּׁמַיִם
עַד יִכְלֶה בֹּשֶׂם
צִמְאוֹנִי —
כְּחִטָּה הוֹמָה לְרוּחַ;
שַׁלְחִינִי כְּאֶשֶׁל
עַל־פְּנֵי חוֹלוֹת;
עִם שְׁרַקְרַקִּים עוֹלְזִים —
אֶחֱצֶה עַנְנֵי־צְחוֹר
וְאֶהֱמֶה בְּזֵיתַיִךְ —
כְּיוֹנַת־בַּר.

טײַטש: איצט וועל איך צעשטויסן / אַלע פאַלשע אָפּגעטער — / מיט מײַנע הענט אַליין געמאַכטע — / פאַרזעץ מיך, לאַנד מײַנס, / צעשפּרייט מיך — ווי אַ לויטערע רומיאַנעק־לאָנקע / איבער דײַנע טאָלן / און שפּרענק מײַנע אינגעווײדן — / צו די הימלען / ביז בשמים וועט פאַרלענדן מײַן דאָרשט — / ווי דער ווייץ לעכצט נאָכן ווינט; / שיק מיך אַרויס ווי דעם אשל־בוים / איבער די זאַמדן; / מיט די פריילעכע פאַרבן־פייגל — / כ׳וועל דורכשנײַדן די בלאַנק־ווײַסע וואָלקנס / און וועל ברומען אין דײַנע אייל־בערטביימער — / ווי אַ ווילדע טויב".

1972

די טעג פון דער ערד פון חיים ראַבינזאָן

טעג פון דער ערד זענען, מסתּמא, אַנדערש פון די טעג פונעם מענטש וואָס אויף דער ערד, נישט נאָר ווייל זיי זענען דויערהאַפטיקער און אייביק, נייערט זייער אַנדערשקייט באַשטייט אַוודאי אין זייער טיפער אינערלעכער חכמה, אין זייער געזונטער פּשטות, וועלכע פעלן־אויס דעם מענטש. סיידן דער מענטש איז מיט דער ערד פאַרבונדן, לעבט מיט איר בשלום, פּירט מיט איר אַ ליבע און אַנטשפּויזט זי, זי זאָל אים אַרויסגעבן פון זיך זאַפט און קראַפט. און אַז אַ דיכטער רופט־אָן זיינע לידער „ימי האדמה" איז זיכער זיין כּוונה צו ווייזן און באַווייזן אָט דעם פאַרבינד פון מענטש מיט ערד אין זייער שותּפותדיקער אויסשטראַלונג.

אָט איז איינער אַזאַ טאָג:

> יענער טאָג האָט געניִדערט ווי אַ ליד,
> ווי אין אַ טאַנץ איז די נאַכט אַפּגעגאַנגען.
> ווען אין שטאַל ס'האָט געטראָטן דער מאַמעס טריט
> האָט דער מאָרגן אַ מתּנה איר דערלאַנגט דאַן.
>
> (היום ההוא ירד כשיר, ז' 94)

זענען טאַקע אַלע לידער חיים ראַבינזאָנס עדות פאַר אָט־דעם גאַנג, פון אָט־אַזאַ איינשטעלונג אין זיין שאַפונג? —

אַז מיר לייענען זיך גוט אַריין אין אָט־דער נייער לידער־זאַמלונג זעען מיר, אַז נישט נאָר דאָס איז דער דיכטער אויסן. גיכער זוכט דאָ חיים ראַבינזאָן אַ סינטעז פון הייליקייט מיט וואַכיקייט פאַר אונדזערע גייענדיקע און פאַרגייענדיקע טעג. ליד נאָך ליד ברענגען אייך באַווייזן, אַז דאָ גייט אַ געראַנגל צווישן דעם ערדיש און פאַעט, ווער וועמען זאָל איבערשטייגן. דער למדן ר' חיים באַמיט זיך ברענגען נאָך אַ טיפזיניקן משל, נאָך אַ וואָרט־צייכן. נאָך אַ סימבאָל צו דער אַזוי יידיש־פאַרוואָרצלטער, סימבאָלן־רייכער שירה זיינער, בעת דער דיכטער ראַבינזאָן באַמיט זיך זיין מאָדערן, הייַנטצייַטיק און ווילקלינגעוודיק. איז גאָר נישט אַזוי שווער צו זען און אַרויסצופילן אָט דעם געראַנגל, בעת דער אָנשפּאַר אויפן זוהר, קבלה און

תפילות שטאַרצט אַרויס פון כּמעט יעדער ערדיש ליד. זיו און זוהר — וואָס זענען גוט באַקאַנט ווי די העכסטע סופּערלאַטיוון פאַר שיין און לויטערקייט — קומען אייך אַנטקעגן ווו איר מישט נאָר אויף אַ זייטל פון אָט דעם בוך. און ווען מען אָט־די אַלע אַקסעסואַרן זענען נישט פרעמד, דעם וועט חיים ראַבינזאָנס אַריינמאַרש אין דער מאָדערנער העברעיִשער דיכטונג אויף אַזאַ אופן פאַרשאַפן נחת רוח און מער נאָך.

אָט קומט ער און באַשאַפט זיך אַן אַכטן טאָג צו דער וואָך: „שמיני בשבת" (ז. 85) און ער דערקלערט דאָס שניידנדיק קלאָר:

שִׁשָּׁה יָמִים וְכֹה הַרְבֵּה חֻלִּין
שַׁבָּת אַחַת וְקֹדֶשׁ כֹּה מְעַט.
מְקַדֵּשׁ בַּחֻלִּין־בִּי לְהָלִין —
בָּרָאתִי יוֹם שְׁמִינִי לִי בְּשַׁבָּת.

(זעקס טעג און וואָכיקייט אַזויפיל. / איין שבת און הייליקייט אַזוי ווייניק. / פון הייליקייט אין דער וואָכן מיך אָנצופילן — / האָב איך מיר באַשאַפן אַן אַכטן טאָג אין דער וואָך.) און מיר זעען דאָס קלאָר, אַז אָט דער אויסגעפּאַנטאַזירטער פּאָעטישער אַכטער טאָג איז נישט קיין אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט, וועלכע ער מיאוסט זיך נישט זי אָנצורופן ביים נאָמען, נייערט אַ ווילן איבערצומאַכן זי, איבערשאַפן זי, כּדי אַריינצוברענגען הייליקייט אין די טעג פון דער ערד און שאַפן אַ צונויפגיס פון אָט דיביידע. אָט איז אַ פולער קויבער — „במלוא הסל" (ז' 36). איז וואָס קאָן זיין ערדישער ווי אַ פולער קאָרב? און איר דערוואַרט, אַז באַלד וועט דאָס ליד אויסזינגען דאָס רעליעפע בילד פון אַ קויבער, וואָס איז אָנגעפילט מיט פּרוכט פון דער ערד. גייט טאַקע אין דעם שיר אַ רייד וועגן הדרים (ציטרוס־פּרוכט) און וועגן אַ מיידל וואָס גייט־פאַרביי מיט שאַליקער פרייד, נאָר „איר בליק פרעגט כּאילו די פאַרבייגייערס, צי זיי ווילן איינפעסטיקן אין די האַרבסטן די נשמה־קויבערס". זעען מיר באַשיימפּערלעך, אַז די ערדישקייט איז דאָ פאַרחברט מיט די הימלען. מיר מישן אויף צוריק און מיר באַגעגענען זיך מיט גילדנדיק זאַמד — „חול זוהב" (ז' 19). טראַכטן מיר: דאָס זענען דאָך אַוודאי אונדזערע גוט־באַקאַנטע „גאָלדענע זאַמדן", ווען מען דער יידישער דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט אין באַגינען פון דער היגער פּאָעזיע אַזוי האַרציק און איינמאָליק באַזונגען, ווי זשע זינגט וועגן זיי אַ מאָדערנער העברעיִשער דיכטער וואָס איז נאָך דערצו אַזוי טיף מסורהדיק? זעצן מיר דאָס איבער אין אַ געוויינלעכן יידיש און מיר לייענען:

„— גילדנדיק זאַמד. גערטנער און שטעטלעך / וועל איך דיר ברענגען איבער די שטויסן פון חלום; / אויב נישט, וועלן דיך גלעטן די טײַכן / און די זונען וואָס וועלן אַהער דערגרייכן". קלאָר.

— איבער די אָן־אַ־שיעור חלומות רופט ער אָן זײַן ליד־זאַמלונג „טעג פון דער ערד". כּדי, ווי שוין געזאָגט, צו פֿאַרבינדן די ווירקלעכקייט מיט די טרוימען, דעם חול מיט דעם קודש, זיי זאָלן ווערן איינס, אחד. פֿון אָט־די טיפֿענישן, הויכקייטן און רחבֿותן ברענגט ער אַרויס אַסאָציאַציעס, וואָס קאָנען געטראָגן ווערן נאָר אויף די פֿליגל פֿון געפֿליגלטן וואָרט, און דאָס שבת־יום־טובֿדיקע וואָרט זײַנס איז זײַן באַגאַזש און זײַן אימאַזש איינצײַטיק. קיין שום איבערזעצונג, די קינסטלערישסטע און געניטסטע, וועט נישט קאָנען איבערגעבן די וווּנדערלעכע, טייל מאָל ווירטואָזישע ווערטער־שפּילן און אינערלעכע גראַמען, וועלכע פֿירן אײַך גלײַך אַרײַן אין אַ העכערער ספֿערע, אָבער רײַסן אײַך נישט אָפּ פֿון דער ערד, אויף וועלכער עס שטייט אויך געגוג פֿעסט דער מחבר פֿון אָט די לידער.

חיים ראַבינזאָן ברענגט־אַרײַן אַ נײַעם טאָן, אַ נײַעם גאַנג אין דער העברעיִשער דיכטונג פֿון די איצטיקע טעג מיטן אויסרופֿ, אַז לשון, וואָרט, אויסדרוק, גערייד זענען סײַ נצחדיקע שײַן, סײַ — די טעג פֿון דער ערד, ווי עס זאָגט עדות זײַן ליד „פּתיחה" (דאָס פֿירוואָרט־ליד):

עפּענונג

מיר איז דאָס לשון נצחדיקע שײַן
און ווי טוי דורכזיכטיק יעדער קלאַנג, יעדער צייכן.
מיט קאַיאַר אין די טריט און באַגין אינעם זײַן
געזאַלבט האָט מיך יום־טובֿדיק דערגרייכן.

דאָס נידערט אין מיר ווי רעגן,
דאָס שפּראָצט־אויף אין מיר ווי גראָז,
דאָס ניגונט ווי שײַן אין מײַן וועזן
צווישן פֿרילינג
און צײַטיקן זאַנג —

די טעג פֿון דער ערד — די צייכנס פֿון אָט־דעם געזאַנג.

*

— ווער איז דער מחבר פֿון „ימי האדמה"?

אין „שויבן", ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע מאָנאַטשריפֿט וואָס איז

דערשינען אין בוקאַרעשט, אין חודש מערץ 1936 (נר׳ 1) געפינען מיר אַזאַ נאָטיץ:

„אין בוקאַרעשט איז פאַרגעקומען אַן אָוונט פון דער יונגער ייִדישער דיכטונג אין רומעניע. דאָס אַרייַנפיר־וואָרט האָט געהאַלטן יעקב שטערנ־בערג. ח׳ י. יאַקיר האָט רעפערירט וועגן דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור. די דיכטער ח. ראַבינזאָן, ה. ריווקין און מ. סאַקציער האָבן פאַרגעלייענט פון זייערע לידער״.

אין דעם זעלבן נומער „שויבן״ געפינט זיך אויך אַ ליד פון אָט־דעם דעמאָלט יונגן ח. ראַבינזאָן, אַ ליד וואָס פּאַסט פאַר יענער צייַט און פאַר אַ יונגן דיכטער, וואָס ווייַזט אָבער בולט אויף אַן אויפגייענדיקן טאַלאַנט: ברויזונג, אידעאַל און מאָדערן געשליפן וואָרט. שוין דאָס דאָזיקע ליד איז גענוג אויף צו באַווייַזן, אַז דאָ שפּאָנט אַ פּאָעט.

אָבער בעת צו ייִדיש־שרייַבן האָט אים באַוויגן און באַווירקט דער באַ־רימטער דיכטער יעקב שטערנבערג, האָט ער שוין צו 16 יאָר פאַר־עפנטלעכט זייַנע העברעיִשע שירים אין „העולם״.

חיים ראַבינזאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1914, אין אַ שטעטל וואָס ליגט אויף דער גרענעץ צווישן פּוילן און רומעניע. זייַן פאָטער איז געווען רב אין יאַס און די מוטער איז אַרויסגעקומען פון דער באַרימטער משפחה ראַלער — גאונים און מקובלים — וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן לשון־קודשדיקן נאָמען די דהבא (די גאָלדענע קייט). געלערנט בייַ זייַן פאָטער, דערנאָך אין ישיבות און דער עיקר האָט געהאַט אויף אים גרויס השפּעה דער מאַמעס ברודער, זייַן פעטער ר׳ חיים מרדכי ראַלער, אַ מקובל און אַ פּוסק. אין יאָר 1944, מיט ליטעראַרישן סטאַזש און אַלגעמיין וויסן, איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

ער זעצט פאָר זייַן ליטעראַרישע טעטיקייט און זעצט־איבער אין עברית פּאָעזיע פון רומעניש, פראַנצייזיש און ייִדיש, האָט גרייט צום אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון ייִדישער דיכטונג אין זייַן העברעיִשער איבערזעצונג, וואָס נעמט אין זיך אַרייַן ייִדישע שאַפונג פון א. רייזען ביז די וויכטיקסטע פון אונדזערע טעג.

דאָס איצטיקע בוך „ימי האדמה״ איז זייַן ערשטע זאַמלונג וואָס דער־שייַנט אין בוך־פאָרעם.

1966

יוסף חנני — דער שרײַבער פֿאַר גרויס און קליין

יוסף חנני געהערט צום ערבֿ־פּלמח־דור. געשטעלט זײַנע יונגע טריט אין דער „מוטער פֿון די קאָלאָניעס" (אם המושבות) פּתח־תּקוה, אין יאָר 1925, האָט זיך דער יונגער יוסף אָנגעטרונקען מיט די ריחות פֿון די עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס האָבן געצויגן זייער חיונה פֿון די בלאָטעס און זומפּן, און מיט די פּרעכטיקע אַראָמאַטן פֿון די יונגע פּרדסים אין וועלכע ער האָט אַליין אין זיי געאַרבעט. פֿון אָט די ריחות האָט ער געשעפּט לופֿט אויך פֿאַר זײַנע גײַסטיקע לונגען און צוריקגעצאָלט מיט דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס האָבן אַרומגענומען ווי מיט מאַמע־אָרעמס דאָס גאַנצע אָרטיקע לעבן: די אַרבעט, די מי, דאָס פֿלאַנצן און דעם צעבלי, די גאַנצע שווערע און שווערנדיקע פּראָבלעמאַטיק פֿון אַ קאָלאָניע וואָס איז געוואָרן שטאָט.

מיט באַזונדערן פֿלײַס האָט ער זיך צוגעאייגנט די דערציילונג פֿאַר קינדער און יונגוואַרג. יוסף חנני — אַ לערער, אַ דערציִער, אַ שול־אינ־ספּעקטאָר — האָט אויסגעוואַרעמט אַ ווינקל אין זײַן פֿילנדיק און מיטפֿילנ־דיק האַרץ פֿאַרן היגן קינד, עדה און קלאַס. פּײַן, הונגער, קראַנק־זײַן און פּרעכטיקע מעשׂים טובֿים פֿון דעם צאַרטן קליינוואַרג — דאָס זענען די הויפּט־מאָטיוון פֿון זײַנע קינדער־דערציילונגען. און ווײַל דאָס אָרט, די קאָלאָניע, די שטאָט — דער גאַנצער פֿאַרכאַפּנדיקער פּייזאַזש אירער, נערט זײַן שאַפֿונג, איז ער נאָענט דער שטאָט, אירע קינדער און אירע דערוואַק־סענע לייענערס.

יוסף חנני איז דער מחבר פֿון אַכט ראָמאַנען און דערציילונג־זאַמלונגען פֿאַר גרויסע, און צוועלף ביכער און ביכלעך פֿאַר קליינע. זײַענדיק פֿאַרקנסט צום אָרט, צו דער „מוטער פֿון די קאָלאָניעס", וואָס לויפֿט הײַנט איבער מיט שטאָטישקייט אַ סך אַנדערע שטאָט־געוואָרענע מקומות, איז אים דאָס אָרט גורם אַ סך יסורים און אַנטוישונגען, ווערט אים אָבער אַ מאַמע וואָס היט זײַנע פֿוס־טריט און פֿאַרבינדט אים די ווונדן. ווער ס'האָט אַ גוט אויג און אַן אָפֿן אויער וועט דערזען אין זײַנע שאַפֿונגען די קאָלאָניע אין איר ווערן שטאָט, און וועט דערהערן אירע קולות און דערשמעקן די ריחות פֿון אירע פּרדסים. איז טאַקע דער ספּעציפֿישער פֿוילונג־ריח פֿון די עקאַליפּ־

טוס־ביימער אין האַרבסט, נישט איין מאָל, אָנרעג־שטאָף פאַרן העברעיִשן דערציילער יוסף חנני, כדי זיך אין עפּעס צו דערמאָנען און דאָס אַרויפ־ברענגען אויפן פּאַפּיר.

ס'האָט שוין ווער געזאָגט, אַז י. חנני איז „דער באַשרייַבער פונעם קליינעם מענטש". קאָן זייַן, אָבער, „קליינע" מענטשן זענען די נאַטירלעכע העלדן אין אַ סך וועלט־יצירות, פונקט ווי זיי זענען דער זאַפט און דער נאַפט פון דער מענטשן־וועלט. וואָלט איך גראָד דעם אַ אָפּצייכן י. חננין נישט צוגעקלעפּט. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער דערציילער חנני גייט־מיט, דאגהט און קוקט־נאָך דעם פּשוטן מענטש אין זייַנע יסורים־וועגן, און נישט אומזיסט האָט ער זייַן ערשט בוך באַטיטלט מיטן טיטל „בנתיב היסו־רים" — אויף דער סטעזשקע פון די יסורים. אַוודאי האָבן אים אויך אויף דער סטעזשקע פאַרלאָפן דעם וועג שרייַבערס און קינסטלערס אין גאָר דער וועלט און גאָר באַזונדער — אויב ס'גייט אין העברעיִש — אַ פריִערדיקער יוסף, יוסף חיים ברענער, און דאָך מוז מען אָן קווענקלעניש באַצייכענען, אַז יוסף חנניס יסורים־וועג אין דער הייַנטצייַטיקער העברעיִשער פּראָזע איז זייַנער אַן אייגענער, וואָס איז אָרגאַניש אויפגעקומען און זיך ברייט צע־וואַקסן איבער דער לענג און ברייט פון זייַנע ביכער.

דער גערנגל פונעם מענטש מיט זייַן גורל איז אַלט ווי די וועלט. קַיִן און הבל האָבן „געעפנט" דעם דאָזיקן פייַנען־וועג פאַר דער מענטשהייט. איוב האָט די אויף אים אָנגעשיקטע יסורים נישט געקאָנט באַנעמען, זיי תּופס זייַן און נישט געקאָנט מיט זיי מַשלים זייַן. ער האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט, דורך זינדיקן מיטן וואָרט, און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. זענען בייַ י. חננין פאַראַן דערציילונגען, פונעם ערשטן ביזן אַכטן בוך, אין וועלכע דער רויטער פאָדעם וואָס פאַרבינדט זיי איז דאָס רישעות וואָס אין מענטש, דער גורל וואָס איז בלינד און פאַרפירט, די יצרים וואָס באַהערשן אים, בעת ער אַליין איז נישט בכּוח צו הערשן איבער זיי, און אויך אַ מין אָפּהענטיקער פּעסימיזם.

און פאַראַן בייַ י. חננין דערציילונגען, סייַ גרעסרע סייַ קלענערע, וואָס שוידערן ממש אויף מיט דעם דעמאָנישן בייזס וואָס אין זיי, זיי רייַסן דיך אַרויס פון דייַן אייַנגערעדטער שלווה און וואַרפן דיך אַרייַן אינעם געפעכט צווישן דעם בייזס און דעם פּאָטענציעלן גוטס. זיי לאָזן דיך נישט צו רו ביז דו ווערסט אַ מיטבאַטייליקטער אין די עוולות וואָס ווערן באַ־גאַנגען, אָדער עס ווילט זיך דיר, צוזאַמען מיט אַלטן לערער שפּי, זיך אָננעמען פאַר די קלאָפּשטיקס, און דו ווערסט „באַדאַנקט" פון דער דאָזיקער

געזעלשאַפט, צוזאַמען מיטן לערער פון דער דערציילונג „הכוס הריקה" — דער לײדיקער כּוס („קטיף", ח', תשל"א, זז. 19—27).

אויך געשטאַלטן פון משוגעים געפינען זיך אין זײַנע ראָמאַנען, און עס מערקט זיך בײַ אים אַ בולטע נטיה אַרויסצוברענגען היפּערטראָפיש ווײַבער־רישע אברים, עס ראַטעוועט אים אָבער תּמיד אַרויס זײַן אייגנטלעך פאַך — לערער און דערציִער.

און זע ווי מאָדנע. דאָס גאַנצע גוטס, דאָס גאַנצע פײַנס און שיינס לייגט י. חנני אַרײַן אין זײַנע ביכער פאַרן קליינוואַרג. צוועלף זאַמלונגען מיט דערציילונגען פאַר קינדער האָט יוסף חנני ביז איצט אַרויסגעגעבן, און מ'ווערט אויפגעפרישט, אויפגעהײַטערט בעת מ'לייענט זײַנע אַ קינדער־דערציילונג. מ'וועט אין איר תּמיד געפינען אַלערליי תּחבולות און שפּיצלעך כּדי גוטס צו טאָן, צו העלפן אַ קראַנקן חבר, צו העלפן אַ שכן, אַ שכנה, אַ לערער, אַ לערערין. דאָ איז דער שרײַבער אין דער היים, אין זײַן היים אין ביידע משמעותן — אין דער דערציִערישער און אין דער רעגיאָנאַלער. פּתח־תּקוה זעט זיך דאָ אַרויס מיט אירע גאַסן, שולן, גערטנער און פּרדסים, און דער לערער — מיט זײַן פּעדאַגאָגישן מעטאָד. די רײַכע שפּראַך זײַנע, וואָס באַרײַכערט די וועלט פון זײַנע יונגע העלדן און לייענער, וועלן אָן ספק העלפן דעם אויפוואַקסנדיקן דור צו דערזען וועגן און שטעגן אינעם אָנקומענדיקן לעבן. מיט איין וואָרט: יוסף חנני וואַקסט דאָ אויס צו אַ שעפערישן הומאַניסט.

*

י. חנני דערציילט אויך וועגן זיך. יעדער אמתער און עכטער שרײַבער דערציילט זיך און וועגן זיך. ס'וועט אָבער זײַן אויפן אָרט אויב מיר וועלן דאָ איבערגעבן, וואָס דער שרײַבער י. חנני האָט דערציילט וועגן זיך בעת אַ שטאָטישער פײַערונג לכּבוד דעם דערשײַנען פון זײַן 5טן בוך פאַר קינדער „שני לימונים ולימון" [צוויי ציטרינען און אַ ציטרין], אין 1971:

„...איך האָב זיך צוגעהערט צו די האַרציקע רייד פון די חברים און צווישן זאָג און זאָג, אין די אָפּשטעלן צווישן זאַץ און זאַץ, האָט געבלעטערט דער ווינט, נישט נאָר אין דרויסן, נאָר אויך אין... „געשיכטע־בוך".

אַ ווייע פון ווינט — און אַ בינטל בלעטלעך האָט זיך אַ נייג געטאָן אויף צוריק. אַ ווייע פונעם ווינט — און שורות גייען אויף, פליִען אויף, נעמען אויף זיך פלייש און הויט און עס שלאָגט אין זיי דער אָטעם פון לעבן.
אָט...

די גרויסע רעדער פונעם דיליזשאַנס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער

קליינער באַן־סטאַציע אין ראש־העין מיט רעש, מיט געקנאַל פון אַ בייַטש, און מיטן ברומען פון פאָרערס וואָס זיצן צונויפגעפרעסט און אייַנגעטוליעט צווישן געפעק און וואַליזעס.

די בין־השמשותדיקע הימלען הענגען איבער דער גרויסער אַנטיפּאַט־ראָס־פעסטונג וואָס ליגט פאַרזונקען אין חלום פון די טעג.

קליינע הייַזקעס, מיט רויטע דעכער און שאַלנדיקע געזיכטער אין מיט פון דער אם המושבות. אַ שמאָלע גאַס, פאַרזעצט מיט עקאַליפּטוס־ביימער פון ביידע זייַטן. דאָס הויז פון דער הסתדרות: אַ גרויסע, אַ רחבותדיקע טעראַסע. אין הויף — רייַך־צווייַגיקע עקאַליפּטוס־ביימער. צווישן זייערע הויכע קרוינען שלאָגט זיך דורך אַ גרינלעכע שקיעה פון אַ פאַרגייענדיקן טאָג.

דער ערשטער טאָג אין ארץ ישׂראל.

די טעראַסע און די עקאַליפּטוסן וואָס זענען דורכגעוועבט מיטן ליכט פון דער וואונדערלעכער שקיעה, די געשטילטקייט און די בענקשאַפט פון אַ קינד נאָך ציון, גיסן זיך צונויף אין זייַן, אין צייכן, אין סימבאָל...

די ברייטע טעראַסע, וואָס איז אָפן פאַר דער זון, פאַרן ווינט און פאַר דער צייַט וואָס פאַרשווינדט, הויערט אין שאָטן פון די אויסגעהאַקטע עקאַ־ליפּטוסן און גילדט זיך אינעם ליכטער־גאָלד פון זכרון, צוזאַמען מיט דעם קליינעם לענגלעכן הויז, אַן אָפּגעבליאַקעוועטס, וואָס ווערט שפּעטער אייַנ־געוואָרפן און בלייַבט לעבן אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין הארץ, אַנטקעגן דער גרויסער שטאָקיקער געבייַדע וואָס איז אויפגעקומען אויף איר אָרט.

דאָס וואָס איז פאַרגאַנגען מיטן שטראָם פון דער צייַט, איז געוואָרן מייַן גייַסטיקע אַרבונג".

און אָט די גייַסטיקע אַרבונג ברענגט יוסף חנני אַרויס אין זייַנע שאַ־פונגען.

1971

ברוך אורן — שרײַבער און בעל־מעשׂים

א

אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, מיט אַ פרײַנדלעכן שמייכל איבער זײַן מענ־לעכן פּנים, איז גרייט אײַך תּמיד אויפצונעמען מיט זײַן ברייטער האַנט. איז נישט קאַרג אויף אַ וואָרט, אָבער — ער קאָן אויך הערן. פון פאַך אַ לערער און אַן אייביק שטודירנדיקער, האָט ער מיט אָט די אייגנשאַפטן געהאָלפן אויפשטעלן דאָס אָנדענק־הויז נאָך די געפאַלענע קינדער פון פּתח־תּקוה אין אַלע קאַמפן און שלאַכטן, — בית יד לבנים — און איז פאַרוואַלטער פון אָט דעם הויז שוין אַ פערטל יאָר־הונדערט: — ברוך אורן.

האָט דאָס הויז, זעט אויס, געווירקט אויף אים, פּונקט ווי ער אויפן הויז, און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ געלונגענער זיווג: דאָס בית יד לבנים אין פּתח־תּקוה איז דאָס שײַנדל און מוסטער פון אָט דעם מין „הײַזער" אין גאַנצן לאַנד. אַהער קומט מען זיך לערנען, פון דאַנען וויל מען נעמען בײַשפּילן, און דער פאַרוואַלטער ברוך אורן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם שרײַבער־באַשרײַבער פון די, ווײַמענס זכר דאָס דאָזיקע הויז פאַראייביקט. און צי דערפאַר ווײַל ער פאַרשטייט זיך אויף קונסט, צי — ווײַל ער האָט אַרײַנ־געפירט אין אָט דעם הויז אַרײַן וויכטיקע און גאָר־וויכטיקע עקספּאָנאַטן פון דער מאָלערישער־ און סקולפּטור־קונסט, געלאָזט אויפשטעלן גרויסע מאָ־דערנע זאַלן און זיי פאַרוואַנדלט אין אַ באַדײַטנדיקן מוזיי, אַזוי צי אַזוי — ברוך אורן האָט מיט דער צײַט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ קונסט־קאָמענטאַטאָר מיט געשמאַק, וויסן און געוויסן.

ב

דער שרײַבער ברוך אורן איז אַ שרײַענדיקער קאָנטראַסט צו דעם „טעם" און צו דער „מאָדע" פון דער הײַנט־צײַטיקער העברעיִשער ליטעראַטור. זײַן סטיל און די העלדן פון זײַנע דערציילונגען, זענען ווײַט, גאָר ווײַט פון דער היגער מאָדערנער דערציילונג, וואָס טאַנצט נאָך דער אַמעריקאַנישער און מערב־אייראָפּעיִשער אַנטי־דערציילונג, וועלכע איז „רײַך" מיט רציחה און מיט סעקס־„אַנטפּלעקונגען", אָדער די טעלעוויזיע־„דערציילונגען", וווּ מיט

ווייניקער ווי מיט אַ פיר־פינף דערהרגעטע איז די „נאַרמע״ נישט אויס־געפילט. צו אונדזער גרויסן, גרויסן ווי זענען אין ב. אורנס דערציילונגען פאַראַן נישט ווייניק דערהרגעטע, אָבער דאָס זענען, ליידער, ממשדיקע העלדן, קרבנות פון פיר־פינף מלחמות, וואָס אונדזער קליין לענדעלע פירט און מוז פירן זינט דער דערוואַכונג און דאָס עולה זײַן קיין ציון.

בײַ ברוך אורן זענען אַלע העלדן אמתדיקע. פלייש פון אונדזער פלייש, זין אָדער מענער פון אמתע, לעבעדיקע, פשוטע יידישע טאַטע־מאַמעס און פון יונגע ווײַבלעך וואָס זענען געוואָרן פאַראומגליקט, פאַראַלמנט. איבעריקע אויסגעפאַנטאַזירטע באַפּוצונגען, פילפאַרבנדיקייט און אַנגענומענע הײַנט־צײַטיקע קונסט־אַקסעסואַרן קאָנען דאָ גיכער מינערן ווי צוגעבן. און ברוך אורן האָט גענומען אויף זיך דאָס שרײַבן ווי אַ מיסיע: פאַרשרײַבן די אַלע געשעענישן מיט וועלכע דאָס הויז וואָס ער פאַרוואַלטעט איז פול, בעת פון דער וואַנט שרײַען אַראָפּ די נעמען פון די הונדערטער געפאַלענע ביז איצט, און נאָך מער שרײַען די ליידיקע ערטער, אויף דער זעלבער וואַנט, וואָס וואַרטן אויף נאָך... זיי, אָט די ליידיקע ערטער, שוידערן אויף מיט זייער וואַרטן און צינדן אָן אין די הערצער פון די באַזוכער די גרויל־פאַנטאַזיע פון טויט, פון פאַרלענדונג, פון — די שעה זאָל נישט זײַן! — אָנווערן אַן אייגענעם, אַ נאָענטן. — „אויף וועמען וואַרט אָט דאָס אָרט?!״ — — —

ברוך אורן איז נישט אַרויסגערופן געוואָרן צום שרײַבן ערשט דאָ, אין אָט דעם הויז. ס׳איז אָבער קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז נאָר אַרום דעם בית יד לבנים האָבן געקאָנט קומען צו אים די אים כאַראַקטעריסטישע טעמעס. והראיה: דאָס ערשטע בוך זײַנס הייסט דאָך טאַקע „מסיפורי בית אחד״ [פון די דערציילונגען פון אַ געוויסן הויז] — איז אָבער אורן געווען רע־דאַקטאָר פון „דבר לילדי שארית הפליטה״ אין מינכען, אין די יאָרן 49־1948, אין דער זעלבער צײַט געווען דאָרט רעדאַקטאָר פון „ידיעות״ פון דער ייִדי־שער אַגענץ (הסוכנות היהודית), געווען קאָרעספּאָנדענט פון „דבר״ אין דײַטשלאַנד (1948—50). אין לאַנד האָט ב. אורן אָנטיילגענומען אין די קינ־דער־צײַטונגען „דבר לילדים״, „משמר לילדים״ און „הארץ שלנו״. אין דער תקופה פון זײַן לערערײַ האָט ער פאַרעפנטלעכט פאַרצייכענונגען און מאמ־רים אין דער פעדאַגאָגישער פעריאָדיק, ווי „הד החינוך״, „אורים״, „אורים להורים״ א. א. — הייסט עס, אַז זײַן שרײַבעריש פאַרמעג איז גענוג אָנזע־עוודיק. אָבער ערשט די פינף דערציילונג־זאַמלונגען האָבן אים געגעבן די אַרײַנטריט־קאַרטע אין דער שרײַבער־משפחה און אים פּאָפּולער געמאַכט צווישן דעם יונגוואַרג. גענוג צו דערמאָנען אַז אָט די ביכער פאַר קינדער און יוגנט, אין וועלכע עס ווערט דערציילט ווי אַזוי ייִדישע קינדער, יונגע

מענטשן און עלטערע, האָבן געקעמפּט פאַרן כּבוד פון ייִדישן מענטש, פאַרן באַשטיין און אַנטוויקלען זיך פון די ייִדישע ייִשובים אין דער ערבֿ־מדינה־צײַט און שפּעטער בעתן אויפשטעלן די מדינה און בײַם פאַרהיטן איר זײַן, ווי אַזוי זיי האָבן געזיגט און געפאַלן — אַז אָט די ביכער האָבן געהאַט גאָר גרויס דערפאָלג. „מסיפורי בית אחד" האָט זוכה געווען צו דרײַ אויפלאַגעס; „עלילות בני חיל" — אויך דרײַ אויפלאַגעס, און „עלילות ראשונים" וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַן אָנזעעוודיקער צאָל עקזעמפּלאַרן דורך דער שפּאָר־קאַסע פאַר קינדער, „דן חסכן" — צוויי אויפלאַגעס.

און אַז עמעץ וועט פרעגן: וואָס האָט געצויגן און באַוויגן דעם דעמאָלט באַליבטן לערער און דערציִער, ער זאָל אַוועקוואַרפן די לערערײַ און ווערן אַ באַאַמטער פון אַ הויז, וואָס דאַרף פּערמאַנענט אײביקן און פאַראייביקן דעם זכר פון געפאַלענע, יונג־פאַרשניטענע זין און טעכטער, ווען אַפילו בלויז פון איין שטאָט — פּתח־תּקווה — וועט זײַן אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז אויך ער, ברוך אורן, האָט אויף אַזאַ אופן אָנגעווירן זײַן אײנציק אים־געבליבענעם ברודער, און אַוודאי און אַוודאי האָט אים דערצו געצויגן זײַן אייגענע יתום־שאַפט, וואָס האָט זיך אײַנגעעשניטן אין זײַן געמיט פון זײַן גאָרער יונגשאַפט אָן.

צוליב איר איז ער סענסיטיווער, צוליב איר — צוגעלאָזענער און פול מיט האַרץ. דערפאַר בײַ אים אַזאַ אומבאַגרענעצטע צוגעבונדנקייט, ווען עס גייט אַ רייד וועגן געבליבענע אלמנות, און דער עיקר — יתומים.

ג

ב. אורן האָט גרויס נייגונג צו געשיכטע. פאַר זײַן סעמינאַר־אַרבעט אין תּל־אָביבער אוניווערסיטעט א.ד.ט. „החינוך במחנות שארית הפליטה" איז ער באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ סטיפּענדיע פונעם פאָנד אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין. מיר וועלן דעריבער געפינען אין פאַרשיידענע צײַט־שריפטן און דער עיקר אין די יאָרביכער פאַר ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט א.נ. „קטיף", וואָס דער דעפּאַרטאַמענט פאַר קולטור ביי דעם פּתח־תּקווהער שטאָט־ראַט גיט אַרויס, אָנזעעוודיקע מאמרים פון ערנסטן היסטאָרישן ווערט, וועגן אָפּשניטן און ווינקלען אינעם אויפקום און אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע פּתח־תּקווה, ווו ער וווינט און איז טעטיק שוין צענדליקער יאָרן.

נאָך די ערנסטע און ביז גאָר וואָגיקע אַרבעטן אויף דעם געביט פון געצל קרעסל, זענען די ספּאָראַדישע אַרבעטן אויף דעם זעלבן געביט פון

ברוך אורן, וויכטיקע ווינקלשטיינער פאַר דעם היסטאָרישן געבײַ פון דער „מוטער פון די קאָלאָניעס״.

ד

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין ב. אורנס ליטעראַרישער טעטיקייט איז — זײַן שרײַבן פּאָפּולערע אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט. ווי שוין אויבן דערמאָנט איז אויך אין דעם צו זען אַ שייכות מיט זײַן פּאַרוואַלטן מיטן בית יד לבנים און מיט דעם פּרעכטיקן מוזיי וואָס אַט דאָס הויז פאַרמאָגט. דאָס הויז איז מיט זײַן איניציאַטיוו און מי אָנגעפילט געוואָרן מיט קולטור־אינהאַלט פון גרויסן ווערט און חשיבות: — אַ ביבליאָטעק מיט שטודיר־צימערן, קורסן פאַר מיליטער־גרופּן און יוגנט, אַ מיני־מוזיי פון די גרינדערס און בויערס פון פּתח־תּקוה און אַ קונסט־מוזיי פון פאַרנעם און אָנזען, אין וועלכן עס קומען פאַר באַדײַטנדיקע אויסשטעלונגען, און וואָס פאַרמאָגט הונדערטער ביל־דער און סקולפּטורן, אָנגעהויבן פון די וויכטיקסטע און באַרימטסטע ביז פון נײַצײַטלערס און אָרטיקע יונגע מאָלערס.

ב. אורן, באַווירקט פון דער קונסט־אַטמאָספער, רופט זיך אָפּ אין דער העברעיִשער פּרעסע און דער עיקר — אין יידיש, איבער פּראָבלעמען פון דער מאָלערײַ־קונסט. ער טוט דאָס אַלץ מיט ליבשאַפט און געניטשאַפט און מיט אַ סך טאַקט. ער גייט קיין מאָל נישט אַרויס פון זײַנע אייגענע ראַמען און גראָד דאָס איז דער גורם מ׳זאָל זיך באַציִען צו זײַן מיינונג ערנסט און זיך מיט איר רעכענען.

ברוך אורן פאַרמאָגט אין זיך אַן אײַנגעבוירענעם חוש פאַר עסטעטיק, שיינקייט און קונסט. ער איז באַשאָנקען מיט אַ געפיל פון פּראַקטישער באַנעמונג צו קולטור־אימפּרעזעס. אפשר איז דאָס — אַט דער געבענטש־טער צונויפמיש, וואָס אין אים — דער גורם פאַר זײַן פילפאַרביקער טע־טיקייט.

אינהאלט

* (...און ס'איז געווען) 5

א

צען ברידער זענען מיר געווען (יעקב שטאָל) 11
דניאל לייבל—אַלכּסנדר 16
יוסף פּאַפּיערניקאָוו 18
קווער 1914—1918 (שמואל איזבאַן) 30
אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאָג (מנחם סטעמפּל) 34
ל. חַיִין־שמעוני 39
מיט א. ריוועסעס „איבערפלאַנץ" 47
אריה שמרי 51
אברהם לעוו 62
ריקודה פּאָטאַש 74
א. קאַליר, אין פּרוכטבאַרן שאַפן 79
י. ח. בילעצקי 82
י. מאַניק־לעדערמאַן 92
שלמה שנהוד און זײַנע לידער 98
אברהם ליס און זײַנע ביכער וועגן שרײַבער און ווערק 104

ב

בערל שטאָק — פּראָפ. דב סדן 111
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — (מ. גראָס־צימערמאַן) 118
אברהם סוצקעווער 121
ישעיהו שפּיגל 143
נחמן מײַזיל, אין זײַן ערשטער יאָרצײַט 154
איציק מאַנגער 158
משה יונגמאַן — מיטן רעגן־בויגן צוקאָפּנס 168
שלמה וואָרזאָגער 173

דער בליִענדיקער וואַנדערשטאָק פון אַ דיכטער (נחמן ראַפּפּ) 181
לייב אַליצקי 187
לייענענדיק דאָס לידערבוך „בײַם פּרוט, לאַ־פּלאַטאַ
און ירדן" — (פריד ווײַנינגער) 192
דוד ספאַרד און זײַנע ברענענדיקע בלעטער 196
פּײַוול זיגעלבוים און זײַנע ביכער 201
יונה בערקמאַן און זײַן לידערבוך „המשך" 204
איידעלע שירה (רבקה באַסמאַן) 209
דאָרע טייטלבוים 213
אַסיאַ 221
„טעג פון צאָרן" און „טעג פון וועג" (טאַניע סאָלאָמאָן־מערבי) 225
צוויי דיכטער — צוויי עולים (רחל בוימוואַל און
זיאַמע טעלעסין) 228
הירש אָשעראָוויטש און די וועלט פון זײַן ליד 232
ס'איז געקומען אַ דיכטער (חיים זעלצער) 239

ג

די קרוינען פון ח. נ. ביאַליק 247
דער נאָבעל־לאַורעאַט ש"י עגנון 251
נשיא און דיכטער (זלמן שזר) 255
אברהם שלאָנסקי און זײַנע לייטערס 260
אמיר גלבוע — אַ דיכטער אַ רעטעניש 267
אסתּר ראַב — אַ דיכטערין פון פעלד און היים 272
די טעג פון דער ערד פון חיים ראַבינזאָן 277
יוסף חנני — דער שרײַבער פאַר גרויס און קליין 281
ברוך אורן — שרײַבער און בעל מעשׂים 285

ביכער פון יעקב צבי שאַרגעל

אין בלויען ליכט

לידער

אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־קלוב אין א״י

תל־אביב, 1937

פון ווײ און גלויבן

לידער

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1959

זוניקע שוועלן

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, 1968

עלי ספים

שירים

הוצאת ספרית פועלים, תל־אביב 1972

איבערגעזעצט פון יידישן אָריגינאַל: אמיר גלבוע, ב. מרדכי, חיים רבינזון, אשר שופט, שלמה שנהוד

טויערן אין די בערג

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, תשל״ג—1973

האַרבסטיקע טרויבן

לידער

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1977

איבערזעצונג פון העברעיִש:

מרדכי נמיר / שליחות אין מאָסקווע

תל־אביב, 1972

פאַרלאַג „ישראל־בוך״

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאַן
פּאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שניַער
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלייַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפץ-טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1933—1943

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דרײַ בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאַם
לידער און פּאָעמעס, צייכנונגען — בען

יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות
עסייען

יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט
לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק
פּאָעמע

שלמה שטאָקפיש / אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט-מלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תּהום
געזאַמלטע דערציילונגען — 1940—1944
צוויי בענד
שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון מאָלער בען

חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם
לידער און באַלאַדן
צייכענונגען — פון מחבר

י. ח. בילצקי / איציק מאַנגער
פרקי מסה

א. נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון א. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן

ל. אָליצקי — פון דער היים און פון דער פרעמד
דערציילונגען

ה. אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט
לידער און פּאָעמעס

רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר
לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי

משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא
לידער און פּאָעמעס

פּראָפ. ב. מאַרק / מגילת אוישוויץ
מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ

יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן
עסייען